STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06551

IBER GRENITSN

Bella Goldworth

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעלא גאלדווירט

איבער גרענעצן

ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן

איקוף פאַרלאַג

ניו יאָרק, 1966

Bella Goldworth

IBER GRENETSIN

OVER BORDERS

צייכענונג פון י. זעלדין

© by Bella Goldworth, 1966
330 West 72nd Street
New York, N. Y. 10023
All Rights Reserved
PRINTED IN THE U.S.A.
209

פון זעלבן מחבר:

„נייע טעג" (1949)

„אין דער פרעמד" (1954)

בעלאַ גאָלדווירט

אינהאַלט

מאַרישאַ — — — — — — — — — — — — 7

אַ שטילע חתונה — — — — — — — — — — — — — 35

דאָס קעסטל — — — — — — — — — — — — — 47

אַ צווייטע מאַמע — — — — — — — — — — — 56

נחת פון קינדער — — — — — — — — — — — — — 78

אויפדאָסנייַ — — — — — — — — — — — — 84

בענקשאַפט — — — — — — — — — — — — 92

נאָך צוויי טעג — — — — — — — — — — — — — 102

אַ פאַרדינטער מעדאַל — — — — — — — — — 111

מאַמע און זון — — — — — — — — — — — — 123

חנה — — — — — — — — — — — — — 133

באַדויער — — — — — — — — — — — — — 157

אומדערוואַרט — — — — — — — — — — — 162

אין אַ וועלט פון בערג — — — — — — — — — 172

איבער גרענעצן — — — — — — — — — — — 176

מאַרישאַ

אייזיק ווײַנשטײַן מיט זײַנע צוויי שוועסטער, פײַגע און זיסל, זענען געקומען קיין אַמעריקע מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק, און זיי טראָגן זיך נאָך אַרום מיט די קליינשטעטלדיקע מנהגים. זיי זענען אויך נישט ווייט אַוועק פון דער פרומקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט ביי זייערע עלטערן אין פּוילישן שטעטל.

דער פאָטער, אברהם־יידל, האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות. זינט ער איז אַראָפּ פון קעסט, האָט ער געהאַט אַ קוילן־סקלאַד. גאַנצע וואַגאָנעס קוילן האָט מען געבראַכט אין זיין גרויסן קוילן־שפּייכלער. דאָס גאַנצע שטעטל האָט ביי אים געקויפט קוילן.

ביי די עלטערן איז געבליבן די יינגסטע טאָכטער רייזל. זי האָט חתונה געהאַט מיט דוד פלאָם, אַ גרויסער לערנער. דער פאָטער האָט אים באַלד אַריינגענומען צו זיך, ער זאָל אים העלפן פירן דאָס געשעפט. רייזל האָט געהאַט דריי קינדער.

דער מיטל־וואוקסיקער, ברייט־ביינערדיקער אייזיק ווײַנשטײַן, מיט אַ רואיק, פאַמעלעכדיקן גאַנג, האָט זיך אין אַמעריקע גענומען צו פּעדלערײַ. יאָרן־לאַנג האָט ער זיך געשלעפּט מיט שווערע וואַליזעס אויף שטיגן אין הייזער. ער האָט געטראָגן טישטעכער, האַנטעכער, לײַלעכער און אַנדערע שטוב־זאַכן צו פאַרקויפן. ער איז געוואָרן אַ רייכער מאַן, און ער איז געבליבן אַ פרומער ייד.

די עלטערע שוועסטער, פײַגע, איז אַ פולבלעכע פרוי מיט אַ שווערן טראָט. אויף איר רונדיקן פּנים ליגט אַ מאַמעשע גוטסקייט. זי העלפט אַרויס איר מאַן אין שפּייז־קראָם, וואָס זיי האַלטן שבת פאַרמאַכט.

די יינגערע שוועסטער, זיסל, איז העכער און דאַרער פון פײַגען. זי האָט אַ קליידער־געשעפט, און פירט אַ ברייט לעבן.

ביידע שוועסטער מיטן ברודער פאַרהאַלטן זיך נאָענט. אפילו זייערע קינדער און די שוואָגערס זענען ענג פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן אין משפּחהדיקער ליבשאַפט.

נאָך דער פאַרוויסטונג, וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט אין אייראָפּע, האָבן אייזיק און די שוועסטער אָנגעהויבן נאָכפרעגן זיך, צי עמעצער פון זייער פאַמיליע אין פּוילן איז לעבן געבליבן. חוץ די על־

טערן מיט דער שוועסטער רייזל, איר מאַן און דריי קינדער, האָבן זיי גע־האַט אַ סך קרובים, און פון קיינעם קיין שפור נישט געפונען.

אייזיק און זיינע שוועסטער האָבן נישט גערוט. זיי האָבן געהאַלטן אין איין זוכן כאָטש אַ זכר פון דער פאַמיליע — ביז אייזיקן האָט אָנגע־הויבן ציען צו פאָרן קיין פוילן.

ער האָט געהערט, אַז אין זיין געבורט־שטעטל איז איצט קיין איין ייד נישטאָ. עס האָט אים אָבער געצויגן אַ קוק צו טאָן אויף זיין געוועזע־נער היים, זען די שטוב, וואו די עלטערן האָבן געוואוינט, זען די גאַסן, די שטיינער, אויף וועלכע ער האָט פון זיינע ערשטע טריט ביז דער על־טער פון עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר געטראָטן.

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעריסן פון זיינע געשעפטן צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים.

געקומען קיין וואַרשע, איז ער פון דאָרט אָפּגעפאָרן צו זיין שטעטל מיט דער פאַרטאָגיקער באַן, כדי אָנצוקומען אַהין פרי און האָבן אַ גאַנצן טאָג צו זיין דאָרט.

ער האָט גענומען מיט זיך אַ קליין רענצל, אַריינגעלייגט עפּעס אי־בערצוקייען, ער זאָל נישט דאַרפן זוכן ערגעץ קיין עסן.

ער שטייגט־אַראָפּ פון דער באַן און זעט, אַז דער הימל האַלט נאָך אָן די נאַכטיקע טונקלקייט. אין דער בלויקייט צאַנקען נאָך די מאַטע, בלייך־געוואָרענע שטערן.

פון דער באַן ביז צום שטעטל איז אַ היפּשער וועג. עס זענען דאָ וועגעלעך, וואָס פירן די פּאַסאַזשירן, אָבער אייזיק האָט נישט קיין חשק צו פאָרן. ער וויל בעסער גיין צופוס, פּאַמעלעך שפּאַצירן אויף דעם אַלט־באַקאַנטן וועג.

ס'איז אָבער צו־פרי — טראַכט ער. וואָס וועט ער דאָרט טאָן פאַר־טאָג? ביז דער טאָג וועט זיך צעהעלן, וועט ער דערווייל אַריינגיין אין וואָקזאַל.

ער קומט אַריין, בלייבט שטיין, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט, געוואָלט טרעפן אַ היימישן מענטשן.

ער קוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אין פּנימער אַריין, גלייך ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען ווער דער אָדער יענער איז, כדי אָנצורופן ביים נאָמען. ער קוקט אויף יעדן מיט דורכדרינגענדיקע בליקן. ער טראַכט: אפשר דרייען זיך דאָ אַרום יידן און זוכן, פונקט ווי ער, ווילן געפינען אַ באַקאַנטן?

ער וואָלט וועלן זאָגן, ווער ער איז און צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען, אָבער די מענטשן קוקן אים אויס פרעמדע. ער וואַגט נישט צוגיין צו עמעצן רעדן, זיך נאָכפרעגן אויף זיינע אייגענע. אַ שווערער געפיל פון פאַרצווייפלונג נעמט אים אַרום, ווי אין אַ קלעם. ער קערט־אָפּ זיין בליק פון די מענטשן. די בליקן בלאָנדזשען־אַרום אין אַלע ווינקלען. אַלץ קוקט אים אויס ניי. דער גאַנצער וואָקזאַל איז אַנדערש — גאָרנישט דער, וועלכן ער געדענקט. ער ווייסט, אַז ווי דורך אַ נס איז דאָס שטעטל נישט צעשטערט געוואָרן אין דער מלחמה.

דער וואָקזאַל זעט אויס צו זיין אַ נייער. אויף גרויסע, שווערע בענק זיצן מענטשן מיט פּעק און פּעקלעך, אייניקע דרעמלען, אַנדערע שפּאַנען אַרום אומרואיק.

דער הימל האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די נאַכטיקע טונקלקייט און אַרויפגעצויגן אַ בלוילעכע פרימאָרגנדיקע ליכטיקייט. ווי פון אַ ברענעדיקער ערד, האָט זיך אין מזרח־זייט אַ רויטער פלאַם אַרויסגעצויגן און דעם הימל־ברעג צעצונדן, אין דעם פייער האָט זיך אַ ניי־אויפגייענדיקע, צעפלאַמטע זון באַוויזן, און מיט אירע ליכטיק־צעצונדענע שטראַלן הייס באַגריסט דעם פריש־אָנקומענדיקן יוני־פרימאָרגן מיט אַן אָנזאָג, אַז דער טאָג וועט זיין אַ וואַרעמער.

ביי אייזיקן איז דער שווערער וואָלקן פון פאַרצווייפלונג צערונען. אין דער ליכטיקייט פונעם טאָג איז אים היימלעכער געוואָרן און ער האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן אויפן אַלטן וועג צום שטעטל. ער האָט געשפּאַנט מיט איילנדיקע טריט, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס געיאָגט.

באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, גלייך עפּעס וואָלט אים אין וועג פאַרהאַלטן.

— צו וואָס אייגנטלעך לויף איך? צו וואָס האָב איך זיך צו יאָגן? די באַן אויף צוריק גייט־אָפּ ערשט שפּעט אין אָוונט, איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, און ער האָט פאַרלאַנגזאַמט די טריט.

פון די ווייט־אָפּגערוקטע הייזער ביים וועג האָט זיך געטראָגן אַ פרימאָרגנדיקע אויפוואַכונג. לאָדנס, טירן פון שטיבער, שייערן, האָבן זיך מיט אַ בראַזגעריי געעפנט. קי, וואָס מ׳האָט אַרויסגעפירט פון שטאַלן, האָבן געמוקעט, פערד האָבן געהירזשעט, גראָב־אייזנס האָבן אָפּגעקלונגען אין דער ריינער פרימאָרגן־לופט.

יעדער קלאַנג האָט אין אייזיקן אויפגעוועקט אַ דערמאָנונג אין זיין יוגנט. זיין האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער ווייסט נישט, צי קלאַפּט

אים דאָס האַרץ פון עפּעס אַן אומבאַשטימטער מורא, וואָס לויערט אויף אים, צי דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַ פרעמדקייט אויף דעם אַלט־באַקאַנטן וועג.

— צו וואָס אייגנטלעך גיי איך אַהער? איך ווייס דאָך אפילו נישט, וואו דאָס געביין פון מיינע אייגענע איז אַהינגעקומען, — קריגט ער פּלוצלינג חרטה, וואָס ער איז אַהער געקומען.

אין דעם באַדויער־געפיל פאַלט אים איין אַ געדאַנק:

— איך וועל טאַקע צוגיין אַ קוק טאָן אויפן בית־עולם. — און ער הייבט־אָן אימפּעטיקער צו גיין.

אַ פרישער, פרימאָרגנדיקער, וואַרעמער ווינט האָט געגלעט זיין רונדיק פנים.

בלעטער אויף דיביימער האָבן זיך לייכט געוויגט. גרויסע טראָפּנס טוי אויף די גראָזן האָבן אונטערן בליאַסק פון דער זון, געפינקלט און אויסגעזען, ווי וואָקסנדיקע בריליאַנטן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן קאַשטאַן־בוים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין שבתים און יום־טובים פלעגט ער מיט זיינע חברים שפּאַצירן צו אָט־דעם בוים. ער קוקט אויפן דיקן שטאַם, אויף דער געדיכטקייט פון די בלעטער, אויף די אויבערשטע צווייגן שפּרינגען אַרום פייגל מיט אַ פריילעך געסוויש־טשעריי, ווי עס וואָלט דאָ קיינמאָל גאָרנישט פּאַסירט. אָפּנים, זיי האָבן נישט אינזינען די פאַשיסטישע פאַרוויסטונג, וועגן וועלכער ער טראַכט איצט. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, אַריינגעאָטעמט די פרישע, שמעקנדיקע לופט, און לאַנגזאַם זיך דערנענטערט צום שטעטל. ווידער האָט אַן אומהיימלעכער געפיל אים אַרומגענומען. אַלץ אַרום אים האָט געוויעט מיט אומרו און פרעמדקייט. זיינע טריט שטעלן זיך שווער, ווי ער וואָלט וועלן, אַז די פיס זאָלן טיף אָפּזעצן, איבערלאָזן צייכנס אויף דער ערד, אויף וועלכער ער האָט מיט זיינע קינדערשע פיסלעך אָנגע־הויבן גיין.

אין זיין פאַרטראַכטקייט האָבן זיך אין אים מיטאַמאָל אויפגעוועקט אָן אַ שיעור פריידיקע צייטן פון זיין יוגנט. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער טרויעריקער קעגנוואַרט, מיטן פיינלעכן געפיל, אַז ער גייט איצט צו אַ שטאָט, וואָס איז אויסגעהוילט פון יידן.

ווי אַ בייזער, גרויליקער קאָשמאַר, איז אים נאָכגעגאַנגען דער מלחמה־שווידער, די פייניקונג, וואָס מענטשן האָבן מיטגעמאַכט. ער האָט גע־טראַכט: — ווער קאָן עס באַגרייפן דעם כוח פון'ם יידישן פאָלק, די

גבורה פון מענטשן, וואָס קאָנען גובר־זיין אַזוי פיל פּלאָגן און נאָך אַלץ זיין פּעאיק ווייטער צו שאַפן, בויען דאָס לעבן און זיך כסדר אַמפּערן פאַר זייער דאָ־זיין צוגלייך מיט אַלעמען, אַזוי ווי די יידן טוען דאָס אויף צעפּיקעניש די שונאים.

מיטאַמאָל איז אים באַפאַלן אַ שולד־געפיל, פאַרוואָס ער האָט נישט אָנגעווענדט קיין מיטלען אַריבערצוברענגען די אייגענע קיין אַמעריקע. אמת, די טויערן פון אַמעריקע זענען נישט געווען ברייט־אָפן פאַר פּויליש יידן. דאָך, דאַכט זיך אים, אַז ווען ער וואָלט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, וואָלט זיך אים אפשר געווען איינגעגעבן אַרויסראַטעווען זיי פון די נאַצישע נעגל.

דער גאַנג איז אים געוואָרן שווערער — נישט פון מידקייט, נאָר פון אַן אָנגעריירטער וואונד.

עס דאַכט זיך אים, ווי ער וואָלט דערזען זיינע אייגענע פאַרשפּאַרט אין אַ שטיקנדיקער טויט־פאַסטקע. ער זעט, דאַכט זיך, זייערע אַרויסגעסטאַרטשעטע, אָנגעצונדענע אויגן, וואָס גליען מיטן פּיין פון די שאַרפסטע ווייטיקן. אים דאַכט זיך, אַז עס טראָגט זיך זייער קול איבער די וועגן, אַז זיי שרייען מיט באַנומענע קולות פון זייער קלעם אַרויס, אַז זיי שטייען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און בעטן רחמים ביי דער וועלט, נאָר די וועלט הערט נישט זייער וויי־געשריי. און ער אַליין? ער האָט אויך גאָרנישט געטאָן — שטיקט אים אַ שולד־געפיל. מיטאַמאָל דערפילט ער אַן אָפּשוואַכונג; עס ציט אים צו דער ערד. ער שלעפּט זיך צו צו אַ בוים און שפּאַרט זיך אָן אין אים. ער בלייבט שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ: ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ חורבן? פאַרשטעלן זיך, וואָס די היטלער־רוצחים האָבן געטאָן? גלייבן, אַז מענטשן קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין מערדער, אין חיות, אין ווילדע ברואים?

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַריינגעצויגן פרישע לופט, און פאַמעלעך זיך אָפּגערוקט פון בוים.

דיביימער, אָנגעטאָן אין יונג־זומערדיקער גרינקייט, האָבן גערוישט. די קאַרשן־סעדער האָבן דופטיק געשמעקט. אַ צאַרטער ריח האָט זיך געטראָגן פון בלומען, אויסגעמישט מיט ריחות פון פאַרשיידענע פעלד־געוויקסן. דער אַראָמאַט האָט באַגלייט אייזיקן דעם גאַנצן וועג.

פון אַ לאַנקע מיט הויכע גראָזן איז אַרויסגעקראָכן אַ קודלאַטער געלער הונט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן מיטן וועג מיט אָפענע, אויסגעגלאָצטע אויגן. ער האָט געקוקט פאַרגאַפט אויף דעם אומבאַקאַנטן, ווי

ער וואָלט זיך געישובט, צי ער זאָל אַ ביל־טאָן, אָדער ער זאָל זיך נישט וויסנדיק מאַכן און לאָזן אים גיין.

אייזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט, און מיט שרעק געקוקט דעם הונט אין די אויסגעגלאָצטע אויגן אַריין. ער האָט איינגעבויגן אַ פוס, געקלאַפּט מיט דער האַנט אויף דער קני און אים גערופן צו זיך: „פּוטשטו, פּוטשטו! סוואָי, אָן אייגענער", האָט ער מיט געמאַכטער רואיקייט זיך געבעטן ביים הונט, ער זאָל צוקומען, אַרויפלייגן זיינע לאַפּעס אויף זיין קני, מאַכן זיך היימיש. דער הונט איז אַוועק, ווי מ'זאָגט: כ'וויל דיך נישט קענען.

באַלד איז אַרויסגעקומען אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַ פולן עמער וואַסער. אייזיק האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן.

פּלוצים גיט אים אַ טיאַכקע אין האַרץ: אפשר איז דאָס אַ יידישע פרוי? זי דערמאָנט אים אין אַ היימישער, באַקאַנטער געשטאַלט. ער האָט אויף איר געקוקט מיט נייגעריקייט, באַטראַכט זי, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, ווער זי איז. זי האָט פרעמד אַוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ און איז אַוועק מיט איר וועג, וואו דער הונט האָט אויף איר געוואַרט לעבן אַן אַלטער כאַטע. אייזיק דערזעט דאָס קליינע הילצערנע בריקל איבערן טייך. דאָס האָט די פרוי פון דאַרט געטראָגן דאָס וואַסער. ער גייט פּאַמעלעך אַרויף אויפן בריקל, שפּאַרט זיך אָן אויף דער הילצערנער פּאַרענטשע און קוקט אַראָפּ. ער הערט זיך איין אין דעם שטילן פליסן פונעם קרישטאַל־ריינעם וואַסער, וואָס לויפט אין אַ געדריי. אַלטע ווערבעס שטייען שטיל ווי אין אומעט געבויגן איבערן טייך, אַזוי ווי זיי וואָלטן אין זייערע לאַנגע, אויסגעצויגענע, געדיכט־באַבלעטערטע צווייגן, דורותדיקע סודות געהאַלטן. ווי מיט געמאָסטענע טריט גייט אייזיק אַוועק פונעם בריקל מיט בענקשאַפט נאָכן אַמאָל.

ער קומט אַריין אין שטעטל און גייט איבער די גאַסן, וואָס זענען אַמאָל געווען פול מיט יידן. ער ווייסט, אַז איצט וועט ער קיינעם פון זיי דאָ נישט טרעפן. עס באַפאַלט אים אַ געפיל פון פאַרלוירנקייט, פון פרעמדקייט.

עס גייען אים פאַרביי מענטשן מיט נאַכטיקן דרימל אויף די אויגן. זיי גייען אָנהייבן זייער טאָג אַרבעט. ער גייט אָן אַן אָפּשטעל איבער די גלייכע און קרומע געסלעך. די שפּיציקע שטיינער אין די זייטיקע געסלעך זענען לויז אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן. אין די גריבלעך צווישן די שטיינער קלייבט זיך אָן רעגן־וואַסער, און קינדער מיט באָרוועסע פיסלעך שפּרינגען־אַריין, טאַפּטשען זיך אין דער בלאָטע.

איציקן דאַכט זיך, אַז די הייזער זענען קלענער געוואָרן לויט ווי ער געדענקט זיי. אָבער ער דערקענט זיי; ער געדענקט ווער ס׳האָט אין יעדן הויז געוואוינט. אים דאַכט זיך, אַז אָט וועט פון דעם אָדער יענעם הויז באַלד אַרויסקומען אַ ייד; אַ היימישער באַקאַנטער מענטש וועט אים דערלאַנגען די האַנט און זאָגן: „שלום־עליכם! פונוואַנען קומט אַ ייד?"

אַ פרוי עפנט אַ פענצטער אַריינצולאָזן אין שטוב פרישע לופט מיט פרימאָרגנדיקער זונשיין.

אפשר איז עס אַ יידישע פרוי? — פאַלט אים איין אַ געדאַנק. ער קוקט אויף איר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. ער דערמאָנט זיך, אַז דאָ, אין דעם הויז, האָט געוואוינט חנה־פעסל פון שניט־קראָם. אים דאַכט זיך, אַז זי וועט אים דערזען און פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין, אים פרעגן: — ווען ביסטו געקומען? וואָס טוסטו דאָ? — און באַלד וועלן קומען צו־לויפן שכנים און וועלן אים אַרומרינגלען. עס וועט ווערן אַ שטופעריי; מען וועט זיך רייסן צו געבן אים אַ האַנט. יעדערער וועט וועלן עפעס זאָגן, עפעס פרעגן.

ער הייבט דעם שטערן, גלייך ער וואָלט זיך וועלן אויסטשוכען פון דער פאַנטאַזיע, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געוועבט אין זיין מוח. ער קוקט זיך אַרום: קיינער איז נישטאָ לעבן אים; ער איז דאָ איינער אַליין צווישן פרעמדע.

ער גייט ווייטער. ער דערזעט דאָס הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט נאָטע דער בעקער מיט זיינע פיר בנים, מיט צוויי פאַרעלטערטע טעכטער. ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט מען געשמועסט אין שטעטל, אַז צו זיי קומען חברה אַרבעטער, יונגען און מיידן, האַלטן דאָרט פאַרזאַמ־לונגען און אַז דער טאַטע, נאָטע אַליין, איז מיט זיי געווען איינס, אַזוי ווי זייערס אַ גלייכער. און אין דעם הויז אַנטקעגן איבער, דערמאָנט ער זיך, האָט געוואוינט שמערל דער שניידער, ביי וועמען ס׳האָבן געאַרבעט עטלעכע געזעלן. ער האָט געהאַט פינף טעכטער: איינע שענער פון דער אַנדערער. אין שבתים פלעגט זיך ביי שמערל שניידער צונויפקומען יונג־וואַרג. מען האָט געטאַנצט און געזונגען. זייערע געזאַנגען האָבן פאַרקלונ־גען די גאַס.

איציק גייט פּאַמעלעך איבער די געסלעך, שטעלט זיך אָפּ כמעט ביי יעדן הויז. ער האַלט זיך אין איין דערמאָנען אין די אַלע מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט.

אין אַ זייטיק שמאָל געסל דערזעט ער אַן אַלטע, האַלב־איינגעפאַלענע כאַטע. די לאַדנס שפּאַרן שוין באַלד אָן ביי דער ערד. אויף די קליינע שייבלעך הענגען ווייסע פאַרהענגלעך, אַפּנים, אַז מענטשן וואוינען דאָרט. אַמאָל האָט אין דער כאַטע געוואוינט זעליג דער שוסטער. אייזיקס מאַמע פלעגט צו אים קומען באַשטעלן שיך פאַר די קינדער. זעליג האָט געהאַט צען קינדער און אַלע האָבן זיך פאַמעשטשעט" אין איין שטוב. ער האָט נאָך געהאַט אַן אָרט פאַר זיין וואַרשטאַט מיט די „כאַדאַקעס", וואָס זענען שטענדיק געווען צעוואָרפן איבער דער שטוב.

אייזיק דערמאָנט זיך: ווען זעליקס ווייב איז געשטאָרבן, איז ער געבליבן מיט זעקס קינדער אין שטוב. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אייגענע פיר קינדער, און אין שטוב זענען ווידער געווען צען קינדער.

ביי די טראַכטונגען גיט ער אַ זיפץ און גייט אַוועק מיט איילנדיקע טריט פון דער האַלב־איינגעפאַלענער כאַטע, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון די דערמאָנונגען. ער פאַרנעמט זיך אויפן וועג צום הויז פון זיינע עלטערן. מיטאַמאָל הייבט ביי אים אָן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ. ער פילט, ווי עס ציטערן ביי אים הענט און פיס.

ער בלייבט שטיין און טראַכט: אייגנטלעך איז ער דאָך געקומען, כדי אַ קוק צו טאָן אויף זיין אַמאָליקער היים, און אָט איז שוין אַ שטיק צייט, ווי ער דרייט זיך אַרום. פאַרוואָס איז ער באַלד נישט צוגעגאַנגען צום הויז פון זיינע עלטערן?

ער נעמט זיך אָן מיט כוח און גייט ווייטער. ער דערזעט דעם שוחטס הויז. זיין טאַטע האָט זיך נאָענט פאַרהאַלטן מיטן שוחט, פלעגט אָפט אַהין אַריינגיין. אייזיק שטעלט זיך מער נישט אָפּ; ער גייט מיט אימפּעט, גלייך עמעצער וואָלט אים געיאָגט. ענדלעך קומט ער צו צום הויז פון זיינע עלטערן.

מיט צעטראָגנקייט שפּאַנט ער אַהין־און־צוריק אַרום הויז און קוקט אַריין אין די פענצטער. ער דערזעט, ווי אַ מיטל־יאָריקע פרוי טוט עפּעס אין קיך. עס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. עס טרייסלען זיך ביי אים די הענט־און־פיס. ער שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר. עס שטיקט אים אין האַלדז. פון די טיפסטע טיפענישן רייסן זיך אַרויס זיפצן. אַ צעטומלטער מאַכט ער אַ טריט נעענטער צו דער טיר און רוקט זיך באַלד אָפּ צוריק. אָבער עס ציט אים שטאַרק אַריינצוגיין, אַ קוק טאָן אויף די צימערן.

אין אַ ווייל אַרום גייט ער ווידער צו צו דער טיר, און גיט אַ לייכטן קלאַפּ. ווען קיינער באַוויזט זיך נישט, נעמט ער זיך אָן מיט מוט און גיט אַ שטאַרקערן קלאַפּ אין טיר.

די פרוי קומט אַרויס. בלייבט שטיין אין דער אָפענער טיר, קוקט אים אָן פאַרגאַפּט: וואָס טוט דאָ דער אומבאַקאַנטער מענטש?

ער פאַרנייגט זיך. ס'איז אים שווער אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, זאָגן ווער ער איז. אַ ווייל קוקן זיי זיך אָן, נאָר באַלד פרעגט אים די פרוי:

— וואָס ווילט איר? וועמען זוכט איר?

פּאַמעלעך און שטיל הייבט ער אָן:

— פאַר דער מלחמה האָבן דאָ אין דעם הויז געוואוינט מיינע על־טערן, בין איך געקומען זען די שטוב. אַז איר ווילט זיין אַזוי גוט, לאָזט מיך אַריינגיין אַ קוק טאָן.

די פרוי האָט ברייטער אָן עפן געטאָן די טיר און העפלעך געזאָגט:

— קומט אַריין, איך בעט אייך.

מיט ציטערדיקע טריט האָט ער פּאַמעלעך זיך אַריינגעשלייכט אין קאָרידאָר. שווייגנדיק, מיט פאַרקלעמטע ליפּן, האָט ער זיך אַריינגע־שלעפּט אין עס־צימער. ער שפּאַרט זיך אָן ביי דער וואַנט.

ער דערקענט דעם טיש מיט די שטולן. עס דערמאָנט זיך אים, וואו דער טאַטע מיט דער מאַמען פלעגן זיצן. ער קוקט פון וויטנס אין שלאָף־צימער אַריין. ער דערזעט דאָרט די בעטן מיט די ניקלנע קאָפּ־שטיק, אין וועלכע זיינע עלטערן זענען געשלאָפן. ער גייט אַריין אין גאַסט־צימער. די זעלבע קליידער־שאַנק שטייט אויפן זעלבן אָרט; נאָר די גלעזערנע ספרים־שאַנק איז נישטאָ.

מיט געבעט אין זיין שטים פרעגט ער ביי דער פרוי:

— איר ווייסט אפשר עפּעס פון מיין פאַמיליע? ווען און וואו זיי זענען אַהינגעקומען? — און ער זאָגט איר זיין פאָטערס און שוועסטערס נאָמען.

די פרוי קוקט אויף אים מיט גרויס מיטגעפיל און זאָגט:

— איך בין דאָ אַ פרעמדע. מיין היים איז צעשטערט געוואָרן, האָט מען מיר געגעבן אָט־די וואוינונג. אָבער איך ווייס, ווער עס קאָן אייך דערציילן וועגן אייערע אייגענע.

— ווער? זאָגט מיר, וועל איך אַהין גיין! — איז אייזיק מיט אַ ציטער פון פיין און פון פרייד אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— איר וועט אָבער די פרוי איצט נישט טרעפן. זי קומט אַהיים

ערשט פּאַרנאַכט, — איז איר איינגעפאַלן צו זאָגן, כדי זי זאָל יענער קאָנען פריער וועגן דעם לאָזן וויסן.

— איך וועל מיט אייך שפּעטער אַהין צוגיין, — האָט זי מיט ווייכקייט אים געוואָלט באַרויקן, נישט אויסזאָגנדיק ווער דאָס איז, און וואו יענע וואוינט.

אייזיק איז געבליבן זיצן מאַכטלאָז. די פרוי האָט דערזען זיין אָראָפּגעפאַלנקייט. זי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז זויער־מילך און מיט ווייכקייט געזאָגט:

— איר ווילט אפשר עפּעס עסן?

— אַ דאַנק! איך האָב מיטגענומען עסן, — האָט ער שטיל, ווי אַן אָפּגעשוואַכטער, איר געענטפערט און פאַמעלעך געעפנט דאָס קליינע רענצעלע, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען ברויט מיט קעז. נאָכן עסן האָט ער פאַרטרונקען מיט דער זויער־מילך. ער האָט נאָכאַמאָל באַדאַנקט דער פרוי פאַר איר גאַסטפריינטלעכקייט און געזאָגט: — ביז פאַרנאַכט איז נאָך לאַנג צו וואַרטן, וועל איך זיך דערווייל דורכשפּאַצירן, — און ער איז אַוועק.

פאַר זיינע אויגן שוועבן די יידן פון שטעטל. אים דאַכט זיך, אַז זיי זענען דאָ, כאָטש ער זעט נישט קיינעם פון זיי.

ער קומט־צו צום מאַרק־פּלאַץ. יעדן מיטוואָך איז דאָרט געווען דער מאַרק־טאָג. דאָ האָבן יידן און יידענעס זיך אַלע וואָך געטומלט, געפּילדערט. זיי האָבן אויפגעשטעלט זייערע געשטעלן — טישלעך מיט זייער סחורה. פּויערים פון אַרומיקע דערפער האָבן געבראַכט אויפן מאַרק צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן, און געקויפט ביי יידן וואָס זיי האָבן געדאַרפט. דער מאַרק האָט געאָטעמט מיט יידן און ניט־יידן צוגלייך.

אים דאַכט זיך, אַז די גרויסע שפּיציקע שטיינער אויפן מאַרק בענקען אויך און וויינען גלייך מיט אים נאָך די מענטשן, וואָס זענען דורך די היטלערישע מערדער פאַרשניטן געוואָרן. איצט איז דאָ שטיל — אַ שטילקייט, וואָס שפּרייט אַן אומענדלעכן אומעט. אים דאַכט זיך, אַז דאָ בלאָנקעט־אַרום דער טרויער פון דער יידן־פאַרוויסטונג.

אַ ווינטל גלעט זיין פּנים. ער קוקט מיט מאַטע אויגן אויף דער אַרומיקער פּאַנאָראַמע. ער זעט דאָס גאַנצע שטעטל. אין זיין געדאַנק שוועבן בילדער, וואָס שיילן־אויס שטיקער יידיש לעבן, וואָס איז דורך די היטלערישע רוצחים אויף אייביק אָפּגעווישט געוואָרן. עס טויכן־אויף אין אים אַן אַ שיעור דערינערונגען. ער זעט יענע יאָרן פאַר זיין אַוועקפאָרן

קיין אַמעריקע — און אַלץ איז אים מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי נאָענט, ווי עס וואָלט נעכטן געווען. אין זיין געדאַנק וויקלט זיך אויף אַ לאַנגער שנור, און מיט יעדער רגע בינדט זיך אויף אַן אַנדער קנופּ. עס דאַכט זיך אים, אַז דער ווינט טראָגט דאָס אַש פון די קערפּערס פון די פאַר־ברענטע יידן און אַז פון דער ערד סטאַרטשען אַרויס זייערע גלידער. די אַלטע הייזער מיט גרינע און רויטע דעכער שימערן אונטערן בליאַסק פון דער זון. עס דאַכט זיך, אַז פון אינעווייניק שפּאַרט אַרויס אַ טרי־בער גרויל פון אומקום.

ער מאַכט עטלעכע טריט און בלייבט ווידער שטיין. זיין בליק פאַלט אויף דער אַלטער קירך מיט די דריי גאָלדענע קופּאָלן. די קירך שטייט מיט איר שווערער מאַסיווקייט ביי דער זייט פון מיטן מאַרק, אַרומגע־צאַמט מיט אַ הויך־געמויערטן פּאַרקאַן, אָפּגעזונדערט, ווי אַ פעסטונג. די צוואָקסענע קאַשטאַן־ביימער נעמען־אַרום די קירך, טוליען זיך צו אירע ווענט.

זיין בליק האָט אַ וואַנדער געטאָן אין אַן אַנדער מאַרק־ווינקל, וואו עס שטייט דאָס נידעריקע הויז מיט די צוויי אַריינגאַנגען, מיטן לאַנגן הויף, וואו פערד מיט וועגענער פלעגן אַריינפאָרן. דאָרט האָט ישראל געהאַט זיין שענק, געוואוינט מיט זיינע אויסגעגעבענע טעכטער און איי־דעמס, זין און שנורן. צוזאַמען האָבן זיי אַלע געפירט דאָס געשעפט.

מיטאַמאָל גיט זיך אייזיק אַ כאַפּ ווי פון אַ חלום. ער כאַפּט אַ בליק אויף זיין האַנט־זייגער. ווי לאַנג האָט ער נאָך צו וואַרטן ביז פאַרנאַכט?

— אויב איך זאָל זיך עפּעס דערוויסן וועגן מיינע אייגענע, וועט שוין כדאי זיין מיין קומען, — ווערט ער אויפגעמונטערט.

די זון איז נאָך געווען היפּשלעך הויך אויפן הימל. ביז פאַרנאַכט איז נאָך לאַנג צו וואַרטן. ער דערמאָנט זיך, אַז אין דער צווייטער זייט קירך איז אַמאָל געווען אַ קליינער סקווער מיט בענק — וועט ער צוגיין אַהין זיך דאָרט אַוועקזעצן, זיך אָפּרוען.

יעדע מינוט זעט ביי אים אויס ווי אַ שעה. ער וואָלט שוין וועלן זען די פרוי, וואָס ווייסט עפּעס פון זיין פאַמיליע. עס נאָגט אין אים די נייגעריקייט.

ער געפינט דעם סקווער. אַלץ זעט דאָ אויס ווי אַמאָל. ער קוקט זיך אַרום: אַלע בענק זענען פאַרנומען, מערסטנס פון יונגע פרויען מיט קליינע קינדער.

ער דערזעט אַ ליידיק אָרט אויף אַ באַנק, לעבן אַ יונגער פרוי, וואָס

לייענט אַ בוך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַטראַכט די יונגע, קליינע, טונקל־בלאָנדע פרוי מיטן בלאַס־איידעלן פּנים. עס ווילט זיך אים אָנ־הייבן רעדן צו איר. אַ קליין בלאָנד ייִנגעלע, אַרום דריי יאָר אַלט, קומט־צו. ער וויל די מוטער זאָל זיך שפּילן מיט אים. זי זאָגט אים, ער זאָל גיין שפּילן זיך מיט די קינדער; זי וויל לייענען.

אייזיק זיצט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. עס ווילט זיך אים אָנהייבן רעדן; דערציילן, אַז ער איז אַ היגער, דאָ געבוירן. ער פּרוּווט צונויפ־נעמען די ווערטער אין געדאַנק, אָנצוהייבן אַ שמועס מיט דער יונגער פרוי. ער זעט אָבער, אַז יענע איז פאַרטיפט אין דעם בוך, וואָגט ער נישט איבערצושלאָגן איר דאָס לייענען. ער פּרובירט אַריינקוקן אין בוך, זען וואָס זי לייענט. אפשר וועט ער דורכדעם האָבן אַ געלעגנהייט אָנהייבן רעדן צו איר. זי האַלט אָבער דאָס בוך נאָענט צו זיך, און ער קאָן נישט דערבליקן קיין וואָרט. ער זעט בלויז בילדער פון אויסגעמאָ־רעטע מענטשן, סקעלעטן. די בילדער זענען אים באַקאַנט פון ביכער און זשורנאַלן, וואו עס ווערט דערציילט וועגן די היטלערישע גרויל־טאַטן אין די לאַגערן. דורך די בילדער, וואָס ער האָט באַמערקט אינעם בוך, איז די פרוי אים געוואָרן נאָענט. ער קוקט אויף איר מיט ליבשאַפט. איר בלאַס פּנים איז צאַרט. די קורץ־געשוירענע, טונקל־בלאָנדע האָר, פאַר־קאַמט אַרויף איבערן שמאָלן שטערן, ליגן ווי שטילע כוואַליעס אויף אַ רואיק וואַסער. ער זעט, אַז אירע גרויסע אויגן זענען פייכט, פאַרלאָפן מיט טרערן. זי מיידט־אויס צו קוקן אויף אים. דאָך גיט זי אַמאָל אַ זייטיקן בליק אויף אים. עס דאַכט זיך אים, אַז איר בליק איז אַן אומ־צופרידענער, אַז זי טראַכט: צו וואָס האָט זיך דער פרעמדער דאָ אַוועק־געזעצט? נאָר אייזיק נעמט נישט אַראָפּ זיינע אויגן פון איר ערנסטן פּנים. זעענדיק איר טרויעריק פּנים מיט די פאַרטרערטע אויגן, האָבן זיך אייזיקס אויגן אויך פאַרצויגן מיט אַ נעפּלדיקער פייכטקייט.

מיטאַמאָל באַפאַלט אים אַן אומרואיקייט. ווערטער שפּאַרן זיך אַרויס־צוגליטשן פון מויל, נאָר עס פעלט אים דער מוט זיי אַרויסצולאָזן.

ער גיט הויך אַ זיפץ. אין אַ ווייל אַרום פּרוּווט ער ווידער אַריינ־קוקן אין בוך. נאָר זי האָט אויפגעשטעלט דעם טאָוול לעבן זיין זייט און אים צוגעוואָרפן אַ נישט־פריינטלעכן בליק.

פונדעסטוועגן נעמט ער זיך אָן מיט מוט און פרעגט זי:

— עס מוז זיין אַן אינטערעסאַנטער בוך, וואָס איר קענט זיך נישט אָפּרייסן פון אים?

זי האָט אויפגעהויבן אירע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, ווידער אויף אים זייטיק אַ קוק געטאָן, און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט זי זיך אויפ־געהויבן, גענומען דאָס קינד פאַרן הענטל און איז אַוועק.

די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק לעבן ראַנד פון דער ערד. אַ שטיק הימל־ברעג האָט זיך אויפדאַסביי אָנגעצונדן.

שוין צייט גיין זען די פרוי, אָפּצונעמען דעם גרוס — גיט ער זיך אַ כאַפּ. ער גייט מיט אימפּעט צום הויז פון זיינע עלטערן.

ווען ער איז אַהין אַריינגעקומען, איז שוין יענע פרוי דאָרט געזעסן.

— דאָס איז פּאַני גולקאָווסקאַ, און דער פּאַן הייסט ווײַנשטיין. געקו־מען פון אַמעריקע זען זיין געבורט־שטעטל, — האָט די באַלעבאָסטע פון הויז אים פאָרגעשטעלט. זיי האָבן זיך שוויגנדיק דערלאַנגט די הענט.

אייזיק האָט געציטערט מיט אומרו פאַר די דערוואַרטעטע נייעס. ער האָט אָנגעהויבן:

— טייערינקע, ליבע פּאַני גולקאָווסקאַ, דערציילט מיר אַלץ וואָס איר ווייסט פון מיינע אייגענע: ווען פון זיי האָט איר געקענט? ווען האָט איר זיי דאָס לעצטע מאָל געזען? וואָס איז מיט זיי געוואָרן?

די פרוי גולקאָווסקאַ איז געזעסן רואיק, אומבאַוועגלעך, און געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט אָפענע, פאַרקלערטע אויגן. אירע גלייכע, גרויע האָר, פאַרפלאָכטן אין צווײ צעפּ, פאַרלייגט אויפן קאָפּ ווי אַ בייגל, פּאַסן צו איר שמאָלן, לענגלעכן, עטוואָס צעקנייטשטן פּנים. אין אירע העל־בלויע אויגן ליגט אַ מוטערלעכע צאַרטקייט, פון וועלכער עס שטראַלט־אַרויס חכמה און גוטסקייט. זי האָט שוויגנדיק געקוקט אויף אייזיקן, אַזוי ווי זי וואָלט געקלערט, וואָס זי זאָל אים זאָגן.

אַלע דריי זענען געווען שטיל, ווי יעדערער פון זיי וואָלט אין זיך איינגעהאַלטן אַ גרויסע געשעעניש. אייזיק האָט דער ערשטער אָנגע־הויבן מיט אַ שוואַכער שטים:

— אויף קיין גוטס ריכט איך זיך נישט; קענט איר מיר דערציילן וואָס איר ווייסט.

די פרוי גולקאָווסקאַ האָט געלאָסן געזאָגט:

— איך האָב געקענט אַלע אייערע אייגענע. מיין מאַן האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט ביי אייער פאָטער אין קוילן־סקלאַד. אַ פיינע פאַמיליע אייערע. אַלע גוטע מענטשן.

פון איר ווייכן טאָן האָט אויף אייזיקן אַ פלייץ־געטאָן אַ וואַרעמער

שטראָם. ער האָט מיט דער האַנט אַ וויש־געטאָן זיין פייכטן שטערן, און מיט צעלויכטענע אויגן נייגעריק ביי איר געמאָנט:

— נו, דערציילט, דערציילט מיר, טייערע, וואָס איר ווייסט פון זיי?

פרוי גולקאָווסקאַ האָט אָוועקגעלייגט אירע הענט אויף די קני און נאָך אַלץ מיט דערזועלבער רואיקייט פאַמעלעך געזאָגט:

— קומט מיט מיר! ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע, אַ סך צו רעדן, איך וועל אייך אויפן וועג דערציילן.

אייזיק האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, גענומען זיין קליין רענצל, זיך העפלעך פאַרנייגט, באַדאַנקט די באַלעבאָסטע פון הויז פאַרן צונויפ־פירן אים מיט פרוי גולקאָווסקא, און זיי זענען אַרויס באַגלייט פון דער הויז־פרוי.

פרוי גולקאָווסקאַ איז געגאַנגען מיט אים אויפן וועג צום סקווער. דאָרט האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט. אין דער שעה צווישן טאָג און נאַכט איז דער סקווער ליידיק געווען פון מענטשן. בלויז פייגל זענען פאַרביי־געפלויגן, זיך אָפּגעשטעלט אויף צווייגן פון די אַלטעביימער מיט אָוונט־דיקן געמורמל.

דאָ האָט זי באַלד אָנגעהויבן דערציילן:

— ווען די דייטשן האָבן גענומען אַרויספירן די יידן פון דאַנען, איז צו מיר געקומען אייער שוועסטער און מיך געבעטן, איך זאָל נעמען אויסצובאַהאַלטן איר מיידעלע מאַשאַ. איך בין געווען מיט מיינע דריי יינגלעך; מיין מאַן האָט געקעמפט קעגן די דייטשן און איז אומגעקומען, איך האָב נישט געהאַט קיין חשק צו נעמען דאָס מיידל. זי איז אַלט געווען ניין יאָר. קינדער האָבן ליב צו פלאַפּלען. די דייטשן זאָלן זיך, גאָט זאָל אָפּהיטן, דערוויסן — קום איך אום מיט מיינע קינדער. אָבער זי איז פאַר מיר געשטאַנען מיט אַזאַ געבעט, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב אויף איר געקראָגן רחמנות און כ'האָב זי גענומען.

כדי קיינער זאָל דערפון נישט וויסן, בין איך באַלד מיט איר אַוועק־געפאָרן אין אַ דאָרף, אויף מאָרגן בין איך אַהיים געקומען און געזאָגט די שכנים און באַקאַנטע, אַז דאָס איז מיין שוועסטערס אַ מיידל, אַז די שוועסטער איז געשטאָרבן, און דער פאָטער אירער קעמפט קעגן די נאַ־ציס. מיינע קינדער האָב איך געזאָגט, אַז זי הייסט מאַרישאַ און זי איז זייער שוועסטערקינד. מאַרישאַן האָב איך אויסגעלערנט צו זאָגן, אַז איר מוטער האָט געהייסן בראָניע, און דער פאָטער יאַן. מיינע קינדער האָבן זיך גוט איינגעלעבט מיט איר. זי איז געוואַקסן אַ געראָטענע, אָבער זי האָט

נישט פֿאַרגעסן אירע עלטערן און די צווי ברידער. ווען קיינער האָט נישט געהערט, האָט זי מיך אינדערשטיל געפרעגט, צי איך ווייס עפּעס פון זיי. איך האָב זי געטרייסט, אַז ווען מען וועט פֿאַריאָגן די דייטשן, וועלן זיי קומען.

באַלד נאָך דער מלחמה, האָט זי אָנגעהויבן זוכן, נאָכפרעגן זיך אויף זיי, נאָר זי האָט קיינעם נישט געפונען.

איך האָב זי געפרעגט, צי זי וויל גיין צו יידן, האָט זי געוויינט און זיך ביי מיר געבעטן, איך זאָל זי נישט אַוועקגעבן, זי וויל בלייבן ביי מיר. איך האָב גערן אָנגענומען איר פֿאַרלאַנג, און זי איז געבליבן, ווי אַן אייגענע. די קינדער האָבן שוין געוואוסט, אַז זי איז אַ יידישע. זיי האָבן זי ליב געהאַט ווי אַ שוועסטער.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער דערוויס איך זיך, אַז מיין מיטלסטער זון איז אין איר פֿאַרליבט און אַז זיי האָבן באַשלאָסן חתונה־צו־האָבן. איצט האָבן זיי שוין אַ יינגעלע, און זיי זענען צופרידן. קומט, וועט איר זיי זען, נאָר זייט פֿאָרזיכטיק. זאָגט נישט מאַרישאַן מיטאַמאָל, ווער איר זענט. פון אַזאַ אייליקן זאָג קאָן מען אַמאָל קראַנק ווערן.

אייזיק איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי צוגעשמידט צום אָרט. מיט אָפענע אויגן האָט ער געקוקט דער פרוי גולקאָווסקאָ אין מויל אַריין. ער האָט נישט געוואוסט, צי דאָס, וואָס ער הערט, איז אַווירקלעכקייט אָדער אַ חלום. אים איז געווען שווער צו באַנעמען, אַז דאָס איז אַן אמת, אַז ער וועט באַלד זען זיין שוועסטערס אַ קינד.

די רייד פון דער פרוי גולקאָווסקאַ האָבן געררוישט אין זיינע בלוטן. ווי אַ פֿאַרגליווערטער איז ער געבליבן זיצן, נישט צו רירן זיך פונעם אָרט. נאָר באַלד קומט ער צו זיך, שטעלט זיך אויף און ביידע גייען שווייגנדיק.

מיטן ערשטן אַריינקום דערזעט מאַרישאַ, אַז דאָס איז דער מאַן, וואָס איז פריער געזעסן לעבן איר אויף דער באַנק אין סקווער. זי קוקט אויף אים מיט פֿאַרוואונדערטע אויגן, ווי אַ דערשראָקענע: ווי קומט דער פרעמדער צו איר שוויגער? ווער איז ער?

די שוויגער זאָגט צו איר מיט אַן איינגעהאַלטענער אויפטרייסלונג אין דער שטים:

— איך האָב דיר געבראַכט אַ גאַסט — אַזש פון אַמעריקע.

מאַרישאַ, דערהערט „פון אַמעריקע", ווערט זי בלאַס. אין אַ רגע אַרום ווערט איר פּנים רויט. זי פֿאַרשעמט זיך, וואָס זי איז פריער אַזוי

אומגעלומפערט אַנטלאָפן פון סקווער, נישט געענטפערט דעם מאַן, ווען ער האָט גערעדט צו איר. די פרוי גולקאָווסקא קוקט אויף זיי, ווי ביידע שטייען אַזוי ווי פאַרשטומטע. זי אַליין פילט זיך אויך ווי אַ פאַרלוירענע. זי ווייסט נישט ווי אַזוי צו דערקלערן דער שנור, אַז אָט־דער מאַן איז איר מאַמעס ברודער.

מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ גיט זי ראַפטאַם אַ זאָג:

— דער פאַן הייסט איזיק ווינשטיין, אַן אייגענער.

מאַרישאַ האָט זיך אַ צאַפּל־געטאָן. איר פנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. זי האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן: „מיינער אַן אייגענער?", נאָר איר צונג איז מיטאַמאָל ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי מיט אַ ציטערדיק קול אַרויסגעשטאַמלט: — אַ משפחה!

אויך ביי איזיקן האָבן זיך אַלע גלידער געטרייסלט. ער האָט מיט געצוואונגענער רואיקייט געזאָגט:

— געוויס, אַ משפחה.

די פרוי גולקאָווסקא איז אַרויס פון צימער, און זי איז באַלד צוריק אַריינגעקומען מיט אַ קיישעלע פרוכט. דערנאָך איז זי אַריין אין קיך צוגרייטן טיי.

איזיק האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט, ווי אַזוי ער זאָל איר זאָגן, אַז ער איז איר פעטער.

אין פאַרטראַכטקייט האָט ער מיט ציטערדיקע פינגער פּאַמעלעך אַרויס־גענומען פון בוזים־קעשענע אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס, אַרויסגעשלעפּט איינע און איר דערלאַנגט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פאָטאָגראַפיע און אויסגערופן: „אוי, מיינע עלטערן מיט מיינע ברידער!", צודריקנדיק דאָס בילד צום האַרצן.

— ווי קומט צו אייך דאָס בילד? זאָגט מיר, ווער זענט איר? וואָס געהערט איר מיר אָן?

אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַ גאָס־געטאָן פון אירע גרויסע ביר־אויגן.

איזיק האָט שווייגנדיק איבערגעלייגט די בילדער, געזוכט נאָך אַ בילד, וואָס ער וויל איר ווייזן. די פרוי גולקאָווסקא איז אַריינגעקומען פון קיך מיט גלעזער טיי. אויך אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. זי האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים אָנגעהויבן טרייסטן מאַרישאַן:

— שאַ, שאַ, מיין קינד, באַרואיק זיך! דו האָסט אַ גוטן גאַסט. וועסט באַלד וויסן, ווער דער פאַן איז.

מאַרישאַ האָט דורך טרערן געהאַלטן אין איין קוקן אויפן בילד.

די טיר האָט זיך געעפנט. ס'איז אַריינגעקומען וולאַדעק, מאַרישאַס מאַן. נאָך איידער ער האָט זיך באַוויזן פאַר אייזיקן, איז די מאַמע שנעל צוגעלאָפן, פאַרהאַלטן אים אין קאָרידאָר און אים דערציילט, ווער ס'איז דאָ.

אייזיק האָט נאָך אַלץ אין פאַרטראָגנקייט אָפּגעקליבן בילדער פון דער פאַמיליע און איינציקוויז געוויזן מאַרישאַן. אָט איז אַ פאָטאָגראַפיע פון באָבע־זיידע. אויך זיי האָט זי באַלד דערקענט. דערלאַנגענדיק איר דאָס בילד פון דער גאַנצער פאַמיליע, האָט ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַרויסגערעדט:

— איך בין דיין מאַמעס ברודער, און די צוויי פרויען ביי דער זייט זענען דער מאַמעס שוועסטער, — אָנווייזנדיק אויף די שוועסטער פון אַמעריקע.

מאַרישאַ האָט מיט היימישקייט אַרויסגענומען פון זיינע הענט אַלע בילדער, און שווייגנדיק אין זיי אַריינגעקוקט. אייזיק האָט צוזאַמען מיט איר אין זיי שטום אַריינגעקוקט. ביידע האָבן אין דעם מאָמענט פאַרלוירן דאָס לשון. זיי זיינען געוואָרן פאַראייניקט אין דעם צער פון אומקום. פון מאַרישאַס אויגן האָבן זיך געגאָסן גרויסע, הייסע טרערן. אייזיק האָט אויך אַרויסגענומען אַ טיכל פון קעשענע און געווישט זיינע אויגן.

ווען די מאַמע מיטן זון זענען אַריינגעקומען, איז מאַרישאַ געשטאַנען מיט ביידע הענט אויפן פנים, פאַרשטעלט די אויגן, און שטיל געכליפּעט. וולאַדעק האָט העפלעך דערלאַנגט אייזיקן די האַנט און געזאָגט:

— גוטן אָוונט, פּעטער! — אייזיק האָט לאַנג, שווייגנדיק און וואַרעם געדריקט זיין האַנט. ער האָט פאַרהאַלטן זיין בליק אויף דעם הויכן, שלאַנקן יונגן מאַן מיט די העל־בלאָנדע האָר, מיטן וויס־ראָזלעכן גוט־מוטיקן פנים.

וולאַדעק איז צוגעגאַנגען צו מאַרישאַן, אַוועקגעריסן אירע הענט פון פנים און געקושט אירע נאַסע באַקן. מיט גערירטער צערטלעכקייט האָט ער צו איר גערעדט:

— באַרואיק זיך, מיין ליבע, דו האָסט דאָך אַזאַ טייערן גאַסט ביי דיר. געבנוג געוויינט. מיר וועלן באַלד צו דער געלעגנהייט עפּעס אויס־טרינקען. — מאַמע, דערלאַנג דעם בראָנפן! — האָט ער פריידיק אויסגע־רופן, גלעטנדיק מאַרישאַס כוואַליעדיקע קאַשטאַן־האָר.

די מאַמע איז געשטאַנען מיט פאַרפלאָכטענע פינגער, מיט גרויס ערנסטקייט געקוקט אויף די קינדער, אויף אייזיקן, און נישט גערירט זיך פון אָרט.

מאַרישאַ האָט אָפּגעזוכט דאָס בילד, וואו זי איז פאָטאָגראַפירט מיט אירע עלטערן און דערלאַנגט וולאַדעקן. דערביי האָט זי שטיל אַ מורמל־געטאָן:

— איך מיט מיינע עלטערן און די ברידער.

ער האָט לאַנג זיך איינגעקוקט אין דעם בילד. מיט פאַרמאַכטע, ווי צוגעקלעפּטע ליפּן איז ער געשטאַנען אומבאַוועגלעך. אין דעם מאָמענט האָט קיינער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. מיטאָמאָל האָט זיך איבער דער שטוב צעלייגט אַ שווערע שטילקייט. דערנאָך איז וולאַדעק שווייגנ־דיק אַריינגעגאַנגען אין צימער, וואו דאָס קינד איז געשלאָפן, און זיך דאָרט פאַרזאָמט.

מאַרישאַ האָט זיך דערמאָנט אין אַזוי פיל זאַכן, פון וועלכע זי האָט שטאַרק געליטן, זינט זי איז געבליבן אָפּגעריסן פון אירע עלטערן; ווי שטאַרק זי האָט אין איר איינזאַמקייט געבענקט נאָך משפּחהשאַפט, נאָך אַ זכר פון איר פאַמיליע. אין איר געדאַנק שטראָמען דראַאינערונגען, קנוילן זיך צונויף אין איר האַרץ און נאַגן דאָס בלוט, שטיקן איר דעם אָטעם.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַריינגעקוקט די נאַכטיקע פינצטער־ניש, נאָר ביי מאַרישאַן אין שטוב ברענען אַלע לאָמפּן. לעבן איר זיצט איר מאַמעס ברודער, — אַן אומגלויבלעכע געשעעניש! זי פילט, אַז עפּעס נייעס גייט־אויף אין איר לעבן. די בילדער האָבן אויפגעריסן אירע וואונדן. פאַר אירע אויגן האָבן געשוועבט די פאַרפייניקטע לעבנס. זי האָט אויפדאָסניי דערפילט דעם שאַרפן ווייטיק פון איר שרעקלעכן פאַרלוסט. ס'האָט אין איר אויפגעטויכט די גרויסע בענקשאַפט נאָך מוטערלעכער ליבע, וואָס זי האָט אין זיך געטראָגן זינט זי איז אַלט גע־ווען ניין יאָר, פון יענעם טאָג אָן, ווען איר מאַמע האָט זי איבערגעלאָזט ביי פרוי גולקאָווסקאַ. עס וויקלט זיך אין איר דער פאָדעם פון איר שטאַם, און ער שלעפּט זי צוריק צו איר קינדהייט. ער וועבט־איין איר גורל פון איינזאַמקייט מיט דער באַשיצונג, וואָס זי האָט געהאַט פון דער פאַ־מיליע גולקאָווסקאַ, מיט דער ליבשאַפט, וואָס זי האָט איצט פון איר מאַן.

די פאַרבינדונג מיט דער פאַמיליע גולקאָווסקאַ, אין וועלכער זי איז שוין היפּשלעך איינגעוואָרצלט, און אַלע ביז־איצטיקע טראַכטונגען וועגן איר אייגענער פאַמיליע האָבן זיך מיטאָמאָל צונויפגעקנוילט.

אייזיק רעדט צו איר; ער קוקט גלייך אין אירע ברייט־צעעפנטע, אומרואיקע אויגן. ער דערציילט איר, ווי אַזוי די שבתים און יום־טובים

האָבן אויסגעזעזן ביי זיי אין הויז, און זי וויל אַלץ מער הערן, מער וויסן פון די אייגענע. אין דעם מאָמענט אָבער קאָן זי נישט אויפנעמען געגנוי, וואָס ער דערציילט איר.

די בילדער לאָזט זי נישט אַרויס פון אירע הענט. זי זעט אַזוי פיל ענלעכקייט צווישן אייזיקן און איר מוטער. מיט יעדער רגע וואַקסט איר נאָענטקייט צו אים.

מיטאַמאָל זעט איר אויס, ווי געדיכטע וואָלקנס וואָלטן זיך צעריסן און דורך די שפּאַלטן באַוויזן זיך ליכטיקע פּאַסן הימל, וואָס ברענגען צייכנס פון באַלדיקער זון־שיין.

עס גייען פאַרביי שעה׳ן פול מיט דערמאָנונגען פון אַ לעבן, וואָס איז שוין מער נישטאָ. מאַרישאַ זיצט אַ שווייגנדיקע, אַן אויסגעשעפּטע, ווי נאָך אַ פלוצימדיקער, גרויסער איבערקערעניש.

אייזיק ווערט נישט מיד צו רעדן. ער האַלט אין איין דערציילן מעשיות. עפּיזאָדן פליסן פון אים, ווי פון אַן אויפגעריסענעם קוואַל.

מאַרישאַ הערט אים אויס מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. אייזיק דער־פילט צו איר אַ ליבשאַפט, ווי צו אַן אייגן קינד.

אויף אַ ווייל פאַרקוקט ער זיך מיט פאַרטראַכטקייט אויפן בילד פון זיינע טאַטע־מאַמע. נאָר באַלד האָט ער וואָס צו זאָגן. פון דער קלענסטער זאַך רעדט ער צו איר מיט גרויס ערנסטקייט. און ביי איר איז אַלץ וויכטיק. אירע אויגן עפענען זיך ברייטער. איר פּנים איז פאַרצויגן מיט אַ צאַרטער בלייכקייט.

עס באַוויזט זיך די פרוי גולקאָווסקאַ, וואָס האָט זיך לאַנג און שטיל אַרומגעדרייט אין די אַנדערע צימערן. וויזט אויס, אַז זי האָט דאָרט פאַרהאַלטן דעם זון, כדי צו לאָזן מאַרישאַן מיט אייזיקן זיך אויסריידן. איצט איז זי אַריינגעקומען זיי זאָגן „אַ גוטע נאַכט״, און זי איז אַוועק צוריק צו זיך אַהיים.

וולאַדעק איז אויך באַלד אַריינגעקומען מיט פאַרשלאָפענע אויגן. ער איז אַ וויל געשטאַנען, ווי אַ פאַרשולדיקטער. שפּעטער האָט ער מיט ווייכקייט געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, וואָס איך קאָן נישט מיט אייך פאַרברענגען. איך בין שטאַרק מיד און מוז זיך לייגן שלאָפן.

— גיי געזונטערהייט! — האָבן ביידע געענטפערט, צופרידענע, וואָס קיינער וועט זיי נישט שטערן.

מאַרישאַ מיט אייזיקן זענען נישט געוועזן מיד. דער נס, וואָס זי איז געבליבן לעבן, האָט געווירקט אויף זייער געמיט.

מאַרישאַ שלינגט ממש יעדעס וואָרט, וואָס אייזיק רעדט אַרויס. איר נייגעריקייט וועקט אין אים אַלץ מער דעראינערונגען. ער דערמאָנט זיך זאַכן, וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, און עס פליסן פון זיין מויל מעשיות וועגן געשעענישן ביי אייגענע און פרעמדע, וואָס ער האָט גע־קענט אין שטעטל.

אין מארישאן טויכן־אויף פאַרקלעמטע געפילן פון איינזאַמקייט, וואָס זי האָט דורך יאָרן אין זיך באַהאַלטן. די געפילן פיבערן איצט מיט צע־וואָרעמטע פונקען, מיט ליכטיקע שטראָמען פון פרייד, אויסגעמישט מיט אומרו.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַ נאַכטיק ווינטל אַריינגעיאָגט און געטרייסלט די דינע, ווייסע פאָרהענגלעך אויפן פענצטער. אויפן הימל האָט אַ האַלבע, בלייכע לבנה געגרוט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף די צוויי מענטשן, וואָס זיצן אין דער שפּעטער נאַכט אין טיפקייט פאַרוועבט מיט דער גרויזאַמער פאַרגאַנגענ־הייט, וואָס די נאַצישע מערדער האָבן איבערגעלאָזט. אייזיקס גרויע, פייכטע אויגן קוקן אויף מארישאן מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק, ווי ער וואָלט וועלן דערזען, וואָס עס טוט זיך אין איר נשמה.

מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ כאַפּ:

— זע נאָר, ס׳איז דאָך שוין נאָך האַלבער נאַכט.

ער האָט דערזען אַ מידקייט אין אירע אויגן; האָט ער פּאַמעלעך אויפגעהויבן זיין שווערן גוף פונעם אָרט און מיט פאַרטראַכטקייט צו־נויפגעלייגט די בילדער.

עטלעכע טעג האָט אייזיק פאַרבראַכט אין שטעטל מיט מאַרישאַן.

פאַר זיין אַוועקפאָרן האָט ער געזאָגט צו איר מיט וולאַדעקן:

— איך בין זיכער, אַז מיינע שוועסטער, פּונקט ווי איך, ווילן אייך האָבן מיט אונדז אין אַמעריקע. אויב איר וועט צושטימען, וועל איך אָנ־הייבן זיך באַמיען איר זאָלט קומען. עס וועט אייך זיין גוט. איר וועט פאַר קיין זאַך נישט דאַרפן זאָרגן.

מאַרישאַ האָט מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ געקוקט אויף וולאַדעקן, ער זאָל ענטפערן, אָננעמען מיט פרייד דעם פאָרשלאַג. נאָר וולאַדעק האָט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן און געשוויגן. אויף זיין פּנים האָט זיך געלייגט אַן אומצופרידנקייט. ווען אייזיק האָט נישט באַקומען קיין ענטפער, האָט

ער געזאָגט: — פאָרט זיך דערווייל דורך אויף אַ לוסט־רייזע! שפּעטער וועלן מיר וועגן דעם רעדן. — ביים געזעגענען זיך האָט זיי אייזיק אָנ־געזאָגט: — איר קענט זיך שוין אָנהייבן גרייטן. איך, פון מײַן זייט, וועל טאָן וואָס מען דאַרף, מעגלעך צו מאַכן אייער פאָרן.

נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט מאַרישאַ דערהאַלטן געלט מיט אַלע ניי־טיקע פּאַפּירן, מיט שיפסקאַרטן ערשטער קלאַס פאַר אַלע דריי. מאַרישאַ האָט זיך דערפילט גליקלעך. אויף וולאַדעקן האָט זיך געלייגט אַן אור־מעט. ער איז אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערט, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס געשראָקן. וואָס מער מאַרישאַ האָט אַרויסגעוויזן איר נייגעריקייט צום פאָרן, אַלץ מער איז ער טרויעריק געוואָרן. איינמאָל אין אַן אָוונט גיט ער מיט אַנטשלאָסנקייט אַ זאָג:

— שלאָג זיך אַרויס אַמעריקע פון קאָפּ. איך האַלט נישט ביים פאָרן. איך וויל, דו זאָלסט אויך אויפגעבן דעם געדאַנק!

מאַרישאַ איז פאַרציטערט געוואָרן פון זיין שטרענגן זאָג. די גאַנצע זעקס יאָר פון זייער הייראַט האָט זי נישט געהערט פון אים אַזאַ באַפעלע־רישן טאָן. זי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו פאָרן. זי זעט, אַז וולאַדעק פאַרנעמט זיך מיט עקשנות, נישט צו לאָזן זי פאָרן. זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער זאָל איר שטערן צו זען זיך מיט איר פאַמיליע.

פון די מוראדיקע יאָרן־אָן האָט זי געפילט זיין מיטגעפיל צו איר איינזאַמקייט. זי האָט שטענדיק אין זיך געטראָגן די דאַנקבאַרקייט, וואָס ער, זיין מוטער, און זיינע ברידער האָבן זי אויסגעהיט פון פאַרברענט ווערן אין די אויוונס.

זי האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין גרייטקייט צו טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי זי זאָל זיין צופרידן — און דאָ שטעלט ער זיך מיט אַזאַ שאַרפקייט קעגן איר שטאַרקן פאַרלאַנג צו באַקענען זיך מיט איר פאַמיליע.

זי האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיטן וואונטש: קיינמאָל נישט ווײַ־צו־טאָן די מענטשן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו ראַ־טעווען זי פון אומקום. און דאָ שטעלט זי זיך קעגן וולאַדעקן! אָבער זי האָט דאָך אַזוי פיל יאָרן געגאַרט צו געפינען עמעצן פון איר פאַמיליע; ווי אַזוי קאָן זי דאָס איצט אויפגעבן? זי קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, פאַרוואָס וולאַדעק איז קעגן איר פאָרן. אַז ער האָט נישט דעם מינדסטן חשק צו באַזעצן זיך אין אַמעריקע, ווייסט זי; אָבער אַז ער שרעקט זיך, אַז די

פאַמיליע זאָל זי דאָרט נישט פאַרהאַלטן — דאָס פאַלט איר נישט איין.
זי פּרוּווט רעדן צו אים מיט גוטן:

— טייערער מײַנער, זײַ נישט אײַנגעשפּאַרט! מיר האָבן דאָך אַזאַ גוטע געלעגנהייט צו זען אַ וועלט, צו געניסן פון אַ סך שיינקייטן. קום, לאָמיר פאָרן!

אָבער ער ענטפערט מיט דער זעלבער שאַרפער שטרענגקייט:

— איך קאָן נישט איבערלאָזן מײַן אַרבעט. מען דאַרף מיך דאָ האָבן, און בלײַבן אַליין וויל איך נישט.

אין די אָמפּערנישן פאַלט אים איין אַ געדאַנק:

— אויב דיר גייט אַזוי שטאַרק אין לעבן צו זען דײַנע אייגענע, פאָר אַליין.. דאָס קינד וועל איך דיר נישט דערלויבן מיטצונעמען.

דער אײַנפאַל האָט אים געגעבן אַ שטיקל האָפענונג, אַז זי וועט אפשר אויפגעבן דאָס פאָרן. און אויב אפילו זי וועט יאָ ביי זיך פועלן צו לאָזן דאָס קינד, וועט זי אָבער צוליב דעם קינד זיכער שנעלער צוריקקומען.

בעת דער קריגערײַ קומט־אָן די מאַמע. וולאַדעק שרייט, מאַרישאַ איז פאַרווײַנט.

— וואָס איז דאָ געשען? — פרעגט די מאַמע דערשראָקן. אַ ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן. שפּעטער האָט מאַרישאַ זיך אָנגערופן מיט טרערן אין די אויגן:

— ער לאָזט מיך נישט פאָרן קיין אַמעריקע זען מײַן פאַמיליע.

וולאַדעק האָט בייז אַ זאָג געטאָן:

— דו קענסט פאָרן, אָבער דאָס קינד בלײַבט מיט מיר.

די מאַמע האָט מיט אירע גוטמוטיקע, קלוגע אויגן אויף ביידן געקוקט און געלאָסן געזאָגט:

— פון קריגערײַ וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. מען דאַרף זיך דורכרעדן, פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן, וועט זײַן גרינגער דורכצוקומען.

מאַרישאַ האָט אויפגעכאַפּט דער מאַמעס געדאַנק. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב די קלוגע מאַמע וועט רעדן מיט וולאַדעקן, וועט זי עפּעס אויסאַרבעטן צוגונסטן זיי ביידן; האָט זי גענומען דאָס קינד און איז אַרויס פון הויז.

די מוטער האָט מיט אַן ערנסטן טאָן אָנגעהויבן:

— מײַן זון! דו דאַרפסט באַטראַכטן, וואָס דו טוסט. דאָ גייט נישט אין אַ קלייניקייט. אַ מענטש איז געבליבן איינינקע אַליין פון אַ פאַ־

מיליע. כאָטש זי האָט אונדז און איך בין זיכער, אַז זי האָט דיך ליב, האָט זי אָבער נישט אויפגעהערט בענקען נאָך משפּחה פון איר זייט. דאָס איז נאַטירלעך. טאָר מען איר נישט שטערן צו זען איר משפּחה. דו ווילסט דאָך נישט צעשטערן אירן אַ טרוים. דאָס טאָר מען נישט, מיין זון!

— אָבער זאָל זי מיר לאָזן דאָס קינד! — האָט ער הילפלאָז געזוכט אַ באַשיצונג פאַר זיין שטעלונג.

— פאַרשטייסט דען נישט, אַז אָן דעם קינד וועט איר נישט באַקו־מען די רייזע? באַטראַכט זיך וואָס דו טוסט!

וולאַדעק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער שרעקט זיך. די בענק־שאַפט נאָך איר מיטן קינד וועט זיין צו־שווער פאַר אים איבער־צוטראָגן; און פאָרן מיט איר וויל ער נישט. ער האָט נישט אויף וועג־מען צו לאָזן זיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט ביי די מאַשינען.

מאַטערן אים פאַרשידענע געדאַנקען. ער זעט, אַז פון מאַרישאַן ווערט אַ תל. ער האָט מורא, אַז זי זאָל נישט קראַנק ווערן. ענדלעך זאָגט ער איר:

— איך זע, אַז עס גייט דיר שטאַרק אין לעבן — טאָ פאָר!

אַ צופרידענע האָט זי זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע.

זי האָט זיך קוים דערוואַרט אַרויסצוגיין אויף דער לוקסוס־שיף קיין אַמעריקע. אָבער וולאַדעקס אומעט ביים געזעגענען זיך איז דעם גאַנצן וועג געבליבן שטיין פאַר אירע אויגן, נישט אָפּגעטראָטן פון איר דורך די טעג פון איר פאָרן.

זי ווייסט: ער האָט געוואָלט איר צוליב טאָן, האָט ער נאָכגעגעבן איר פאַרלאַנג, זי זאָל זיך טרעפן מיט איר פאַמיליע. ער וועט אָבער זיכער שטאַרק בענקען. אַז ער האָט מורא, די פאַמיליע זאָל זי נישט דערווייטערן פון אים, דאָס איז איר נאָך אַליין נישט איינגעפאַלן.

— דאָס קאָן טאָן נאָר אַן איידעלער, גוטער מענטש, — האָט זי גע־טראַכט. פּלוצים האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אים.

— פאַרוואָס האָב איך אים נישט באַרעכנט? נישט געקלערט, ווי אַזוי ער וועט פילן נאָך מיין אָוועקפאָרן? — האָט אַ פאַרדריסלעכער שולד־געפיל זי געמאַטערט.

אויף דער שיף האָט זי זיך באַקענט מיט אַ יידיש פּאָר־פאָלק, אָפּ־שטאַמיקע פון פוילן. זי האָט זיך מיט זיי געקאָנט צונויפרעדן. זיי זענען געפאָרן פון זייער רייזע צוריק אַהיים קיין אַמעריקע.

דאָס פּאָרפאָלק האָט געהאַלטן אין איין דערציילן די וואונדער פון אַמעריקע.

— קיין לאַנד אין אייראָפּע קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט אַמעריקע, — האָבן זיי געטענהט. — ווער עס דערפילט די אַמעריקאַנער לופט, און פאַרזוכט דאָס אַמעריקאַנער לעבן מיט די גרויסע באַקוועמלעכקייטן, וויל נישט אַוועקפאָרן, קאָן נישט לעבן שפּעטער אין אַן אַנדער לאַנד. איר וועט אויך וועלן דאָ בלייבן. אַמעריקע ציט יעדן ווי מיט אַ מאַגנעט.

זייערע רייד האָבן נאָך שווערער געמאַכט איר געמיט. ס'איז איר געוואָרן פריקרע צו הערן, אַז זי וועט נישט וועלן צוריקפאָרן. ווי מעג זי גאָר צולאָזן צו זיך אַזאַ געדאַנק? זי וויל דאָך גאָר וואָס גיכער אַהיימפאָרן צו איר מאַן. אַנשטאָט דריי חדשים, ווי איר פּלאַן איז געווען, וועט זי אפשר פאַרבלייבן בלויז צוויי חדשים, — טראַכט זי ביי זיך אין געדאַנק.

ביים אָנקומען האָבן אַ סך קרובים זי אָפּגעוואַרט. שפּעטער האָט מען געהאַלטן אין איין ברענגען מתנות פאַר איר מיטן קינד. פאַר מאַשען, ווי אַלע רופן זי דאָ, האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט.

אַלעמאָל מאַכט אַן אַנדערער אַן אויפנאַמע פאַרן גאַסט. די גאַנצע משפּחה און פריינט קומען זיך צונויף. יעדער צונויפקום איז פאַר איר אַ גרויסער יום־טוב. זי איז גערירט פון די אַלע פאַרגעניגנס, פון דער וואַרעמקייט און געטריישאַפט, וואָס מען וויזט צו איר אַרויס. מיט פולע הויפנס שעפּט זי די פרייד, וואָס באַשטראַלט איצט איר לעבן.

מיט גרויס דאַנקבאַרקייט צו וולאַדעקן, וואָס ער האָט זי געלאָזט פאָרן, שרייבט זי וועגן דעם אַלעמען, און ווי גליקלעך זי איז צו זיין דאָ מיט די אייגענע.

לאַנג האָבן געדויערט די יום־טוב־טעג. דער אָנקל האָט צום ערשט מיט איר צושטימונג, זיך באַמיט צו פאַרלענגערן איר וויזע, אַז מען זאָל איר דערלויבן צו בלייבן אויף נאָך עטלעכע מאָנאַטן, דערנאָך האָט דער אָנקל גענומען זיין ווייב מאַשען מיטן קינד און זיך מיט זיי אַרויסגעלאָזט אויף אַ רייזע איבערן לאַנד: וויזן מאַשען די רחבותן, די שיינקייטן פון אַמעריקע. חדשים זענען זיי אַרומגעפאָרן.

אין משך פון דעם יאָר אין אַמעריקע האָט זי זיך אויסגעלערנט רעדן יידיש און אַביסל ענגליש. איר זעקס־יאָריק יינגעלע האָט שוין אויך גערעדט ענגליש. זי און דאָס קינד זענען דורך דער צייט שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו דער פאַמיליע. אַמאָל איז איר שווער זיך פאַרצו־

שטעלן, ווי אַזוי זי וועט קאָנען זיך אָפּרייסן, לעבן אָן זיי. און דאָ האָט וולאַדעק אין איין שרייבן, אַז ס'איז שוין צייט, זי זאָל אַהיימקומען.

דער אָנקל, נישט אָנפּרעגנדיק זיך מער ביי איר, האָט אַלץ געפּרואווט פאַרלענגערן איר דאָ־זיין. די פאַמיליע האָט זי מיט אַלע כוחות צו־געהאַלטן.

זי האָט זיי געוויזן וולאַדעקס בריוו, וואָס זענען געווען אָנגעפּילט מיט ליבע און בענקשאַפט נאָך איר מיטן קינד, און זיי ווילן פון גאָר־נישט וויסן. זיי זאָגן:

— שרייב אים, אַז דו האָסט באַשלאָסן דאָ צו בלייבן; אַז ער וויל, זאָל ער קומען אַהער.

מאַרישאַ ווערט פון די רייד אומרואיק. זי לייענט פיל מאָל וולאַ־דעקס בריוו. זי דערפילט זיך שולדיק. איר דאַכט זיך, אַז זי באַגייט אַן אומרעכט קעגן איר מאַן. זי זאָגט צו די טאַנטעס מיטן אָנקל:

— מיינע טייערע, עס איז צייט, איך זאָל אַהיימפאָרן. איך וועל אָן מיין מאַן דאָ נישט בלייבן.

זיי טענהן צו איר:

— מאַשע, טייערע, דאַרפסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ יידיש קינד. דו דאַרפסט זיך אומקערן צו יידישקייט, צו דיין שטאַם. דאָרט וועסטו זיין איינע אַליין, וועסטו דאָס נישט קאָנען באַוויַיזן. דיין קינד דאַרף ווערן אַ ייד. דיין אָרט איז דאָ מיט אונדז. אויב דיין מאַן וויל, זאָל ער קומען. שרייב אים, מיר וועלן אייך דאָ איינאָרדענען אויפן בעסטן אופן, איר וועט לעבן באַקוועם. אויב ער וויל נישט קומען, וועסטו אים שיקן אַ גט.

די ווערטער „אים שיקן אַ גט" האָבן זי צערודערט. זי איז געבליבן ווי אַ צעמישטע. עס האָבן זי אָנגעהויבן מאַטערן פאַרשידענע געדאַנקען און ס'האָבן אויפגעוואַכט אין איר מאָדנע געפילן. אפשר זענען די אייגענע גערעכט. ווען זי טראַכט פון פאָרן צוריק, קומט איר אין גע־דאַנק, אַז זי טאָר זיך נישט דערוויַיטערן, זי טאָר זיך נישט אָפּרייסן פון איר שטאַם. אין דער זעלבער צייט ציט זי צום מאַן. די געדאַנקען מיט די געפילן פאַרפאָלגן זי, נאָגן איר נשמה.

דורך דער צייט, וואָס זי איז דאָ מיט אירע אייגענע האָט דער פאַמיליע־געפיל זיך שטאַרקער באַפעסטיקט אין איר. אַמאָל, אין אירע שלאָפלאָזע נעכט, טראַכט זי: „אפשר זאָל איך טאַקע דאָ בלייבן מיט די אייגענע". נאָר יעדעס מאָל, ווען עס פאָלט איר דאָס איין, גייט איר

דורך אַ ציטער איבערן לייב. זי דערשרעקט זיך פאַר דעם געדאַנק. זי דערמאָנט זיך באַלד אין יענע שוידערלעך־טראַגישע יאָרן, ווען די פרוי גולקאָווסקא מיט אירע קינדער האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צוליב איר; זיי האָבן זי באַשיצט פון אַ זיכערן טויט. ניין, זי קאָן נישט פאַרגעסן, וויפל פּחד זיי האָבן איבערגעלעבט, כדי צו ראַטעווען זי פון די נאַצישע רוצחים. ווי אַזוי קאָן זי איצט טראַכטן וועגן פאַרלאָזן יענע מענטשן? פאַרלאָזן איר מאַן, ווען זי האָט ליב, מיט וועמען זי האָט אַ קינד? איר אייגענער שכל קאָן נישט באַנעמען אירע זיג־זאַגישע געפילן, וואָס ציען זי אַהין־און־אַהער.

זי ווייסט וואויל, אַז וולאַדעק וועט אפילו צו אַ גאָלדענעם באַרג נישט קומען קיין אַמעריקע. עס פאַרדריסט זי אויף אירע געפילן, וואָס מאַטערן זי.

די פאַמיליע האָט אַלץ געזוכט מיטלען צו באַווירקן זי זאָל איבער־בלייבן. מ׳האָט איר אָנגעבאָטן כלערליי לוקסוס־זאַכן. אָבער מאַרישאַן האָבן די לוקסוס־זאַכן נישט באַגייסטערט. זי האָט געטראַכט, אַז פונקט ווי איר, וועט אויך וולאַדעק אַזעלכע זאַכן, ווי שיינע קליידער, אַ רייכע וואוינונג, אַן אויטאָמאָביל, נישט לאָקן. ער איז אַן ערנסטער מענטש און דרינגט־אַריין טיפער אין לעבן, ווי בלויז אין דעם וואָס געלט קאָן געבן. ער טראַכט וועגן העלפן שאַפן אַ לעבן, וואָס זאָל אַוועקנעמען פון מענטשן די זאָרג, וואו נעמט מען אויף ברויט, כדי דער מענטש זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך די לאַסט פון פרנסה און קאָנען שטרעבן צו מער שעפערישע דערגרייכונגען פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט. דאָס שטייט ביי אים העכער פון יעדן לוקסוס. איז ווי אַזוי קאָן זי אים צורעדן ער זאָל קומען אַהער?

מאַרישאַ ווייסט, ווי שווער ער אַרבעט בייטאָג און לערנט זיך אין די אָוונטן צו ווערן אַן אינזשיניער. ער שטרעבט צו קאָנען באַרייכערן די געזעלשאַפט, שאַפט עפּעס וואָס זאָל זיין נוצלעך, צו פאַרגרינגערן דעם מענטשנס לעבן. זי וואָלט וועלן העלפן אים דערגרייכן זיין ציל. און דאָ רעדט אין איר אַריין די מומע פייגע מיט אירע פרומע רייד, זי זאָל דאָ פאַרבלייבן און האַלט אין איין זאָגן:

— מאַשע טייערע, דו דאַרפסט געדענקען די נשמות פון דיינע פאַרפייניקטע טאַטע־מאַמע, פון דיינע ברידער און באָבע־זיידע. כדי זיי זאָלן רוען אין גן־עדן, מוסטו זיך אומקערן צו יידן און יידישקייט. דו ביסט דאָך דער איינציקער זכר פון זיי. דיין קינד דאַרף זיין אַ ייד.

מאַשע האָט אויף איר געקוקט מיט שטאַרע בליקן. פּאָר אירע אויגן האָבן אַ שוועב־געטאָן די עלטערן, ווי זיי וואָלטן בעטן מיט אויסגע־שטרעקטע הענט:

— קינד, דער נס, וואָס דו ביסט ניצול געוואָרן פון טויט, איז דאָך כדי דו זאָלסט ווייטער פאַרזעצן די טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק. דו טאָרסט נישט פאַרפרעמדט ווערן פון דיין שטאַם.

מאַרישאַן האָט זיך אין יענער רגע געדאַכט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר אָפּגעשטעלט. דער מומעס רייד האָבן געלעכערט איר ברוסט. זיי זשומען אין אירע אויערן און עקבערן איר מוח.

אין דערזעלבער צייט גייט איר נאָך אַ געדאַנק:

דאָס וואָס איך בין געבליבן לעבן, איז דאָך אַ דאַנק וולאַדעקס מוטער, אַדאַנק וולאַדעקן און זיינע ברידער. זיי זענען דאָך געווען מיינע מלאכים. ווי אַזוי קאָן איך זיי פאַרלאָזן?

מיטאַמאָל האָט זי דערפילט אַ פאַרדרוס אויף אירע אייגענע, פאַר־וואָס זיי רעדן זי צו צו אַן אומרעכט, צו אַ נישט־יושרדיקן שריט, אַז זי זאָל דאָ בלייבן. זי האָט דאָך זיך געגעבן דאָס וואָרט, זי זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם גרויסן חסד, וואָס מען האָט מיט איר געטאָן; זי זאָל יענע מענטשן שטענדיק בענטשן, קיינמאָל קיין שלעכטס נישט טאָן. מיט איר אַוועקרייסן זיך פון זיי, וועט זי דאָך זיי שטאַרק ווי־טאָן; זי וועט קעגן איר מאַן און דער מוטער באַגיין אַ פאַרברעכן. ווי קאָן זי גאָר וועגן אַזעלכעס טראַכטן? — צום טייוול מיט אַזעלכע געדאַנקען! — גיט זי אַ בייזן מורמל. — אָ, ניין! איך וועל דאָ אָן וולאַדעקן נישט בלייבן! — האָט זי צו זיך אויפן קול אויסגעשריגן.

זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט און אויסגעווישט אַ טרער פון אַ ווינקל אויג. זי איז עטוואָס רואיקער געוואָרן. זי האָט דערפילט אַ פאַר־לייכטערונג אין איר שווער געמיט. ענדלעך האָט זי גובר געווען דעם געראַנגל מיט אירע געפילן, וואָס האָבן זי געמאַטערט.

נאָך פיל טראַכטן האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנטשלאָסן געזאָגט צו אירע אייגענע:

— איך פאָר אַהיים צו מיין מאַן!

די טאַנטע מיטן אָנקל האָבן שווייגנדיק זי אָנגעקוקט מיט שטאַרע אויגן, גלייך, זיי וואָלטן פאַרגליווערט געוואָרן פון מאַרישאַס פעסטן באַ־שלוס.

נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן האָט די טאַנטע ווידער אָנגעהויבן איר מוסרן:

— דאָס הייסט, דו רוקסט זיך אָפּ פון דיין שטאַם? דו פאַרגעסט ווער דיינע עלטערן זענען געווען?

מאַרישאַ האָט זיך היסטעריש צעוויינט. ווען זי איז צו זיך געקומען האָט זי בייז אַ זאָג־געטאָן:

— איך בעט איך, הערט־אויף מיך פּייניקן מיט אייערע שטראָף־רייד. איך קאָן נישט אַנדערש. איך וועל נישט פאַרלאָזן מיין מאַן, נישט אָפּרייסן מיין קינד פון זיין טאַטן. וואָס שייך מיין שטאַם, קאָנט איר זיין זיכער, איך וועל אים תמיד טראָגן אין מיין האַרץ וואו איך וועל זיין. מיינע אומגעבראַכטע עלטערן דורך די היטלערישע מערדער, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זיי וועלן מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב חתונה געהאַט מיט וולאַדעקן. זייערע פאַרפּייניקטע נשמות זענען געהייליקטע. זיי מוזן, זיי וועלן רוען אין ליכטיקן גן־עדן.

פאַר מאַרישאַן און אירע אייגענע האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אומהיימ־לעכע טעג.

שטיל און פּאַמעלעך האָט מאַרישאַ זיך געגרייט צוריק אין וועג אַריין.

ענדלעך איז זי מיטן יינגעלע אַרויף אויף דער שיף.

דאָס קינד איז געווען פריילעך, וואָס ער פאָרט זען זיין פאָטער.

אויפן דעק האָט מאַרישאַ גענומען דאָס קינד אויף די הענט, אים צום האַרצן געדריקט. זי האָט אירע פאַרנעפּלטע אויגן נישט אַראָפּגע־לאָזט פון די נעאָנטע, וואָס זענען געקומען מיט איר זיך געזעגענען. שווער איז געווען די צעשיידונג.

מיט בענקשאַפט און טרערן האָט די משפחה באַגלייט מאַרישאַן, לאַנג נאָכגעקוקט די אַוועקשווימענדיקע שיף...

אַ שטילע חתונה

די ישראלדיקע יולי־זון האָט אומרחמנותדיק געברענט אַ גאַנצן טאָג, גע־שפּרייט אירע פלאַמיקע שטראַלן, געגליט די טרוקענע ערד.

ערטערווייז האָבן זיך אויפן העל־בלויען הימל באַוויזן ווייסלעכע וואָלקנדלעך, ווי שוימיקע כוואַליעס אויף אַ לויטערן טייך. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די וואָלקנדלעך רוקן זיך צו דער זון, וועלן באַלד פאַרשטעלן דעם בלענדנדיקן דרויסן, נאָר די וואָלקנדלעך זענען געקראָכן לאַנגזאַם, ווי מידע שאָף.

אין איינעם אַזאַ הייסן, וואָכעדיקן יולי־טאָג איז נינאַ פייגנבלאַט גע־קומען פון אַמעריקע צו זען זיך מיט איר קרוב נתן מאַנדעלבוים, אין שטעטל נוה שאנן (נעווע שאַאַנאַן), וואו ער וואוינט.

נתן האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיטן גאַסט. נאָך איידער נינאַ האָט באַוויזן נאָכצופרעגן זיך, ווי אַזוי אים גייט אין ישראל, האָט ער מיט גרויס פרייד געזאָגט צו איר:

— נינאָטשקאַ, דו ביזט געקומען אין דער ריכטיקער צייט. מיין ברו־דער יאָסל האָט חתונה אין עטלעכע טעג אַרום. אויב דו ווילסט, קאָנסטו ביי אונדז בלייבן ביז איבער שבת; אויב נישט, קום צו אונדז דינסטאָג וועלן מיר פאָרן צוזאַמען. דו וועסט זיין ביי אונדז דער סאַמע אָנגע־לייגטער גאַסט אויף דער חתונה.

— בלייבן דאָ קאָן איך נישט, אָבער איך וועל זיכער קומען דינסטאָג, האָט נינא מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג.

רבקה, נתנס ווייב, האָט צוגעגעבן:

— קומט פרי, פון נוה שאנן צום דאָרף (קפאַר) כפר חיים, וואו די חתונה וועט פאָרקומען, איז אַ ווייטער וועג צו פאָרן.

— זאָרגט זיך נישט, איר וועט אויף מיר נישט דאַרפן וואַרטן, — האָט איר נינאַ פאַרזיכערט.

נינאַ איז דעם טאָג פון דער חתונה געקומען אַרום מיטאָג־צייט צו איר קרוב. נתן איז געזעסן ביי דער ניי־מאַשין און געאַרבעט ביי זיין שניידעריי. רבקה האָט צוגעגרייט כיבוד פאַרן גאַסט.

ס'איז געוואָרן פאַרנאַכט: נינאַ האָט נישט געזען, זיי זאָלן זיך גרייטן צו דער חתונה. נתן האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן די קרובים,

וואָס די היטלעריסטן האָבן אומגעבראַכט. ווען ער איז אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט נינאַ געפרעגט:

— ווי קומט עס, וואָס יאָסל איז נאָך נישטאָ, ער פאָרט נישט מיט אונדז?

נינאַ האָט יאָסלען נישט געקענט. ווען זי איז אַוועקגעפאָרן פון דער אַלטער היים, איז ער נאָך נישט געהאַט געווען געבוירן.

— ער פאָרט מיט אונדז. ער אַרבעט ווייט פון דאַנען, נעמט אים לאַנג אַהיים צו קומען, — האָט נתן איר דערקלערט.

יאָסל איז אַריינגעקומען. ווען ער האָט דערזען נינאַן, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז די קוזינע פון אַמעריקע, וועגן וועלכער נתן האָט אים דערציילט. ער איז צוגעקומען צו איר און געזאָגט:

— דאָס איז נעכע? — און איר געגעבן די האַנט. ער האָט זיך גע־זעצט צום טיש; רבקה האָט אים דערלאַנגט עפּעס צו עסן.

נינאַ האָט אים אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט נישט געגלויבט, אַז דאָס קליינע דאַרע בחורל, וואָס קוקט־אויס ווי אַ פופצן־יאָריק יינגל, איז דער חתן. זיינע גלייכע בלאָנדע האָר זענען געווען צעפּאַטלט, און אין די העל־גרויע קליינע אויגן איז געלעגן אַ טיפער אומעט. ער האָט זייער וויניק געגעסן, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט ער אומרואיק זיך אויפ־געהויבן פון טיש און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער זיך ראַזירן.

נתן האָט באַמערקט, ווי נינאַ האָט פאַרוואונדערט אויף אים געקוקט. האָט ער זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון דער ניי־מאַשין, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און געזאָגט צו איר:

— דו זעסט דאָס קליינע, דאַרע בחורל, וואָס זעט־אויס ווי אַ יינגל? ער איז שוין אַכט־און־צוואַנציק יאָר אַלט. די היטלער־פּלאָג האָט פון אים געמאַכט אַ תל, פאַרוויסט און פאַרפינצטערט זיין לעבן. ער קאָן נאָך ביז איצט נישט קומען צו זיך. ווען די היטלער־מגפה האָט אויסגעבראָכן, איז ער נאָך קיין גאַנצע אַכט יאָר נישט אַלט געווען. ווען היטלערס אַרמיי איז באַפאַלן פוילן, איז באַלד געוואָרן אַ בהלה. צווישן יידן איז געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

אונדזערע עלטערן האָבן געוואוינט אין ווענגראָוו. איך מיט מיין פאַמיליע האָבן געוואוינט אין ביאַליסטאָק. אויפן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין לאַנד, האָב איך גענומען מיין פרוי מיט די דריי פּיצלעך קינדער, פאַרפּאַקט עטלעכע זאַכן,

וואָס מען האָט געקאָנט מיטנעמען, און מיר זענען געלאָפן צו דער סאָ־וועטישער גרענעץ. אַדאַנק דעם וואָס אונדז איז געלונגען זיך צו דער־שלאָגן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זענען מיר אַלע געבליבן לעבן.

די עלטערן מיט די פיר קינדער, דריי ייִנגלעך און אַ מיידל, פון וועלכע יאָסל איז געווען דער ייִנגסטער, זענען אויך געלאָפן זיך צו ראַטעווען פון די היטלערישע מערדער. דער געדראַנג פון די פליטים אויף די וועגן איז געווען מוראדיק. יאָסל האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין דער ענגשאַפט פון די מענטשן־מאַסן און ער האָט פאַרלוירן די עלטערן, די ברידער מיט די שוועסטער. גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישן פרעמדע. אַריינקומענדיק אין אַ דאָרף, האָט ער זיך אָוועקגע־זעצט אויף די טרעפּלעך פון אַ הייזל און געוויינט. אַ פּוילישע פרוי איז אַרויסגעקומען און אים געפרעגט, וואָס ער וויינט. האָט ער געזאָגט: „איך בין הונגעריק". האָט זי אים געגעבן אַ האַלבן לאַבן ברויט. ער האָט געהאַט אויף דריי טעג צו עסן. און איז ווייטער געגאַנגען איבער אומ־באַקאַנטע וועגן. אויף אַ פּוסטן פעלד האָט ער דערזען אַ יענגעלקע־בוים. האָט ער די אַראָפּגעפאַלענע, האַלב־פאַרפוילטע יענגעלקעס (פעלד־באַרנע־לעך) געקליבן און געגעסן. צוויי נעכט איז ער געשלאָפן אונטערן בוים, דערנאָך איז ער ווייטער געגאַנגען, ביז ער איז אַ מידער, אַ פאַרשמאַכטער, אַוועקגעפאַלן אויף אַ פעלד. פּלוצלינג האָט ער דערפילט, ווי עמעצער רירט־אָן זיין פּנים, גלעט אים איבערן קאָפּ. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער אין דער נאַכטיקער פינצטערניש דערזען, אַ יונגער בחור שטייט לעבן אים.

דער בחור פרעגט אים:

— ווי אַזוי הייסטו, ייִנגעלע? — זאָגט ער „יאָסל". האָט יענער אים אַ כאַפּ־געטאָן אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן אין וואַלד אַריין. ווען יאָסל איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזען, אַז ער זיצט אין אַ ביידל פאַרלייגט מיט צווייגן. אין ביידל זענען געווען אַכט מענער מיט איין פרוי; צווישן זיי איז געווען איין פאָלאַק. די פרוי האָט אים גע־געבן קאַשע מיט מילך. אינדערפרי האָבן אַלע מענער געגראָבן אַ לאַנגן און ברייטן גרוב, וואו זיי האָבן שפּעטער דאָרט אַלע געוואוינט. די פרוי האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן, שיינדעלע האָט זי געהייסן. זי איז געווען צו אים ווי אַ מאַמע. אָבער ער האָט דאָרט אויך געליטן הונגער און קעלט צוזאַמען מיט די אַנדערע. דער טויט האָט אויף זיי געלויערט פון אַלע זייטן. ער האָט געזען, אַז יעדע נאַכט באַלאָדן זיך אַנדערע צוויי מענער

מיט געוועט און גייען אַוועק. די, וואָס בלייבן, זענען אומרואיק און צי־טערן, ביז זיי דערזעען זיי צוריקקומען. אַמאָל ברענגען די מענער שפּייז און דערציילן שטיל, וואָס זיי האָבן אויסגעפונען דורך דער נאַכט. אַמאָל קומט אַ פייער סטעפּאַן, ברענגט עפּעס אין פּעקלעך, און אַלע פרייען זיך.

צו ניין יאָר האָט שוין יאָסל געוואוסט ווי אַזוי צו נוצן אַ רעוואָלווער און אַ ביקס. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן מיטגיין מיט די מענער אויף די ביינאַכטיקע אויסשפּירונגען. דערנאָך פלעגט מען אים שיקן אויף וויכטיקע שליחותן. ער האָט גענומען אָנטייל און אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין דער פּאַרטיזאַנען־אַרבעט, אין די קאַמפן קעגן די נאַציס. צו זייער גרופּע זענען שפּעטער צוגעקומען נאָך דריי מענער מיט אַ מיידל.

דער בחור, וואָס האָט אים געבראַכט אין וואַלד אַריין, איז דער ערשטער אומגעקומען אין קאַמף קעגן די נאַציס בעת זיין נאַכטיקער אויסשפּירונג. שפּעטער זענען נאָך צוויי מענער נישט צוריקגעקומען. צום לעצט איז דער פּאָלאַק געפאַלן אין אַ שלאַכט קעגן די היטלעריסטן.

נאָך דער מלחמה איז יאָסל געקומען אַן אויסגעמאַטערטער קיין וואַרשע־ לאָווו. דאָרט האָט מען אים אַריינגענומען אין אַ ספּעציעלן פּלאַץ מיט נאָך פּאַריתומטע, היימלאָזע קינדער. די קינדער זענען געגאַנגען אין אַ שול, זיך געלערנט לייענען און שרייבן. אין דערזעלבער צייט האָט מען זיי געלערנט אַ מלאכה. יאָסל האָט אויסגעקליבן סטאָליערײַ.

נתן האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דערציילט: — שפּע־ טער בין איך מיט מיין פאַמיליע צוריקגעקומען קיין פּוילן מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל אפשר געפינען די עלטערן, די ברידער אָדער די שוועסטער. אָבער איך האָב פון קיינעם קיין שפּור נישט געפונען. וואו די עלטערן מיט די אַנדערע דריי קינדער זענען אַהינגעקומען, ווייסן מיר נישט ביז היינט. אַז איך האָב דערזען דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס היטלער האָט אָנגעמאַכט אין פּוילן, האָב איך מער נישט געקאָנט דאָרט בלייבן, און מיר זענען געפאָרן קיין ישראל, צו מיין פרויס אַ שוועסטער.

עס זענען אַוועק יאָרן. איך האָב געהאַלטן אין איין מעלדן אין די צייטונגען, אַז איך זוך מיינע אייגענע; דאָס זעלבע האָט יאָסל געטאָן, ביז איך האָב געלייענט אין אַ צייטונג, אַז יאָסל מאַנדעלבוים זוכט זיין משפחה. איך האָב זיך מיט אים באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג און האָב אָנ־ גענומען מיטלען, ער זאָל אַריבערקומען אַהער. דאָ אַרבעט ער אַלס סטאָליער און פאַרדינט נישט שלעכט, אָבער דער קאָשמאַר פון די שוי־ דערלעך שווערע יאָרן מאַטערט אים נאָך אַלץ.

ס'האָבן אָנגעהויבן קומען נתנס דריי טעכטער מיט די אײדימס און זייערע קינדער. נתן, אַ געריררטער פון דעם דערציילן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען די נאָדל צום נייען.

דאָס קליינוואַרג האָט געשטיפט און געטומלט; די דערוואַקסענע האָבן גערעדט מיטן גאַסט. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער אויפן הימל. די עלטערע טאָכטער איז צוגעקומען צום פאָטער מיט אַ טענה און געזאָגט:

— טאַטע! ווערסט שוין היינט האָבן גענוג געאַרבעט. מיר דאַרפן פאָרן. שפּעטער וועלן מיר נישט האָבן קיין אויטאָבוס קיין כפר חיים.

נתן האָט גוטמוטיק געזאָגט:

— זאָרג נישט, מיין טאָכטער. יאָסל האָט באַשטעלט אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ, אַז אַלע זאָלן קאָנען אַריין. — ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער מאַשין און פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— איך בין גרייט צו פאָרן רבקה. וואו האָסטו די זאַכן, וואָס מיר דאַרפן מיטנעמען?

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט דער רויש פונעם צוגעקומענעם לאַסט־אויטאָ. יאָסל האָט פאַרמאַכט דאָס רענצל, אין וועלכן ער האָט געהאַט זיינע חתונה־קליידער.

די קינדער זענען די ערשטע אַרויסגעלאָפן מיט אַ געפּילדער, אַריינגעקוקט אין אויטאָ. אויף ביידע זייטן זענען אויף קלעצער געלעגן פּראָסטע, נישט־געהובלטע ברעטער, באַלד זענען אַלע פון שטוב אַרויסגעקומען מיט פּעקלעך און רענצלעך. די מענער האָבן געהאָלפן די פרויען אַריינקריכן דורך דער ברייטער הינטערשטער טיר. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט.

דער מאָטאָר האָט זיך צעזשומעט מיט גרויס רעש. דער לאַסט־אויטאָ איז אָפּגעפאָרן עטלעכע גאַסן און איז געבליבן שטיין. נתנס ייִנגערער אײדעם בייגט זיך אַריבער צום שאָפער און פרעגט מיט שרעק:

— וואָס איז געשען?

— דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן! — זאָגט דער שאָפער פאַרצווייפלט, שפּרינגט אַראָפּ פון אויטאָ, הויבט־אויף דאָס דעכל פון מאָטאָר, קוקט אַריין, פּרוּווט עפּעס אַ דריי־טאָן, נאָר עס העלפט נישט. דער לאַסט־אויטאָ קאָן זיך נישט רירן פון אָרט.

אַלע האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון אויטאָ. רבקה איז געוואָרן אומרואיק. זי האָט געהאַלטן אין איין פרעגן:

— קינדער, וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועלן מיר טאָן? קיין אויטאָבוסן גייען שוין איצט נישט קיין כפר חיים.

דער יינגערער איידעם בייזערט זיך אויפן שאָפער און שרייט:

— וואָס זייט איר געקומען מיט אַ שברי־כלי? ס׳איז דאָך אַ חתונה, מיר דאַרפן קומען אין צייט.

— ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז דער מאָטאָר וועט פּלוצלינג קאַליע ווערן? — פאַרענטפערט זיך דער שאָפער, אַ שולדיקער.

די עלטערע טאָכטער זאָגט:

— לאָמיר נעמען טעקסיס. מיר מוזן דאָך פאָרן!

די אַנדערע שוועסטער קוקן זי אָן, גלייך ווי זי וואָלט נישט געווען ביים זינען.

די מוטער רופט זיך אָן אין פאַרצווייפלונג:

— מיר דאַרפן וויניקסטנס כאָטש דריי טעקסיס. וואו וועלן מיר זיי קריגן דאָ אויף דער מינוט? און פאַר אַ טעקסי וועט מען זיך הייסן באַצאָלן ווער ווייסט וויפל! עס וועט דאָך קאָסטן אַ פאַרמעגן.

דאָ האָט זיך בינאַ אָנגערופן:

— וועגן קאָסטן קאָן מען זיך אין אַזאַ צייט נישט רעכענען. — וועלנדיק זיי טרייסטן, האָט זי צוגעגעבן: — זייט צופרידן, וואָס דאָס האָט געטראָפן אין שטאָט. ווען דאָס טרעפט חלילה אינמיטן וועג, וואָלט גאָר געווען שלעכט. דאָ וועט מען פאָרט קאָנען עפּעס קריגן.

דער שאָפער איז אַרויסגעקראָכן פון צווישן די רעדער און געזאָגט:

— איך קאָן מיט דער מאַשין גאָרנישט טאָן, נאָר שרעקט זיך נישט. איך וועל טעלאָפאָנירן, וועט מען צושיקן אַן אַנדער אויטאָ.

ער איז אַוועק זוכן אַ טעלעפאָן.

דער טאָג האָט זיך געלאָשן. די מענער האָבן אומרואיק געשפּאַנט אַהין־און־צוריק; די פרויען האָבן אין פאַרצווייפלונג גערעדט צווישן זיך; די מאַמעס האָבן געשריגן אויף די קינדער, זיי זאָלן זיין שטיל. דאָס קליינוואַרג איז פון דער פּאַסירונג געווען גראַד צופרידן. זיי זענען אַריין און אַרויס פון אויטאָ, זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש, געטומלט און געלאַכט:

די עלטערע טאָכטער איז אַרויס פון געדולד:

— ווער ווייסט, צי עס וועט קומען אַן אַנדער אויטאָ און ווען ער וועט זיך באַווייזן? די צייט שטייט נישט; ס׳ווערט שפּעט. מיר דאַרפן זען, וואָס מען קאָן טאָן. אפשר זאָל מען זען קריגן פּריוואַטע אויטאָמאָבילן?

דער חתן האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער.

דער שאַפער איז אָנגעקומען און האָט פריילעך אַ זאָג־געטאָן:

— ס׳וועט באַלד קומען אַ צווייטער אויטאָ.

אַלע האָבן זיך דערפרייט. דער שאָפער ציילט די מענטשן און זאָגט:

— דער אויטאָ איז אַ קלענערער; ניינצן וועלן זיך נישט קאָנען אויסזעצן. די קינדער וועלן דאַרפן זיצן ביי די עלטערן אויף די קני.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער לאַסט־אויטאָמאָביל. דער שאָפער האָט אַרויסגענומען פון אינעווייניק אַ הילצערן קעסטל, אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד, ס׳זאָל זיין גרינגער אַריינצוקריכן. דער לאַסט־אויטאָמאָביל האָט אויסגעקוקט ווי אַ ציגיינערשע בויד. די ווענטלעך מיטן דאַך פון גראָבער לייוונט; ערטערווייז איז דאָס לייוונט געווען צעלעכערט. דאָס קליינוואַרג האָט אַריינגעשטעקט די פינגער אין די לעכער און אַרויסגעקוקט אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט.

— גאָט צו דאַנקען, אַבי מיר פאָרן שוין, — האָט רבקה שטיל אַ מורמל געטאָן.

די זון האָט שוין אַראָפּגענידערט צום סאַמע ראַנד פון דער ערד; זיך געגרייט צו איר נאַכטלעגער. מיט די לעצטע, אָפּגעקילטע, אָבער נאָך אַלץ שאַרפע שטראַלן האָט זי באַגלייט דעם שנעל־לויפנדיקן אויטאָ, וואָס האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך די שטאָט מיט די הייזער. עס האָבן זיך צעפינקלט שוואַכע פלעמלעך פון די לאָמטערנס אויף די גאַסן, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן מיטגעלאָפן, נאָכגעיאָגט דעם וואָגן מיט די מענטשן.

די רעדער זענען אַרויף אויף אַ נישט־גלאַטן וועג. דער וואָגן האָט אָנגעהויבן שפּרינגען אַראָפּ־און־אַרויף, געטרייסלט; די מענטשן זענען קוים איינגעזעסן אויף די ערטער.

דאָס טרוקענע זאַמד פון אונטער די רעדער האָט זיך געהויבן ווי אַ נעפּל דורך די לעכער און האַלב־אָפענער טיר, פאַרשאָטן די מענטשן מיט אַ געדיכטן שטויב.

דער חתן איז געזעסן לעבן דער טיר אַ פאַרשטויבטער, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. זיין בלייך פּנים איז געווען ערנסט, ווי ער וואָלט וועגן עפּעס גאָר וויכטיקעס געטראַכט. אין זיין געדאַנק האָבן אויפגעוואַכט זיינע ביטערע קינדער־יאָרן פון איינזאַמקייט, פון הונגער, פּיין און עלנט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער צייט, ווען ער איז געלעגן אין וורצלאַוו זייער קראַנק. ווי שטאַרק ער האָט געבענקט נאָך אַ וואַרעמען בליק, נאָך אַ צערטלעכן גלעט פון אַ מאַמעס האַנט, נאָך אַ ליב וואָרט פון אַ נאָענטן

מענטשן! די שפּיטאָל־באַדינער זענען געווען פאַריאָגט, פאַרנומען מיט צופּיל קראַנקע.

ווי דורך אַ נס איז ער פון אַלע אָנשיקעניש אַרויסגעקראָכן, געבליבן לעבן. איצט פאָרט ער חתונה האָבן, אָנהייבן אַ נאָרמאַל, מענטשלעך לעבן.

— דאָניע, זיין כלה, — טראַכט ער, — וועט אים געבן די ליבשאַפט און די צערטלעכקייט, וואָס ער האָט נישט געהאַט אין זיין פאַרגאַנגענהייט. ער וויל זיך אָננעמען מיט פרייד. עס פאַרדריסט אים, וואָס דער קאָשמאַר פון יענע יאָרן האָט זיך איצט צו אים אַריינגעריסן און שוואַכט־אָפּ זיין פרייד. ער ראַנגלט זיך מיט די געדאַנקען; ער וויל אָנהאַלטן די פרייד פון איצט, נאָר דאָס אַלץ פלאָנטערט זיך אין זיין מוח. ער פילט, אַז די וואונד האָט באַקומען אַ היילונג, נאָר די פּלאָג פון פאַרניכטונג, דאָס אומברענגען זיינע נאָענטסטע און ליבסטע, קאָן ער נישט פאַרגעסן. דאָס אַלץ גייט אים נאָך און מאַטערט אים; לאָזט נישט צו אים צו קיין פולע פרייד.

די זון האָט זיך אין דער העלפט אַריינגערוקט אין דעם ערד־זוים, אַרויסגעשטעקט, ווי אַ האַלבער, גלאַנציקער, קופּערנער טעלער און איז אין די פלאַמען פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שטיק צעפלאַקערטן הימל־פּאַס.

דער אַרום האָט אָנגעהויבן טונקלען; דער הימל איז בלויער און העכער געוואָרן. די ערד האָט זיך אָנגעהויבן אָפּקילן פון בייטאָגיקן זון־גלי. דער דרויסן האָט געאָטעמט מיט קילער פרישקייט.

דער לאָסט־אויטאָ האָט זיך מיט אימפּעט געטראָגן, פאַרבייגעלאָפן זאַמדיקע, שטיינערנע פעלדער מיט מאָגערע גראָזן.

אויפן הימל האָבן זיך צעפינקלט גרויסע, ליכטיקע שטערן מיט אַ שימערדיקן גלאַנץ.

אין אויטאָ איז געוואָרן שטיל. די קינדער האָבן אין דער טונקלקייט זיך געטוליעט צו די עלטערן. קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט.

מיטאַמאָל האָבן די רעדער זיך אָנגעהויבן שווער און פאַמעלעך צו באַוועגן. דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אין טיפע זאַמדן. אַלע האָבן גענומען אַרויסקוקן, ווער דורך דער האַלב־אָפענער טיר, ווער דורך די לעכער פון די לייוונטענע ווענטלעך.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. אַ פולע לבנה מיט גרויסע און קלענערע שטערן האָבן געלויכטן אויף אַ לויטערן, טונקל־בלויען הימל. אין דער נאַכטיקער ליכטיקייט האָבן זיי דערזען מאַטע פלעמלעך אַרויס־

שיינען פון נידעריקע הייזלעך. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי פאָרן־אַריין אין כפר־חיים. יעדן האָט אַרומגענומען אַ פריידיק געפיל. מיטאַמאָל איז אַוועק פון זיי די שרעק.

לעבן אַ גרויס טאָפּלט הויז, מיט אַ לאַנגער ווערענדע, וואָס האָט געדינט פאַר צוויי פאַמיליעס, האָט דער לאַסט־וואָגן פאַמעלעך זיך אָפּ־געשטעלט.

דער שאָפער איז פלינק אַראָפּגעשפרונגען, אַ צופרידענער אויפגע־עפנט די גאַנצע הינטערשטע טיר, און פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— אין אַ מזלדיקער שעה! מיר זענען אָנגעקומען אין צייט.

דאָס קליינוואַרג האָט זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער טיר אַראָפּצושפּרינגען, נאָר דער שאָפער האָט יעדעס קינד אָנגענומען ביי אַ הענטל, פאָרזיכטיק אַראָפּגענומען, דערנאָך האָט ער געהאָלפן די פרויען אַראָפּגיין. די מע־נער האָבן גענומען די פּעקלעך מיט די רענצלעך. אַלע זענען אַרויף אויף דער לאַנגער ווערענדע, וואו עס זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן חתן מיט די געסט פון נוה־שאַנן.

נינאַ האָט געוואָלט זען, ווי אַזוי עס קוקט־אויס אַ ישראל־דאָרף. זי איז אַוועק אויפן זאַמדיקן וועג. זי האָט באַוואונדערט, וואָס יעדעס הויז איז דאָרט איינגעטונקען אין גרינס, אַרומגענומען מיטביימער און בלומען. גייענדיק אין די טיפע זאַמדן, האָט זי לעבן אַ שיין הויז דערזען אַן אָפענע שטאַל מיט פיר קי. זי האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער אָפענער טיר, באַטראַכטן די זאַטע קי, ווי זיי שאָקלען פאַמעלעך מיט די קעפּ, מאַלעגיירען מיט זייערע פייכטע, סלינעדיגע מאָרדעס, טרייבן די פליגן מיט די עקן, שטייען אויף נאַסן שטרוי, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ ריח פון מיסט, פונקט ווי אין אַמאָליקן פוילישן דאָרף, וואו זי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז צוגאַסט אין איר אַלטער היים. אַלץ, וואָס זי האָט דאָרט געזען, איז איר געוואָרן היי־מיש און ליב.

אין דאָרף האָט זיך געטומלט. אַלע זענען געווען פאַרנומען מיט דער חתונה. שכנים זענען געלאָפן איבערן וועג אַהין־און־צוריק פון זייערע שטיבער צום הויז וואו די חתונה דאַרף פאָרקומען. מען האָט געטראָגן טעפּ מיט קאַשע און צימעס, פאַנען מיט געפילטע פיש, בעקנס געבראָ־טענע הינער, טאַצן מיט טאָרטן און לעקעך. אַן עלטערע פרוי האָט גע־טראָגן אַ גרויסן צוויי־אויערנדיקן, שטרויענעם קויש מיט פריש־געבאַ־

קענע קוילעטשן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען לעבן נינאַן און אָנ־געהויבן צו איר רעדן, ווי צו אַ באַקאַנטן היימישן מענטש:

— די כלה איז נעבעך אַ קיילעכדיקע יתומה, אַ דערשלאָגענע פון דער וויסטער היטלער־מלחמה. די פוילישע פרוי, וואָס האָט זי אויס־באַהאַלטן פון די היטלערישע מערדער, האָט זי נישט געוואָלט אַוועקגעבן. זי האָט גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז איר קינד: זי האָט זי געהאָדעוועט פון זינט זי איז אַ יאָר אַלט געווען, ווען איר מאַמע האָט זי ביי איר איבער־געלאָזט; אַז זי איז גענוג צרות פון איר אויסגעשטאַנען; זי האָט איינ־געשטעלט איר לעבן צוליב איר; אויסבאַהאַלטן זי פון די היטלעריסטן, געהיילט זי פון אירע שווערע קראַנקהייטן, אַרויסגענומען זי פון אַלע צרות, און זי איז שוין אַ היפּש מיידל, וויל זי איצט זי נישט אַוועקגעבן.

נינאַ האָט פאַרגאַפּט געקוקט דער פרוי אין מויל אַריין, און יענע האָט אַן אָפּשטעל געהאַלטן אין איין רעדן:

— ס׳איז אַ סברה, — זאָגט זי, — אַז דאָס מיידל אַליין האָט אויך נישט געוואָלט פון דער פוילישער פרוי אַוועקגיין. ס׳איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערים זי אַרויסצונעמען. מען שמועסט, אַז זי בענקט נאָך ביז איצט נאָך דער פוילישער פרוי. צו אַלע צרות איז נאָך די מומע, ביי וועמען זי איז, אַ קראַנקע, קוים וואָס זי לעבט. די שכנים האָבן געדאַרפט אַלץ צוגרייטן פאַר דער חתונה.

די אַלטע פרוי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ, און זיך אַראָפּ־געבויגן צו נעמען דעם קויש. נינאַ האָט שווייגנדיק אָנגענומען אַן „אויער״ פון קויש, און געהאָלפן טראָגן די קוילעטשן.

אין הויז איז געווען אַ טומל. אַלע פיר צימערן זענען געווען פול מיט מענטשן. די געסט פון נוה־שאנן זענען געווען אין אַ באַזונדערן צימער, זיך געוואַשן און זיך איבערגעטאָן. די כלה איז געזעסן אין אַ ווינקל פון אַ גרויסן צימער, גלייך עס וואָלט איר גאַרנישט אָנגעגאַנגען, ווי דאָס אַלץ וואָס קומט־פאַר וואָלט נישט געהאַט צו טאָן מיט איר. לעבן איר זענען געזעסן דריי מיידלעך. צוויי האָבן געקוקט אויף דער כלה מיט ערנסטע בליקן, גלייך זיי וואָלטן זי באַדויערט, וואָס זי איז אַ יתומה, וואָס זי האָט זיך געדאַרפט האָדעווען ביי פרעמדע, אין שרעק און אין ציטערניש, אויסצומיידן דעם טויט. דאָס דריטע מיידל איז גע־ווען אַ באַריידעוודיקע, אַ שטיפערקע. זי האָט נישט געקאָנט איינזיצן רואיק. אַלע ווייל האָט זי זיך אויפגעהויבן, פאַרריכט דער כלהס האָר,

אויסגעגליכן איר קעלנערל ביים העל־ראָזלעכן קלייד, דערציילט מעשיות פון אַנדערע חתונות, געשפּאַסט, אַרויסגערופן אַ שמייכל אפילו ביי דער כלה.

אין דעם רונדיקן הויף הינטערן הויז האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן עלעקטרישע לעמפּלעך אויף פאַרצויגענע דראָטן ביי די פּרוכט־ביימער. צוויי יידן האָבן געטראָגן פיר דרענגלעך מיט דער חופּה. דאָס געדרעדעריי מיטן טומל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער חתן איז אַריינגעקומען אין צי־מער, וואו די כלה איז געזעסן. אין שטילקייט האָט ער אַרויפגעלייגט אַ ווייסן דינעם טול אויף אירע בלאָנדע געלאָקטע האָר. נתן מיט רבקהן האָבן אים גענומען אונטער די הענט און אַרויסגעפירט אויפן הויף. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטיל מיטצוגיין. אַן אַלטע פרוי האָט געטיילט ליכטלעך; אַ צווייטע האָט זיי אָנגעצונדן. די שוואַכע פלעמלעך פון די ליכטלעך האָבן זיך געטרייסלט, געוויגט פון אַ לייכטן ווינטל. די שטערן אויפן טיף־בלויען הימל האָבן מיט פּראַכט שימערירנדיק אַראָפּגעקוקט.

די מענטשן אַרום דער חופּה זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע. קוקנדיק אויף די פאַריתומטע חתן־כלה, האָט זיך ביי זיי אויפגעוועקט דער צער פון זייערע אייגענע אומגעקומענע אין די היטלעריסטישע שחיטות. פרויען האָבן שטיל געוויינט, געווישט די טרערן. מיט דער־זעלבער שטילקייט איז מען צוריקגעגאַנגען פון דער חופּה. קיין קלעזמער האָבן נישט געשפּילט; קיין מצווה־טענצל האָט קיינער נישט געטאַנצט. שטיל האָט מען זיך געזעצט ביי די ווייס־געדעקטע טישן, אויסגעשטעלטע ווי אַ „ח". איבער די טישן זענען אַראָפּגעהאַנגען נידעריקע צווייגן מיט רייפע פּרוכטן, נאָר מיטן מויל צו דערלאַנגען.

די טישטעכער זענען נאָס; די פּאַפּירענע סערוועטקעס — צעווייקט פון טוי. דער עולם האָט געגעסן די גוטע מאכלים שווייגנדיק. חתן־כלה האָבן אויך נישט גערעדט קיין וואָרט.

ביים סוף פונעם מאָלצייט איז פּאַמעלעך צוגעפאָרן נאָענט צו די טישן אַן אייזל־און־וועגעלע. דריי מענער האָבן פון וועגעלע אַרויסגענו־מען פלעשער מיט קאַלטע געטראַנקען, און זיי צעשטעלט אויף די טישן.

עפּל מיט רויטע בעקלעך און פאַרשידענע פלוימען האָבן מיט זאַפ־טיקער פרישקייט פאַרשמעקט דעם אַרום. די ביימער מיט די פּרוכטן האָבן אַרויסגעשיינט פון אונטער די עלעקטרישע לעמפּלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן געשמייכלט, געווען צופרידן און דאַנקבאַר, וואָס מען האָט זיי

דאָ אויפֿן זאַמדיקן באָדן געפּלאַנצט, וואו זיי וואַקסן גראַציעז און שפּייזן מענטשן.

נינאַן האָט זיך געדאַכט, אַז די ביימער מיט די פֿרוכטן פֿרייען זיך מיט דער שמחה, וואָס קומט־פֿאַר אונטער זייערע צווייגן. עס האָט זיך איר אויך געדאַכט, אַז פֿון דעם יונגן פּאָרל שטראַלט־אַרויס אַ טיפֿע פֿרייד — די פֿרייד, וואָס זיי זענען אַרויס מיטן לעבן פֿון דעם גרויסן חורבן, כּדי זיי זאָלן ווייטער וועבן, פֿאַרזעצן דאָס לעבן פֿונעם יידישן פֿאָלק, צו באַשאַפֿן נייע דורות אין אַ פֿרידלעכער וועלט.

דאָס קעסטל

די שיף אויפן ים באַוועגט זיך פּאַמעלעך און שווער, ווי אַ טראַגעדיקע חיה און שנײַדט פּאַר זיך אַ וועג פאַראויס.

דער ים, ווי ער וואָלט וועלן אײַנשלינגען די שיף, וואַרפט מיט רוגזה, שלײַדערט די שווערע מאַסע, און די שיף הוידעט זיך, בייגט דעם שנאָבל אַרויף און אַראָפּ, וואַרפט זיך אויף אַלע זײַטן אין געפּעכט מיט די שטורמישע, שוימיקע כוואַליעס און רוקט זיך אַלץ פאַראויס.

לייזער משה פינקלשטיין דרייט זיך אַרום אויפן דעק, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, כמעט איינער אַליין. ער שטופּט זיך נישט צווישן די מענטשן, ער זוכט נישט קיין פרײַנטשאַפט, נעמט נישט קיין אָנטייל אין קיין שמועסן. אַז עמעצער ווענדט זיך צו אים מיט עפּעס, ענטפערט ער אָפּ קורץ, אַבי יענעם אָפּצופּטרן. דרייט ער זיך אַרום און שווײַגט, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— טשעפּע מיך נישט, וועל איך דיך נישט טשעפּען!

מענטשן זעען פאַר זיך אַ מיטלוואוקסיקן, דאַרן ייד מיט אַ קורץ צוויי־שפּיציק, האַלב־שוואַרץ, האַלב־גרוי בערדל. אַן אומעטיקער, פאַר־דאגהטער דרייט ער זיך אַרום ביי די זייטן, לאָזט מען אים צורו און מען הערט־אויף צו קוקן אויף אים.

אַמאָל שטייט ער, קוקט אין ים אַרײַן, האַלט אַ שפּיץ פון בערדל און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט זאָגן אַ תפילה.

אין קאַבינע מיט דעם יידן געפינען זיך צוויי ברידער, יונגע לייט, געראַטעוועטע פון נאַצישע נעגל, וואָס פאָרן, פּונקט ווי ער, לייזער משה, קיין אַמעריקע.

דער ייד, — באַמערקן זיי, שטייט־אויף פאַרטאָג. ביז עס ווערט טאָג, זאָגט ער אָפּ אַ שטיק תהילים פון אויסנווייניק.

ווען עס הייבט־אָן צו טאָגן, טוט ער אָן דעם טלית און תפילין און שטעלט זיך דאַווענען. ער דאַוונט הויך אויפן קול, מיט טיפן ערנסט, ווי ער וואָלט זיך געווענדט מיט אַ ספּעציעלן געבעט צו גאָט.

זיין באַגאַזש באַשטייט פון אַ רענצל מיט אַ קעסטל. צום רענצל גייט ער צו עטלעכע מאָל אַ טאָג. דאָרט האַלט ער די שפּייז, וואָס ער

האָט מיטגענומען אויפֿן וועג צום עסן, און די זאַכן וואָס ער דאַרף האָבן אין וועג.

די עסנס, וואָס מען גיט אויף דער שיף, פֿאַרזוכט ער נישט, צוליב כשרות, שלעפּט ער דערפֿאַר אַלעמאָל אַרויס דאָס רענצל, פֿון וועלכן עס שמעקט אַרוים אַ געקנאָבלטער וואורשט מיט סוכאַרעס. ער שטעלט דאָס נאָכלעסיק אַוועק דאָ אויף איין אָרט, דאָ אויף אַן אַנדערן. אַמאָל לאָזט ער דאָס שטיין אינמיטן דער קאַבינע. עס אַרט אים נישט, אַז עמעצער זאָל עס אַ רוק צי אַ שלײדער טאָן, עס זאָל נישט זיין אין וועג.

אָבער מיטן קעסטל פֿירט ער זיך שוין גאָר אַנדערש. צו דעם באַ־ציט ער זיך מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ, היט דאָס אָפּ, ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיקע טייערע זאַך.

איינער פֿון די צוויי ברידער די מיטפֿאָרער, האָט זיך אויף דעם געוואָלט אָנשפּאַרן, איז דער ייד שנעל צוגעלאָפֿן און אים אָפּגעשטופּט.

— עס איז נישט צום זיצן! — האָט ער זיך געבייזערט און פֿאַר־זיכטיק דאָס גענומען, אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל לעבן זיין בעט, מיט אַ געפֿיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, עס זאָל זיך דאָרט עפּעס נישט צעברעכן.

דעם יידנס ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט צום קעסטל האָט די צוויי יונגע לייט שטאַרק נייגעריק געמאַכט צו דערגיין וואָס דער ייד פֿירט דאָרט.

דערצו איז דאָס נישט געווען גלאַט אַזוי, אַ פּראָסט קעסטל. עס איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרן פֿון אַ באַלמעלאָכע, לויט אַ באַשטעלונג. עס איז קיילעכדיק, אין פֿאָרעם פֿון אַ פּעסעלע, די הייך — פֿון אַ זיץ־בענקל, מיט אַ טירל און אַ שליסל־לעכל צו פֿאַרשליסן.

דער ייד האָט נישט געטרויט דעם שליסל, האָט ער דאָס נאָך אַרומ־געבונדן מיט שטאַרקע שטריק.

— ווער ווייסט, צי ס׳ליגט נישט דאָרט קיין גאָלד מיט דימענטן?

— טראַכטן די ברידער און עס וואַקסט ביי זיי דער נייגער. זיי ווילן וויסן, וואָס דאָרט געפֿינט זיך, וואָס דער ייד היט דאָס אָפּ ווי אַן אוצר.

די שיף שניידט אַלץ ווייטער דעם ים און רוקט זיך פֿאָראויס. די אָקטאָבער־טעג זענען קילע, אָבער ליכטיקע. יעדן באַגינען קריכט אַרויס די זון, ווי פֿון הינטערן וואַסער, שפּאַצירט זיך פֿאַוואָליע, קריכט אַרויף אַלעמאָל העכער און העכער אויפֿן לויטערן רונדיקן הימל און שפּילט זיך מיטן וואַסער.

אַמאָל פאַרציט זי אַ גאָלדענעם פאַס לענגאויס, אַמאָל פאַרוואַרפט זי די שטראַלן ווי מעש־גלאַנציקע רייפן, וואָס דרייען זיך אין אַ ראָד, און אַז די כוואַליעס צעברעכן דאָס ראָד, צעשפּריצט זי איבערן ים־פלאַך שטיקער גאָלד, לאָזט זיי שווימען, און זינקען אין דער טיפעניש פון ים.

לייזער משה האָט שוין זיין ווינקל אויפן דעק. ער קאָן דאָרט אָפּ־זיצן שעהן און קוקן אין דער ווייטקייט אַריין. אַז ער ווערט מיד פון זיצן, שפּאַצירט ער פּאַוואָליע, שטיל ווי אַ טויב, פון איין עק ביז אין אַנדערן, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך און קיינער ווייסט גאָרנישט וועגן אים.

קוקנדיק אַזוי אין דער ווייטקייט אַריין וואו ער זעט נאָר הימל און וואַסער, קאָן ער זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז ערשט מיט פינף טעג צוריק איז ער אַרויף אויף דער שיף.

געבוירן געוואָרן איז ער מיט צוויי־און־פופציק יאָר צוריק. אָבער באַזונדערס האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין מוח די לעצטע צען יאָר, זינט היטלער איז באַפאַלן פוילן. די יאָרן ביז דעמאָלט זענען ביי אים ווי צעריבן געוואָרן אונטער דער לאַסט פון דעם פיין, וואָס האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן אין דער מלחמה־צייט. דער אומקום פון זיין ציפען, מיט זיינע דריי זין, וואָס ער ווייסט נישט אפילו, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

די יאָרן פון זיין ראַנגלען זיך מיטן לעבן און טויט, און די נסים דורך וועלכע ער האָט זיך געראַטעוועט פון די היטלערישע מערדער, קאָן ער נאָך ביז היינט נישט באַנעמען...

אָפּטמאָל גיט אים אַ דריק־צו די איינזאַמקייט, דאָס בלייבן איינער אַליין פון אַלע זיינע נאָענטע און ליבסטע, דעמאָלט קאָן ער נישט איינ־זיצן אויף אַן אָרט און ער הייבט־אָן גיין אַהין און צוריק איבערן דעק. אַמאָל נעמט ער אַ ספר, קוקט אין אים אַריין און די ליידיקייט אין זיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט בענקשאַפט נאָך אייגענע.

ווען די שיף האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום ניו־יאָרקער האַפן, האָט מען יעדן פּאַסאַזשיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר אויסצושרייבן וואָס מען פירט מיט זיך. איצט, האָבן די צוויי ברידער געטראַכט, וועלן זיי אויסגעפינען וואָס דער ייד האָט אין קעסטל. זיי ווייסן, אַז לייזער משה קאָן קיין ענגליש נישט שרייבן, וועלן זיי דאָס טאָן פאַר אים.

מיט די פּאַפּירן אין די הענט קומען צו אים צוביידע ברידער. דער ייִנגערער האָט נאָך פונוויטנס אויסגעשריגן:

— זאָגט, וואָס איר פּירט מיט זיך, וועל איך פאַר אייך אָנשרייבן!

לייזער משה איילט זיך נישט צו ענטפערן. ער שוויגט אַ ווײַלע, דערנאָך זאָגט ער שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— וואָס האָב איך דען? — ער קוקט אויף די ברידער פאַרחידושט, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט אים אויסגעקוקט נאַריש.

— עפּעס האָט איר דאָך? — רופט זיך אָן דער עלטערער.

— איך האָב, אַוודאי האָב איך, מיינע צרות!

ווען ער זעט, אַז דער יינגערער ברודער האַלט גרייט די פען צו שרייבן, נעמט ער מיט צוויי פינגער עטלעכע האָר פון זיין שפּיץ־בערדל און הייבט־אָן אויסרעכענען:

— פאַרשרייבט: דריי פּאָר אונטערוועש, צוויי העמדער, איין פּאָר הויזן, טלית און תפילין, אַכט ספרים, מיט נאָך קלייניקייטן...

— מען מוז אַלץ אויסשרייבן, — האָט באַמערקט דער בחור.

— אויב אַזוי, נו, שרייבט שוין צו: צוויי פּאָר זאָקן, פיר נאָז־טיכלעך מיט אַ וואַרעמע שאַל, — האָט ער פאַרענדיקט און איז שטיל געבליבן.

— וואָס האָט איר פון גאָלד, פון זילבער? — גיט אים אַ פרעג דער עלטערער ברודער און קוקט אויפן יידן מיט פאַרשנדיקע בליקן.

— גאָלד, זילבער? פונוואַנען זאָל איך עס נעמען?

דער יינגערער ברודער האָט אַ הייב־געטאָן די אויגן פון פּאַפּיר און אַ פרעג־געטאָן:

— וואָס האָט איר אין קעסטל?

— אָ, אין קעסטל? גאָרנישט... — האָט ער געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג אין דעם דערמאָנט און צוגעטראָגן די שפּיץ באָרד צום מויל...

— זאָגט בעסער דעם אמת... — האָט דער בחור אים געזאָגט און מיט חשד אָנגעקוקט דעם יידן, אים פאַרדעכטיקט, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס.

— איך האָב נישט קיין טריפהנע סחורה! אַז מ׳וועט דאַרפן, וועל איך זיי וויזן, דעם שליסל האָב איך ביי זיך.

ער רוקט אַריין די האַנט אין קעשענע, הייבט־אָן זוכן, ער וויל זיין זיכער צי ער האָט אים נישט פאַרלוירן, צי ער האָט טאַקע דעם שליסל.

דער ייד פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס די ברידער גלייבן אים נישט.

ער האָט שוין מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן זייערע בליקן און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס דאַרפט איר זיך מיט מיר שפּאַרן, קומט, איך וועל אייך ווייזן!

— קומט! — האָבן די ברידער זיך אָנגערופן, און אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט צו דער קאַבינע.

די ברידער זענען געגאַנגען פאָראויס און לייזער משה נאָך זיי. אין קאַבינע האָט ער פּאַמעלעך גענומען אויפבינדן די שטריק, אַרויסגע־שלעפּט פון דער הויזן־קעשענע דעם שליסל, אַריינגעזעצט און פּרובירט אַ דריי־טאָן אַניפּצושליסן. דער שליסל אָבער איז געבליבן שטעקן נישט צו רירן אים פון אָרט. דער ייד דרייט אַהין, דרייט אַהער, עס גייט נישט. דער שליסל האָט זיך פאַרהאַקט.

דער ייִנגערער ברודער פאַרלירט דאָס געדולד. אים דאַכט זיך, אַז ער טוט דאָס בכיון, ער וויל נישט אויפמאַכן.

— לאָזט נאָר מיך פּרובירן! — גיט ער אַ זאָג און בייגט זיך אַראָפּ, וויל אַרויסנעמען דעם שליסל פון לייזער משהס האַנט.

— וואָס האָט איר קיין צייט נישט?

ער ציט אַרוים דעם שליסל, זעצט אים ווידער אַריין, דרייט ביז ער האָט ענדלעך אויפגעמאַכט דאָס קעסטל.

— נאַט, קוקט! — גיט ער בייזלעך אַ זאָג צו זיינע שכנים.

ביידע ברידער גיבן זיך אַ בייג־איין, רוקן־אַריין די אויגן אין קעסטל און דערזען אַן איוועלע, אַ פּשוט אַלט פאַרזשאַווערט איוועלע. זיי גלייבן נישט זייערע אייגענע אויגן. דער ייִנגערער שלעפּט עס אַרויס פון קעסטל, גיט אַן עפן דאָס טירל, און דערזעט דאָרט עפּעס איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. ער גיט זיך אַזש אַ צאַפּל. עס ווילט זיך אים אַ געשריי טאָן:

— אָט האָב איך עס געפּאַקט!

נאָר ער האַלט זיך איין. ער רוקט אַריין די האַנט, שלעפּט אַרויס דאָס פּעקעלע, הייבט עס אָן אויפוויקלען. דער ייד אָבער כאַפּט אַרויס דאָס פּעקעלע פון זיינע הענט. ער גיט עס אַ וויקל־אויף און זאָגט:

— נאַט, זעט, אַ מגילה! — זיינע הענט טרייסלען זיך אַזש פון אויפרעגונג. ער פאַרוויקלט עס פאַרזיכטיק און לייגט דאָס צוריק אַריין וואו עס איז געלעגן.

די ברידער קוקן זיך איבער. זיי קאָנען נישט פאַרשטיין, צוליב וואָס

דער ייד פירט דאָס אַלטע אייוועלע קיין אַמעריקע און היט דאָס אָפּ ווי אַן אוצר.

נאָך אַ ווײַלע שוויַגן גיט דער עלטערער, מיט אַ געפּאַלענעם טאָן פון אַנטוישונג, אַ פרעג:

— צו וואָס טויג אייך דאָס צו שלעפּן קיין אַמעריקע? די ניו־יאָרקער הייזער נייטיקן זיך נישט אין אייער אייוועלע. וואַרפט דאָס בעסער אַריין אין ים! — זאָגט ער צו אים.

שוויַגנדיק האָט לייזער משה דאָס אייוועלע צוריק אַריינגעשטעלט אין קעסטל אַריין, פאַרשלאָסן עס, אַריינגעלייגט דעם שליסל אין קע־שענע, גענומען דעם שטריק און דאָס פאַרבונדן.

— אַוועקוואַרפן דאָס אייוועלע? דאָס וועט קיינער ביי מיר נישט פועלן! — האָט דער ייד, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צו זיינע שכנים, געזאָגט און עס צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט וואו עס איז געשטאַנען.

אַלע דריי זענען שטיל, אָן ווערטער אַרויס פון דער קאַבינע און זיך געלאָזט גיין צו די שמאָלע טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צום דעק.

דער ים איז געווען שטיל. די האַרבסטיקע זון האָט זיך דורך אַ ווייס־גרוילעכן וואָלקן דורכגעזען, ווי אַן אומעטיקע כלה פון אונטער אַ גע־דיכטן שלייער.

מחנות מעוועס זענען אַנגעפלויגן. זיי האָבן מיט זייערע שנאָבלען דעם ים געדזשאָבעט.

די פּאַסאַזשירן האָבן מיט אומגעדולד אויסגעקוקט צו זען אַ סימן פון אַ ברעג.

נאָך מיטאָג האָט די שיף זיך דערנעענטערט צום האַפן.

קרובים און פריינט האָבן דעם האַפן באַלאַגערט, געוואַרט אויף די ניי־אָנגעקומענע עמיגראַנטן.

ביים ברעג איז געהאָנגען אַ גרויער, שווער פאַרוואָסערטער הימל. די פאַרנעפּלטע לופט איז געווען נאַסלעך און קיל. עס האָט געשמעקט מיט פוילנדיקע בלעטער, מיט האַרבסטיקן ריח, אויסגעמישט מיטן רויך פון די שיפן.

די הויכע ברודיקע מויערן, ביים ברעג, האָט זיך געדאַכט, שפּאַרן זיך צו די נידעריקע וואָלקנס. אַ פוילער ווינט מיט פאַרדומפּענער פייכט־קייט האָט געיאָגט, געדושעט די רויכן אין דער שטיקנדיקער לופט.

לייזער משה האָט ביים אַראָפּגיין גענומען דאָס קעסטל אויף דער לינקער האַנט, ווי מען נעמט אַ קינד און דאָס רענצל — אין דער רעכ־

טער. ווען ער האָט דערזען זיין ברודער מיט דער שוועגערין, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס רענצל אויף דער ערד און מיט דער איינער האַנט מיט זיי זיך אַרומגעכאַפּט, זיך געקושט, זיך געפרייט און געוויינט.

דער ברודער וויל פון אים אַוועקנעמען דאָס קעסטל.

— נישקשה, נישקשה! — זאָגט ער, — עס איז נישט שווער. איך קאָן דאָס האַלטן.

— וואָס דאַרפט איר האַלטן אויף זיך דאָס קעסטל, שטעלט עס אַראָפּ, — האָט שפּעטער די שוועגערין באַמערקט. אָבער לייזער משה האָט זיך נישט ווילסנדיק געמאַכט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט דאָס צו געטרויען.

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. ביידע ברידער האָבן זיך שוין גע־האַט געגנוג אָנגערעדט, אויסדערציילט פון משפּחה־זאַכן, אַרומגערעדט פון די וואָס לעבן און פון די נישט־לעבעדיקע, דערמאָנט זיך אין די אַלע וואָס זענען אומגעקומען אין חורבן און האָבן אויפגעמישט די יונגע יאָרן מיטן היימישן לעבן אין דער אַלטער היים. דאָס קעסטל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ ווינקל.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט די שוועגערין געראַמט די שטוב. לייזער משה איז געזעסן ביים טיש און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג.

— וואָס האָט איר דאָ אין דעם קעסטל? — גיט זי אינמיטן ראַמען אים אַ פרעג. — פאַרוואָס פּאַקט איר דאָס נישט אויף? — און דערביי גיט זי עס אַ רוק פון איין אָרט אויפן אַנדערן.

לייזער משה האָט איר געענטפערט:

— נישטאָ וואָס אויפצופּאַקן, עס איז אַן אַלט אייוועלע!

— אַן אַלט אייוועלע? — האָט די שוועגערין פאַרוואונדערט אי־בערגעפרעגט.

— יאָ, אַן אַלט אייוועלע, — האָט ער שטיל איבערגעזאָגט און פאַר־האַלטן דעם בליק אויפן קעסטל.

— אַן אייוועלע? צו וואָס, פאַר וועמען? ביי מיר, — זאָגט זי, — איז ווינטער וואַרעם און אַן אויוון אויף וואָס צו קאָכן האָב איך אויך. ווער דאַרף דאָ אַ יוראָפּיש אייוועלע? וואַרפט עס אַרויס!

— דאָס אייוועלע וואַרף איך נישט! — האָט לייזער משה איר ערנסט אָפּגעענטפערט.

— אָבער דאָ וועט איר פון דעם קיין נוצן נישט האָבן. ס'איז נישט

יוראָפּ! — האָט זי אים דערמאָנט, אַז ער איז איצט נישט אין דער אַל־טער היים.

— זאָל זיין אַן אַ נוצן! וואָס אַרט דיך, אַז עס וועט שטיין אין אַ ווינקל? — האָט ער שוין מיט אַ בעטנדיקן טאָן צו איר געזאָגט.

— נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אומניצלעכע זאַכן! — האָט זי זיך צו אים געווענדט.

אין אָוונט קומט דער ברודער אַהיים. ער זעט, אַז דאָס ווייב איז אָנ־געברוגזט, און לייזער משה דרייט זיך אַרום נערוועז. ער מאַכט זיך אָבער נישט וויסנדיק. ער וואַרט מען זאָל אים דערציילן, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען. אַלע דריי האָבן זיך געזעצט עסן. דער ברודער האָט פּרובירט איבעררייסן דאָס שווייגן, האָט ער דערציילט עפּעס אַ געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אים אין שאָפּ, אָבער דאָס האָט נישט לייכטער געמאַכט די שווערע אָנגעצויגענע שטימונג ביים טיש.

ביים סוף פון מאָלצייט האָט די שוועגערין זיך שוין מער נישט גע־קאָנט איינהאַלטן. מיט אַ שפּאָטישער מינע האָט זי אָנגעהויבן:

— איך וואָלט וועלן דו זאָלסט טרעפן, וואָס דיין ברודער האָט גע־פירט קיין אַמעריקע?

און נאָך אַ קורצער ווילע גיט זי צו:

— אַן איוועלע!

דער מאַן קוקט אויפן ווייב, אויפן ברודער און ווייסט נישט צי ער זאָל גלייבן, וואָס זי זאָגט צי נישט. נאָר דאָ האָט לייזער משה זיך מיט היץ אָנגערופן:

— דאָס איוועלע איז מיר צו־נאָענט, איך זאָל עס אַרויסוואַרפן. נאָך היטלערס מפּלה, — האָט ער טרויעריק פאָרגעזעצט, — בין איך אַראָפּ־געפאָרן אין אונדזער שטעטל, זען צי ס'איז עפּעס געבליבן. איך קום צו צום הויז וואו מיר האָבן געוואוינט, דער דאַך איז אַראָפּגעריסן, די פענצטער אויסגעהאַקט. ווייזט אויס, אַ באָמבע האָט אויפגעריסן, פון די הויז־זאַכן איז קיין סימן נישט געבליבן. בין איך אַרומגעקראָכן איבערן הויף, אַריינ־געקוקט אין די ווינקלען — — —

אינמיטן די רייד איז ער שטיל געבליבן. עס האָט אים אַ דריק־געטאָן, טרערן האָבן פאַרלייגט אים דעם האַלדז.

דער ברודער מיט דער שוועגערין זענען געזעסן אין אַ פאַרגלי־ווערטער שטילקייט.

לייזער משה האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביטערן קגויל, וואָס האָט אים געשטיקט און ווייטער דערציילט:

— איך עפּן דאָס קעמערל און דערזע דאָס איוועלע. דאָס איוועלע דאַרפסטו אויך געדענקען — די מאַמע, עליה השלום, האָט דאָס באַנוצט זומער אין די סעדער, שפּעטער האָט מיין ציפּע אויף דעם געקאָכט. איך לויף צו צום איוועלע, גיב אַן עפן דאָס טירל, איך דערזע עפּעס איז אין אַ שמאַטע איינגעוויקלט. איך שלעפּ עס אַרויס, ס׳איז דעם טאַטנס מגילה, די מגילת אסתר, וואָס ער פלעגט אַלע פורים ביי זיך אין הויז לייענען. האָב איך דאָס געכאַפּט און בין מיט דעם אַוועק... איך קאָן זיך מיטן איוועלע נישט שיידן, — האָט ער זיך פאַרענטפערט. — איך האָב געלאָזט דאָרט די מגילה, ווי איך האָב זי געפונען און דאָס דורך אַלע וועגן אַהער מיטגעבראַכט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל, דערנאָך האָט מען געטרונקען טיי און גע־רעדט פונעם חורבן, פון די אייגענע וואָס זענען אומגעקומען.

אויף צומאָרגנס האָט די שוועגערין אויסגעזוכט אַ שיין קאָלירט טיש־טעכל, איבערגעדעקט דאָס קעסטל, אַוועקגעשטעלט אויף דעם אַ וואַזעלע מיט בלומען.

און עס שטייט אזוי אין הויז, ווי אַ דענקמאָל נאָך די ליבע, נאָענטע מענטשן, אַ הייליקע געדעכעניש פון די אומגעקומענע אין דעם היטלער־חורבן.

אַ צווייטע מאַמע

די קלייניניקע דינע, רירעוודיקע סערקע מיט איר הויכן, דאַרן מאַן, ראובן קירש, אַ יידישער לערער, זענען מיט זייער דריי־יאָריק טעכ־טערל, מינדעלע, געקומען קיין אַמעריקע באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

סערקעס אַ טאַנטע האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַ דירה אין ניו יאָרק אויף דער אַכטער גאַס, לעבן עוועניו „עי". אַ געדיכט־באַוואוינטע יידישע געגנט. נישט נאָר די איינוואוינער און די געשעפטן זענען געווען דורכ־אויס יידישע, נאָר אויך די „דזשעניטאָרס", די באַדינער פון די געביי־דעס — די, וואָס ראַמען די הייזער, וואַשן די שטיגן, הייצן דעם אויוון, — זענען אין אַ סך הייזער געווען יידן.

אין דעם הויז, וואו די פאַמיליע קירש האָט געוואוינט, איז דער „דזשעניטאָר" אויך געווען אַ ייד. סעם בוראַק, האָט ער געהייסן. די איינ־וואוינער פונעם הויז האָבן אים גערופן ביים ערשטן נאָמען — סעם, און זיין ווייב האָבן זיי גערופן טילי.

סעם איז געווען אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער, מיט קורצע, אויסגע־קרימטע פיס. ער מיט זיין ווייב און פינף קינדער האָבן געוואוינט אין אַ טיפן, טונקעלן, פאַרשטיקטן קעלער. פאַר באַדינען דאָס הויז האָט ער נישט געקראָגן געצאָלט, ער זאָל האָבן מיט זיין פאַמיליע אויף צו לעבן; האָט ער געאַרבעט אין אַ מעטאַל־פאַבריק צו פאַרדינען אויף דער אויסקומעניש.

אין די אָוונטן, ווען ער איז אַהיים געקומען נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, האָט ער אַרויסגעהאָלפן זיין ווייב, וואָס האָט גאַנצע טעג גע־האָרעוועט אַרום דעם הויז. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך אומצוקוקן אויף אירע קינדער.

די מיטלוואוקסיקע דיקלעכע טילי איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט פאַרסאַזשעטע הענט און פּנים פון לייגן די קוילן אין דעם ברענענדיקן אויוון, אַז די טענענטס זאָל נישט אויספעלן קיין הייסע וואַסער.

די בוראַקס האָבן געהאַט פינף קינדער: צוויי מיידלעך און דריי יינגלעך. פיר פון די קינדער זענען שוין געגאַנגען אין סקול. די על־טערע האָבן אַרויסגעהאָלפן די יינגערע אינדערפרי מיטן אָנטאָן זיך און

געבן זיי עסן. צום ערגסטן איז געווען דעם ייִנגסטן, דעם פיר־יאָריקן בערעלען, וואָס איז געווען מיט קנאַפּע פינף יאָר ייִנגער פונעם פערטן קינד. ווען די עלטערע פיר קינדער זענען אַוועק אין סקול, איז בערעלע געבליבן איינער אַליין, נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו שפּילן. די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין צייט מיט אים זיך אָפּצוגעבן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי אַ יתום.

אַפילו ווען די עלטערע קינדער זענען געווען אין שטוב, האָבן זיי זיך אויך מיט אים נישט אָפּגעגעבן. זיי זענען געווען פיל עלטער פון אים. ער איז נישט געווען „זייער גלייכן". זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זייער היים־אַרבעט, און האָבן געהאָלפן דער מאַמען אין שטוב. ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך אויף בערעלען אַרומקוקן. ער האָט זיך דעריבער געפילט זייער שלעכט און נעבעכדיק.

גאַנצע טעג האָט ער אַליין זיך אַרומגעדרייט איבעם טונקעלן קעלער, נאָכגעקראָכן נאָך דער מאַמען, אָדער אין דרויסן זיך געריבן ביי די ווענט לעבן הויז.

ראובן קירש האָט דאָ אין זיין איבערוואַנדערונג באַלד געקראָגן אַ שטעלע אַלס ייִדישער לערער. ער איז געווען אַ שטילער, אַן ערנסטער מענטש, שטענדיק פאַרנומען מיט זיין אַרבעט ביי די ביכער, ביים צוגרייטן דאָס ווייטערדיקע לערנען מיט די שילער. די ווירטשאַפט מיטן דערציִען דאָס קינד האָט ער איבערגעלאָזט פאַר סערקען. ער האָט געוואוסט, ער קאָן זיך אויף איר פאַרלאָזן. סערקע האָט זיך מיטן טעכטערל אַ סך אָפּגעגעבן; מיט גרויס פאַרשטענדעניש, אויף איר אייגענעם שטייגער, זי דערצויגן. זי האָט גערעדט צום קינד צאַרט און ליבלעך, געגאַנגען מיט איר שפּאַצירן, געקויפט פאַר איר ליאַלקעס און אַנדערע שפּילעכלעך.

ווען מינדעלע האָט נאָר אָנגעהויבן פאַרשטיין, האָט די מאַמע פאַר איר פאַרגעלייענט און איר דערציילט מעשה'לעך. זי האָט זיך מיט איר געשפּילט אין פאַרשידענע שפּילערייען.

בערעלע האָט דערזען סערקען גיין מיט מינדעלען אין דעם דערבייאיקן פּאַרק, וואָס האָט זיך געצויגן מיט עווענין „עי", האָט ער זיי מיט רחמנות־אויגן נאָכגעקוקט, זיך געצאַפּלט מיטצוגיין. ווען ער האָט זיי געזען דאָס צווייטע מאָל גיין, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און איז זיי נאָכגעלאָפן, אָנגעכאַפּט מינדעלעס הענטל און נישט געוואָלט זי אָפּלאָזן.

בערעלעס הענטלעך זענען געווען שמוציק. אין פּאַרק איז סערקע

צוגעגאַנגען צום וואַסער־קראַן, און אָפּגעוואַשן בערעלעס הענטלעך. די קינדער האָבן זיך געשפּילט. שפּעטער האָט זי זיי ביידע אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און געלייענט פאַר זיי מעשה׳לעך פון אַ ביכל; דערנאָך האָט זי זיי דערציילט מעשהלעך, וואָס זי האָט אַליין אויסגעטראַכט. פון דע־מאָלט־אָן, ווען בערעלע האָט דערזען סערקען מיט מינדעלען איז ער זיי נאָכגעלאָפן און נישט געוואָלט פון זיי אָפּטרעטן.

מינדעלע האָט ליב געקראָגן צו שפּילן זיך מיט בערעלען, וואָס איז געווען אַ יאָר עלטער פון איר. סערקע האָט שפּעטער איינזינען געהאַט, ווען זי איז געגאַנגען אין פּאַרק אַריין, מיטצונעמען בערעלען. זיין מאַמע איז איר געווען זייער דאַנקבאַר. זי האָט גאָרנישט געוואוסט, מיט וואָס זי זאָל איר דערפאַר אָפּדאַנקען.

יעדעס מאָל, וואָס סערקע האָט אים געוואָלט מיטנעמען, האָט זי אים פריער אַרויפגענומען צו זיך אין שטוב, אים אַרומגעוואַשן די הענט־לעך מיטן פּנימל און געפּירט זיך אַזוי, ווי זי וואָלטן ביידע געווען אירע קינדער. זי האָט זיך צו אים צוגעוואוינט, אים ליב געקראָגן, געטיילט אַלצדינג גלייך פאַר ביידע קינדער, אים אָפּגעהיט אַזוי ווי זי האָט געהיט איר טעכטערל.

דאָס יינגל האָט דערפילט סערקעס שטוב איז זיין צווייטע היים און סערקע איז זיין צווייטע מאַמע.

בערעלע פלעגט באַלד אינדערפרי אָנקלאַפּן אין סערקעס טיר. גאַנצע טעג איז ער דאָרט געווען; דאָרט געגעסן און געטרונקען. ער איז אַראָפּ־געגאַנגען אין קעלער צו זיין מאַמען, ווען ער האָט געדאַרפט גיין שלאָפן.

סערקע און ראובן זענען געווען גאַסטפריינטלעכע מענטשן, האָבן זיי גע־האַט אַ סך פריינט. אַז ס׳איז געקומען אַ שבת צי אַ יום־טוב, איז זייער שטוב געווען פול מיט מענטשן. אַלע געסט האָבן געקענט בערעלען, און בע־רעלע האָט זיי געקענט.

דאָס יינגעלע איז סערקען געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז ווען זי איז גע־גאַנגען עפּעס קויפן פאַר איר קינד, האָט זי געוואוסט, אַז זי דאַרף קויפן עפּעס פאַר בערעלען אויך.

סערקע׳ס מעשה׳לעך

בערעלע האָט שטאַרק ליב געהאַט צו הערן די מעשה׳לעך, וואָס סערקע האָט פאַר אים און מינדעלען פאַרגעלייענט אָדער דערציילט. זי

האָט געהאַט מעשה׳לעך וועגן פייגל, וואָס פליען הויך צו די הימלען און זינגען שיינע געזאַנגען; גוטע צאַרטע פייגעלעך, וואָס טיילן זייער ביסן מיט אַנדערע, און פון שלעכטע רויב־פויגל, וואָס כאַפּן־אַוועק די אַנדערע; שלאָגן און דערשטיקן די שוואַכע, צאַרטע פייגעלעך. זי האָט זיי אויך דערציילט וועגן פיש אין די וואַסערן, פון חיות אין די וועלדער, און פון גוטע און שלעכטע מענטשן. אירע מעשהלעך האָבן זיך אַלע מאָל אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס די גוטע באַזיגן די שלעכטע און ווערן שפּע־טער באַלוינט פאַר זייער גוטסקייט און העלדישקייט.

די מעשה׳לעך זענען בערעלען שטאַרק געפעלן. ער פלעגט זיך אָפּט־מאָל אָפּזאָגן פון שפּילן זיך מיט קינדער און בעטן סערקען, זי זאָל אים דערציילן וואָס מער מעשהלעך. ער האָט זיך צוגעהערט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, און געקוקט סערקען אין מויל אַריין, ער איז קיינמאָל נישט מיד גע־וואָרן צו הערן. איינמאָל זאָגט בערעלע צו סערקען: אַז איך וועל אויסוואַקסן וועל איך ווערן אַ פּאָליסמאַן. איך וועל כאַפּן אַלע שלעכטע מענטשן, און איך וועל זיי אַוועקשיקן וויט־ווייט, איבערן ים. בלויז די גוטע וועל איך איבערלאָזן; וועלן מיר פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן.

סערקעס מעשהלעך זענען אים נישט אַרויס פון קאָפּ; זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון. זייער נאָכקלאַנג איז אים נאָכגעגאַנגען אויף טריט־און־שריט. די מעשה׳לעך האָבן געררייצט זיין קינדערשע פאַנטאַזיע.

ווען מינדעלע־מיני, ווי מען האָט זי דאָ שפּעטער גערופן — איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, איז זי געגאַנגען מיט בערעלען אין דער זעלבער שול. פון שול זענען זיי מערסטע מאָל געקומען צו סער־קען. בערעלע האָט דאָרט צוגעגרייט זיין היים־אַרבעט, געטרונקען מילך און געגעסן מיט מינין. די שטוב איז געוואָרן זיין צווייטע היים, און סערקע — זיין צווייטע מאַמע.

אַז אַ קינד האָט זיך געטשעפּעט צו מינין, איז בערעלע באַלד גע־לאָפן פאַר איר זיך אָננעמען, באַשיצן זי. נישט איין מאָל האָט ער זיך איינגעשטעלט, זיך געשלאָגן מיט קינדער צוליב איר.

ווען בערעלע איז אַלט געוועזן צען יאָר, איז זיין פאָטער קראַנק גע־וואָרן. ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט אַ שטיק צייט, חדשים איז ער גע־לעגן אין בעט אין דעם טיפן, פינצטערן קעלער, ביז ער איז געשטאָרבן.

די עלטערע פיר קינדער האָבן שוין אַלע געאַרבעט, האָבן זיי גע־זאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע, דו האָסט שוין גענוג געהאָרעוועט אַרום דעם הויז. ס׳איז צייט, מיר זאָלן אַרויס פונעם פינצטערן קעלער.

זיי זענען אַוועק, געדונגען אַ וואוינונג אין ברוקלין, און די פאַמיליע בוראַק האָט זיך אַרויסגעצויגן.

מיני האָט שטאַרק געבענקט נאָך בווירניק (בערעלען). אין אַ קורצער צייט אַרום האָט סערקע מיט איר פאַמיליע זיך אויך פון דאָרט אַרויסגע־צויגן אין דער בראָנקס, און מיני האָט פאַרגעסן אין איר קינדהייט־פריינט.

מיני איז אויסגעוואַקסן אַ הויך, שלאַנק מיידל מיט אַ קאָפּ געדיכטע, בלאָנדע לאָקן, הימל־בלויע מילדע אויגן, און אַ צאַרט, דין פּנים. דורך איר ווייסער הויט האָט זיך דורכגעלויכטן אַ מאַטע, ראָזלעכע פאַרב.

דער פאָטער איז געווען אַ יידישער לערער און מיט זיין שטענ־דיקער ערנסטקייט געטאָן די אַרבעט. צו דער שטוב, אפילו צו דער דערציאונג פון קינד האָט ער זיך וויניק געמישט. דאָס האָט ער אי־בערגעלאָזט צו זיין ווייב. ער האָט געוואוסט, אַז ער קאָן זיך פאַרלאָזן אויף סערקען.

מיני האָט באַשלאָסן צו זיין אַ לערערין. זי האָט זיך באַקאַנט מיט אַ דריי־און־צוואַנציק יאָריקן בחור, אַ באַגאַבטן פידל־שפילער, קענעט מינץ, נאָך איידער זי האָט גראַדואירט אַלס לערערין.

קענעט איז געווען אַ בחור מיט שוואַרצע, געלאָקטע האָר, מיט טונקל־ברוינע, פינקלדיקע אויגן. מיט אַ מאַט טונקל פּנים, פול מיט מענערישן חן. ביידע האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט פון זיין שפּילן פידל נאָך וויניק פאַרדינט; האָבן זיי באַשלאָסן צו וואַרטן מיט זייער חתונה.

אין אייראָפּע האָט אָנגעהויבן פלאַקערן די צווייטע וועלט־מלחמה. אין זעלבן יאָר איז מיניס פאָטער פּלוצים ערנסט קראַנק געוואָרן. דאָקטוי־רים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט בלויז עטלעכע חדשים צו לעבן.

באַלד נאָכדעם, וואָס מיני האָט געקריגן איר דיפּלאָם אַלס לערערין, האָט די מוטער אָנגעהויבן מיט איר איינ׳טענה׳ן:

— דו זעסט דאָך, מיין קינד, ווי אַזוי עס האַלט מיטן טאַטן. האָב חתונה כל־זמן ער לעבט, זאָל ער האָבן די פרייד צו פירן דיך צו דער חופּה.

מיני האָט זיך דורכגערעדט וועגן דעם מיט קענעטן, און זיי האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן. די טאָכטער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן די אָנגעווייטיקטע, אויסגעמאַטערטע מאַמען אַליין מיטן שטערבלעך־

קראַנקן פּאַטער; איז דאָס יונגע פּאָרל געבליבן וואוינען מיט אירע עלטערן.

עטלעכע וואָכן נאָכן פּאַטערס טויט, האָט מען קענעטן גערופן צום מיליטער־דינסט.

מיני האָט געשוואָנגערט, ווען קענעט איז אַוועק אין דער מלחמה. אין שטוב איז געבליבן אַ צווייענדיקער טרויער. אָן אומעט האָט געניאָגט די הערצער ביי דער מאַמען מיט דער טאָכטער, זיי געמאַטערט, נישט געגעבן קיין רו. דער אומעט האָט געדריקט זייערע געמיטער.

קענעטן האָט מען אין דער אַרמיי געלערנט צו ווערן אַ לופט־פליער. צום יאָר האָט מען באַשטימט, אַז ער קאָן שוין פירן אַן עראָפּלאַן און דורכפירן זיינע מיסיעס.

פאַרן אָפּשיקן אים אויפן פראָנט, האָט ער געקריגן אַ דערלויבעניש אַהיימצופאָרן אויף אַ וואָך.

זייער גרויס איז געווען מיניס פרייד, ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז. די שטוב האָט אויפגעלעבט. סערקע האָט יעדן טאָג געמאַכט אַנ־דערע מאכלים; אַלע זיינען געווען גליקלעך. קענעטן האָט זיך געדאַכט, אַז מיני איז שענער געוואָרן, די ליבשאַפט פון איינעם צום אַנדערן איז נאָך שטאַרקער געוואָרן.

זייער יינגעלע, ראַלף — אַ נאָמען נאָך מיניס פּאַטער, ראובן, איז שוין אַלט געווען עטלעכע חדשים. קענעט האָט זיך נישט אויפגעהערט שפּילן מיט זיין זונעלע. אפילו ווען דאָס קינד איז געשלאָפן, איז דער יונגער פּאַטער פון אים נישט אָפּגעטראָטן. ער איז געשטאַנען ביי זיין בעטל, זיך איינגעקוקט ווי זיין זונעלע שלאָפט, ווי ער זאָל וועלן וואָס מער אַריינגעמען אין זיך זיין קינדס געשטאַלט, זיך מער אָנזעטיקן מיט זיינס אַ שמייכל.

אַ טאַטנס האַרץ־פּלאַטער

נישט איין מאָל האָט ער געטראַכט: „ווער ווייסט, ווען איך וועל אים ווידער זען?" וויל ער איצט זיך גוט אין אים איינקוקן, כדי אים שטענדיק זען פאַר זיינע אויגן, געדענקען זיין צאַרט, ליכטיק פּנים׳ל, וואָס איז ענלעך צו דער מאַמען. אַמאָל גיט אים אַ שניט אַ געדאַנק: — ס׳איז מלחמה. עראָפּלאַנען מיט פליער פאַלן, ווי פליגן. ווער ווייסט, צי איך וועל דיך נאָכאַמאָל זען? — ער טרייבט אַוועק פון זיך די בייזע

מחשבות. ער טראַכט באַלד פון זיין צוריקקומען און רעדט שטיל צו זיך, גלייך ער וואָלט גערעדט צום קינד:

— ווען איך וועל דיך דאָס צווייטע מאָל זען, וועסטו שוין אַרומלויפן אויף די פיסלעך און וועסט קאָנען זאָגן: „פּאַפּאַ, מאַמאַ". וועסט שוין זיין אַ גרויסער, זונעניו מיינער. אַ, ווי גוט עס וועט זיין צו הערן דיך רעדן, זען דיך אַרומלויפן!

ביי די טראַכטונגען ווערט זיין האַרץ פאַרגאָסן מיט פרייד.

די עטלעכע טעג פון זיין אורלויב זענען גיך פאַרבייגעלאָפן, דער שווערער מאָמענט פון געזעגענונג איז געקומען. אַ גרויזאַמער טרויער האָט ווידער פאַרוויקלט די פאַמיליע.

מיני איז געפאָרן צו דער סטאַנציע באַגלייטן איר מאַן. די לעצטע מינוטן האָט זי זיך אין אים איינגעקלאַמערט, זי האָט צוגעטוליעט איר קאָפּ צו זיין ברוסט, און שטיל געכליפּעט. ער האָט זי געהאַלטן שטאַרק אַרומגענומען, געדריקט זי צום האַרצן. ער האָט געקושט אירע בלאָנדע האָר, וואָס זענען געווען נאַס פון זיינע טרערן.

ביים לעצטן סיגנאַל פון דער באַן האָט ער זיך קוים פון איר אַוועקגעריסן. זי איז געבליבן שטיין מאַכטלאָז, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, מיט בלוט-פאַרגאָסענע אויגן; לאַנג אים נאָכגעקוקט, ביז די באַן איז פאַרשוואונדן.

יעדן טאָג האָט זי געהאַט פון אים אַ בריוו. ער האָט געשריבן, אַז ער בענקט נאָך איר מיטן קינד; אַז ער איז געווען דערפאָלגרייך מיט דער ערשטער מיסיע אויף זיין אַרויספלי.

זי האָט די בריוו פיל מאָל געלייענט. יעדן פרימאָרגן האָט זי מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן בריוו-טרעגער. זי האָט זיך געקוויקט מיט קענעטס בריוו, געשעפּט פון זיי טרייסט און האָפענונג.

דאָס ביסעלע פרייד האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס'איז אָנגעקומען די וויסטע בשורה, אַז קענעט איז ביי זיין פינפטן אַרויספלי געפאַלן.

דער אומגליק פון זיין אומקום האָט צוגענומען ביי מינין יעדן פאַרלאַנג פון וועלכן-עס-איז געניוס פון לעבן. זי האָט דערפילט, אַז זי האָט פאַרלוירן איר וועלט. אַלץ איז איר מיטאַמאָל אונטערגעגאַנגען. עס האָט זי מער גאָרנישט אינטערעסירט, חוץ איר קינד. ראַלף איז געבליבן איר איינציקער אָנהאַלט. זי האָט אים דערצויגן מיט דער גרעסטער מאַמעשער איבערגעגעבנקייט.

די צייט האָט איר וואונד נישט פאַרהיילט. זי האָט נישט געקאָנט קומען

צו זיך. דער צער פון איר שווערן פאַרלוסט איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן. דער טרויער האָט פאַר׳חושכ׳ט, פאַרוויסט איר לעבן.

זי איז צוריקגעגאַנגען צו איר פּראָפעסיע אַלס לערערין. די אַרבעט איז איר געווען לאַנגווייליק. דער אומעט האָט זי געפּײַניקט. די בענקשאַפט נאָך קענעטן איז איר נאָכגעגאַנגען טריט־נאָך־טריט.

איר פרייע צייט האָט זי אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם קינד, וואָס איז דורך דער צייט פון איר אַרבעט געווען מיט דער באָבע סערקע.

מיני האָט אויסגעמיטן געזעלשאַפט; נישט געוואָלט קיינעם זען.

די מאַמע זעט, איר טאָכטערס לעבן איז פאַרוויסט, אַז זי פאַרשפּילט אירע יונגע יאָרן, האָט זי זיך איינמאָל אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— טאָכטער מיינע, ווי לאַנג איז דער שיעור צו טרויערן, צו מאַכן פון זיך אַ תל? עס זענען שוין אַריבער ניין יאָר. ס׳איז צייט, זאָלסט אָנהייבן קומען צווישן מענטשן, האָבן פריינט, נישט זיין פון אַלעמען אָפּגעריסן.

מיני האָט ברייט צעעפנט אירע העל־בלויע אויגן, געקוקט אויף דער מוטער מיט אַזאַ פאַרגליווערטן פּייַן, אַז סערקע האָט זיך דערשראָקן און האָט חרטה געהאַט אויף אירע רייד. די מאַמע האָט דערזען, זי האָט אָנגערירט איר קינדס נישט־פאַרהיילטע וואונד. דער מוטערס האַרץ האָט געבלוטיקט פון איר טאָכטערס ווייטיק.

בוירני (בערעלע) האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט סערקען און מינין האָט פּאַסירט. אַמאָל פלעגט ער זיך דערמאָנען אין זיי, אין די מעשהלעך, וואָס סערקע האָט פאַר אים מיט מינין געלייענט צי דערציילט.

נאָך זיין פאָטערס טויט האָט בוירני זיך איינגערעדט, אַז דער טאַטע זיינער איז געשטאָרבן בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן אַ דאָקטאָר. אָט־דער געדאַנק האָט אים געמאַטערט און איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים.

ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר, האָט ער באַשלאָסן, ער וויל ווערן אַ דאָקטאָר, ער זאָל קענען העלפן אַנדערע אָרעמע מענטשן — אַזעלכע ווי זיין פאָטער איז געווען. ער האָט וועגן ד׳עם אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן און זיך פאַרנומען מיט עקשנות צו דערגרייכן דעם ציל.

בוירני האָט זיך מיט זיין גאַנצער, יוגנטלעכער ענערגי׳ע אַריינגעוואָרפן אין לערנען, טאָג־און־נאַכט איז ער געזעסן איבער די ביכער, געאַרבעט אויף זיינע לעקציעס. מיטן שטודירן איז ביי אים נאָך שטאַרקער געוואָרן דער ווילן צו ווערן אַ דאָקטאָר.

אַ מאַמעס זאָרג

זיין מאַמע פלעגט זיך אַמאָל אויפכאַפּן אינמיטן נאַכט; דערזען ער זיצט איבער די ביכער, לייענט און שרייבט, האָט זי צו אים אַריינגעשריגן:

— בוירני, ס'איז דאָך שוין באַלד טאָג, האָסט שוין באַלד נישט וועט צו שלאָפן. דו פירסט דאָך איבער די אויגן!

אַדאַנק זיין גרויסן חשק צום לערנען, איז בוירני געוואָרן איינער פון די בעסטע שילער. ער האָט געוואונען אַ „סקאָלערשיפ״, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו לערנען זיך אין אוניווערסיטעט אָן געלט. מיט אַ געפיל פון דערהויבונג איז ער אַוועק זיך לערנען אַלס דאָקטאָר.

אַז ס'האָט אים געפעלט געלט אויף זיינע באַשיידענע לעבנס־מיטלען, האָט ער זיך נישט געשעמט צו אַרבעטן ביי וואָס ער האָט געפונען צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלער. ער האָט געראַמט אָפיסעס, געוואַשן די פּאָד־לאָגעס; אין וואַקאַציע־צייט האָט ער געאַרבעט אין זומער־האָטעלן. קיין אַרבעט איז אים נישט געווען צו־שווער, אַבי צו דערגרייכן זיין ציל. זיין מאַמע האָט זיך געזאָרגט, פאַרוואָס ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו ווערן אַ דאָקטאָר, און ער האָרעוועט געבעך אַזוי שווער, זיצט טעג־און־נעכט איבער די ביכער, דערשלאָפט נישט, דערעסט נישט. זי ווייסט נישט, ווי אַזוי ער וועט מיט זיינע אָרעמע כוחות דערגרייכן דעם ציל.

שפּעטער, אַז זי האָט געזען, ער גייט פאָרט אויפן וועג צום ציל, האָט איר האַרץ אָנגעקוואָלן פון פרייד און שטאָלץ. זי האָט מיט ליבשאַפט אָנגעהויבן שטריקן סוועטערס, אָנציען קרעלן צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלער אים צו העלפן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט ביי איר נעמען קיין געלט. האָט זי אים געקויפט אַ העמד, אַ פּאָר שיך און אַנדערע נייטיקע זאַכן. איר האָט וויי־געטאָן, וואָס ער גייט־אַרום צו־אָרעם אָנגעטאָן.

בוירני האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט מיט הויכע אויסצייכענונגען. די עלטערע ברידער און שוועסטער האָבן אים געליען אַ ביסל געלט; פריינט האָבן אויך אַרויסגעהאָלפן איינצואָרדענען פאַר אים אַן אָפיס.

ער האָט די ערשטע צייט געהאַט אַ סך חובות, און כאָטש ער האָט זיך גענייטיקט אין געלט, האָט ער אָבער נישט געענדערט זיין מיינונג.

ער האָט ביי אָרעמע פּאַציענטן גענומען ווייניק באַצאָלט. אייניקע האָט ער געהיילט אינגאַנצן אָן געלט.

אַדאַנק זיין גוטהאַרציקער פירונג, איז ער געוואָרן באַליבט און באַ־

רימט אַלס אַ גוטער דאָקטאָר, וואָס איז נישט פאַראינטערעסירט בלויז אין געלט, נאָר אין דעם געזונט פון זיינע פּאַציענטן.

זיין גוטער שם האָט זיך גיך פאַרשפּרייט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן קומען צו אים פון די ווייטסטע געגנטן אין שטאָט. זיין דערפאָלג איז געוואַקסן. צו טיליס גליק איז קיין גלייכן נישט געווען.

אָבער נישט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן איר גרויסער נחת. די מלחמה האָט איבערגעריסן זיין דערפאָלג, אָפּגעהאַקט דער מאַמעס פרייד. דאָס לאַנד האָט אים גערופן צום מיליטער־דינסט. מען האָט אים אַוועקגעשיקט נאָענט לעבן דעם מלחמה־פראָנט. דאָרט האָט ער מיט גרויס איבערגע־געבנקייט געאַרבעט, געהאָלפן די קראַנקע און פאַרוואונדעטע. ווען ער האָט געזען, ווי יונגע לעבנס ווערן צעריסן, גייען־אָפּ אין בלוט, האָט ער נישט געטראַכט פון קיין רו. ער האָט געוואַכט איבער די קראַנקע, מיט פּאָטערלעכער ליבשאַפט זיי געהיילט מיט וואָס ער האָט געקאָנט.

ווען די מלחמה האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן, האָט אַ שראַפּנעל אָפּגעריסן אַ שטיק פון זיין לינקן פוס. דעם פוס האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען ביז דער קני. די נאַצישע אַרמיי איז שוין געווען צעקלאַפּט; היטלער האָט געהאַלטן ביים אויסהויכן זיין לעצטן אָטעם. פונקט דעמאָלט איז בוירני געלעגן אין שפּיטאָל אַ פאַרוואונדעטער.

פון שפּיטאָל האָט ער געשריבן צו דער מאַמען פּונקט אַזוי אָפט ווי פריער; געזאָגט איר, זי זאָל וועגן אים נישט זאָרגן. מיט קיין וואָרט האָט ער נישט דערמאָנט, וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט זיין פוס. ער האָט איר נאָר געשריבן פון זיינע מעדאַלן; אויסגערעכנט אַלע אויסצייכענונגען, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיין אַרבעט.

ער האָט געטראַכט: זאָל זי דערוויַיל הנאה האָבן פון זיינע דער־גרייכונגען; פון אומגליק האָט זי צייט זיך צו דערוויסן שפּעטער.

אויפן וועג אַהיים האָט ער זיך געזאָרגט, אַז די מאַמע וועט זיך נע־מען צום האַרצן פון זיין אַראָפּגענומענעם פוס. ביים אַריינקומען אין הויז, האָט ער געהאַלטן גרייט די מעדאַלן, איר צו ווייזן כדי דערמיט צו פאַרשטעלן ביים ערשטן איינדרוק דעם אָפּגעהאַקטן פוס.

ער האָט געוואָלט זען זיין מוטער אַ פריילעכע, אַזוי ווי נאָר אַ מאַמע קאָן זיך פרייען, ווען זי דערזעט איר זון אַ געזונטן אַהיים קומען פון שלאַכט־פעלד. נאָר ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב האָט ער די מאַמען נישט געטראָפן. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אין שפּיטאָל ערנסט קראַנק. זי האָט שוין קיינעם נישט דערקענט. ער איז געלאָפן שנעל

צום שפּיטאָל. אַ צוווייטיקטער איז ער געשטאַנען לעבן איר בעט, זי געגלעט, געקושט, און זי האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז ער איז לעבן איר. אין צוויי טעג אַרום איז זי אויסגעגאַנגען.

ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס זי האָט פאַראַרבעט, ווען זי איז געוואויר געוואָרן, אַז מען שיקט אים אַוועק נאָענט צום שלאַכטפעלד. זי האָט גאַנצע טעג און נעכט געוויינט. ביים געזעגענען זיך זענען אירע גרויע האָר געווען צעפּאַטלט, אירע אויגן זענען געווען טריב, ווי פאַרגליווערט.

די לעצטע מינוטן האָט זי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל, אים אַרומגעכאַפּט, נישט אָפּגעלאָזט און אַזוי שטאַרק אים צוגעדריקט צו זיך, אַז ער קאָן ביז היינט נישט פאַרשטיין, פון וואַנעט עס האָט זיך צו איר גענומען דער כוח אין אירע הענט צו האַלטן אים אַזוי שטאַרק. ער האָט געפילט, ווי זי האָט געציטערט, זיך איינגאַנצן געטרייסלט, ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט, אַז זי וועט אים שוין מער נישט זען.

ער געדענקט: ווען ער האָט זיך מיט כוח באַפרייט פון אירע איינגעקרעמפּטע הענט, איז זי געבליבן שטיין מאַכטלאָז, מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן, מיט אַ פּנים געל ווי וואַקס, ניט גערירט זיך פון אָרט, אפילו נישט געקוקט אין דער ריכטונג, וואו ער איז אַוועק, — ווי זי וואָלט פאַרשטאַרט געוואָרן, גלייך עס וואָלט געשטאַנען אַ סטאַטוע.

וואו איז סערקע?

נאָכן באַגלייטן זיין מאַמען צום „אייביקן אָרט״, דערמאָנט זיך אים אַליץ, וואָס זי איז פון אים אויסגעשטאַנען. ער זעט איר געשטאַלט פון איר טראַגישסטן מאָמענט, ווען ער האָט זיך מיט איר דאָס לעצטע מאָל געזעגנט, גלייך זי וואָלט געשטאַנען איצט פאַר זיינע אויגן.

נאָך דער מוטערס טויט האָט אין אים ווידער אויפגעלעבט דאָס געפיל צו סערקען. ער האָט מער ווי ווען־עס־איז פריער וועגן איר געטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די מעשהלעך, וואָס זי האָט אים דערציילט אין איר מאַמעשער אויפזיכט איבער אים סיי אין שטוב ביים עסן, ביים מאַכן די היים־אַרבעט, סיי דאָס אויפפּאַסן אין גאַס, ווען זי האָט אים מיטגענומען. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, וואו זי געפינט זיך. ער האָט אָנגעהויבן זוכן, זיך נאָכפרעגן, ביז ער האָט געפונען איר אַדרעס.

אין איינעם אַ ליכטיקן פרילינג־טאָג איז צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל,

זיך אָפּגעשטעלט לעבן סערקעס הויז. פון אויטאָמאָביל איז אַרויס דאָק־טאָר בוירני בוראַק. אַ הויכער, פעסט־געבויטער יונגערמאַן מיט ברוינע האָר, מיט אַ פּולבלעך, גלאַט־ראַזירט פּנים און מיט ווייכע, גוטמוטיקע ביר־אויגן.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך; ער האָט צוגעלאָמט מיט זיין צוגעזעצטן פוס און זיך געדרייט אַהין־און־צוריק לעבן הויז, וואו סערקע האָט געוואוינט.

ער האָט אַרויפגעריסן דעם קאָפּ ביז צום לעצטן, זעקסטן שטאָק. ער וואָלט געוועזן צופרידן ערגעץ אין אַ פענצטער דערזען סערקען.

ער האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט אויפן שמאָלן טראָטואַר פון דער ענגער גאַס, פאַרשטעלט איןביידע זייטן מיט הויכע, אַלטע, פאַרשטויבטע, פאַר׳חושכ׳טע הייזער, וואָס וואַרפן אַן אומעט. ער טראַכט: — מיט וואָס זאָל איך באַלוינען די ליבע סערקען פאַר איר גוטסקייט, פאַר אירע מעשהלעך, וואָס זי פלעגט פאַר מיר לייענען, דערציילן מיט מאַמעשן געפיל? איצט קאָן איך איר העלפן מיט געלט, מיט עפּעס וואָס זאָל איר גרינגער מאַכן דאָס לעבן. זי זאָל נאָר וועלן אָננעמען זיין הילף, טראַכט ער. אין די טראַכטונגען וועקט זיך אין אים נאָך אַ מער וואַרעמער געפיל צו איר. ווען זי זאָל וועלן, וואָלט ער זי אַרויסגענומען פון דער פאַר־שטיקטער גאַס. ער וואָלט געדונגען פאַר איר אַ שיינע, גראַמע וואוינונג לעבן זיך אין ברוקלין אין די איין־שטאָקיקע הייזער, וואָס זענען באַ־פּוצט מיט גראָזן און בלומען. אַ רגע איז ער געווען צופרידן פון דעם איינפאַל, נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז סערקע איז אַ שטאָלצער מענטש, האָט ער מורא, זי וועט נישט וועלן נעמען זיין הילף.

עס וואָלט געווען גוט, קומט אים אַן אַ פאַרלאַנג סערקע זאָל די מינוט אָנקומען אים אַנטקעגן. ער וואָלט זי פאַרהאַלטן, זי געפרעגט, „צי זי דערקענט אים״. עס קומט אַרויס פונעם הויז אַן עלטערע פרוי, אָרעם און אָפּגעלאָזן אָנגעטאָן. ער לויפט־צו צו איר און פרעגט זי איידל:

— איר ווייסט אפשר, אין וועלכער דירה עס וואוינט דאָ סערקע קירש?

— אויפן דריטן שטאָק, — ענטפערט זי. די אַלטע בלייבט שטיין און באַטראַכט דעם הויכן, עלעגאַנט־אָנגעטאָענעם יונגן מאַן. זי ווערט ביי־געריק: — וואָס דאַרפט איר זי? — די טיר איז נומער 19, — גיט זי צו און גייט אַוועק.

ער איז נאָך אַ ווייל געשטאַנען. דערנאָך האָט ער פּאַמעלעך מיטן פרעמדן פוס אָנגעהויבן גיין אויף די שמאָלע, אָפּגעריבענע טרעפּ.

ער איז אַרויפגעקומען אויפן דריטן שטאָק, אַ ווייל געבליבן שטיין, זיך אָפּגערוט, און אָנגעקלאַפּט אין סערקעס טיר.

— ווער איז? — הערט ער איר שטים, ווי זי פרעגט אומצופרידן.

— אַן אייגענער, — ענטפערט ער מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— וואָס ווילסטו איצט? — שרייט זי פון אינעווייניק.

— איך וויל אייך זען.

סערקע עפנט ניט די טיר פאַר קיין אומבאַקאַנטן; מאַכט זי זיך נישט וויסנדיק.

קלאַפּט ער נאָך אַמאָל אָן און זאָגט:

— סערקע, האָט נישט קיין מורא! אַ היימישער מענטש. מיר קענען זיך נאָך פון דער אַלטער גאַס.

זי האָט דערהערט, אַז מען רופט זי אָן ביים נאָמען, דערמאָנט די אַלטע גאַס, האָט זי פאַמעלעך אָפּגעשפּאַרט די טיר. זי האָט דערזען אַן אומבאַקאַנטן מאַן, האָט איר געגעבן אַ קלאַפּ דאָס האַרץ. זי האָט באַלד געוואָלט צוריק פאַרמאַכן די טיר, נאָר ער האָט זיך אַריינגערוקט און מיט אַ מילדן שמייכל אויסגעשטרעקט צו איר אַ האַנט. ליבלעך געזאָגט:

— שרעקט זיך נישט, איך בין אַמאָל צו אייך אַריינגעקומען.

זי קוקט אים אָן, און עס פאַרדריסט זי, וואָס זי האָט געעפנט די טיר.

— ווער זענט איר? — פרעגט זי אַן אומרואיקע און שטייט ביי דער אָפענער טיר.

ער שמייכלט און שווייגט. דערנאָך זאָגט ער:

— אַ באַקאַנטער שכן געווען. דערמאָנט זיך?

זי ווערט רואיקער; קוקט זיך איין אין אים. ער הייבט איר אָן ווערן קענטלעך. זי רוקט זיך אָפּ פון דער אָפענער טיר. ער גייט פאַמעלעך אַריין אין שטוב.

סערקע ווייזט אים אָן אויף אַ שטול און זאָגט:

— זעצט זיך! אין וועלכן הויז האָט איר געוואוינט אויף דער אַלטער גאַס?

ער שטייט אינמיטן שטוב, אַ שמייכלענדיקער. ביידע קוקן זיך אָן. זי — מיט נייגעריקע בליקן, און ער — מיט פריידיק־שפּאַסיקע. ער וואַרט, זי זאָל אים דערקענען.

נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן לאָזט ער אַרויס די ווערטער מיט ברען:

— איר געדענקט נישט, בעמעלע, דעם דזשעניטאָר?

זי האָט זיך אַ צאַפּל־געטאָן, אַ פּאַטש־געטאָן איין האַנט אין דער אַנדערער, און שטאַמלענדיק איבערגעזאָגט:

— דאָס איז בערעלע? בוירני בוראַק?

— דאָס, סערקע, דער בערעלע, וואָס האָט ליב געהאַט צו הערן אייערע מעשהלעך.

סערקע איז געוואָרן צעטומלט:

— אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! זעצט זיך! וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכן די אייגענע?

ער זעצט זיך ניט. ער מאַכט אַ טריט צו איר, ציט־אויס די הענט, נעמט זי אַרום מיט ליבשאַפט, דריקט זי צו צום האַרצן און קושט זי. סערקע האָט מיטאַמאָל דערפילט צו אים אַ נאָענטקייט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אָפּגעזוכט איר אַ פאַרלוירענער זון.

זי האָט אים געקושט און שיעור ניט אויסגעשריגן: „קינד מיינס, פון וואַנען האָסטו זיך גענומען?" אָבער אין דעם מאָמענט האָט זי ניט געקענט אויסרעדן קיין וואָרט. די צונג האָט זיך ביי איר געפּלאָנטערט, זי האָט געשטאַמלט, ניט געוואוסט ווי אַזוי אים צו רופן: בערעלע צי בערנבוים? ער איז דאָך איצט ניט דאָס יינגל, וואָס זי האָט געקאָנט, ס'איז איר שווער צו זאָגן „דו", און זי קאָן ניט רעדן צו אים אויף „איר".

„שולדיק אַ חוב"

זי וואָלט גערן געזאָגט: „מיין ליבער בערעלע, גוט וואָס דו ביסט געקומען, דו דערמאָנסט אין מיר", נאָר די ווערטער האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אירע ליפּן. ער האָט דערפילט איר פאַרלעגנהייט און ער האָט געזאָגט:

— איר קאָנט מיך רופן, ווי אַזוי איך ווילט, בוירני, אָדער בערעלע — אַזוי ווי דעמאָלט, ווען איר האָט מיך געפירט ביים הענטל אין פּאַרק.

ער האָט ביי די ווערטער ליבלעך אויף איר געקוקט און צאַרט גע־גלעט אירע גרויע האָר. ביי ביידן זענען די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן פון איבערגעפילטע פרייד.

סערקע האָט זיך פון אים עטוואָס אָפּגערוקט, אויסגעווישט אירע פאַרגאָסענע אויגן, דערנאָך האָט זי מיט נאָענטקייט געפרעגט:

— זאָג מיר, בוירני טייערער, פון וואַנען האָסטו געוואוסט וווּ איך וווין? וואָס האָסטו זיך פּלוצלינג אין מיר דערמאָנט?

— איך האָב איך, ליבע סערקע, קיינמאָל נישט פאַרגעסן, נאָר לעצטנס האָבן איך זיך פאַרנומען, אַז איך מוז אייך אָפּזוכן און קומען אייך זען. איך פיל, אַז איך בין אייך שולדיק אַ חוב.

— דו ביסט מיר שולדיק אַ חוב? וואָס פאַר אַ חוב קומט מיר? — קוקט זי אים אָן פאַרוואונדערט. — איך האָב וועגן דיר אַ סך מאָל געטראַכט, אָבער אַז דו ביסט מיר עפּעס שולדיק, דאָס ווייס איך נישט?

— יאָ, סערקע טייערע, איך בין אייך שולדיק אַ גרויסן חוב. איך ווייס גאָר נישט, מיט וואָס איך זאָל אייך אָפּצאָלן. איר זייט דאָך געווען מיין צווייטע מאַמע, אייערע מעשהלעך האָבן מיר אפשר אָנגעוויזן דעם וועג, אויף וועלכן איך האָב זיך פאַרנומען צו גיין. מיר דאַכט זיך, אַז פאַר אייער וואַרעמקייט צו מיר וועל איך קיינמאָל ניט זיין בכוח אייך אָפּצוצאָלן, — האָט ער מיט אַ נאָך ערנסטערן טאָן פאַרענדיקט.

— אָ, דאָס מיינסטו גאָר! — האָט זי לייכט מיט אַ שיינענדיקן פּנים אויסגעזוזנגען. שטאַרק צופרידן, וואָס ער פאַררעכנט זי פאַר זיין צווייטער מאַמע, האָט זי צוגעגעבן:

— מיט דעם, וואָס דו גערענקסט מיך צום גוטן און ביסט געקומען מיך זען, האָסטו שוין באַצאָלט דעם חוב. פאַר מיר איז דאָס אַ גרויסע באַלוינונג.

אַ באַפרידיקטע איז זי באַלד איבערגעגאַנגען צו אַנדערע פראַגן:

— זאָג מיר נאָר, בוירני, ווי אַזוי גייט עס דיר? וואָס טוסטו? ביסט פאַרהייראַט?

ער האָט זיך פּאַמעלעך אַוועקגעזעצט, און אויסגעצויגן דעם פרעמדן פוס. זי האָט דערזען דעם צוגעזעצטן פוס, האָט זי אָפּגעקערט פון אים דעם בליק, ער זאָל מיינען, אַז זי באַמערקט ניט זיין פאַרקריפּלונג.

ער האָט זיך ניט געאײַלט צו ענטפערן אויף אירע פראַגן, ווי ער וואָלט וועגן עפּעס געטראַכט, זיך געגרייט צו רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין. דערנאָך האָט ער מיט איינגעהאַלטענער צופרידנקייט געזאָגט:

— איך בין אַ דאָקטאָר. ביז איצט האָב איך ניט געהאַט קיין צייט חתונה צו האָבן, — האָט ער שפּאַסיק געזאָגט.

סערקע האָט אים אָנגעקוקט מיט מאַמעשער ליבשאַפט און פאַרוואונדערט זיך אָנגערופן:

— אָן אַ טאַטן, פון אַזאַ אָרעמקייט ווערן אַ דאָקטאָר איז נישט קיין קלייניקייט. ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט דערגרייכן מיט דער מאַמעס גבירישקייט?

אַ ווייל האָבןביידע געשוויגן. דערנאָך האָט ער מיט אַ באַזונדערן געפיל געזאָגט:

— וואָס אַן אָרעמע מאַמע קאָן טאָן פאַר איר קינד, קאָנען אַמאָל מיליאָנען דאָס ניט טאָן. מיין מאַמע פלעגט טעג־און־נעכט אָנציען קרעלן, שטריקן סוועטערס צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר מיר צו געבן.

— דאָס לערנען האָב איך באַקומען אומזיסט. און דאָס, וואָס ס׳האָט מיר אויסגעפעלט אויף דער אויסקומעניש, האָב איך זיך אַליין פאַרדינט. איך האָב זיך נישט געפוילט צו אַרבעטן ביי וואָס איך האָב נאָר געקראָגן דורכצוקומען. אַז כ׳האָב זיך פאַרנומען צו ווערן אַ דאָקטאָר, האָט מיך נישט געאַרט וואָס איך גיי אָרעם אָנגעטאָן, פון אַ מאָגערן מאָלצייט האָב איך אויך נישט געמאַכט קיין טראַגעדיע. נאָר אַ מאַמע זאָרגט. זי האָט אַלץ געמיינט אַז איך לייד דערפון, וואָס איך טראָג אַן אַלט רעקל. מיך האָט עס נישט געאַרט, אָבער דער מאַמען האָט עס געקאָסט געזונט. אַז איך האָב ביי איר נישט געוואָלט נעמען קיין געלט, האָט זי מיר געקויפט העמדער, שיך. אַזוי איז זי געווען, מיין מאַמע, — האָט ער מיט אַ באַדויער־געפיל ווייטער דערציילט, — וואָס מיך אַרט איז, וואָס זי האָט נישט לאַנג געלעבט מיט דער פרייד צו האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר. די וויסטע מלחמה האָט צעשטערט איר נחת.

ווען ער האָט גערעדט פון די שוידערס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דורך דער מלחמה, האָט סערקע אויף אים געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט איר אייגענע טראַגעדיע. זי האָט אים אויסגעהערט און זיך טיף דורכגענומען מיט זיין צער און זיין ווייטיק.

זיין דערציילן האָט אָנגערירט איר וואונד, אויפגערודערט אירע אי־בערלעבונגען פון איר מאַנס טויט און איר איידעמס אומקום.

זי האָט אים געוואָלט דערציילן וועגן זיך און איר טאָכטער, פאַרבינדן איר טראַגעדיע מיט זיינע איבערלעבונגען, וואָס די זעלבע מלחמה האָט פאַראורזאַכט, נאָר זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. אירע ליפּן זענען געווען ווי פאַרגליווערט.

ער האָט באַמערקט, אַז אירע מילדע, ברוינע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן און ער האָט זיך דערפילט שולדיק, וואָס ער האָט אַריינגע־בראַכט צו איר דעם טרויער. כדי איבערצורייסן די שווערע שטימונג, האָט ער געזוכט איבערצוגיין אויף אַן אַנדער געשפּרעך:

— איר קענט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי שטאַרק מיך האָט געצויגן

צו קומען אייך זען. איך האָב געהאַט אַ גרויסן פאַרלאַנג צו זאָגן אייך, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט אַ דאַנקבאַרקייט און אַ ליבשאַפט צו אייך אַלע מיינע יאָרן. איר זייט געווען פאַררעכנט און פאַרבליבן מיין צווייטע מאַמע.

זיינע לעצטע ווערטער האָבן אָנגעפילט סערקעס האַרץ מיט פרייד און מיט שטאָלץ, איר פּנים האָט זיך צעשטראַלט מיט אַ גליקלעכן מאַ־מעשן געפיל. זי האָט מוטערלעך אויסגעצויגן אירע קליינע, דאַרע הענט, אָנגענומען זיין קאָפּ, צוגעבויגן צו אירע ליפּן און אים אַ קוש געגעבן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל ציגאַרעטן, פאַררויכערט, און מיט אַ נישט־דרייסטן טאָן געפרעגט:

— וואָס מאַכט מיני ? ווי אַזוי גייט איר לעבן ? איך האָב געהערט אייער מאַן איז געשטאָרבן, — האָט ער געזאָגט.

פון סערקעס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעטאָן די פריידיקע צע־שטראַלטקייט. זי האָט אומעטיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ווי אַ פּאַר־לוירענע איז זי געבליבן זיצן פאַרזונקען אין איר אויפגעוועקטן טרויער. ס׳איז איר געווען שווער צו רעדן פון איר טאָכטער. זי האָט אים נישט געוואָלט דערציילן פון מיניס נישט־אויפהערנדיקן טרויער, פון איר איינ־זאַם, פאַראומערט לעבן. נאָך אַ היפּשער ווײַלע שווייגן, האָט זי עטוואָס אויפגעהויבן די אויגן און מיט אַ ווייטיק פון אַן אָנגערירטער וואונד געזאָגט:

— זי איז אַ לערערין. מיר וואוינען צוזאַמען. זי וועט באַלד אַהיים קומען. זי האָט אַ ייִנגעלע, שוין באַלד צען יאָר אַלט. איר מאַן איז גע־פאַלן אין קריג.

זי האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט רעדן. אַ פּיינלעכער געפיל האָט זי אַרומגענומען. זי האָט אומרואיק זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— דו וועסט בלייבן מיט אונדז אויף וועטשערע. דערווייל וועל איך צוגרייטן קאַווע.

זי איז שנעל אַריין אין קיך, ווי זי וואָלט וועלן באַהאַלטן איר ווייטיק. ביים טרינקען קאַווע, איז אַריינגעלאָפן ראַלף פון שול, אַוועקגעלייגט די ביכער, געכאַפּט דעם באַל און געוואָלט אַרויסלויפן. סערקע האָט געשריגן:

— ראַלף, טרינק־אויס דאָס גלאָז מילך! קום אַריין, באַקען זיך מיט אַ פריינט!

דאָס ייִנגל קומט אַריין, קוקט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויפן גאַסט.

בוירני שטרעקט־אויס צו אים אַ האַנט. ראַלף רירט־אָן זיינע פינגער און דרייט זיך אויס צום אַוועקגיין.

— קום אַהער, דערציילט מיר, ווי אַזוי גייט דיר אין סקול? — רופט אים בוירני צו זיך. ראַלף ענטפערט ניט, ער זופט־אויס די מילך און לויפט אַרויס ווי אַ ווינט.

נישט דערקענט

באַלד איז אָנגעקומען מיני. בוירני האָט זיך מיט אימפעט אויפגעשטעלט, געגאַנגען איר אַנטקעגן. זי האָט פאַרהאַלטן איר טראָט. זיי זענען געבליבן שטיין איינמיטן אויפנאַם־צימער איינער קעגן אַנדערן. זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אים אָנגעקוקט מיט אומצופרידענע, איבערראַשטע בליקן: ווער קאָן זיין דער מאַן? זי האָט אים אַ רגע נייגעריק באַטראַכט. ער איז איר געוואָרן קענטלעך, נאָר זי איז ניט געווען זיכער, צי דאָס איז דער, וועמען זי מיינט. זי האָט געוואַרט, ער זאָל זיך פאַר איר פאָרשטעלן.

די מאַמע שטייט, קוקט אויףביידע מיט אַ ברייטן שמייכל. ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און היימיש דערלאַנגט מינין די האַנט. זי האָט ווי אומגערן אָנגענומען זיין מענערשע האַנט, נאָר ער האָט אירע דינע פינגער פעסט אַריינגענומען אין זיין ביינערדיקער האַנט און ניט אָפּגעלאָזט. סערקע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, ניט אויסצושרייען:

— דאָס איז דאָך בוירני בוראַק!

מיני מאַכט אַ טריט צוריק. זי וויל זיך אָפּרוקן, נאָר ער לאָזט ניט אַרויס איר האַנט. ער דריקט אירע ווייכע דינע פינגער, קוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, שמייכלט און וואַרט, זי זאָל אים דערקענען, אָנרופן אים ביים נאָמען.

— נאָך אַ לאַנגן אָנקוקן זיך, זאָגט ער צו איר מיט נאָענטקייט:

— דו דערקענסט נישט דיין קינדער־פריינט בוירני?

— אָך, בוירני! עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס ביסטו. נאָר וועמען האָט געקאָנט איינפאַלן דיך פלוצלינג דאָ צו זען? אַזעלכעס האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, — האָט זי מיט פרייד אויסגעשריגן.

ער האָט זיך צוגעבויגן, זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט, און זיי האָבן זיך האַרציק צעקושט.

מיניס פנים האָט מיטאַמאָל געקראָגן אַן אַנדער קאָליר. די אויגן האָבן

אַ פינקל געטאָן מיט אַ פריש פייערל. אַ דינער, צופרידענער שמייכל האָט זיך אויסגעשפרייט אַרום איר שיין־פאַרמירטן מויל.

זינט קענעט איז אומגעקומען, האָט די מאַמע דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ פרייִלעכקייט אויף איר טאָכטערס פּנים. דער טרויער פון אירע אויגן איז פאַרשוואונדן.

מיני האָט פריינטלעך זיך נאָכגעפרעגט אויף בוירניס שוועסטער און ברידער. סערקע איז אַן אויפגעלעבטע אַריין אין קיך צוגרייטן וועטשערע, פון דער גרויסער, פריידיקער איבערראַשונג איז זי געוואָרן צעטומלט. ס׳איז איר געפאַלן פון די הענט. זי האָט ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן.

בוירני איז אויפדאָסניי געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי סערקען אין שטוב.

יעדעס מאָל, וואָס סערקע האָט זיך אויף אים געריכט, איז געווען ביי איר אַ יום־טוב. זי האָט מיט גרויס פאַרגעניגן געראַמט, געפּוצט דאָס אַלטע מעבל, געגרייט די בעסטע מאכלים.

סערקע זעט, אַז יעדעס מאָל פאַר בוירניס קומען, שטייט מיני ביים שפּיגל, קעמט זיך, לייגט־איין פּינקטלעך אירע לאָקן און פּוצט זיך מער ווי ווען־ס׳איז־פריער. בוירני קומט קיינמאָל ניט מיט ליידיקע הענט. ער ברענגט אַלעמאָל עפּעס פאַר סערקען אָדער פאַר ראַלפן.

דאָס ייִנגל האָט אים ליב געקראָגן און זיך צו אים שטאַרק צוגעבונדן. חוץ דעם וואָס ער ברענגט פאַר סערקען נוצלעכע זאַכן, אַנטיקן פאַר דער שטוב און שפּילצייג פאַר ראַלפן, קומט ער אָפט מיט בילעטן צו דער אָפּערע, טעאַטער אָדער צו קאָנצערטן און בעט, אַז מיני זאָל מיט אים גיין. זי זאָגט אים קיינמאָל ניט אָפּ, נעמט־אָן גערן זיין איינלאַדונג.

אַמאָל אין אַ שיינעם זומערדיקן יום־טוב־טאָג נעמט בוירני אין זיין אויטאָמאָביל סערקען, מינין און ראַלפן. ער פאָרט מיט זיי אַרויס פון שטאָט. זיי פאַרברענגען אַלע צוזאַמען אויף דער פרישער לופט צווישן ביימער אָדער ערגעץ ביי אַ ברעג ים.

מיני האָט דערפילט, אַז דער לאַנג־יאָריקער גליווער פון איר איינזאַמקייט האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן, צעגיין ווי אייז פון אַ פרילינג־זון. אין האַרצן איז די ענגשאַפט לויזער געוואָרן און דאָס געמיט — לייכטער, ווי זי וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע לאַסט פון זיך.

דער פאַרלוירענער אינטערעס צו זען מענטשן, גיין פאַרברענגען,

געפעלן ווערן, האָט אין איר אויפגעוואַכט. זי בענקט נאָך בוירנין, זי וויל אים אָפטער זען.

זי וואונדערט זיך אויף זיך אַליין: וואָס האָט פּאַסירט מיט איר? ווי אַזוי קומען צו איר די טראַכטונגען, די געפילן? וואו איז אַהינגעקומען איר שאַרפער וויטיק נאָך קענעטן? זי האָט דאָך נאָר מיט אים געלעבט, און מיטאַמאָל אַזאַ באַפרייאונג פון איר געדריקטקייט.

שפּעטער באַפאַלט זי ווידער אַ שולד־געפיל.

וואָס אָפטער בוירני קומט, וואָס מער ער וויזט אַרויס צו איר ליבשאַפט, אַלץ מער לאָזט זי דאָס שולד־געפיל ניט אָפּ. צו דעם וואָס זי פילט זיך שולדיק קעגן קענעטן, איז איר צוגעקומען אַ צווייט שולד־געפיל — קעגן בוירנין. זי טראַכט, אַז זי איז באַגאַנגען אַן עוולה, וואָס זי האָט צוגעלאָזט, אַז בוירני זאָל זיך צובינדן צו איר.

איר דאַכט זיך, זי וועט אים נישט קאָנען ליב האָבן מיט דעם ברען, וואָס זי האָט ליב געהאַט קענעטן. מיינט עס דאָך, אַז זי האָט פאַרפירט אַ מענטשן. זי מוז מיט אים רעדן, אים אָפן דערקלערן, אַז זי איז נישט פאַר אים. זי מוז אים זאָגן, ווי אַזוי זי פילט און וואָס זי טראַכט; אַז ער איז איר ליב און טייער, ווי אַ פריינט, אָבער נישט זי זאָל זיין זיין פרוי.

ביי די טראַכטונגען האָט אַ שאַרפער וויטיק געגאָגט איר האַרץ. זי האָט ניט געוואוסט, צי דער וויטיק נעמט זיך דערפון וואָס זי וויל אַוועקשטויסן פון זיך בוירנין, צי דערפאַר ווייל עס ציט זי צו אים. ביז זי האָט אים געזאָגט:

— איך האָב נישט קיין רעכט צו זיין דיין פרוי, ווייל איך טראָג נאָך אַלץ אַ בענקשאַפט נאָך קענעטן. איך קאָן אים ניט אַרויסלאָזן פון מיין האַרצן. און דו ביסט אַ גוטער בוירני. דו ביסט ווערט אַ פרוי, וואָס זאָל נאָר דיך ליב האָבן, און ניט אינזינען האָבן קיין אַנדערן. דאַרפסט אַ פרוי, וואָס זאָל זיך קאָנען איבערגעבן צו דיר מיט אירע פלאַמיקסטע געפילן, ניט בלויז זיך וואַרעמען ביי די פלאַמען פון דיין ליבשאַפט צו איר. ס'וועט זיין אַן אומרעכט פון מיר צו וואַרעמען זיך ביי דיין פייער.

די לעצטע ווערטער האָבן פאַרשטיקט איר לשון. זי האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע פון בייטל און אויסגעווישט אירע אויגן.

בשעת זי האָט גערעדט, האָט ער מיט גרויס ערנסט געקוקט אויף איר, דערנאָך האָט ער צאַרט אַ גלעט געטאָן איר קאָפּ און מיט טיפן געפיל געזאָגט:

— דענקסטו נישט, אַז ס'איז בעסער דו זאָלסט זיך וואַרעמען ביי מיינע הייסע געפילן, איידער זיי אויסלעשן? איז דען נישט גלייכער אַן אַנדערן מלחמה־געליטענעם געבן פרייד, אינהאַלט אין לעבן איידער [illegible] פאַרפייניקן [illegible] בענקשאַפט צו [illegible] [illegible] זיינע רייד האָבן דערגרייכט [illegible] טיפסטע טיפעניש [illegible] שטאַרק געריירט פון דעם שמועס [illegible] שטיל געבליבן. [illegible] אָן ווערטער, האָבן זיי זיך געזעגנט [illegible]

[illegible] איך האָט אויפגעברויזט א ניעד געפיל [illegible] אַן [illegible] און מער [illegible] בענקשאַפט צו בוירניק. די אַנטפּלעקונג [illegible] געפילן, וואָס זי האָט צו קענען [illegible] בוירניס [illegible] האָבן [illegible] געמאַכט איר [illegible] שולדיקייט. [illegible]

ווען ער איז אויף מאָרגן ווידער געקומען, איז זי געווען [illegible] ווי ווען עס איז פריער. [illegible]

[illegible] „אַנדזער מאַמע" [illegible]

[illegible]

[illegible] בוירני האָט אויפגעריסן דעם טרויער־פּאַנצער און פריגעלאָזט איר געפילן. גראָד דאָס פאַרדריסט זי. זי האָט דאָך געוואָלט שטענדיק טראָגן קענען אין איר האַרצן [illegible] נישט [illegible] אויפהערן פון אים צו טראַכטן [illegible] פּלוצלינג איז [illegible] [illegible] נעמען מיט בוירניקן. עס ציט זי צו אים, זי גאַרט נאָך זיין בליק [illegible] אַ באַרירונג, און זי קאָן זיך פון דעם געפיל נישט באַפרייען [illegible] קרענקט [illegible] זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ שולד־געפיל [illegible]

[illegible] בוירני [illegible] צו איר מיט אַ סך ליבשאַפט. ער זאָגט [illegible] פונקט ווען [illegible] ביסט, האָב איך געטרוימט [illegible] קריגן. נאָר מיט דיר, מיין טייערע, וועל איך זיין גליקלעך [illegible] פון אָט־די ווערטער [illegible] גוט [illegible] קיינעם נישט טראַכטן נאָר פון בוירניקן. [illegible]

[illegible] איינמאָל קומט אַריין מיט בוירניקן [illegible] גאַס [illegible] צופרידענע, אויפגעלעבטע, מיט שמייכלענדיקע פּנימער, מיט שטראַלנדיקע אויגן. זיי שטעלן זיך ביידע אַוועק לעבן [illegible] ווען [illegible] געזעסן [illegible] געליינט [illegible] צייטונג [illegible] הייבט זיך אויף. [illegible] ווילן גיין צוגרייטן פאַר זיי עסן, נאָר זיי [illegible] איר דעם [illegible] גאַנג.

מיני האַלט איר לינקע האַנט אַרום בוירניס האַלדז, ער האַלט זיין רעכטע האַנט אַרום איר טאַליע. ביידע קוקן אויף דער מאַמען מיט סודות־פולע, גליקלעכע בליקן און שווייגן. די מאַמע האָט דערזען זייערע פרייִ־דיקע פנימער, איז זי אויך פריילעכער געוואָרן.

— וואָס ווילט איר עסן? — פרעגט זי סערקע. זיי ענטפערן נישט. מיני טוליעט זיך צו בוירנין. זי וואַרט, ער זאָל אַנטפּלעקן פאַר דער מאַמען זייער באַשלוס, און בוירני וויל, זי זאָל דאָס טאָן. נאָך באַלד ציט אַרויס בוירני זיין לינקע האַנט, נעמט אַרום סערקען אַרום אַקסל, דריקט זי צו צו זיך, דרייט אויס צו איר דעם קאָפּ, קוקט איר אין די אויגן אַריין פול מיט ליבשאַפט, און זאָגט:

— איר וועט נישט זיין מער מײַן צווייטע מאַמע, איר וועט זיין אונדזער מאַמע! מיר האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן!

פון דער פרייִדיקער בשורה האָט אַ וואַרעמע ראָזעלעכקייט באַשלאָגן סערקעס פנים. זי האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס, ביידנס קעפּ צוגעבויגן צו זיך און באַדעקט זיי מיט הייסע מאַמעשע קושן. פון אירע אויגן זענען געראָנען פרייִדיקע טרערן, און זי האָט שטיל אַרויסגעפּליסטערט: — מזל־טוב, מזל־טוב אייך, מײַנע קינדער!

נחת פון קינדער

— מ׳ר דאַכט זיך, אַז איר זענט שוין דאָ אין אַמעריקע אַ פערציק יאָר ?
— האָט דער נישט לאַנג אַריבערגעקומענער לאַנדסמאַן, לייבוש וועווריק, געפרעגט קאַפּל בענדער.

— יאָ, איר האָט כמעט ווי געטראָפן. שוין באַלד ניין־און־דרייסיק יאָר, — האָט קאַפּל אויסגעזיפצט, ווי עס וואָלט אים באַנג־געטאָן, וואָס די יאָרן זענען אַזוי שנעל אַוועק.

— ווי איך זע, האָט איר דורך דער צייט קיין גרויסע גליקן דאָ אין דער גאָלדענער מדינה נישט געמאַכט, — האָט דער נישט לאַנג אַריבער־געקומענער געפּרואווט אויסגעפינען.

— נישט צו פאַרזינדיקן. איך האָב נישט קיין טענות. איך האָב, חלילה, גאָרנישט דערלייגט צו אַמעריקע. אַז מ׳איז געזונט, מ׳קאָן אַר־בעטן און מ׳האָט נחת פון די קינדער, איז שוין גוט, — האָט קאַפּל מיט אַ צופרידענעם טאָן געזאָגט.

— איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, ביז איך האָב נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי שווער עס קומט־אָן אַן אַרבעטער ביי אייך צו פאַרדינען אַ דאָלער, — האָט לייבוש מיט אַנטוישונג געזאָגט.

— ווי איך זע, זענט איר נישט באַגייסטערט פון אונדזער אַמעריקע, — האָט קאַפּל מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— אַז מ׳קומט אין די פופציקער יאָרן, ווי איך בין, אוןך מ׳דאַרף ערשט אָנהייבן אויפדאָסניי, אי זיך לערנען רעדן אַ נייע שפּראַך, אי דעם אופן ווי אַזוי מ׳אַרבעט דאָ ביי אייך אין אַ פאַך ביי וועלכן איך האָב אָפּ־געאַרבעט עטלעכע צענדליק יאָר, איז נישט גרינג, — האָט זיך לייביש באַקלאָגט.

קאַפּל, וועלנדיק לייבושן גרינגער מאַכן דאָס האַרץ, האָט ער געזאָגט:

— וועגן דעם דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן. דאָס זענען קלייניקייטן. מיינט נישט, אַז איך האָב דאָ נישט געפּאַקט און געמאָזלט, נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אייערע שוועריקייטן און אַנדערע צרות, וואָס אַן עמי־גראַנט האָט אויסצושטיין.

— איר וועט זיך צוגעוואוינען, — האָט אים קאַפּל געטרייסט. מיט־אַמאָל גיט ער אים אַ פרעג: — איר זענט געקומען אַליין, צי מיט אַ פאַ־

מיליע ? — און ס'האָט אים באַלד באַנג־געטאָן, וואָס ס'האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט די פראַגע. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ביי אַריבערגעקור־מענע פון אייראָפּע, נאָכן היטלער־חורבן, טאָר מען נישט פרעגן אויף אייגענע, ווייל יעדער ייד האָט געליטן שווערע פאַרלוסטן און דאָס איז ביי יעדן אַן אָנגעווייטיקטע וואונד. עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ צו זען, ווי לייבוש איז געוואָרן טרויעריק. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק.

לייביש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך שטיל, ווי צו זיך געזאָגט :

— מיט איין זון בין איך געבליבן. מיין פרוי מיט דריי קינדער האָבן די נאַצישע מערדער אומגעבראַכט.

קאָפּל איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך אַרויסדרייען פון דעם פּיינלעכן ענין, האָט ער ראַפּטאָם, מיט אַן אויפגעהויבענער שטים געזאָגט :

— נישקשה, איר וועט דאָ נישט פאַרפאַלן ווערן. מענער־שניידעריי איז ביי אונדז נישט פון די ערגסטע פאַכן. ס'וועט נעמען אַ שטיקל צייט וועט איר כאַפּן דעם היגן „שניט" פון אַרבעט און איר וועט זיין גלייך מיט אַלע אַרבעטער, — האָט קאָפּל געטרייסט זיין לאַנדסמאַן און גענומען זיך פאַר אַ ביישפּיל : — אָט, נעמט מיך : איך בין אַלע מיינע יאָרן אַן אַר־בעטער. איך ניי הויזן. דאַכט זיך, וואָס איז הויזן ? פונדעסטוועגן, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך פון מיין פּראַצע אויסגעהאָדעוועט דריי זין, זאָלן לעבן און זיין געזונט, מיט לייטן גלייך, געבילדעטע אויפן שענסטן אופן, און איך האָב פון זיי, אַ דאַנק גאָט, נחת, נישט צו פאַרזינדיקן.

— אַמעריקע איז פאָרט אַמעריקע. נעמט אַזאַ ייד ווי איך. וואָס וואָלט איך דערלעבט ביי מיין טאַטן אין קוזניע ? איר האָט דאָך אים געקענט, וואָס פאַר אַ גביר ער איז געווען. אמת איז, אַז קיין גביר בין איך טאַקע דאָ אויך נישט געוואָרן, אָבער מיינע קינדער, זעט איר, האָב איך געלאָזט לערנען. איך האָב דריי געבילדעטע קינדער. מיין עלטערער זון, זאָל לעבן, האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, זאָג איך אייך. ווען מען לאָזט אים, וואָלט ער געפירט די וועלט בעסער פון די מיניסטאָרן, וואָס זיצן אין די קאַבינעטן, באַרימען זיך מיט די טויט־באָמבעס, וואָס זייער לאַנד שאַפט, פון וועלכע מען ווערט פאַרציטערט, מיר זאָלן, חלילה, אַלע נישט אומקומען. ווען מיין זון זאָל זיין ביי דער מאַכט, וואָלט ער, קודם־כל, געזען עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט. ער איז בטבע קעגן מלחמה.

און צו די רייכע וואָלט ער געזאָגט: זייט מוחל, גיט אַביסל צו די אָרעמע לייט. איר לעבט אין לוקסוס, פֿאַרשווענדט געלט אויף אומנוצלעכע זאַכן, זאָלן די אָרעמע מענטשן כאָטש האָבן אָפּצועסן צו זאַט. — איר ווייסט דען וואָס פֿאַר אַ קאָפּ ער האָט? מען האָט דאָך אים צוגעזאָגט אַבי ער זאָל לערנען. אַחוץ געלט האָט מען אים נאָך געגעבן פֿאַרשידנערליי אויסצייכענונגען. מען האָט וועגן אים אפֿילו געשריבן אין די „פּייפּערס“. טאָמער איז דאָס אַלץ געווען ווייניק, — האָט קאָפּל געלויבט זיין זון, — האָבן זיינע פּראָפֿעסאָרן פֿאַר אים צוגעגרייט אַ שטעלע אַלס געהילף־פּראָפֿעסאָר פֿון וויסנשאַפֿט, נאָך איידער ער האָט פֿאַרענדיקט דעם קאָ־לעדזש. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ער איז געוואָרן אַ פֿאָלנער פּראָפֿעסאָר. מאָלט אייך: איך, קאָפּל, זעליג בענדער דעם קאַוואַלס, האָב אַ זון אַ פּראָפֿעסאָר! וואָס קאָן זיין בעסער, האַ? איז אָבער די צרה, היינטיקע צייטן איז ביי אונדז געוואָרן אַ מאָדע, וואָס איז דאָ אין אַמע־ריקע קיינמאָל נישט געווען און נישט געהערט געוואָרן...

קאָפּלס פֿריערדיקער טאָן, וואָס איז געווען גאָר וואָזשנע צעשפּילט, האָט זיך אָראָפּגעלאָזט. ער האָט אַ ווײַלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דערציילט, נאָר מיט אַ גאָר אַנדערן טאָן:

— וואָלט איר געגלייבט, אַז אַזעלכע וויכטיקע מענטשן, ווי מיין זון, זאָל מען גאָר שלעפּן צו אַ קאָמיטע פֿאַרשן, אויספֿרעגן, מאַטערן מיט אומזיניקע קלאָץ־קשיות, אונטערזוכן, וואָס דער מענטש טראַכט, צי ער איז יאָ אָדער נישט מסכים מיט דער אָדער יענער פּאַרטיי, וואו ער פֿאַר־ברענגט, צו וועמען ער קומט, מיט וועמען ער רעדט, ווי אַזוי ער פֿירט זיך, וואָס ער לייענט, מיט וועמען ער חברט זיך און נאָך אַזעלכע אומ־געלומפּערטע פֿראַגן. איר האָט שוין אַמאָל געהערט אַזעלכעס? — האָט קאָפּל פֿאַרביטערט געפֿרעגט. נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער האָט ער ווייטער גערעדט:

— בקיצור, נאָך אַלע אויספֿאָרשונגען, נאָך אַלע זוכענישן און נאָכפֿרעגן זיך ביי די שכנים, האָט מען אים אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע. מיינט איר דאָך אפֿשר, אַז מען האָט געפֿונען אויף אים עפּעס אַ חטא, אַז ער איז, חלילה, באַגאַנגען אַ וועלכן ס׳איז פֿאַרברעכן, האָט איר אַ טעות. חלילה, זאָל גאָט היטן! אַזעלכע זין זאָלן זיין ביי אַלע אונדזערע פֿריינט. אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן, זאָג איך אייך. וועט איר דאָך פֿרעגן: היתכן? פֿאַרוואָס־זשע האָט מען אים פֿאָרט אָפּגעלייגט פֿון דער שטעלע? הערט־זשע, איך בעט אייך, און

שטוינט: מ׳האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זיינע פריינט געפעלן זיי נישט! ווי געפעלט אייך אַזאַ מעשה? כאָטש גייט, פרעגט זיך אָן ביי זיי, מיט וועמען יאָ און מיט וועמען נישט זיך צו חברן. איר הערט? נישט נאָר ער אַליין דאַרף זיי געפעלן, נאָר זיינע פריינט אויך!

— און דאָס האָט געדאַרפט טרעפן פונקט עטלעכע וואָכן פאַר זיין חתונה. קיין געלט צו דינגען אַ דירה און קויפן מעבל האָט ער נישט געהאַט, האָט ער זיך נעבעך גענאַרגט. זאָגט צו אים מיין ווייב:

— זאָרג נישט, מיין קינד. אין פיר צימערן מיט אַ קיך קאָן מען זיך פאַמעשטשען. דו האָסט אַ צימער פאַר זיך, קאָנסטו דערוויל מיט דיין ווייב וואוינען מיט אונדז. — און אַזוי איז געבליבן. וואָס טוען נישט עלטערן פאַר אַ קינד? — האָט קאָפּל צוגעגעבן, און נישט אויפגע־הערט רעדן וועגן זיינע קינדער.

— אַ יאָר שפּעטער האָבן זיי געהאַט אַ קינד, אַ יינגעלע. אַ שטיק גאָלד, זאָג איך אייך. מיין שנור איז אויך אַ געלערנטע, כמעט ווי ער. איצט גיט מיין ווייב אַכטונג אויפן קינד און זי גייט אַרבעטן.

— דער אַנדערער זון מיינער, — האָט קאָפּל ווייטער שטאָלצירט מיט זיינע קינדער, — האָט דווקא געוואָלט זיין אַ דאָקטאָר. האָב איך געזאָגט: אדרבא. פאַרוואָס נישט? איך בין צופרידן צו האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר. — האָט ער זיך אָפּגעלערנט אַ שיינע פאַר יאָר, ס׳האָט אָפּגעקאָסט אַ שלל מיט געלט. איך האָב געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, שבתים און יום־טובים, נישט פאַרגונען זיך אָן איבעריקע פעני אויסצוגעבן, אַבי ער זאָל לערנען, דערגרייכן וואָס ער וויל. ביז איך האָב קוים דערלעבט ער זאָל קאָנען אַריינגיין אין מעדיצינישן אוניווערזיטעט, אָבער דאָ איז נישט געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין. ביי אונדז אין אַמעריקע איז געוואָרן שווער אַנצוקומען אין אַ מעדיצינישן אוניווערזיטעט. מ׳שמועסט, יאָקבי, אַז פאַר אַ ייד איז נאָך פיל שווערער, ווי פאַר אַנדערע אַנצוקומען. האָט מען אים געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ מער קיין אָרט, אַלע קלאַסן זענען פאַר־פּילט. מילא, ווי אַזוי מיר אַלע האָבן דעמאָלט געפילט, וועל איך בעסער נישט רעדן. איר פאַרשטייט דאָך, אַז קיין טענצל זענען מיר נישט געגאַנגען.

— ווען ער וואָלט דעמאָלט אַריין אין „מעדיצינישן אוניווערזיטעט״, וואָלט ער שוין היינט געווען אַ פּאָלנער דאָקטאָר, אָבער אַז ס׳איז געוואָרן אויס מיטן לערנען, איז שוין אויך געוואָרן אויס דאָקטאָר.

— דערווייל האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ מיידל און האָט חתונה

געהאַט. ביידע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם סענט, זענען זיי אויך געבליבן וואוינען מיט אונדז. אָבער מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן צו פאַרדינען אויף צו לעבן, איז ער געוואָרן אַ סעילסמאַן פון „וואַקיום קליי־נערס״. דאָס הייסט, אַ פאַרקויפער פון עלעקטרישע באַרשטן־רייניקער, — האָט קאָפּל דערקלערט זיין גרינעם לאַנדסמאַן און וויטער דערציילט:

— ער קריכט נעבעך אַרום גאַנצע טעג אויף שטיגן, קלאַפּט אין טירן, קומט אַהיים ביינאַכט אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער.

— ער פאַרדינט כאָטש אַ סך געלט? — האָט לייבוש אים אַ פרעג געטאָן.

— ווי אַמאָל, — האָט קאָפּל נישט זייער פריילעך געענטפערט, — אַז ער טרעפט־אָן אויף אַ לייטישער פרוי, וואָס לאָזט אים אַריין, און אַז ער קומט אַריין אין אַ הויז, רעדט ער. אַ מויל האָט ער דווקא, ער וואָלט געקאָנט זיין אַן אַדוואָקאַט, און אַז ער האָט צו וועמען צו רעדן, מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער פאַרקויפט עפּעס, און אַז ער פאַרקויפט פאַרדינט ער. לעבן אונדז דאַרף ער נישט קיין סך אויף דורכצוקומען. נישקשה, אויף טאַטע־מאַמע קאָן מען זיך אָנשפּאַרן!

— דאָס איינציקע, וואָס איז נישט אַזוי פויגלדיק, איז דאָס וואָס די שוועגערינס, דאָס הייסט, מיינע ביידע שנורן, האָבן זיך נישט זייער גערן. זיי האָבן זיך, חלילה, נישט פיינט, נאָר קיין גרויסע ליבשאַפט איז צווישן זיי נישטאָ. נאָר אַ דאַנק מיינער, קומט מען אויס.

— אַ קלוגע פרוי, מיינע, אַ חכמה, זאָג איך אייך. אַמאָל וואונדער איך זיך, וואו זי נעמט אַזויפיל געדולד, ווי אַזוי זי קומט־דורך מיט די שנורן און זי זעט צווישן ביידע שוועגערינס זאָל זיין שלום. דאָ פאַר־שטעלט זי, דאָרט פאַרגלעט זי, אַבי ס׳זאָל זיין שאַ־שטיל, אַבי זיך נישט קריגן. דער ייִנגסטער זון מיינער איז אויך אַ געבילדעטער, מ׳קאָן זאָגן, אַ האַלבער אָדער כמעט אַ גאַנצער אינזשענער. ער איז שוין אָפּגע־גאַנגען דריי יאָר אין קאָלעדזש, געלערנט אויף אינזשענער. איז דאָך געווען אַ וויסטע מלחמה, האָט מען אים אַוועקגענומען אין דער אַרמיי. ער האָט זיך אָפּגעוואַלגערט אַריבער צוויי יאָר אויף די שלאַכט־פעלדער, ביז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָר גאָט־צו־דאַנקען, ער איז געזונט געוואָרן. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין חשק מער צו לערנען. אַ צייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט ליידיק, אָבער ווי לאַנג קאָן מען זיך אַרומדרייען און גאָרנישט טאָן? איז ער געוואָרן

אַן אַרויסהעלפער ביי אַ פּלאָמבער. מיט דער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט די מלאכה און איצט איז ער אַן ערשט־קלאַסיקער פּלאָמבער, — האָט קאָפּל אים געלויבט.

און ער האָט ווייטער גערעדט וועגן זיינע קינדער:

— איר זאָלט זען, ווען אַלע דריי זין מיט די שנורן טרעפן זיך צוזאַמען ביים עסן און מ׳הויבט־אָן רעדן, דיסקוסירן וועגן דער היינטיקער וועלט, איז אַ נחת צו הערן. זיי ווייסן וואָס ס׳טוט זיך אין יעדן לאַנד. יעדערער האָט אַ באַזונדערע, דאָס הייסט, זיין אייגענע מיינונג. איך פרעג זיי אַלע מאָל: קינדער, וואָס וועט זיין? מ׳האָט געמיינט, אַז מ׳איז פּטור געוואָרן פון היטלערן, וועט מען פּטור ווערן פון פאַשיזם און מלחמות. און דערווייל הויבט זיך נישט אָן. די גאַנצע צייט, זינט היטלערס מפּלה, בושעווען פאַשיסטן און עס הענגט אַ נייע מלחמה מיט נייע באָמבעס איבער אונדזערע קעפּ, און מען האַלט זיך אין איין שרעקן, אין איין ציטערן, אַז אַזאַ געפערלעכע באָמבע זאָל ווען־ס׳איז, חלילה, די שעה זאָל נישט זיין, צעשמעטערן די גאַנצע וועלט.

אויף דעם האָבן זיי נישט קיין ענטפער, נאָר מ׳שפּאַרט זיך און מ׳אַמפּערט זיך איבער טויזנטער פאַרשידענע זאַכן. איינער וויל דעם אַנדערן איבערצייגן, אַז ער איז גערעכט, אַז ער ווייסט בעסער. שרייט מען, מ׳געוואַלדעוועט. אַמאָל דערגייט עס צו אַזאַ מדרגה, אַז עס קוקט אויס ווי אָט־אָט, וועט איינער דעם אַנדערן אויסדראַפּען די אויגן. נאָר גאָט־צו־דאַנקען, מ׳שפּאַרט זיך אָפּ, מ׳קריגט זיך אָפּ און ס׳איז ווידער שלום ושלווה.

— איך האָב זיך שוין אַביסל צופיל פאַררעדט, — האָט זיך קאָפּל געגעבן אַ כאַפּ, זעענדיק ווי זיין לאַנדסמאַן זיצט טרויעריק, פאַרטאָן אין זיינע רעיונות.

— אַבי איר זענט שוין אַ היגער, — האָט קאָפּל געגעבן אַ זאָג, כדי לייבושן אויפצומונטערן. — זאָרגט זיך נישט. איך זאָג אייך, לייבוש, אַז אַמעריקע איז נאָך פאָרט אַ לאַנד, וואו מענטשן קאָנען לעבן. איך האָף, אַז איר וועט נאָך דאָ האָבן אַ סך נחת פון אייער זון.

ניו־יאָרק, 1950.

אויפּדאַסניי

דער זעקס־און־זעכציק־יאָריקער פישל פישמאַן האָט מיט קנאַפּע פיר־צענדליק יאָר צוריק פאַרלאָזט זיין וואַרשעווער חסידישע היים און איז געקומען קיין אַמעריקע.

דאָ האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן: פיליפּ פישער. דער מיטל־וואוקסיקער, שוואַרץ־חנעוודיקער בחור איז געקומען אַהער מיט אַ סך ענער־גיע, מיט גרויסע דערוואַרטונגען.

אין זיין יוגנט האָט ער געלייענט אַ סך ביכער און געשריבן לידער.

נאָך אַלערליי פאַרזוכן צו דערשלאָגן זיך צו רייכטום, איז ער די לעצטע צוויי־צענדליק יאָר געבליבן אַ „גראָסערי סעילסמאַן" (אַ פאַר־קויפער פון שפּייז־פּראָדוקטן).

די לעצטע צייט גייט ער אַרום אַ פאַרזאָרגטער. ער פילט, אַז די פירמע וויל אים באַזייטיקן. מען גיט אים אָנצוהערעניש, אַז צו זעקס־און־זעכציק יאָר מעג ער זיך שוין אָפּרוען: ער דאַרף מער נישט אַרבעטן.

כאָטש ער קומט אַלע אָוונט אַהיים אַ שטאַרק מידער, אָן אויסגע־שעפּטער פון אַ גאַנצן טאָג קלעטערן אויף שטיגן, אַרומשלעפּן זיך מיט די סאַבוועיס אין אַלע עקן שטאָט צו די שפּייז־קרעמער, וויל ער דאָך זיך נישט שיידן מיט דער אַרבעט. ער האָט מורא פאַר אַרומגיין ליידיק. ער שרעקט זיך, אַז גאָרנישט טאָן וועט פאַר אים זיין ערגער ווי די אַרבעט.

ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט, איז שוין דער טיש פון פריער פאַרשפּרייט מיט אַ ריינעם, געבלימלטן טישטעך. שיין אויסגע־לייגט צוויי ווייסע סערוועטקעס מיט אַלע בויטיקע עס־געצייג. דעם שיין־געדעקטן טיש, האַלט־אָן פיליפּס געטרייע ווייב, דאָרע, ווי אַ טראַדיציע נאָך פון איר אַלטער וואַרשעווער פאַרמעגלעכער היים. אין דאָרעס קליידן זיך און אין איר גאַנצער האַלטונג ליגט נאָך די אַמאָליקע יידיש־פּוי־לישע גבירשאַפט, פּונקט ווי אויף פיליפּס בלאַסן פּנים זענען פאַרבליבן שטריכן פון זיינע לאַנגע ישיבה־יאָרן.

נאָכן עסן, אַביסל אָן אָפּגערוטער, האָט פיליפּ ליב צו דערציילן זיין ווייב עפּיזאָדן פון טאָג, מעשיות און פּראָבלעמען פון זיינע קונדן, זייערע שוועריקייטן, פון וועלכע ער ווערט אויך פיל מאָל מיטגעריסן. מיט

יעדן טאָג ווערט עס אַלץ שווערער פֿאַר דעם קליינעם געשעפֿטסמאַן.
— די גרויסע מאַרקעטס שלינגען־איין די קליינע; עס קומט־אָן שווער צו פֿאַרדינען אַ דאָלער. צוליב דעם ווערן אויך מיינע פֿאַרדינסטן יעדע וואָך קלענער, — באַקלאָגט זיך פֿיליפּ פֿאַר דאָרען.
— וואָס דאַרפֿסטו זיך דערפֿון ערגערן? אַ פֿאַר דאָלער האָבן מיר אָפּגעשפּאָרט. מיט דער הילף פֿון עלטער־פּענסיע וועט מען ווי עס איז אויסקומען. דיינע פֿיס האָבן שוין זייערס אָפּגעדינט. זיי ווילן מער נישט לויפֿן אין שפּאַן. ביז אַריבער פֿינף־און־זעכציק יאָר איז גענוג געאַרבעט. אַ מענטש מוז נישט אַרבעטן ביז ער פֿאַלט אַוועק. דו מעגסט זיך שוין אָפּרוען, — פּרובירט זי אים טרייסטן.
אַז פֿיליפּ דערהערט די רייד, ווערט ער אַ פֿאַרציטערטער, אַן אָנ־געצונדענער.
— דערווייל גיי איך נאָך אויף די פֿיס. דו ווילסט מיך מאַכן פֿאַר אַן אינוואַליד. ביי דיר בין איך שוין מיט אַלעמען פֿאַרטיק, אַלץ אָפּגעטאָן, אויס מיט פֿליכטן. וואָס ווילסטו, כ׳זאָל זיין אָן שום פֿאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, משוגע־ווערן פֿון ליידיק־אַרומגיין? דו פֿאַרשטייסט נישט, אַז אַ מענטש מוז זיין מיט עפּעס פֿאַרנומען; אַנדערש האָט דאָס לעבן נישט קיין זין. ס׳איז גאָרנישט ווערט! — צעשרייט ער זיך אויפֿן ווייב.
אים דאַכט זיך, אַז אַרומגיין ליידיק איז ערגער ווי טאָן די שווערסטע אַרבעט. דאָס ערגסטע איז לאַנגווייליקייט, שרעקט ער זיך און טוט אַלץ וואָס אין זיינע כּוחות, אַז די פֿירמע זאָל אים האַלטן. ער ווייסט, אַז קיין נייע פֿירמע וועט אים, צוליב זיין עלטער, נישט אָנשטעלן.
מיטאַמאָל האָט פֿיליפּ אָנגעהויבן אַהיים־קומען אַ שטאַרק־טרויערי־קער. אַ מרה־שחורה האָט זיך פֿאַרצויגן אויף זיין פּנים. ער האָט אויפֿ־געהערט דערציילן דאָרען, די פּאַסירונגען פֿון טאָג, ווי ער פֿלעגט דאָס פֿריער טאָן. ער רעדט בכלל ווייניק. עס רייסן זיך פֿון אים שווערע זיפֿצן. ער פּרואווט איינצוהאַלטן די זיפֿצן, דאָרע זאָל נישט הערן.
באַלד נאָכן עסן גייט ער אַריין אין אויפֿנאַם־צימער, זעצט זיך אַריין אין אַ ווייכער שטול, נעמט די צייטונג, דרייט זי נערוועז אויף אַלע זייטן. זיינע בליקן לויפֿן שנעל פֿון איין „קעפּל“ צום צווייטן.
דאָרע וויל אַמאָל אַרויסציען פֿון אים אַ וואָרט, פֿרעגט זי אים: „וואָס לייענסטו? פֿאַראַן עפּעס וויכטיקע נייעס?“, ווייסט ער נישט וואָס צו זאָגן. זיין פּנים איז פֿאַרחושכט, פֿאַרערגערט. זיינע טונקל־ברוינע אויגן זענען מאַט, זעען־אויס פֿאַרטרערט, ווי מיט אַ נעפּל פֿאַרצויגן.

דאָרע באַמערקט, אַז עפּעס מאַטערט אים, עפּעס וואָס באַהאַלט ער אויס פון איר. זאָגט זי צאַרט, מיט ליבשאַפט:

— דו קוקסט־אויס פאַרמאַטערט. אפשר וואָלסטו איצט גענומען דיין וואַקאַציע און זיך אָפּגערוט פון דעם אַרומלויפן?

פיליפּ שפּרינגט־אויף פון אָרט:

— איך בין נישט פאַרמאַטערט. דריי מיר נישט דעם קאָפּ מיט וואַקאַציע.

— וואָס ביסטו אַזוי נערוועז? גייסט אַרום דערשלאָגן, ווי אַן אַ קאָפּ גלייך די וועלט וואָלט דיר אונטערגעגאַנגען. — זאָגט זי שוין בייזלעך.

ער שפּאַנט איבערן צימער און שוויגט. מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ שטעל־אָפּ, קוקט אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן און מורמלט־אַרויס:

— שוין, געענדיקט! אויס!

— וואָס געענדיקט? וואָס איז אויס? — כאַפּט דאָרע אונטער דערשראָקן.

ער שטייט נאָך אַלץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַ פאַרזינדיקטער. מיט אַ געפאַלענעם טאָן זאָגט ער שטיל און פאַמעלעך:

— געענדיקט... אויס אַרבעט... — ער האַקט־אָפּ די רייד, קאָן מער נישט רעדן. די טרערן שטיקן אים.

— די פירמע גייט־אַרויס פון ביזנעס? — פרעגט אים דאָרע. — וואָס איז פּלוצלינג געשען?

— ניין. זיי האָבן צוגענומען אַן אַנדערן, אַ יונגן מאַן אויף מיין אָרט. ווייזט־אויס, אַז איך בין אויסגעשפּילט. מען דאַרף מיך מער נישט האָבן.

ער גיט אַ גלעט זיין נאַקעטן קאָפּ, און הייבט ווידער אָן שפּאַנען איבערן צימער.

דאָרע האָט געוואָלט זאָגן: „נאָר וואָס דו ביסט! פון דעם איז נישטאָ וואָס זיך צו ערגערן. בעסער אַזוי. דו וועסט זיך אָפּרוען, שוינען דאָס געזונט". נאָר זי רעדט נישט קיין וואָרט. אין דעם מאָמענט קאָן זי אים דאָס נישט זאָגן. ער איז צופיל געערגערט. אים דאַכט זיך, ער וועט אָן דער אַרבעט נישט קאָנען לעבן. זי האָט מורא, אַז אירע רייד וועלן אפשר נאָך ערגער ווירקן אויף אים. שוויגט זי. זי שטעלט זיך אויף פון דער קאַנאַפּע און גייט אַריין אין קיך אַראָפּנעמען פון טיש. זי קלאַפּט הילכיק מיטן געשיר, שטעלט־אַריין מיט אַ טראַסק איין טעלער אין אַנ־

דערן, שנעל שטעלט זי אַוועק יעדע זאַך אויפן אָרט. זי איילט זיך; זי וויל וואָס־גיכער אויפראַמען.

זיין צערודערטקייט האָט זי פּאָרט אַביסל צעטרייסלט. כאָטש זי איז אין האַרצן דערפון צופרידן, האָט עס דאָך אויף איר מאָדנע געווירקט. זי איז מיטאַמאָל געוואָרן אומרואיק; זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. אַ ציטער האָט זי פּלוצלינג אַרומגענומען.

זיינע געפילן האָבן זיך, קענטיק, אַריבערגעטראָגן אויף איר און זי שרעקט זיך. ער האָט דאָך אַריינגעלייגט זיין גאַנצן חוש אין דער אַר־בעט. אפילו די פּראָבלעמען פון די גראָסערי־לייט זענען געוואָרן אַ טייל פון אים. ווי אַזוי וועט ער איצט לעבן אָן דעם? אפשר וועט ער טאַקע נישט האָבן מיט וואָס אויסצופילן זיין ליידיקע צייט, ער וועט זיך לאַנגווייליקן, — עקבערט איר אַ געדאַנק.

פיליפ קוקט־אַריין אין קיך, ער וויל זען, ווי זי האַלט מיט דער אַר־בעט. נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, דרייט ער זיך אויס, גייט אַרויס פון צי־מער, הייבט־אָן שפּאַנען איבערן קאָרידאָר.

אין זיין געדאַנק רייסן זיך אַריין שטיקער פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן אין אַמעריקע: די נישט־איינגעגעבענע פּרואוון צו ווערן אַ באַלמעלאָכע, די פּיל־מאָליקע פּראָבעס אין פאַרשידענע ביזנעס; די שווערע איבער־לעבונגען פון זיינע דורכפאַלן ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ פאַרקויפער פון שפּייז־פּראָדוקטן. אָבער אין די אַלע פריערדיקע שווערע צייטן, דערמאָנט ער זיך, האָט ער געהאַט שטרעבונגען, האָפענונגען, אַז ער וועט פּאָרט צו עפּעס צוקומען. אָבער איצט, ביי די יאָרן, וואָס קאָן ער דערוואַרטן אין זיין לעבן? אַלע זיינע האָפענונגען זענען אויסגעלאָשן. אים דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין פאַרענדיקט. אין זיין קאָפּ באַמבלט זיך נאָר איין געדאַנק, אַז עס וואַרט אויף אים בלויז אַ פּוסטע נודנע ליידיקייט, וואָס וועט אים באַשווערן דאָס לעבן.

דאָרע זעט, אַז איר מאַן איז „אויס מענטש“. — איצט קאָן מען דאָך ערשט אָנהייבן לעבן, — זאָגט זי מיטאַמאָל צו זיך אַליין, באַהערשנדיק איר פאַרצווייפלונג.

זי פאַרטראַכט זיך, זוכט אַ מיטל, ווי אַזוי זי זאָל גרינגער־מאַכן זיין געמיט־צושטאַנד.

זי שטעלט זיך אַוועק אויף דער קיך־שוועל און גיט אים ראַפּטאָם אַ פרעג:

— ווען פאַרענדיקסטו די אַרבעט? איך וויל מיר זאָלן זיך צוגרייטן אַרויספאָרן פון שטאָט, זיך אָפּרוען אין די בערג.

דאָס אַוועקפאָרן וועט אפשר פאַרלייכטערן זיין געדריקטקייט, איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

נאָר פיליפּ ענטפערט נישט. ער שפּאַנט איבערן קאָריד׳אָר, פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן און זאָגט נישט קיין וואָרט. און כאָטש ער ענטפערט נישט, באַשליסט זי סיי־ווי־סיי צו פאָרן אַזוי גיך ווי ער געזעגנט זיך מיט דער פירמע.

ווען זיי זענען געקומען אין די בערג, איז שוין געווען סעפּטעמבער. דעמאָלט זענען די שטאָטישע געסט שוין צוריק אין זייערע איינגעזעסענע היימען. אין די זומער־פּלעצער איז שטיל, רואיק, ווי נאָך אַ הוליאַנקע. די האָטעלן און אַלע אַנדערע זומער־דירות שטייען ליידיק, מיט אָפענע טירן און גרויס אומאָרדענונג פון די נישט־לאַנג פאַרלאָזטע דאַטשניקעס.

אַזוי שנעל ווי דאָרע מיט פיליפּן זענען אַריין אין זייער צימער, האָט דאָרע גענומען אויספּאַקן די זאַכן, אַוועקלייגן אַלץ אויף אַן אָרט, און פיליפּ איז אַרויסגעגאַנגען באַקוקן דעם דרויסן. ער שטייט און קוקט מיט פאַר־זשמורעטע אויגן אויף אַן אַ שיעור אַראָפּגעפאַלענע עפּל, וואָס ליגן אויף אָפּגעבליאַקעוועטע, אויסגעטריקנטע גראָזן אונטער ברייט־צעצווייגטע ביי־מער. עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אויפקלייבן. דיביימער מיט גרינע, געלבלעכע בלעטער זעען־אויס ווי פאַרשלאָפענע, אויסגעלאָשענע פון לעבן. יעדן טאָג קריגן די ביימער אַן אַנדער קאָליר; זיי ווערן באַצירט מיט נייע פאַרבן. אייניקע בלעטער זענען געל ווי מערן און אַראַנדזש־קאָ־ליר. שפּעטער ווערן זיי ווי ציגל. אונטערן בליאַסק פון דער זון זעען זיי אויס ווי גלאַנציקער מעש. אַן אַנדערש מאָל ווערן זיי ווי קופּער, ווי בוראַק, אָדער פייערדיק־רויט.

די קוסטן זענען ברוין, ווי מיט צימרינג באַשאָטן. די בערג, מיט זון באַגאָסן, ליגן מיט גאָלד־באַקרוינטע שפּיצן, ווי פאַרחלומטע, ווי אין בענקשאַפט נאָך מענטשלעכע פוסטריט: ווי זיי וואָלטן געגאַרט נאָך גע־לעכטער, נאָך רויש פון קלעטערנדיקע קינדער, וואָס פאַרמעסטן זיך אין די זומערס ווער ס׳וועט פריער דערגיין צו אַ באַרג־שפּיץ.

די טאָלן זענען פאַרגאָסן מיט זוניקן קוואַל. דאַכט זיך, אַז זיי שמייכ־לען צום ווייטן בלויען הימל.

פיליפּ שפּאַצירט פאַמעלעך אויף די וועגן צווישן די בערג. די לופט שמעקט מיט האַרבסט, מיט אַלערליי ריחות פון רייפע פרוכטן, אויסגע־

מישט מיט ריחות פון אויסגעטריקנטע בלעטער און מיט צעגראָבענער ערד.

אַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ ביים שמאָלן טייכל, הערט זיך צו צום רויש פון וואַסערפאַל, וואָס גיסט זיך אַראָפּ פון אַ באַרג שטיינער און הילכט־אָפּ אין דער ליידיקייט, ווי אַ שטיל געזאַנג, אַ שושקענדיק ליד. פיליפּ גייט־אַריבער דאָס בריקל און קומט־אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד. דאָרט, דאַכט זיך אים, הערט ער סודותדיקע קלאַנגען פון אומגעזעענע באַ־שעפענישן.

אין דער צייט פון פיליפּס שפּאַצירן גייט דאָרע רייסן מאַלינעס פאַר פרעגלען איינגעמאַכטס.

אַמאָל זיצן זיי ביידע אונטער אַ סאַסנאָווע־בוים. דיביימער זענען גרין, פריש, ווי אין פרילינג. ביינאַכט גיבן זיי אַרויס אַ האָניק־זיסן ריח.

דאָרע האָט שטאַרק ליב די נאַטור. אין יעדן צווייגל, אין יעדן גרעזל זעט זי שיינקייט. זי קוקט אין דער ווייטקייט און זאָגט צום מאַן:

— זע נאָר, ווי עס קייטלען זיך די בערג, ווי זיי שליסן זיך אַריין איינע אין די אַנדערע, מיט זייערע פאַרשמאַכטע, מאַט־ברוינע קוסטעס, וואָס זעען־אויס ווי מידע איינגעדרימלטע שאָף. דו פילסט, ווי די ביימער גיבן־אַרויס אַ מין בשמים־ריח? — פרעגט זי אים אַ צופרידענע, וואָס זיי קענען געניסן פון דער האַרבסטיקער שיינקייט. זי קווועלט־אָן פון די ליכטיקע, גאָלדענע טעג, פון די בלעטער־קאָלירן, וואָס ענדערן זיך, דאַכט זיך איר, פאַר אירע אויגן. אַמאָל פאַרקוקט זי זיך אויפן טיף־בלויען הימל, אויף די ווייסע וואָלקנדלעך, ווי זיי באַוועגן זיך, שפּרייטן זיך אויס און פאַרשווינדן.

פיליפּ זיצט אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרטראַכטער. ער קוקט אויף די ברייט־אָפענע פוסטע פעלדער, וואָס ציען זיך מיט אַן אומענדלעכער ווייטקייט. עס דאַכט זיך אים, אַז אַלץ אַרום לעשט זיך, צאַנקט מיט לעצטע אויסגייענדיקע פונקען. אים ליגט גאָר אינזינען, אַז באַלד וועלן זיך אָנרוקן טונקעלע, וואָלקנדיקע טריבע טעג מיט גרויע, וואַסערדיקע הימלען. קאַלטע, פוילע ווינטן וועלן אַדורכנעמען די ביינער, זיי וועלן אָניאָגן אַ מרה־שחורה. עס וועלן זיך ציען לאַנגע אומהיימלעכע אָוונטן.

דאָרע שלאָגט אים איבער די געדאַנקען. זי רופט אים ער זאָל גיין עסן. ער הויבט זיך אויף פּאַמעלעך, מאַכט פוילע טריט, שאַרט די פיס אי־בערן טויאיקן גראָז. ער קומט־אַריין אין שטוב אָן חשק, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. מיט אַ גלייכגילטיקן אויסדרוק אויפן פּנים זעצט ער זיך אַוועק

שווער ביים טיש. דאָרע קוקט־אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער און זי זאָגט פריילעך:

— האָסט געזען, ווי די קוסטעס האָבן באַקומען פאַרשידענע קאָלירן: קופּער, מעש, פּורפּור, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרפּוצט מיט אַ צוויבער־שלייער. און די ביימער — זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך באַדעקט מיט רויט־פלאַמענ־דיקע קרוינען, מיט ברענענדיקע פייער־בלעטער באַצירט, גלייך זיי וואָלטן אויפדאָסניי זיך צעבליט.

נאָר פיליפּ קוקט נישט אין פענצטער, ווי נישט צו אים רעדט זי. ער האַלט זיינע אויגן אויפן פאַרשפּרייטן טיש מיטן צוגעגרייטן עסן.

דאָרע זעצט־פאָר מיט איר גוטמוטיקייט, און זאָגט:

— איך האָב היינט אָפּגעקאָכט אַ קאָמפּאָט פון די אַראָפּגעפאַלענע עפּל און אָנגעפּרעגלט איינגעמאַכטס, וואָס וועט זיין גענוג אויף אַ גאַנצן ווינטער.

זי פּרובירט נאָך אַלץ איבערצורייסן זיין שלעכטע שטימונג, אַריינ־ברענגען אַ פריילעכן טאָן ביים עסן.

ס'האָבן אָנגעהויבן בלאָזן קילע ווינטן. זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם זומער־פּלאַץ.

ווען פיליפּ מיט דאָרען זענען אַהיים געקומען פון זייער וואַקאַציע, איז שוין געווען טיף אין האַרבסט.

דאָרע פאַרנעמט זיך, ווי אַלעמאָל, מיט דער ווירטשאַפט און פיליפּ זיצט, רירט זיך נישט אַרויס פון שטוב. לאַנג קאָן ער נישט איינזיצן אויף קיין אָרט. ער הייבט זיך אַלעמאָל אויף, קוקט־אַריין אין קיך, באַטראַכט וואָס זיין ווייב טוט, דרייט זיך אַרום איבער די צימערן און קוקט אַלע וויל אויפן זייגער. עס דאַכט זיך אים, אַז די מינוטן שלעפּן זיך, קריכן צו־פּאַמעלעך, ציען־אויס דעם טאָג. דער לאַנגווייל דרינגט־אַריין אין זיין נשמה, נאָגט, צאַפּט פון אים דאָס בלוט.

אין זיין געדאַנק זאַמלען זיך צונויף אַלע טרויעריקע איבערלעבונגען און וועקן אין אים אַן אומבאַשטימטן חרטה־געפיל. זיין געדריקטע שטי־מונג לייגט זיך שווער אויף דאָרען און פאַראומערט אויך איר געמיט. זי דערלאָזט אָבער נישט, אַז דער אומעט זאָל זי לאַנג מאַטערן. זי פּרוּווט אים אַוועקשטויסן, באַזייטיקן, יאָגט זי זיך שנעלער פאַרטיק צו ווערן מיט איר הויז־אַרבעט, כדי אַרויסצוגיין מיט פיליפּן פון שטוב. זי האָט שטאַרק ליב קומען אין געזעלשאַפט, פאַרברענגען מיט מענטשן. אַמאָל האָט זי געמוזט גיין אַליין, ער איז שטענדיק אַהיים געקומען שפּעט. אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט האָט ער אין די אָוונטן מער נישט געקאָנט

ערגעץ גיין. זיין גרעסטער פאַרלאַנג איז געווען זיך אָפּצורוען. איצט גייען זיי ביידע צוזאַמען.

יעדעס מאָל, וואָס זיי קומען אַהיים פון ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען, ווערט פיליפּ אַן אויפגעלעבטער. ער האָט ליב צו הערן דעקלאַמירן, פאַרלייענען און עס ציט אים, ער זאָל דאָס אַליין אויך אַמאָל טאָן. ער דערמאָנט זיך, אַז אין זיין יוגנט האָט ער דאָס געטאָן. ער האָט ליב געהאַט פאָרצולייענען פאַר אַנדערע. שוין אַ סך יאָרן פאַרביי, וואָס ער האָט וועגן דעם אפילו נישט געטראַכט.

ביסלעכווייז קריגט ער אַלץ מער אַ גרעסערן אינטערעס צום קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַז ער טראַכט פון זיין פריערדיקן פאַרהאָרעוועטן לעבן, ווען ער האָט געמוזט טראָגן דעם עול פון פרנסה, וואָס האָט אים אָוועקגעריסן פון אַ סך געביטן, וואָס קאָנען אַ מענטשן דערהייבן און געבן פאַרגעניגן, פאַרשעמט ער זיך פאַר זיין מורא, פאַר זיין פריערדיקן דענקען, אַז ער וועט זיך לאַנגווייליקן. ער זעט־איין וויפל מענטשלעכע פליכטן עס וואַרטן, וואָס ער דאַרף אויספילן גוטצומאַכן וואָס ער האָט פאַרפעלט צוליב זיין פאַריאָגטקייט, ווי באַזוכן אַן עלנטן, אַ קראַנקן, אָדער האָבן צייט אויסצוהערן אַ ליידנדיקן. אַחוץ דעם האָט ער צייט צו הערן לעקציעס, וויכטיקע שמועסן פון וועלכע מ׳קאָן עפּעס לערנען, וואָס ער האָט פריער דאָס נישט געקאָנט טאָן.

ער האָט גענומען אַרויסשלעפּן ביכער, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג נישט באַרירט און לייענט זיי מיט גרויס אינטערעס. אין יעדן בוך זוכט ער דעם אינהאַלט, פאַרטראַכט זיך, וואָס איז געווען דעם שרייבערס ציל צו שאַפן דאָס ווערק, וואָס האָט ער געוואָלט אַרויסברענגען.

אים דאַכט זיך, ער באַנעמט איצט אַנדערש און פיל בעסער, ווי ער האָט אַמאָל פאַרשטאַנען אַ בוך. עס עפענען זיך פאַר אים נייע האָריזאָנטן, מיט אַן אַנדער בליק אויפן לעבן.

דאָרע קוועלט־אָן פון פיליפּס צוגאַנג צו ליטעראַטור. וואָס מער ער לייענט אַלץ מער וויל ער לייענען פאַרשידענע ביכער און זשורנאַלן. אַז ער קומט אין געזעלשאַפט האָט ער ליב פאָרצולייענען פאַר אַנדערע, פונקט ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין זיינע יונגע יאָרן.

דאָרע באַמערקט דערביי מיט שטאָלץ:

— מיין מאַן הייבט־אָן אויפדאָסניי זיך גריבלען אין ביכער, פאַרלייענען און דיסקוסירן, אַזוי ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן.

בענקשאַפט

די ניין־און־צוואַנציק־יאָריקע רעגינאַ זילבערבערג האָט באַגלייט יאַנעקן, איר מאַן, וואָס איז אַפּגעפּלויגן קיין איטאַליע צוליב זיינע עקספּאָרט־און אימפּאָרט־געשעפטן, אין וועלכע ער איז מיט לייב־און־לעבן אַריינגעטאָן.

דער דרויסן האָט געשמעקט מיט אָנקומענדיקן פרילינג. די פייכטע אויפגעוואַכטע ערד האָט געשפּראָצט מיט פרוכטבאַרקייט, מיט צוזאָג פון זעטיקייט.

צוריקוועגס איז רעגינאַ אַריינגעגאַנגען אין אַ פּאַרק. אַ מילדער ווינט האָט געווייעט און געטראָגן ריחות פון בליאונג. פייגל זענען אַרומגעשפּרונגען אויף ביימער, פריילעך, געסווישטשעט מיט אַ יום־טובדיקן ניגון.

רעגינען האָט זיך געדאַכט, אַז הימל און ערד זינגען דאָס געזאַנג פון אַ נייעם, אויפגייענדיקן באַשאַף.

זי האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק און עס האָבן זיך אין איר אָנגעהויבן וועבן אַלערליי געפילן. פון אָנהייב האָט זי אַ פרישקייט באַהערשט, גלייך זי וואָלט צוזאַמען מיט דער אויפוואַכונג פון פעלדער און ביימער אַליין אויך יינגער געוואָרן. מיטאַמאָל איז איר געוואָרן אומעטיק, ווי זי וואָלט אויף עפּעס חרטה געהאַט. איר האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ בענקשאַפט. ס'איז איר אַליין נישט געווען קלאָר, צי דאָס איז אַ בענקשאַפט נאָך יאַנעקן, צי זי בענקט נאָך עפּעס, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן.

אין די פינף יאָר פון איר פאַרהייראַטן לעבן האָט זי זייער ווייניק פאַרבראַכט צוזאַמען מיט איר מאַן, ווען זי האָט שטאַרק ליב. אויך ער, דער איין־און־דרייסיק־יאָריקער יאַנעק, איז נישט ווייניקער פאַרליבט אין איר. אָבער צוליב זיינע געשעפטן קומט אים אויס מער צו זיין אין אַנדערע לענדער, ווי ביי זיך אין דער היים.

זיי וואוינען אין צענטער פון שטאָט, אין אַ געביידע, וואו אַ מאַן עפנט און פאַרמאַכט די טיר פאַר יעדן אַריינגייער און אַרויסגייער. אַנדערש וואָלט רעגינאַ אפשר נישט געווען צופרידן, ווייל זי איז געוואוינט פון קינדוויז־אָן, נאָך פון דער אַלטער היים, צו אַ רייך באַקוועם לעבן.

איר פאָטער איז אין פוילן געווען אַ גוטבאַזיצער. חוץ זיינע פול־

וואַרקעס האָט ער נאָך געהאַט אַ געשעפט פון אַקער־אייזנס, שנייד־מאַ־שינען און אַנדערע פעלד־מכשירים. ער איז געווען אַ רייכער אָנגעזעענער ייד, וואָס פלעגט ליב האָבן צו פאָרן מיט פיר פערד „נאַשפּיץ״. ער איז געווען אַ קלוגער, אָבער אַ שטרענגער און אַ פאַרשלאָסענער מענטש. אפילו צו זיין ווייב איז ער געווען קאַרג מיט אַ וואָרט.

רעגינעס מוטער איז געווען אַ ווייכע, נאַכגעביקע, מען קאָן זאָגן, „אַ צעקראָכענע״ פרוי. רעגינאַ האָט געירשנט מער פון פאָטערס אייגנ־שאַפטן, ווי פון דער מוטער.

ווען רעגינען הייבט־אָן נאָגן די בענקשאַפט נאָך יאַנעקן, גייט זי אַוועק אין אַ מוזיי זען אַ קונסט־אויסשטעלונג. אַמאָל גייט זי אין קינאָ־טעאַטער צו פאַרטרייבן איר לאַנגווייל. אין די אָוונטן לייענט זי ביכער. גיין אַליין אין געזעלשאַפט האָט זי פיינט. ס׳איז איר נישט לייכט צו שליסן פריינטשאַפט מיט מענטשן. זייער זעלטן געפעלט איר עמעצער. טרעפט אָבער, אַז אַ מענטש מאַכט אויף איר אַ גוטן איינדרוק, ווערט זי צו אים אַן איבערגעגעבענער, געטרייער פריינט.

רעגינא האָט שטודירט אין פראַנקרייך, ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן. ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אַלע אירע אייגענע אין פוילן זענען אומגעקומען דורך די היטלער־רוצחים, האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן צו איר טאַנטע אין ניו־יאָרק. אויף דער שיף האָט זי זיך באַ־קאַנט מיט יאַנעקן, וועלכער האָט זיך אויך געראַטעוועט פון די היט־לערישע מערדער.

ביידע האָבן איבערגעלעבט פיין און גרויל. זייערע געמיינזאַמעליידן האָבן זיי צוגעבונדן. זיי האָבן זיך געקאָנט פאַרשטיין און זיי זענען גע־וואָרן נאָענט, ווי צוגעוואַקסן איינער צום אַנדערן.

כאָטש יאַנעק איז געווען דאָס פאַרקערטע פון רעגינען מיטן כאַ־ראַקטער, זענען זיי גוט אויסגעקומען. זי האָט געקאָנט שנעל באַשליסן, וואָס זי וויל און זיך האַלטן פעסט, שטאָל־און־אייזן, אין איר באַשלוס. יאַנעק איז געווען אַ ווייכער, אַ וואַקלענדיקער, נישט קיין זיכערער מיט דעם וואָס ער טוט. ער איז אין מערסטע פאַלן געווען אַ נאָכגיביקער. זעלטן־ווען ער האָט גענומען אַ פעסטע אַנטשלאָסענע שטעלונג. ער האָט זיך אויך נישט געגוג שנעל אָריענטירט ווען מען קאָן און מען דאַרף געטרויען און ווען מען נישט צו געטרויען. אַ נסיון איז אים געווען שווער בייצוקומען. צוליב זיין שוואַכן כאַראַקטער האָט ער געמאַכט אַ סך טעותן און געטראָגן אין זיך חרטה־געפילן.

אָבער זיין אײדלקייט, זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ, וואָס רעגינאַ האָט אין אים געזען, האָט צו איר שטאַרק אַפּעלירט.

זיין פאָטער איז געווען אַ קליינער שפּייז־קרעמער, און ער איז געווען אַ זייגערמאַכער. צו די עקספּאָרט־און אימפּאָרט־געשעפטן האָט רעגינאַ אים געגעבן אַ גרויסן שטויס, און זי האָט אין אַ גרויסער מאָס געטראָגן דעם עול פון די געשעפטן אויף איר קאָפּ. ער האָט קיין שום וויכטיקן שריט נישט געמאַכט, איידער ער האָט זיך נישט מיט איר באַראַטן. רעגינאַ איז געווען פאַר יאַנעקן ווי ער וואָלט דערגרייכט אַ שטערן פון הימל.

ער האָט שטאָלצירט מיט איר איידעלן, חנעוודיקן אויסזען, מיט איר דינער, עלאַסטישער פיגור, מיט איר עלעגאַנטן, פּינקטלעכן און ספּעציעלן קליידן זיך. באַזונדערס האָט ער שטאָלצירט מיט איר הויכער בילדונג און מיט אירע שפּראַכן־קענטעניש.

ער באַמיט זיך צו פאַרגרעסערן זיינע געשעפטן, כדי זי זאָל קאָנען לעבן ברייטער, באַקוועמער. זומער האָט רעגינאַ פיינט צו זיין אין שטאָט. זי האָט ליב צו אָטעמען פרישע לופט פון פרייען פעלד און וואַלד. מער פון אַלץ האָט זי ליב דעם ים.

אויפן זעקסטן יאָר, פּונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן זינט איר חתונה, האָט זי געדונגען אַ צימער ביים ים־ברעג, מיט די פענצטער צום וואַסער, אין אַ הויז וואָס איז אַרומגענומען מיט ביימער און בלומען.

ווען זי קומט צום ים, ווערט זי באַרוישט פון די ברויזיקע כוואַליעס. איר דאַכט זיך, אַז איר האַרץ עפנט זיך. זי פילט ווי אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט.

זי האָט ליב צו שפּאַצירן באַגינען, ווען קיינער איז נאָך נישטאָ ביים ים. דער ערשטער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער, אַ ליכטיקער. זי איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז נאָך איידער די לבנה איז פאַרגאַנגען. דער מזרח הימל־ברעג האָט זיך באַלד אָנגעהויבן רויטלען, ווי אַ פלאַם וואָלט זיך פון וואַסער אַרויסגעצויגן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט זיך געצונדן דער ים. אַ פישער־שיפל, ווי אַ ווייסער טורעם, שווימט נאָענט צום האָריזאָנט.

דער הימל איז געוואָרן אַלץ העלער. אויף דער הימלישער בלויקייט האָבן דינע, ווייסע, פּוכיקע וואָלקנדלעך זיך געצויגן צום פלאַמיקן ראַנד.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי דערגרייכן דעם פּלאַם, און זיי וועלן זיך אָנצינדן, פאַרברענט ווערן.

פאַמעלעך האָט זיך אַרויסגערוקט מיט נייעם גלי אַ רויט־פאַרפלאַמטע זון, באַזוימט מיט גאָלד־גלאַנציקע שפּיצן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי גאָלדענע בענדער, און האָבן פינקלדיק שעמערירט איבערן וואַסער, ווי זיי וואָלטן זיך געטונקען און געוואַשן אין ים. ווען די כוואַליעס האָבן געגעבן אַ שפּרונג, האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאַרשלינגען די גאָלדענע פאַסן, באַלד זענען זיי ווידער אַרויסגעשוואומען אויף דער וואַסער־פלאַך, זיך געוויגט און זיך פאַרפלאָנטערט אין די שוימיקע כוואַליעס.

אַ מילדער ווינט האָט געגלעט רעגינאַס פּנים און געשויבערט אירע קורץ־געשוירענע האָר.

זי האָט געשפּאַנט מיט פעסטע, שנעלע טריט, ווי זי וואָלט זיך ערגעץ געאײַלט, און זיך געקוויקט מיט דער פרישער ים־לופט.

מיטאַמאָל האָט זי דערזען אַ הויכן, שלאַנקן יונגן מאַן. זי זעט: ער שטייט אויפן פּיכטן, אויסגעוואַשענעם זאַמד פון נישט־לאַנג־אָפּגעלאָף־פענעם וואַסער. ער שטייט מיט אַ געשטעל און מאָלט אַ בילד. זי האָט פאַרהאַלטן אירע טריט, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן. זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן פאַמעלעך גיין, ווי זי וואָלט זיך געהיט נישט צו שטערן אים אין דער אַרבעט.

זי זעט: ער קוקט אויף די ביימער, אויף די בלומען, אויפן הויז, אין וועלכן זי וואוינט, און ער מאָלט.

זי שטרענגט־אָן איר בליק, זי איז נייגעריק צו וויסן, וואָס ער מאָלט, אָבער ס'איז צו־ווייט פאַר איר צו זען.

פייגל פליען און לאָזן זיך אַראָפּ אויפן זאַמד, גיבן אַ פּיק, וואָס זיי געפינען און הייבן זיך ווידער אויף, פליען, דרייען זיך איבער איר קאָפּ.

— זאָל זי צוגיין נעענטער? — גיט זי אַ טראַכט, און בלייבט שטיין.

ער האָט, ווײַזט אויס, דערפילט אירע נייגעריקע בליקן, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען רעגינאַן אין איר קאָלירט זומער־קלייד מיטן ווייסן זשאַקעטל. האָט זי פאַר אים אַ שוועב־געטאָן ווי אַ שטאָלטנע יונג־פרוי און זיין האַרץ האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן.

אַ מענטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, וויל זען זיין מאָלן. אַ דערהויבנ־קייט האָט אים אַ טראָג־געטאָן.

ער האָט פאַרשטייפט דעם פּינזל אין זיינע פינגער, אויף אַ רגע זיך

אָפּגערוקט פון דער קאַנווע, און באַלד ווידער מיט שטאַרקערן פליים גענומען מאָלן.

זי איז פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען אויף איר ווייטערדיקן שפּאַציר.

אויפן הימל האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן גרוי־אַשיקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט ווי ברודיקע, צעריסענע פלאַכטעס. אין זייער גאַנג האָבן זיך אייניקע צונויפגעגאָסן, געוואָרן איינס; אַנדערע האָבן זיך צעריסן און איבערגעלאָזט שטיקער בלויען הימל.

ווען זי איז צוריקגעקומען פון איר שפּאַציר, האָט זי אָנגעשטעלט אירע באַליבטע מוזיק־פּלאַטן. די טענער האָבן דאָס מאָל מער ווי ווען עס־איז פריער אויפגערודערט אירע געפילן. זי האָט שטיל צוגעברומט אַן אומעטיקן ניגון. זי האָט אַליין נישט געוואוסט, צי עס ווילט זיך איר זינגען, צי עס ווילט זיך איר וויינען, אָדער גאָר בײדע צוזאַמען.

כמעט אַלע טאָג שרייבט זי אַ בריוו צו יאַנעקן. ער לייענט־איבער עטלעכע מאָל יעדן בריוו, קוויקט זיך מיט יעדן אויסדרוק און קאָן זיך נישט זאַט אָנלייענען. ער וויל אַריינזאַפּן, פאַרגעדענקען יעדעס וואָרט, וואָס זי שרייבט אים.

ביים לייענען רעגינעס בריוו, איז ביי אים אַ געוואוינהייט אַריינצורוקן זיינע לאַנגע, ביינערדיקע פינגער פון דער לינקער האַנט אין זיינע ברוינע, געדיכטע, כוואַליעדיקע האָר, און ער קעמט זיי מיט די פינגער, צעשויבערט דעם קאָפּ האָר. דערביי האָט ער דאָס געפיל, אַז רעגינאַס דינע, ווייכע פינגער גלעטן, צערטלען אים, ווי זי האָט דאָס ליב צו טאָן. דערנאָך נעמט ער אַרויס איר בילד, וואָס ער טראָגט שטענדיק מיט זיך, און קוקט לאַנג אויף דעם. כאָטש זי האָט נישט קיין צו־שיין פּנים, דאַכט זיך אים אָבער, אַז זי איז זייער אַ שיינע. גראָד אירע שפּיציקע קינבאַקן מיט דער ברייטלעכער נאָז זעען ביי אים אויס אָריגינעל און חנעוודיק. אין אירע אויגן, מער־גרויע ווי בלויע, זעט ער אַ פּרעכטיקע הימל־בלויע שיינקייט.

ער שרייבט איר פריער אַלע איינצלהייטן פון די געשעפטן, דערנאָך ענטפערט ער אויף איר בריוו:

— און דאָס וואָס דו שרייבסט, איך זאָל זיך באַמיען וואָס פריער אַהיים קומען, ווייל דו פילסט זיך איינזאַם, עס איז דיר לאַנגווייליק צו זיין אַליין, וואָלט איך דאָס אַוודאי אַליין אויך געוואָלט. אָבער דאָס איז מיר אוממעגלעך צו טאָן. איך בין דאָ צופיל פאַרוויקלט מיט די געשעפטן און כ׳וועל נישט קאָנען אַזוי גיך אַרויסקריכן. איך וואָלט רו־

איבערט געוואָרן, ווען איך טו דאָס. דו מוזט האָבן געדולד, מיין טייערע, ביז איך וועל דאָ אַלץ דערליידיקן.

פלוצלינג רייסט ער איבער דאָס שרייבן. ער פאַרקלערט זיך, פאַר־וואָס זי פאַרלאַנגט ער זאָל זען וואָס־פריער אַהיים קומען, אַז עס איז שוין צייט ער זאָל אויפהערן אַרומרייזן און זען עפּעס צו טאָן אויפן אָרט; זיי זאָלן האָבן אַ קינד און ביידע זאָלן דאָס דערציען. . .

— אָבער ווער גיט־אויף אַ האַנדל, וואָס ברענגט־אַריין גרויסע פאַר־דינסטן? מען דאַרף זיין משוגע מיט די אייגענע הענט אַוועקצוואַרפן שטיקער גאָלד, — טראַכט ער.

שיף־קאַפּיטאַנען, מאַטראָסן, עראָפּלאַן־פּליער און אַנדערע, וואָס זייערע פּרנסות זענען אויסער זייער וואוין־אָרט, זענען דאָך אויך נישט שטענ־דיק מיט זייערע פרויען, — האָט ער געפּרוואווט באַרעכטיקן זיך, פאַר־וואָס ער טראַכט נישט נאָכצוקומען רעגינאַס פאַרלאַנגען.

ער איז אַ וויילע געבליבן זיצן פאַרטראַכט. מיטאַמאָל, עטוואָס אַ צע־טרייסלטער פון די געדאַנקען, האָט ער מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעל־קייט צוגעשריבן נאָך אַ פּאָר ווערטער און פאַרענדיקט דעם בריוו קורץ, ווי ער וואָלט אים מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט.

דריי טעג האָט רעגינאַ נישט געקאָנט אַרויסגיין צום ים, צוליב דעם כסדרדיקן רעגן. אויפן פערטן טאָג, נאָכן אויסגעווייקטן דרויסן, איז זי ווידער געגאַנגען שפּאַצירן מיטן זעלבן וועג, וואו זי האָט אַנומלטן גע־זען דעם מאָלער. דער פרימאָרגן איז געווען אַ שטיקנדיקער און אַ טונ־קעלער. אַ גרויער, ווי אַ פאַררויכערטער הימל, איז נידעריק געהאָנגען איבערן וואַסער, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ס׳האָט אויסגעזען, אַז גאָרנישט ווייט פאַרדעקט דער הימל דעם ים.

די כוואַליעס האָבן רוגזהדיק זיך געוואָרפן, געברויזט מיט שוימי־קער רציחה גלייך זיי וואָלטן געוואָלט אָפּשטויסן דעם הימל. אַן אור־מעטיקע שטילקייט האָט זיך געשפּרייט איבערן אַרום. דאָס רוישן פון ים האָט רעגינאַן באַגלייט, ווי אַ טרויעריקער חרטה־ניגון וואָלט איר נאָכגעגאַנגען. דער נעכטיקער בריוו פון יאַנעקן, אַז ער מוז נאָך אויף עטלעכע וואָכן זיך פאַרהאַלטן אין אויסלאַנד, האָט אויפגערייצט איר בענקשאַפט, פאַראומערט און שווער־געמאַכט איר געמיט.

ווען זי האָט זיך דערנענטערט צום אָרט, וואו זי האָט אַנומלטן גע־זען דעם מאָלער, האָט אַ נייער געפיל אין איר אויפגעוואַכט, און אַז זי האָט אים ווידער דערזען, האָט איר האַרץ זיך אַ טרייסל געטאָן. זי איז

מיטאַמאָל געבליבן שטיין, זיך געישובט צי זי זאָל צוגיין נעענטער זען וואָס ער מאָלט, צי זי זאָל פאַרבייגיין און נישט מאַכן זיך וויסנדיק. זי זעט, ער איז ערנסט אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט.

אַ פאַרבייפליענדיקער פויגל האָט אַ רודער געטאָן די שטילקייט. ס׳האָט זיך שאַרף געהערט דער ריטמישער רויש פונעם ברויזיקן ים.

זי איז צוגעגאַנגען צו אַ וואַסער־געשטעל, אויפגעדרייט דעם קראַן, געלאָזט אַפּלויפן דאָס וואַסער, דערנאָך האָט זי אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צום קראַן, און קוקנדיק צום מאלער, האָט זי געטרונקען. זיך אָפּגערוט און ווידער געטרונקען. שפּעטער האָט זי מיט אַ קליין ווייס טיכעלע אָפּגעווישט די פאַרנעצטע ליפּן, פאַרריכט איר קאָלירט טיכל אַרום האַלדז, ווי זי וואָלט דערמיט וועלן ציען זיין אויפמערקזאַמקייט צו זיך. נאָר ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט זי פּאַמעלעך, מיט שטילע טריט, זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים, אַזוי ווי זי וואָלט בגנבה וועלן זען וואָס ער מאָלט.

ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע שפּאַן הינטער זיינע פּלייצעס, האָט ער זיך ערשט אויסגעדרייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז די וואָס האָט אַנומלט נייגעריק געקוקט אויף זיין מאָלן. ער האָט זיך אַ לייכטן צאַפּל געטאָן און זיך דזשענטלמעניש פאַרנייגט, מער אויפן אייראָפּייאישן שטייגער, ווי אויפן אַמעריקאַנער. אויף זיין אָפּגעברענטן פּנים האָט זיך אַ דינער שמייכל צעגאָסן און ער האָט, שטיל, דעליקאַט אויסגעצויגן אַ „גוטמאָרגן״. עטוואָס אַ פאַרלוירענער, האָט ער אומגעקערט זיין בליק אויפן נאַרוואָס־געמאָלענעם בלעטל פון אַ בלום, באַטראַכט, ווי ער וואָלט געצווייפלט, צי ס׳איז אַרויסגעקומען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט.

— אַנטשולדיקט, וואָס איך שטער אייך. איך האָב שטאַרק ליב קונסט־בילדער, — האָט זיך רעגינאַ פאַר אים פאַרגעשטעלט, — בין איך נייגעריק צו זען, וואָס איר מאָלט.

זי האָט דאָס געזאָגט אי מיט שטאָלץ, אי מיט פּרוויאישער קאָקעטישקייט.

— איר שטערט מיר אַבסאָלוט נישט, איר קאָנט קוקן ווי לאַנג איר ווילט, — האָט ער העפלעך, מיט געפיל, געזאָגט און ער האָט זיך אָפּגערוקט פון געשטעל.

דאָס בילד איז נאָך געווען ווייט פון פאַרענדיקט, דאָך האָט זי געזאָגט:

— זייער שיין, אייגנאַרטיק, דער צווייג איז עכט־קינסטלעריש געמאָלן.

— אַ דאַנק פאַר דער גוטער מיינונג, — האָט ער מיט איינגע־האַלטענער צופרידנקייט געזאָגט.

ער האָט אַן ערנסטן בליק געטאָן אויפן בילד, זיך אַ וויל פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט וועלן פעסטשטעלן, צי זי איז גערעכט. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו זיין קעסטל, אַרויסגענומען אַ שטיק רויטן אָפּגע־קראָכענעם סאַמעט, וואָס איז, ווייזט אויס, ערגעץ יאָרן געהאַנגען אויף אַ פענצטער אַלס פאָרהענגל. ער האָט דאָס אויסגעשפּרייט אויפן פּייכטן זאַמד און געזאָגט: „זעצט זיך צו!" זי האָט גערן אָנגענומען זיין איינ־לאַדונג און זיך אַוועקגעזעצט, זי האָט אָנגעהויבן אַנאַליזירן יעדן שטריך, דאָס קלענסטע פּינטעלע אויף דער קאַנווע. ער האָט געזען, אַז איר איז נישט פרעמד מאַלעריי, אַז זי ווייסט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן.

דערנאָך איז זי איבערגעגאַנגען צו אַנדערע קינסטלער. זי האָט אָנ־גערופן נעמען פון באַרימטע מאָלער און גערעדט וועגן זייערע ווערק און דעם באַדייט פון זייער שאַפן. זי האָט זיך שנעל געלאָזט דערקענען, אַז זי האָט אַ חוש פאַר קונסט. ער איז געזעסן שטיל מיט פאַרשלאָסענע ליפּן, ברייט צעעפנט זיינע שוואַרצע, טיפע אומעטיקע אויגן און גע־קוקט איר אין מויל אַריין. ער האָט געוואָלט, זי זאָל רעדן און רעדן אָן אַן אויפהער. ס׳איז אים געווען גוט צו הערן אירע רייד. איר קול האָט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי צאַרטע מוזיק. אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז ס׳וויעט פון איר אַ וואַרעמע ליבע היימישקייט, און זיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ דערהויבענעם, מחיהדיקן געפיל.

זיי האָבן ביידע נישט באַמערקט, אַז דער הימל האָט זיך אויפגע־הויבן. די טונקלקייט האָט זיך אָנגעהויבן אויסוויסן, דער הימל איז העלער געוואָרן, ווי מען וואָלט די אַשיקע גרויקייט מיט מילך פאַרוויסט דער געדיכטער וואָלקן־פּאַנצער האָט זיך צעריסן. די שטיקער האָבן זיך ערטערווייז געקנוילט, געקאָרטשעט, איינגעשרומפּן געוואָרן. ערטערווייז האָבן זיי זיך אויסגעצויגן, געקראָכן איינס אויפן אַנדערן, ווי לעבע־דיקע באַשעפענישן.

רעגינאַ האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעשטעלט, ווי זי וואָלט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז זי איז זיך צו־לאַנג פאַרזעסן. ער האָט זיך אויך אויפגע־הויבן. זי האָט אים פריינטלעך דערלאַנגט די האַנט. ער האָט מיט היי־מישקייט זי אָנגענומען און לאַנג געהאַלטן. מיט צעשטראַלטע אויגן פון אינערלעכער טיפער פרייד, האָט ער, נאָך אַלץ האַלטנדיק איר האַנט, צאַרט געזאָגט:

— מיין נאָמען איז לעאָן וואַלינסקי.

— און מיין נאָמען איז רעגינאַ זילבערבערג, — האָט זי שנעל און צופרידן אים אָפּגעענטפערט, און זי איז שמייכלענדיק אַוועק. אַ צופרידענע פון דער באַגעגעניש, איז זי אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער.

לעאָן האָט איצט פאַרנומען איר גאַנצן געדאַנק. אַן אינטערעסאַנטער מענטש, האָט זי געטראַכט. אַ צופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן אויף איר פּנים.

זי האָט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער, אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ, געזוכט מיט די אויגן, זיך אָנגעשטרענגט אים צו זען. ווען זי האָט אים דערבליקט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער קוקט מיט דערזעלבער אָנשטרענגונג צו איר פענצטער, און זי האָט עטוואָס צוריקגעצויגן דעם קאָפּ. זי איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, לאַנג נישט גערירט זיך פון אָרט, ווי אַ בילד אין אַ ראַם.

אויף מאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען אַ פריילעכע, אַ זינגענדיקע. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ ראָזעווען קלייד מיט ווייסע אַרבעסלעך, און איז געגאַנגען שפּאַצירן פונקט ווי נעכטן. און כאָטש זיי האָבן זיך נישט אָפּגערעדט, האָבן זיי ביידע דערוואַרט זיך צו טרעפן.

ווען זי איז צוגעקומען צו אים, איז שוין דער רויטער פלושענער טוך געלעגן אויסגעשפּרייט, געוואַרט זי זאָל זיך זעצן.

זי גיט אַ קוק אויף דעם נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקטן בילד און זי ווערט איבערראַשט. זי דערקענט דיביימער און בלומען, וואָס וואַקסן אַרום דעם הויז וואו זי וואוינט. פון צופרידנקייט האָט איר אַזש דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. זי וואָלט אַזוי שטאַרק וועלן האָבן דאָס בילד. יאַנעק וועט אויך זיין צופרידן צו האָבן דאָס בילד מיט די ביימער און בלומען פון הויז, אין וועלכן זי וואוינט, גייט איר אַדורך אַ געדאַנק, אָבער זי וואָגט נישט צו פרעגן, צי ער וואָלט דאָס געוואָלט פאַרקויפן.

זיי זענען לאַנג געזעסן אויפן זאַמד און געשמועסט. ער האָט אַרויסגענומען פון קעסטל אַ פּאַפּירענעם בייטל מיט פרישע קאַרשן און זיי האָבן געגעסן.

דער ים איז געווען רויִק און שפּילעוודיק. זיי האָבן געקוקט ווי די כוואַליעס שפּרינגען, לויפן און יאָגן זיך נאָך. זיי שטויסן זיך אָן, צעקלאַפּן זיך, רוקן זיך אָפּ און לויפן ווידער, ווי אין אַ טאַנץ, לאָזן איבער בערגיקע שוימען, וואָס זעען־אויס, ווי ווייסע בלומען־בו־

קעטן וואַלטן אַרומגעשוואומען. און דער ים רוישט ריטמיש, ברומט אַ סודותדיקן ניגון.

ער גיט פּלוצים אַ קוק אויף זיין האַנט־זייגערל און שטעלט זיך אויף האַסטיק:

— אַנטשולדיקט, איך מוז גיין צו דער אַרבעט

ער בלייבט נאָך אַ וויל שטיין און זאָגט מיט אַן אומזיכערן, ווי גע־פאַלענעם טאָן:

— אויב אייך איז נישט שווער, און איר וועט האָבן צייט, וועל איך זיין צופרידן איר זאָלט קומען זען מיינע בילדער, — און זיין פּנים האָט זיך פאַררויטלט.

— צייט האָב איך איבערגענוג און באַטראַכטן בילדער איז מיר קיינ־מאָל נישט צו־שווער, — האָט זי מיט צופרידנקייט אָנגענומען די איינ־לאַדונג.

לעאָן וואוינט אין אַ דירה פון דריי צימערן, אַ פּאָר טרעפּלעך אַראָפּ־צוגיין. דאָס ערשטע צימער מיטן פענצטער צו דער גאַס איז פאַרשטעלט מיט זיינע בילדער. אין צימער שטייען צוויי ביליגע טישלעך מיט אַלט־מאָדישע לאָמפּן, אַן אָפּגעריבענע סאָפקע מיט דריי הילצערנע שטולן. די קיך איז זיין סטודיאָ.

רעגינאַ איז געקומען עלעגאַנט אָנגעטאָן. זי האָט אויסגעקוקט שיין, רייצנדיק. זי האָט זיך ביי יעדן בילד אָפּגעשטעלט, באַטראַכט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, דערנאָך האָט זי באַגייסטערט געזאָגט:

— איך בין ווירקלעך איבערראַשט פון אייערע מאָלערייען. דאָס זענען דאָך קונסט־בילדער פון אַ הויכער מדרגה.

לעאָנס אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט מיט אַ טיפער אינערלעכער פרייד.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, ער האָט איר געבראַכט אַ קאַלטן טרונק. אַן אויפגעלייגטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר און איז געוואָרן באַריידעוודיק, ווי זיין האַרץ וואָלט זיך פּלוצלינג גע־עפנט נאָך אַ פאַרגליווערטן שטילשווייגן.

— מיינע בילדער זענען אפשר צו־ערנסט און צו־טרויעריק, אָבער איך האָב געמוזט אויסלאָדן מיינע שווערע איבערלעבונגען.

ווען היטלער איז באַפאַלן פּוילן האָט מיין פאָטערס אַ פריינט מיך מיטגענומען, אַנטלויפנדיק פון די נאַציס, מיין פאָטער איז געלעגן אַ קראַנקער און די מאַמע האָט אים נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין. דער פריינט האָט אומעטום געזאָגט, אַז איך בין זיין זון. איך וועל קיינמאָל

נישט פאַרגעסן יענע שוידערלעכע יאָרן פון וואַנדערן, וואַלגערן זיך אין דערפער און אין וועלדער, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן, נאָך דער מלחמה, אַהער קיין אַמעריקע. אַלע מײַנע אײגענע זענען אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס, ווי אַנדערע מיליאָנען יידן.

לעאָנס טאָן איז טרויעריקער און שטילער געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זײַנע פאַראומערט־געוואָרענע אויגן און געשוויגן.

— אַנטשולדיקט פאַר מײַן פערזענלעכער פראַגע: מאַכט איר אַ לעבן פון אייער מאָלן? — דערמיט האָט זי געוואָלט איבעררײַסן זײַן געדריקטע שטימונג.

— ניין, צו „אַ לעבן מאַכן" קומט עס נאָך נישט, — האָט ער זיך ווי פון אַ דרימל אויפגעכאַפּט. — איך אַרבעט אין אַ מענער־קליידער־געשעפט אַלס פאַרקויפער, אין די באַגינענס מאָל איך, און אין די ווינטערדיקע אָוונטן גיי איך אין קאָלעדזש. אָבער עס בענקט זיך מיר שטאַרק נאָך אַן אײגענעם, נאָך אַ נאָענטן גוטן פרײַנט.

רעגינאַ איז געזעסן ווי אַ פאַרגליווערטע, און מיט גרויס ערנסטקייט אים אויסגעהערט. גערירט פון זײַן אײנזאַמקייט, האָט זי ביים אַוועקגיין אים געגעבן די האַנט, און מיט וואַרעמקייט אים אײַנגעלאַדן צו זיך:

— קומט מאָרגן באַלד נאָך דער אַרבעט צו מיר, וועלן מיר צוזאַמען עסן וועטשערע

ער האָט מיט פרייד אָנגענומען די אײַנלאַדונג און איר פיל מאָל דערפאַר געדאַנקט.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָט רעגינאַ געשריבן אַ בריוו צו יאַנעקן. אירע ערשטע ווערטער זענען געווען:

— טײַערער יאַנוש! איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ יונגן באַגאַבטן מאָלער. ער איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש. זײַן נאָמען איז לעאָן וואַלינסקי.

כמעט דער גאַנצער בריוו איז געווען וועגן זײַנע מאָלערייען און וועגן די געשפּרעכן, וואָס זי האָט מיט אים געהאַט.

יאַנעקן האָט די נײַעס פאַרשאַפט אַ נישט־אָנגענעמען געפיל. ער האָט געוואָלט, ווי ער טוט דאָס געווײנלעך, נאָכאַמאָל לייענען דעם בריוו, נאָר דאָ, ווי ער לייענט איבער די ערשטע שורה, וואַרפט ער אַוועק דעם בריוו. גלײַך ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן, מורא געהאַט צוצורירן זיך צו די ווערטער.

אין זיין ענטפער אויף דעם בריוו האָט ער אינגאַנצן איגנאָרירט דעם מאָלער.

אין אַ צווייטן בריוו שרייבט רעגינאַ צום מאַן: „טייערער יאַנוש! איך טרעף זיך אָפט מיט לעאָנען. ער איז אַ דערוואקסענער, רייפער מענטש מיט אַ געפילפול האַרץ, מיט אַן אומבאַגרענעצטער טיפקייט. מיר רעדן אַ סך וועגן קונסט, מאָלער און שרייבער און זייערע ווערק. כמעט יעדן אָוונט קומט ער צו מיר אין צימער, מיר עסן צוזאַמען און ס'איז מיר אינטערעסאַנט מיט אים צו פאַרברענגען". יאַנעק לייענט פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט וועלן באַנעמען יעדעס וואָרט און ער ווערט טרויעריק. אירע בריוו פאַרקלעמען זיין האַרץ.

„פאַרוואָס ווייזט זי אַרויס אַזאַ גרויסע באַגייסטערונג פאַר דעם מאָלער? צוליב וואָס שרייבט זי מיר דאָס?", טראַכט ער. „צו וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ וויסן?" און עס פאַרדריסט אים, וואָס רעגינאַ פאַרנעמט די גאַנצע בריוו מיט לעאָנען.

דער ענין קוקט אים אויס צו זיין גאָר ערנסט און ער ווערט שטאַרק אומרואיק.

„איך האָב געדאַרפט פריער פאַרשטיין, אַז ווען אַ יונגע, שיינע פרוי, ווי רעגינאַ, איז אַליין, קאָן איר אונטערקומען ווער ס'זאָל זי אַוועקרייסן פון מאַן. פאַרוואָס האָב איך וועגן דעם פריער נישט געטראַכט?", מאַכט ער זיך אַ פאַרוואורף.

„אַלץ די פאַרשאָלטענע געשעפטן. דאָס האָבן זיי צו דעם געפירט. עס קאָן איצט פּאַסירן, איך זאָל ווערן רואינירט. וואָלט דען נישט געווען בעסער, איך זאָל זיצן און פאַרריכטן זייגערס לעבן רעגינאַן, איידער פירן גרויסע געשעפטן און מיין לעבן זאָל צעבראָכן ווערן?", רעדט ער צו זיך אַליין. עס כאַפּט אים אַרום אַ פּיינלעכער געפיל.

„זי איז דאָך אַזוי באַגייסטערט פון דעם מאָלער. ער איז אַ יונגער אינטערעסאַנטער מענטש, שרייבט זי. ווי איז מעגלעך, זי זאָל זיין גלייכ־גילטיק צו אים?" — האַלט אים אין איין מאַטערן דער געדאַנק. דער ווייטיק דרינגט־אַריין אַלץ־טיפער אין זיין ברוסט און רייסט זיין האַרץ.

די געשעפטן ליגן אים שוין נישט אינזינען. זיין גאַנצער געדאַנק איז פאַרנומען דערמיט, וואָס רעגינאַ טרעפט זיך אָפט מיטן מאָלער און איז פון אים באַגייסטערט.

ער פילט, אַז ער קאָן לענגער דאָ נישט פאַרבלייבן. כאָטש עס שטייט אים פאַר צו פאַרלירן אַ סך געלט מיטן פלוצימדיקן אַוועקפאָרן, באַ־

שליסט ער דאָך אַלץ איבערצולאָזן און אַזוי גיך ווי מעגלעך אַהיימצו־פאָרן.

ווען רעגינאַ האָט געקראָגן דעם בריוו, אַז יאַנעק קומט אַהיים, איז זי געוואָרן שטאַרק איבערראַשט. זי האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. זיין בריוו איז זייער אַ קורצער; קיין וואָרט נישט וועגן די געשעפטן, — וואונדערט זי זיך.

„צי האָט עפּעס, חלילה, פּאַסירט מיט זיין געזונט, אָדער אַ דורכ־פאַל אין די געשעפטן!״ — האָט זי זיך אָנגעהויבן זאָרגן.

זי ווייסט, אַז פון איטאַליע האָט ער געדאַרפט פליען קיין ישראל, פון דאָרט קיין פראַנקרייך, און דאָ פלוצים קומט ער גאָר אַהיים.

יאַנעק איז געפאָרן מיט אַ צעבראָכן געמיט. ער האָט זיך געריכט אויפן ערגסטן. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַרשידענע נישט־אָנגענעמע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געררייצט און געטריבן צו שלעכטע באַשלוסן.

ווען ער איז אָנגעקומען, איז געווען אַרום עלף ביינאַכט. יאַנוש איז דאָס מאָל אַהיים געקומען גאָר נישט דער זעלבער. אַלע מאָל קומט ער אַהיים אַ מוטיקער, אַ צעשטראַלטער, דערציילט ווי גוט עס גייען זיינע געשעפטן און נעמט־אַרום מיט פרייד זיין רעגינקען.

דאָס מאָל איז ער אַריינגעקומען אַ צעטראָגענער, אַן אויפגערעגטער, ווי אַ ברוגזער, נישט אַרויסווייזנדיק די מינדסטע צוגעלאָזנקייט צו איר. זי זעט, איר מאַן איז אַ פאַרזאָרגטער, זאָגט זי צו אים מיט שרעק אין די אויגן:

— יאַנוש, טייערער, וואָס איז געשען? וואָס האָט דיך באַוואויגן פלוצלינג אַהיים צו קומען? דו האָסט דאָך מיר געשריבן, אַז דו דאַרפסט נאָך דערליידיקן אַ סך געשעפטן, פאָרן אין לענדער. האָט עפּעס, חלילה, געטראָפן אַן אומגליק?

יאַנוש האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ בייזן בליק פון פאַרדאַכט, ווי ער וואָלט געפאָרשט, געוואָלט דערגיין, צי אירע ווערטער זענען אויפריכ־טיקע, צי זי איז אויף אַן אמת באַזאָרגט וועגן אים, אָדער זי מאַכט אַן אָנשטעל.

זי רוקט זיך צו צו אים, גיט אים אַ גלעט איבערן קאָפּ, וויל אים געבן אַ קוש און ער שטויסט זי אָפּ פון זיך מיט רוגזה. זי לייגט אַרויף די הענט אויף איר פּנים און זאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— יאַנוש, וואָס איז מיט דיר געשען?

ער דרייט זיך אויס צו איר מיט אַ זייט און שטייט ערנסט־פאַרטראַכט. מיטאַמאָל גיט ער בייז אַ זאָג:

— וואו איז דיין אינטערעסאַנטער, שיינער מאָלער, פון וועלכן דו האָסט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג מיר געשריבן?

— ער איז נאָר וואָס אַהיים געגאַנגען, — האָט זי פשוט, אָן שום קונצן געזאָגט, קוקנדיק אויף זיין בייזן פּנים.

— אַזוי? „נאָר וואָס אַהיים געגאַנגען"? — האָט ער שפּאָטיש איבערגערעדט אירע ווערטער.

— ווייסט כאָטש, אַז דיין באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט מיך רואינירט! פון זינט דו האָסט מיר געשריבן, אַז דו טרעפסט זיך און פאַרברענגסט אָפט מיט אַ יונגן מאַן, אַ באַגאַבטן מאָלער, האָב איך מער נישט געקאָנט אָנגיין מיט מיינע געשעפטן. דו האָסט צעבראָכן מיין לעבן, — אונדזער לעבן! — האָט ער מיט ווייטיק אויסגעשריגן.

— אָך, יאַנוש טייערער! איך פאַרברענג דאָך מיט אים בלויז צו פאַרטרייבן די בענקשאַפט. דו ווייסט דאָך, ווי שטאַרק איך בענק נאָך דיר. דו ליידסט דאָך וואָס איך בין אַליין, די בענקשאַפט איז דאָך שרעקלעך, האָב איך געמיינט דו וועסט זיין צופרידן, און דאָ גאָר — אַ נייעס! מאָרגן קומט ער מיט אַ מיידל, וואָס געפעלט אים, איך זאָל זיך מיט איר באַקאָנען.

— איז געפעלט ער דיר בלויז צו פאַרטרייבן די בענקשאַפט? — האָט ער אין פאַרלוירנקייט געמורמלט.

באַלד האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט אַ חרטה־געפיל.

— אפשר האָט ער געמאַכט אַ טעות, אומזיסט חושד געווען זיין רעגינקען? — האָט ער מיט פאַרדרוס זיך פאַרגעוואָרפן און מיט פאַרשעמטע בליקן געקוקט אין אירע פאַרוויינטע אויגן.

נאָך צוויי טעג

מיסעס סילוויע סיגעל האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעכאַפּט אַ דערשראָ־קענע. זי האָט געפילט, אַז עפּעס האָט זי אויפגעריסן פון שלאָף, נאָר אַקוראַט וואָס האָט זי נישט געוואוסט.

זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן. פּרובירט זיך דערמאָנען, צי ס'האָט זיך איר געחלומט אַ שלעכטער חלום. נייך, זי געדענקט נישט, און זי האָט אויך קיין פאַל נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, וואָס האָט זי אויפגעוועקט.

זי האָט אויך נישט געוואוסט ווי שפּעט עס איז, צי זי איז נאָר־וואָס איינגעשלאָפן צי עס איז שוין פאַרטאָג

פאַרשלאָפענערהייט האָט זי צוגערוקט דעם קאָפּ צום נאַכט־טישל וואו עס שטייט דער-וועק־זייגער צו זען ווי שפּעט עס איז. זי גיט אַ קוק — ערשט עטלעכע מינוט נאָך איינס.

זי הערט זיך איין אַ ווײַלע אין דער פינצטערניש. איר דאַכט זיך, די נאַכטיקע שטילקייט איז צערודערט, ווי די לופט וואָלט געווען מיט עפּעס אָנגעלאָדן. אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין געווען זיכער, אַז עס טומלט זיך לעבן איר הויז, אַז די גאַס איז אָנגעפילט מיט אומרו. זי איז אָבער געווען מיד און האָט פּרובירט צוריק איינשלאָפן.

מיטאַמאָל דערהערט זי אַ יונג־מענעריש געוויין, ווי אַ פּלוצימדיקער אויפרייס מיט אַ געשריי אַרויס:

„טו מאָר דעיז" (נאָך צוויי טעג).

ער האָט שרעקלעך געיאָמערט, מיט אַזאַ קול פּונקט ווי אין צוויי טעג אַרום וואָלט זיך זיין לעבן געענדיקט.

באַלד איז געוואָרן אַ גערודעריי פון נאָך מענטשן אַרום, קענטלעך, לויט די שטימען, אויך יוגנטלעכע.

סילוויע האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. זי הערט וויינען, רחמנות־בעטנדיקע רייד, אָבער זיי ווערן דערטרונקען אין געוויין און עס איז איר שווער צו כאַפּן די ווערטער.

זי איז שוין אָבער זיכער, אַז עפּעס אומגעוויינלעכעס קומט־פאָר אויפן גאַס, ווייל די גאַס וואו זי וואוינט איז געוויינלעך אַ שטילע.

דער טומל האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט. זי דערמאָנט זיך, אַז דעם שוידערלעכן געוויין מיטן געשריי „נאָך צוויי טעג", האָט זי פריער גע־הערט אין שלאָף און זי כאַפּט זיך, אַז דאָס האָט זי, ווייזט אויס, אויפ־געוועקט.

אַז דאָס געוויין האָט זיך ווידער באַנייט, האָט עס איר געגעבן אַ ריס פון בעט.

מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן לויפט זי אַריין אין פראָנט־צימער. זי גיט מיט אימפעט אַ פראַל־אויף דאָס פענצטער און בייגט זיך אַרויס צו זען, וואָס עס קומט־פאָר.

זי קוקט זיך איין און דערזעט, ווי איינער אין מיליטערישע קליידער קלאָגט, כליפּעט מיט אַ פאַרשטיקט קול דורך טרערן, האַלט אין איין איבערזאָגן די זעלבע ווערטער: „נאָך צוויי טעג״.

אַ ווײַלע רוט ער זיך אָפּ, כאַפּט־אָפּ דעם אָטעם און גיט ווידער אַ לאָז אַרויס אַ יאָמערלעכן געוויין.

לעבן אים שטייען נאָך צוויי יונגע בחורים אין ציווילע קליידער מיט איין מיידל. אַלע קוקן אויס צו זיין אין זעלבן עלטער.

דאָס מיידל שטייט נאָענט לעבן דעם סאָלדאַט, זי גלעט אים, צערטלט אים, פּרובירט מיט גוטע, ווייכע ווערטער אים באַרואיקן, אָבער ער הערט נישט אויף. ער בייגט זיך אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט וועלן אַ פאַל־טאָן, ווי עס וואָלט אים געצויגן צו דער ערד, נאָר די צוויי אַנדערע בחורים כאַפּן אים אָן ביי די הענט און ווילן אים פירן.

שיכורים, מן הסתם, גיט סילוויע אַ טראַכט. אויף שיכורע האָט זי נישט ליב צו קוקן. זי וויל שוין פאַרמאַכן דאָס פענצטער און גיין צוריק שלאָפן, ווי ער פּלאַצט ווידער אויס מיט אַ מוראדיקן געיאָמער.

אין זיין געוויין איז געלעגן אַזאַ טיפער ווייטיק מיט אַזויפיל יוגנט־לעכן צער, אַז עס האָט צענומען סילוויעס האַרץ און זי האָט נישט גע־קאָנט אָפּטרעטן פון אָרט.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו אַלע דריי מיט געפיל. די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט, איז איר געווען שווער צו כאַפּן, אָבער עס האָט זיך איר אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז זיין שטימע איז איר באַקאַנט.

איר דאַכט זיך, וואָס אַמאָל מער, אַז דער סאָלדאַט איז פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן פּריוואַטן הויז, דעם אייזמאַנס זון, „פרענק פיעלאַ״.

זי שטרענגט זיך אָן צו הערן נאָך אַ וואָרט פון אים כדי צו זיין זיכער, אַז דאָס איז טאַקע ער.

— איך האָס מלחמה! — הערט זי קלאָר אים אויסרעדן.

— יאָ, דאָס איז ער! — האָט זי אַנטשלאָסן אויפן קול צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן. זי איז שוין געווען זיכער, אַז זי האָט נישט קיין טעות און זי איז געוואָרן שטאַרק אומרואיק.

זי ווייסט, אַז ער איז נישט קיין שיכור. ער איז דער ליבלינג פון דער גאַס, זי קאָן אים זינט ער איז דריי יאָר אַלט געווען.

אַזוי לאַנג ווי זי וואוינט דאָ אין דער דירה, איר טאָכטער, וואָס איז עטלעכע מאָנאַטן יינגער פון פרענקן, פלעגט זיך שפּילן מיט אים אין דערנעבנדיקן פּאַרק, ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער.

ער איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער שלאַנקער יונג ממש פאַר אירע אויגן. פרענק איז קיינמאָל נישט געשטאַנען פאַר דער קענדי־סטאָר, ווי אַנדערע באָיס. מען האָט אים בכלל זעייער זעלטן געזען אויף דער גאַס. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אפילו צו שפּילן באָל. ער האָט זייער ליב מוזיק. זיינע נישט־רייכע עלטערן האָבן אים געמוזט קויפן אַ פידל און צאָלן פאַר לערנען אים שפּילן. און ער האָט זיין יעדע פרייע מינוט נאָך סקול אָוועקגעגעבן דעם פידל.

ווען מען קוקט אים אָן, שמייכלען זיינע שוואַרצע גוטמוטיקע אויגן. די טונקעלע געלאָקטע האָר זענען ביי אים אַלעמאָל צעוואָרפן איבער זיין שמאָלן הויכן שטערן און זיין דין ברוינלעך פּנים איז צאַרט און פול מיט חן.

מיט יעדן באַקאַנטן באַגריסט ער זיך פריינטלעך, פרעגט זיך פאַר־בייגייענדיק, וואָס מען מאַכט און אַלע האָבן אים ליב.

סילוויע האָט אים שטענדיק געזען אַ פריילעכן. איז וואָס האָט פּלוצ־לינג מיט אים פּאַסירט?

עס איז געווען אַ מילדע פרילינג נאַכט. אויף אַ לויטערן הימל איז געשטאַנען אַ פולע לבנה אַרומגערינגלט מיט אַן אַ שיעור גרעסערע און קלענערע שטערן. סילוויען האָט זיך גערעכט, אַז די לבנה האָט זיך אינ־מיטן גאַנג פאַרהאַלטן פון דעם יונגן יאָמערלעכן קול, וואָס לעכערט די נאַכטיקע שטילקייט, ווי זי וואָלט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט און זי קוקט מיט אַ טרויעריקן געמיט אויף דעם צער, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ יונג האַרץ. זי וואָלט געשוואוירן, אַז די לבנה איז בלאַסער געוואָרן; ווי זי וואָלט זיך אויך דערשראָקן גלייך מיט איר און זי האַלט־איין דעם ציטער, פונקט ווי זי טוט דאָס.

אַ שאַרפער צפון־ווינט האָט געשויבערט סילוויעס האָר, געבלאָזן איר אין אַן אויער, ווי ער וואָלט איר ווען שוידערלעכע בשורות אָנזאָגן. עס האָט געיאָגט אַ קעלט אויף אירע פון בעט אויסגעוואַרעמטע נאַקעטע אַקסלען. זי האָט איינגעקאָרטשעט דעם האַלדז, אויפגעהויבן די אַקסלען ביז צו די אויערן כדי נישט צוצולאָזן די קעלט, אַנצוהאַלטן פון אייגענעם

לייב די וואַרעמקייט, אָבער אַוועקרייסן זיך פון פענצטער האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט זיך נאָר געוואונדערט, וואָס איר מאַן מיט דער טאָכ־טער שלאָפן און הערן גאָרנישט וואָס עס קומט פאָר אונטער זייער וואַנט.

זי זעט, אַז די צוויי בחורים לאָזן פרענקן נישט אָפּ. זיי נעמען אים פשוט מיט כוח.

„אפשר ווילן זיי אים ערגעץ פאַרשלעפּן און ער ווערט זיך, האָט מורא זיי זאָלן אים נישט דערהרגענען? אַ קשיה אויף יונגוואַרג“, גיט אַ בליץ אין איר אַ מוראדיקער געדאַנק. „אפשר איז ביי זיי אַן אייפערזיכט צו־ליב דער מיידל?“, הייבט זי שוין אַן אַריינקלערן, ווער וויסט ווער זיי זענען? זי איז שוין גרייט עפּעס אויף זיך צו כאַפּן אַרויסלויפן, מאַכן אַ גוואַלד, אַנקלינגען אין הויז פון זיינע עלטערן, נישט צולאָזן צו קיין סקאַנ־דאַל. נאָר די ווייכע רייד פון די בחורים צו פרענקן האָבן זי צוריקגע־האַלטן. באַלד זעט זי ווי זיי נעמען אים כמעט אויף די הענט און טראָגן אים אַריין אין זיין הויז.

יענע נאַכט האָט סילוויע סיגל שוין מער נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי האָט קוים זיך דערוואַרט אויפן טאָג.

זי איז געווען שטאַרק נייגעריק צו וויסן, וואָס איז געשען מיט פרענקן.

„איך וועל אַריינגיין צו זיי מיט אַן אויסריד“, האָט זי ליגנדיק אין בעט צוגעטראַכט אַ פּלאַן, „אַז דער רעפרידזשערעיטאָר איז מיר קאַליע און איך וויל דער פאָטער מיסטער פיעלאַ, זאָל מיר ברענגען אַ שטיקל אייז“. און אַז זי וועט שוין זיין ביי די פיעלאָס אין הויז וועט זי שוין אויסגע־פינען וואָס ביינאַכט איז געשען.

זי גייט אַראָפּ אין גאַס, מיט פּאַמעלעכע טריט שאַרט זי זיך צו צום אייזערנעם טירל פון דעם פריוואַטן הויז און בלייבט דאָרט שטיין, אַריינ־גיין אינעווייניק האָט זי נישט קיין מוט, אפשר וועט עמעצער אַרויסקומען, וועט זי זיך באַנוצן מיט איר אויסגעטראַכטן תירוץ, וועט איר זיין גרינ־גער ווי אַריינצוגיין, האָט זי געטראַכט. זי איז נאָך קיינמאָל ביי זיי אין הויז נישט געווען, כאָטש ווען פרענקס מוטער טרעפט זי, שטעלט זי זיך אַלעמאָל אָפּ מיט איר רעדן.

עס געדויערט נישט לאַנג און די מוטער קומט אַרויס מיטן מעטאַ־לענעם וועגעלע, וואָס זי גייט מיט דעם אַלע טאָג איינקויפן שפּייז.

איר פּנים איז שטאַרק פאַרטרויערט, בלייך און אָפּגעצערט. סיל־וויען דאַכט זיך, אַז די אויגן זענען ביי דער מוטער רויטלעך און אָנגע־לאָפן, ווי דאָס טרעפט ביי מענטשן נאָך אַ סך וויינען.

מיסעס פּיעלאָ זאָגט איר אַ שטילן „גוט מאָרגן“ און זי וויל איר פאַר־בייגיין, גאָרנישט ווי איר טבע איז, און סילוויע, אָנשטאָט זיך צו באַנוצן מיטן צוגעטראַכטן תירוץ, גיט זי גאָר אַ פרעג:

— וואָס מאַכט אייער זון? איך האָב אים שוין לאַנג נישט געזען, — מאַכט זי זיך, ווי זי ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגן.

— מיין זון, — זאָגט זי מיט אַ האַלב מויל, — ער איז איצט אין דער היים.

— וואו איז ער דען געווען? — מאַכט זי זיך נאָך אַלץ טאָמעוואַטע.

— ער איז אין דער אַרמיי־דינסט. מען האָט אים געגעבן אַ וואָך אורלויב, אין צוויי טעג אַרום שיקט מען אים אַוועק אויפן פראָנט.

— האָ! דאָס האָט געמוזט זיין אייער זון, — האָט סילוויע מיט אַ באַדויער־געפיל אָנגעהויבן. — איך האָב געהערט ביינאַכט אַ באַי וויי־נען און רעדן פון צוויי טעג, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז אייער פרענק. אָבער איך בין נישט געווען זיכער, — איז זי שוין אַרויסגעקו־מען מיטן אמת.

— יאָ, דאָס איז טאַקע געווען ער. זיין געליבטע האָט נעכטן גע־מאַכט פאַר אים אַן אָפּשייד־אָוונט. ער זאָל זיך געזעגענען מיט זיינע פריינט, האָט ער גענומען אַביסל בראָנפן, נישט זייענדיק געוואוינט צו טרינקען, איז אים געווען שווער זיך צו קאָנטראָלירן, — האָט די מוטער אים פאַרענטפערט.

— ער איז אַ קינד, וואָס האָט פיינט מלחמות, — האָט זי אים גע־רימט. — ער קאָן קיין פליג נישט טויטן און דאָ שיקט מען אים זיך שלאָגן, — איז זי שוין געוואָרן באַריידעווודיק.

— זיין ציל איז געווען צו ווערן אַן אַגראָנאָם. איצט זענען אַלע זיינע פלענער צעשטערט. נאָך צוויי טעג, — גיט זי פלוצלינג אַ לאָז אַרויס אַ מוטערלעכן, היסטערישן געוויין. זי האָט אַרויסגעכאַפּט אַ טיכל פון האַנטבייטל, פאַרשטעלט די אויגן און אַוועקגעדרייט פון סילוויען דאָס פנים, ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט.

סילוויע האָט געוואָלט צו איר רעדן, זי טרייסטן, נאָר עס האָט איר אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז, דאָס לשון האָט זיך ביי איר אָפּגענומען און זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן.

אַ שווייגנדיקע איז זי פאַמעלעך אָפּגעטראָטן פון אייזערנעם טירל און האָט דער מוטער אפילו קיין גוטן טאָג נישט געזאָגט.

אַ פּאַרדינטער מעדאַל

— וואָס האָט ער זיך דאָרט אָוועקגעזעצט, דיין שאַרעלע ? — האָט די מאַמע אָנגעהויבן, אַזוי ווי סוזאַן מיטן קינד איז איבערגעטראָטן די שוועל.

— איך האָב געהערט, אַלע דעלעגאַטן זענען שוין צוריקגעקומען. ער האָט אַפּנים פאַרגעסן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט אַ קינד. וואָס איז מיט אים דער יום־טוב, מיט דיין פאַרזאָרגער, האַ ? — האָט זי אָן אַן אויפהער גערעדט און אין דער זעלבער צייט איבערגעקוקט די דאַמען־בייטלען, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געבראַכט פון פאַבריקאַנט פאַר איר געשעפט.

און ווייל סוזאַן האָט געשוויגן, האָט זי נאָך העכער אויפגעהויבן איר שטים. זי איז אָנגעפאַלן אויף דער טאָכטער, ווי זי פלעגט אָפט דאָס טאָן אַמאָל אויף אַ מאַרשאַנט (מאַרק־הענדלער), אירן אַ שכן, זיצנדיק אויף די בעלגישע מערק. פאַר דער מלחמה פלעגט זי זיצן מיט אַ באַרג האַנט־בייטלען, קאָלירטע קאָפּ־טיכלעך און מיט שאַלן, מיט וועלכע זי איז אַרומגעפאָרן האַנדלען איבער שטעטלעך אַ היפּש ביסל יאָרן, נאָך איידער דער מאַן אירער איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די היטלער־מערדער. זי האָט צעלאָזט איר צונג מיט אַזאַ בייזקייט, פּונקט ווי זי, די טאָכטער, וואָלט שאַרלען נישט געלאָזט צוריקקומען.

סוזאַן האָט זיך געפּאָרעט אַרום קינד. זי האָט פּאַמעלעך אויפגעלאָזט די בענדלעך אַרום קינדס העלדזל, אויסגעטאָן יאַרושאַן דאָס היטעלע און ווי אַ פאַרשעמטע, כדי אויסצומיידן צו קוקן דער מאַמען אין די אויגן אַריין, האָט זי די גאַנצע צייט גערעדט צום קינד. זי האָט מיט די פינגער געקאַמט יאַרושאַס הערעלעך, און פון פאָרנט איבערן שטערנדל געדרייט אַ לאָק.

אויף דער מאַמעס רייד, אויף איר בייזערן זיך און שרייען, האָט סוזאַן קיין וואָרט נישט געענטפערט, נישט געמאַכט זיך ווויסנדיק, ווי נישט איר מיינט מען.

דער פרילינג איז שוין געווען אין פולער בליאונג. ערטערווייז האָבן זיך שוין אויף ביימער אָנגעזען די ניי־געבוירענע פּרוכטן. אויף אַנדערע

זענען נאָך געלעגן די צוויטן. צעאַקערטע פעלדער האָבן געשמעקט מיט פרישן פאַרזיי, מיט יונגע שפּראָצונגען, און צוזאָג פון וואוקס און זאַטקייט.

שאַרל איז אַרומגעגאַנגען אויף דער אומבאַקאַנטער פּוילישער ערד און האָט זיך אַליין געוואונדערט, וואָס ער פילט זיך דאָ אַן אייגענער, ווי ער וואָלט דאָ געהאַט אַ חלק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ טייל פון דעם אַלעמען, וואָס ווערט דאָרט איצט געשאַפן. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט, ווי אַזוי מען שטעלט־איין די אַרבעט, מיט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבנקייט און ערנסט די לעבן־געבליבענע יידן פּרו־בירן אויפלעבן, אָנצוהאַלטן די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ער האָט אָנגעקוואָלן. זיין האַרץ איז אין אים געוואַקסן, זעענדיק די אַלע איינ־שטעלונגען פון אַ ניי לעבן. ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן, צי ער קאָן דאָרט בלייבן. און אַז מען איז געוואויר געוואָרן ווער שאַרל איז און וועגן זיינע אויפטוען קעגן די היטלעריסטן, האָט מען אים געזאָגט: „גוט, דו ווילסט בלייבן, בלייב! מיר וועלן דיר געבן אַרבעט. וועסט זיין ביי אונדז גלייך מיט אַלע בירגער!".

שאַרל שייפער איז געבוירן געוואָרן אין בעלגיע ביי יידישע עלטערן, וואָס זענען געקומען פון פּוילן. דער פאָטער, אַ בעקער נאָך פון דער אַלטער היים, האָט פאַרגעזעצט אין בריסעל דאָס בעקעריי.

דער דריי־און־צוואַנציק־יאָריקער מיטל־וואוקסיקער, העל־האָריקער שאַרל מיט די ליכטיקע, מילדע אויגן, האָט פאַרמאָגט אין זיך אַן אומ־געהויערע גבורה. די גבורה זיינע איז נישט באַשטאַנען אַזוי פיל אין זיין פיזישן כוח, ווי אין זיין געוואַגטקייט.

ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע זיך אָנצושליסן אין דער רע־זיסטאַנץ (ווידערשטאַנד) באַוועגונג. און כאָטש ער איז געווען אַ טעמ־פּעראַמענטפולער מענטש, האָט ער אָבער אין ערנסטע מאָמענטן געקאָנט זיין רואיק און האַנדלען געלאַסן. ער האָט אויך געקאָנט אַליין איינזען זיינע טעותן און נישט מורא געהאַט זיי אָפן צוצוגעבן. חברה וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט, האָבן אים דערפאַר שטאַרק ליב געהאַט.

אַז די היטלעריסטן האָבן באַלאַגערט בעלגיע, האָט שאַרל איבער־גענומען זיין פאָטערס ראָוער (וועלאָסיפּעד) מיטן גרויסן געפלאָכטענעם קויש פון פאָרנט, אין וועלכן דער טאַטע זיינער פלעגט פירן ברויט מיט זעמל אין הייזער אַריין פאַר פּרנסה וועגן. ביי שאַרלען איז דער קויש אויך אָפטמאָל געווען אָנגעפילט, אָבער בלויז פון אויבן זענען געלעגן ברויטן.

און אַז ער האָט נישט געהאַט קיין ברויט, האָט ער אַרײַנגעלייגט קאַרטאָפל אָדער פּרוכטן, אַבי צו פאַרדעקן דאָס געווער, וואָס ער האָט געפירט פאַר די ווידערשטענדלער. אַחוץ דעם קויש איז ער אַליין אויך שטענדיק געווען באַוואָפנט.

די רעזיסטאַנץ האָט אויסגעפונען, אַז אין איקסל, אַ בריסעלער דיס־טריקט, האַלט זיך אויף אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר מיט זיין ווייב, וואָס טוען־אָן זייער אַ סך צרות, פייניקן און ברענגען־אום יידן. האָט מען באַשלאָסן, אַז דאָס פאָר־פאָלק מוז מען אָפּראַמען.

כדי דאָס צו טאָן, האָט מען געמוזט זיך אַריינקריגן צו זיי אין וואוינונג אַריין.

אינדערפרי, האָט מען געוואוסט, איז די בעסטע צייט זיי ביידע צו טרעפן אין הויז.

שאַרל מיט נאָך צוויי האָבן זיך אונטערגענומען דורכצופירן דאָס שטיקל אַרבעט.

די דריי האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט: איינער זאָל בלייבן אויף דער גאַס, אונטן, אין פאַל ער וועט דערזען אַ דרויסנדיקע געפאַר, זאָל ער געבן אַ סיגנאַל.

שאַרל מיטן צווייטן וועלן אַרויפגיין אָנקלינגען אַלס גאַז־אַרבעטער, זאָגן, אַז זיי דאַרפן פאַרריכטן דעם גאַז־אויוון.

ביידע האָבן זיך אָנגעטאָן פאַר דעם צוועק אין געהעריקע קליידער. ביידע האָבן גענומען קעסטלעך, וואָס גאַז־אַרבעטער טראָגן, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע מכשירים און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייער מיסיע.

אַ פאָר מינוט פאַר אַכט אינדערפרי האָבן זיך די דריי געטראָפן אויפן באַשטימטן אָרט.

שאַרל האָט אָנגעקלונגען ביי דער טיר. ווען עס האָט זיך דערהערט די שטים פון געשטאַפּאָ־אָפיציר: „ווער איז?", איז דעם צווייטן באַפאַלן אַ שוידערלעכע שרעק און ער איז אַנטלאָפן.

שאַרל האָט מיט אַן אינערלעך איינגעהאַלטענעם טרייסל געמאַכט אַ רואיקן אָנשטעל.

— פון דער גאַז־געזעלשאַפט, — האָט ער געלאָסן געענטפערט.

אַז דער דייטש האָט פאַמעלעך אָפּגעשפּאַרט די טיר, דערזען אַ מאַן אין אַרבעטער־קליידער, מיט אַ קעסטל אין האַנט, האָט ער געזאָגט:

— אַריין.

די ערשטע קויל האָט דעם געשטאַפּאָ־אָפּיציר אומגעוואָרפן. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און זיך באַלד אויסגעצויגן. זיין ווייב האָט געכאַפּט אַ רעוואָלווער. שאַרל אַליין האָט שפּעטער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אים איז געלונגען אַרויסצורייסן דעם רעוואָלווער פון אירע הענט איידער זי האָט באַוויזן אויסצושיסן. זי האָט זיך אָבער ווי אַ ווילדע חיה אויף אים אַרויפגעוואָרפן. מיט די נעגל איז זי טיף אַריין אין זיין פּנים און שטיקער פלייש פון אים געריסן. זיי האָבן זיך אַ היפּשע ווײַלע געראַנגלט ביז ער האָט זי גובר געווען.

אַ צווייטער פאַל איז געווען, ווען די ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט זיך דערוואוסט, אַז אין אַ מאָנאַסטיר, וואו עס געפינען זיך צוזאַמען מיט די קריסטלעכע קינדער אויך עטלעכע צענדליק יידישע קינדער, וועגן וועלכע די נאַציס זענען געוואויר געוואָרן, וועלן מאָרגן, ביין אַזייגער איב־דערפרי, קומען אַרויסנעמען פון דאָרט די יידישע קינדער.

— מען מוז ראַטעווען די עטלעכע־און־צוואַנציק קינדער! — האָט שאַרל אַנטשלאָסן און שטרענג געזאָגט, און באַלד אויפן אָרט האָט מען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן.

מיט אַ שעה פריער, פאַר דער באַשטימטער צייט, וואָס די דייטשן האָבן געדאַרפט קומען, איז צום מאָנאַסטיר צוגעפאָרן אַ לאַסט־וואָגן מיט פינף מענער.

צום ערשט האָבן די נאָנעס געמיינט, אַז דאָס זענען די דייטשן, וואָס האָבן זיי אָנגעזאָגט אָפּצוטיילן די יידישע קינדער, וועלכע זיי גייען צו־נעמען. די פינף באַוואָפנטע מענער זענען אַריין אינעווייניק.

— גיט אונדז די יידישע קינדער! — האָט שאַרל באַפוילן.

די נאָנעס האָבן דערזען, אַז דאָס זענען נישט קיין דייטשן, האָבן זיי זיך קעגנגעשטעלט, מורא האָבנדיק, אַז די נאַציס וועלן זיי באַשטראָפן.

לויט דעם פון פריער צוגעגרייטן פּלאַן, האָט מען אַרויסגענומען שטריק פון די קעשענעס און אַלע נאָנעס געבונדן, כדי די נאַציס זאָלן זען, אַז זיי האָבן נישט אַרויסגעגעבן די קינדער מיט זייער גוטן ווילן און מען האָט זיך גענומען צו דער רעטונג־אַרבעט.

ערגער פון דעם קעגנשטעלן פון די נאָנעס איז געווען, וואָס די קינ־דער האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר די פרעמדע, וואָס ווילן זיי אַוועק־נעמען.

עס איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה צווישן דעם קליינוואַרג. זייערע געוואָלדן זענען געוועז הימל הויך. די עלטערע האָבן נאָך ווי עס איז

אַנגענומען די דערקלערונג, אָבער די ייִנגערע, די דריי־פיר־יאָריקע, האָבן זיך געטרייסלט, געציטערט ווי פישלעך אין וואַסער, ווען זיי דערפילן, אַז מען וויל זיי פאַנגען. זיי האָבן זיך אין שרעק איינגעקלאַמערט איינע אין די אַנדערע. האָבן געשריגן מיט באַנומענע קולות און מיט אַלע כוחות זיך געווערט.

די אַנדערע, די קריסטלעכע קינדער, האָבן אויך געוויינט און גע־שריגן צוזאַמען מיט די ייִדישע.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער מאָמענט, אַ שוידערלעכע איבערלע־בונג סיי פאַר די קינדער, סיי פאַר די רעטער, וואָס האָבן פאַרשטאַנען און מיטגעפילט מיט די שוצלאָזע נפשות. און קיין צייט איז נישט געווען די קינדער צו באַרויקן. יעדע רגע איז געווען טייער. מען האָט זיך געדאַרפט איילן איידער די נאַציס קומען אָן. האָט מען די קינדער מיט געוואַלט אַריינגעפּאַקט אין לאַסט־וואָגן אַריין.

ווען די נאַציס זענען אָנגעקומען, האָבן זיי געטראָפן אויפגעפּראַלטע טירן, אויפגעטרייסלטע, פאַרוויינטע קריסטלעכע קינדער און געבונדענע נאָנעס.

אַז שאַרל איז געגאַנגען אין גאַס און דערזען פאַר זיך אַ געפאַר, האָט ער זיך נישט פאַרלאָרן. ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן צעטומלט.

אין בריסעל קאָן מען נישט פון גאַס אַריינלויפן אין אַ הויז זיך באַ־האַלטן. דאָרט זענען די אַריינגאַנג־טירן פון די הייזער אַלעמאָל פאַר־שלאָסן. אַן אָפענעם הויף קאָן מען אויך נישט לייכט געפינען. דאָס איינ־ציקע אָרט אַראָפּצוגיין פון גאַס, איז אַריינצוגיין אין אַ קאַפע. האָט אָבער דאָרט אויך געלויערט מיט געפאַר פאַר אַזעלכע ווי שאַרל. אין די קאַ־פייען האָבן זיך זייער אָפט געפונען שפּיאָנען, און מען האָט לייכט געקאָנט אַריינפאַלן אין די נאַציסטישע נעגל. אָבער אַז ער האָט פאָרט נישט געקאָנט ווייטער גיין מיט דעם וועג וואָס ער איז געגאַנגען אָדער גע־פאָרן מיט זיין ראָווער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, געזוכט וואו ער זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן. נישט איינמאָל איז ער אַדאַנק זיין רואיקער האַל־טונג אַרויס אַ לעבעדיקער.

און פונקט ווי ער האָט געהאַט אַ האַס צום שונא, פונקט אַזאַ שטאַרקע

ליבשאַפֿט האָט ער געהאַט צו זײַנע מיטמענטשן. אַזוי ווי ער האָט אײַנ־געשטעלט זײַן לעבן צו העלפֿן פֿאַרניכטן דעם שונא, אַזוי האָט ער אײַנ־געשטעלט זײַן לעבן צו העלפֿן באַזאָרגן עסן, מעדיצינישע הילף און אַנ־דערע נייטיקע זאַכן פֿאַר זײַנע מיטקעמפֿער, צו דערהאַלטן ביים לעבן, צו שטאַרקן זייער מוט. יעדער איז ביי אים געווען טייער ווי זײַן אייגן לעבן.

אין דער אַרבעט צו פֿאַרזאָרגן די ווידערשטענדלער מיט פֿאַרשיי־דענע נייטיקע זאַכן, האָט אים זייער אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן סוזאַן, זײַן איצטיקע פֿרוי. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געווען זײַנע אַ שוועסטער. איר וויס, צאַרט פּנים האָט געהאַט אַלע ענלעכקייטן צו אַ שיין בעלגיש מיידל. סוזאַן איז געגאַנגען מיט אים האַנט־אין־האַנט. ווען ער איז געפֿאָרן מיט זײַן ראָווער איז סוזאַן אים נאָכגעפֿאָרן אויף אַ ראָווער מיט אַ קויש לעגימען (גרינסן), אין וועלכן זי האָט אויך געפֿירט אַן אַנדער סחורה.

סוזאַן איז אויך געווען כמעט אַ בעלגישע. זי איז אַלט געווען צוויי יאָר, ווען אירע עלטערן האָבן איבערגעוואַנדערט פֿון פּוילן קיין בעלגיע.

לעבן שאַרלען האָט זיך סוזאַן געפֿילט געשטאַרקט און זיכער. נישט נאָר זי, נאָר יעדער איינער, וואָס איז געווען מיט שאַרלען, האָט זיך גע־פֿילט געשטאַרקט. ער האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט גבורה, מיט זיכער־קייט אינעם זיג איבער די נאַציס.

אַז מען האָט נאָך דער באַפֿרייאונג פֿון בעלגיע געקליבן דעלעגאַטן צום אויפֿדעקן דעם דענקמאָל פֿון דער וואַרשעווער געטאָ אין וואַרשע האָט די רעזיסטאַנץ־באַוועגונג געזאָרגט, אַז שאַרל זאָל זײַן צווישן די דע־לעגאַטן. ער האָט דאָס אָנגענומען מיט גרויס צופֿרידנקייט.

סוזאַנס מאַמע זעט, ווי איר טאָכטער גייט־אַרום מוטלאָז, פֿאַרזאָרגט, צערודערט. שאַרל קומט נישט צוריק, האַלט זי אין איין פֿרעגן:

— וואו איז ער? ווען קומט ער?

צו דערציילן דער מאַמען, אַז ער האָט באַשלאָסן דאָרט צו בלייבן, אַז ער וויל נישט אַנדערש, נאָר זי מיטן קינד זאָל פֿאָרן אַהין, איז איר אַלץ געווען שווער.

נאָר אַז די מאַמע איז שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט סוזאַן אַרויסגע־שטאַמלט:

— ער וויל נישט קומען, ער וויל דאָרט בלייבן.

די מאַמע האָט אַראָפּגעלאָזט די שאַלן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איינלייגן, זי האָט אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט, צונויפגעשלאָסן די פינ־גער פוןביידע הענט און צוגעדריקט זיי אונטערן האַרצן, ווי עס וואָלט איר מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ גרויסער ווייטיק.

— ווי איז מיר! — האָט זי אויסגעשריגן, — וואָס פאַר אַ ווילדער איינפאַל, בלייבן גאָר מיט די פּאָליאַקן. נאָך ווייניק צרות האָבן זיי אָנ־געטאָן יידן.

אַ האָגל פון קללות האָט זיך פון איר אַ שאָט־געטאָן אויף די פּאָליאַקן. פייער האָט געשפּריצט פון איר מויל.

עס האָבן אויפגעזאָטן אין סוזאַנען די בלוטן. זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און מיט כעס אַ געשריי געטאָן:

— מאַמע, הער־אויף! היינט איז אַן אַנדער פּוילן, נישט די, וועלכע דו האָסט איבערגעלאָזט.

ווי אַ פאַרציטערטע איז די מאַמע אַ רגע שטיל געבליבן, נאָר באַלד האָט זי שטיל, מער צו זיך, ווי צו סוזאַן, געזאָגט:

— גוטע צייטן דערלעבט, אַז די אייער וויסן מער פון די הינער. זי דערציילט מיר, וואָס פּוילן איז!

— ער איז דאָרט, ווייסט ער בעסער פון דיר! — האָט סוזאַן נאָך אַלץ מיט אויפרעגונג אַ זאָג־געטאָן.

פון דעם אומדערוואַרטן ענטפער האָט די מאַמע פאַרשטאַנען, אַז סוזאַן איז גרייט צו אים צו פאָרן.

ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך גיט די מאַמע ראַפּטאָם אַ זאָג:

— איידער דו פאָרסט צו אים, וויל איך פריער אַהין פאָרן. איך גלייב גאָרנישט, אַז ער האָט מיט זיין אייגענעם ווילן צוגעשטימט דאָרט צו בלייבן. מן הסתם האָט מען אים פאַרהאַלטן. איך וועל זיי אַ פרעג־טאָן, די נייע מאַכערס, וואו זייער יושר איז, פאַרוואָס זיי פאַרהאַלטן אַ טאַטן פון אַ קינד. מעגסט זיין זיכער, אַז איך וועל זיך פאַר זיי נישט שעמען. איך וועל זיי זאָגן, זיי זאָלן אים באַלד אַהיים שיקן צו זיין ווייב מיטן קינד.

סוזאַן האָט אויף די רייד גאָרנישט געענטפערט. פון איר שווייגן האָט

מען געקאָנט טייטשן, אַז אויב די מאַמע וויל פאָרן, זאָל זי. און די מאַמע האָט זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע.

אין וואַרשע איז די מאַמע גלייך פון וואָקזאַל אָפּגעפאָרן צו שאַרלען. ווען זי איז צוגעקומען צום הויז, איז זי אַ ווילע געבליבן שטיין הינטער דער טיר. זי האָט צוגעלייגט אַן אויער און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך איינגעהערט. טיף אין האַרצן האָט זי אים פאַרדעכטיקט: ווער ווייסט צי ער וואוינט נישט מיט אַ „נקבה", מיט אַ „פּאַליאַטשקע"?

מיטן צוגעלייגטן אויער צו דער טיר, האָט זי געוואָלט באַשטעטיקן איר פאַרדאַכט, אויסגעפינען עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם סוד, אויפדעקן אַ געהיימניש. און אַז זי האָט פון דרויסן גאָרנישט געקאָנט דערגיין, האָט זי פּאַמעלעך אָפּגעשפּאַרט די טיר, אַריינגערוקט פריער דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט אים געוואָלט כאַפּן ביי אַ פאַרברעכן. נאָר זי האָט געזען אים זיצן איינער אַליין ביים טיש, אַריינגעטאָן אין אַ בוך און איבערזאָגן אומגעציילטע מאָל די זעלבע ווערטער: „יעסט, בילאַ, בענדזשע" (ס'איז, ס'איז געווען, ס'וועט זיין), האָט זי פּאַמעלעך אַריינגעשטעלט די פיס, די הענט אַרונטערגעבויגן אויפן רוקן. זי האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר, מיטן רוקן זיך אויף איר אָנגעשפּאַרט און איז געבליבן שטיין, ווי זי וואָלט צוגעהאַלטן די טיר, קיינער זאָל נישט אַריינקומען.

שאַרל איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אינעם לערנען די פּוילישע גראַמאַטיק, אין דעם קנעלן מיט זיך, אַז ער האָט נישט געהערט עפענען די טיר, איר אַריינקומען, ביז זי האָט אים אַ רוף־געטאָן: „שאַרל!"

ער האָט זיך אַזש געגעבן אַ צאַפּל דערהערנדיק זיין שוויגערס קול. נאָר באַלד האָט ער זיך באַרואיקט, זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר קומען:

— וואָס מאַכט סוזאַן? ווי זעט־אויס יאַרושאַ? וואָס מאַכן מיינע עלטערן? — האָט ער זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף יעדערן באַזונדער, דערמאָנענדיק אויף פריינט און באַקאַנטע. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס ביי יעדערן הערט זיך. דערנאָך האָט ער זי מיט ליבשאַפט אָנגענומען אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— קומט, איך וועל אייך ווייזן די שטאָט.

וואָס ער האָט איר נאָר געוויזן, האָט זי אויף אַלץ אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן: „אוי ווי איז מיר!"

זי וויל אים זאָגן דאָס וואָס זי האָט די גאַנצע צייט פון איר פאָרן זיך געגומען אין זינען אַריין מיט אים צו רעדן: ער זאָל זיך נישט נאַריש מאַכן צו בלייבן אין פוילן. זאָל ער בעסער אַהיימפאָרן און טאַקע באַלד, גלייך מיט איר. נאָר אַז זי קוקט אים אָן, זעט זי אויף זיין פּנים, ווי ער פרייט זיך און האַלט אין איין קוועלן פון די נייע פאַראַנדקעס, און עס עפנט זיך ביי איר נישט דאָס מויל צו זאָגן אים דאָס וואָס זי האָט גע־וואָלט זאָגן.

זי פילט, אַז די ווערטער, מיט וועלכע זי האָט זיך אַרומגעטראָגן, האָבן פאַרלוירן זייער האַפט, זיי צערינען אין געדאַנק און פאַרשווינדן. און אַנ־שטאָט צו זאָגן, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט אינזינען געהאַט, האָט זי גאָר געזאָגט עפּעס אַנדערש:

— ווי אַזוי וועל איך לעבן אָן סוזאַנען און אָן יארושאַן?

זי האָט די ווערטער אַרויסגעשעפּטשעט, ווי צו זיך אַליין.

אין דער צייט וואָס סוזאַנס מאַמע איז געווען אַוועק פון בריסעל, איז אָנגעקומען די גאָר דערהויבענע, פריילעכע ידיעה פון דער בעלגישער רעגירונג, אַז שאַרל שייפער קריגט אַן אויסצייכענונג. — אַלס אָנערקענונג פאַר זיין העלדישן קאַמף קעגן די נאַציס, באַלוינט אים די רעגירונג מיט אַ מעדאַל. שאַרל זאָל קומען אין דעם באַשטימטן טאָג, ווען ס׳וועט פאָרקומען די צערעמאָניע פון אויסטיילן די מעדאַלן.

די נייעס האָט איבער גאַנץ בעלגיע, ספּעציעל ביי יידן, געמאַכט אַ רושם.

שאַרלען האָט מען וועגן דעם טעלעגראַפיש געלאָזט וויסן.

די עלטערנס פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן. אַ קלייניקייט, אַזאַ כבוד! אַזאַ זון איז דאָך נישט נאָר אַ שטאָלץ פאַר טאַטע־מאַמע, נאָר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. מען וועט דאָך וועגן אים שרייבן אין די צייטונגען, זיין נאָמען וועט פאַרצייכנט ווערן אין ביכער לדור דורות. טאַטע־מאַמע גייען אַרום שטאָלצע. זיי וואַרטן שוין מיט גרויס אומגעדולד אויף זיין קומען, אויפן טאָג, ווען די צערעמאָניע וועט דורכגעפירט ווערן. זיי שטעלן זיך פאָר, ווי אַזוי דער זאַל איז אויסגעפּוצט מיט פאָנען, אַן אָרקעסטער שפּילט, און טויזנטער מענטשן שטופּן זיך, מען מאַכט פּאַר שאַרלען אַ וואָרע; און ווי זיי, די עלטערן, שטייען אויבן־אָן און זען, ווי ער גייט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. אַ רעגירונגס־באַאַמטער גייט מיט געמאָסטענע טריט אים אַנטקעגן און טראָגט אין האַנט דאָס פּושקעלע מיטן מעדאַל. די מענטשן שטייען אויף די שפּיץ־פינגער, מען רייסט

אַרויף די קעפּ, מען וויל זען ווי אַזוי מען שפּיליעט אים צו דעם מעדאַל אויף דער ברוסט, און דער מעדאַל בלישטשעט, שיינט אויף שאַרלען, ווי אַ זון.

סוזאַנס מאַמע איז אַהיימגעקומען נישט קיין פרייליכע. מען האָט גע־קאָנט דערקענען אויף איר פּנים, אַז זי האָט נישט אויסגעפירט וואָס זי האָט געוואָלט אויספירן. און זי האָט זיך געפילט ווי איינער, וואָס האָט פאַרלוירן אַ געווינס. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אויף עמעצן געווען ברוגז. נאָר סוזאַן און שאַרלס עלטערן האָבן איר באַלד דערציילט די פרייליכע נייעס, וואָס וואַרט אויף אים.

— זאָרגט זיך נישט, — האָבן שאַרלס טאַטע־מאַמע זי געטרייסט, — ער וועט קומען. אַ קלייניקייט, אַזאַ כבוד!

אפילו סוזאַן האָט אויך געגלייבט און געהאָפט, אַז ער וועט קומען נעמען דעם מעדאַל.

נאָר סוזאַנס מאַמע האָט פּאַמעלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און רויִק געזאָגט:

— פרייט זיך נאָך נישט. איך בין נישט זיכער צי ער קומט. שאַרל איז אַן איינגעשפּאַרטער, אַ מאָדנער מענטש. אים דאַכט זיך, אַז דאָרט איז זיין וועלט, און וואָס ביי אייך קוקט אויס גרויס און וויכטיק, קוקט ביי אים גראָד אויס נישט אַזוי אַי־אַי.

שאַרל האָט אויף די גוטע נייעס, אַז די בעלגישע רעגירונג האָט באַשטימט צו געבן אים אַ מעדאַל, פאַר זיין העלדישן קאַמף קעגן די נאַ־צישע אַריינדרינגער, באַלד געענטפערט. ער האָט געשריבן צו סוזאַן דאָס זעלבע וואָס צו זיינע עלטערן:

„מיינע טייערע, איך בין זייער צופרידן צו זיין צווישן די אָנערקענטע העלדן, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש געקעמפט קעגן בלוטיקן שונא. איך וועל אָבער נישט קאָנען האָבן די פרייד אָפּצונעמען דעם מעדאַל. איך וויל בלייבן אין דער נייער פוילן. פאַר מיר צו מאַכן איצט אַזאַ רייזע אַהין און צוריק, איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן. אייער, שאַרל“.

דער בריוו האָט די אייגענע פריטשמעליעט. דער פאָטער האָט זיך מער פון אַלע געערגערט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם טאָג וואָס מ'וועט אויסשטיילן די מעדאַלן, וועט שאַרלס מעדאַל ליגן אַ פאַרשעמטער אין אַ פושקעלע ווי אין אַ טויט־קעסטל.

סוזאַן האָט שוין געזוכט וועמען צו פאַרקויפן אירע שטוב־זאַכן און זיך צוגרייטן פאָרן צו איר מאַן.

נאָכן אַוועקשיקן דעם בריוו, האָט שאַרל אָנגעהויבן נאָכטראַכטן וועגן דעם, וואָס די בעלגישע רעגירונג האָט באַשטימט צו געבן אים אַן אויס־צייכענונג. אין זיין געדאַנק זענען אויפגעשוואומען פאַרשידענע פאַסירונ־גען, אין דעם מוראדיקן געראַנגל מיט די נאַציס. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע חברים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים העלדיש געקעמפט און זענען פאַרפייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן, אין אַ וואָס פאַר אַ מצב ער האָט איבערגעלאָזט די לעבן־געבליבענע, ווי שווער עס קומט אָן אויפ־צוהאַלטן די יתומים־היים; וויפיל אָנשטרענגונג עס פאָדערט זיך צו היילן די וואונדן פון די צעבראָכענע, קראַנקע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צו העלפן לינדערן זייער נויט.

מיטאַמאָל האָט זיך ביי אים געשטעלט די פראַגע:

— צוליב וואָס וויל איך דאָ בלייבן? בלויז צוליב זיך, ווייל מיר געפעלט בעסער דאָ צו לעבן! — האָט ער זיך אַליין געענטפערט, און ער האָט דערפילט, אַז דאָס בלוט איז אים געקומען אין פנים אַריין, ווי ער וואָלט זיך פאַר עמעצן פאַרשעמט, און ס׳איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער חרטה־געפיל.

— וואו איז געווען מיין שכל? ווי אַזוי האָב איך געקאָנט טראַכטן צו בלייבן אין פוילן? דאָ דאַרף איך זיך ערשט לערנען שטעלן די ערשטע טריט. אין בעלגיע בין איך אויסגעבונדן מיטן לאַנד. דער קאַמף קעגן פאַשיזם איז נאָך נישט געענדיקט, דאָרט קאָן איך אויף פאַרשידענע געביטן העלפן טאָן נוצלעכע אַרבעט. אין בעלגיע דאַרף מען מיך ניי־טיקער ווי אין פוילן, — האָט ער צו זיך מיט פאָרוואורף גערעדט.

דער חרטה־געפיל האָט אים נישט געלאָזט רוען, אים טאָג און נאַכט געמאַטערט, ביז ער האָט ביי זיך געפועלט צו פאַרלאָזן פוילן.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און ער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן האָט זיך ביי סוזאַן פלוצים אָן עפן־געטאָן די טיר און שאַרל איז אַריינגעקומען. ביי די אייגענע איז געווען אַ גרויסע פרייד, וואָס ער איז צוריק אַהיים געקומען, דערצו נאָך וואָס ער איז געקומען אַ טאָג פאַר דעם, וואָס די בעלגישע רעגירונג האָט באַשטימט אויסצוטיילן די מעדאַלן.

אויף מאָרגן איז די גאַנצע פֿאַמיליע און פּריינט געגאַנגען מיט שאַר־לען זען ווי מען גיט אים דעם מעדאַל.

דער מלוכה־זאַל איז געווען אויסגעצירט מיט פֿאַרשידענע פֿאָנען פֿון אַלע זיגרייכע לענדער. דער פֿאַרזאַמלטער עולם איז געווען אין אַ גע־הויבענער שטימונג, אויסגעפּוצט אין זייערע שענסטע קליידער. אַלע האָבן געשיינט מיט יום־טובדיקער פֿריילעכקייט.

ביי יעדן אויסגערופֿענעם נאָמען האָט אַ מיליטערישער אָרקעסטער אויפֿגעשפּילט אַ מאַרש. ווען מ'האָט אויסגערופֿן „שאַרל שייפֿער", האָבן ביי סוזאַן און זיינע עלטערן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פֿון גרויס פֿרייד.

שאַרל איז מיט אַן ערנסטן אויסדרוק אויפֿן פּנים געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט צו דער פּלאַטפֿאָרמע וואו אַ רעגירונגס־באַאַמטער האָט צוגעשפּיליעט דעם פֿאַרדינטן מעדאַל אויף זיין ברוסט.

דער מעדאַל האָט געקראָגן זיין תּיקון.

מאַמע און זון

.1

דער צוועלף־יאָריקער קאַלווין קעס איז אַן אויסגעצייכנטער שילער. צום ערשטן מאָל, נאָך איבער זעקס יאָר גיין אין סקול, האָט פּאַסירט, אַז ער איז געבליבן אין קלאַס־צימער אַלס אַ שטראָף.

זיין מאַמע קיידי איז פאַרנאַכט אַהיים געקומען פון דער אַרבעט האָט זי געטראָפן קאַלווינען זיצן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אויפן אויסגעריבענעם דיוואַן לעבן דער טומלדיקער ראַדיאָ, וואָס גיט־איבער אַ באַל־שפּיל. שווייגנדיק, די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, ווי אַ כינעזער, דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט אויפן ראַדיאָ־טישל, ווי ער וואָלט געווען קראַנק אָדער שלעפעריק, זיין פּנים מיט די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן — ערנסט און שטאַרק אומעטיק.

די מוטער האָט ווי אַלעמאָל אַוועקגעלייגט אין קיך די פּעקלעך עסנוואַרג, וואָס זי האָט אויפן וועג איינגעקויפט, און אַריינגעקוקט אין צווייטן צימער צו קאַלווינען. זי איז צוגעוואַוינט, ווי נאָר ער דערהערט זי עפנט די טיר, זאָל ער גלייך צו איר צולויפן, מיט פרייד פאַרוואָרפן זיינע דאַרע הענטלעך אַרום איר האַלדז און זי קושן, דערביי דערציילט ער איר אַלע מעשיות פון סקול, פון די לערער, קינדער, און וואָס מיט אים האָט זיך דורכן טאָג פאַרלאָפן. און איצט רירט ער זיך נישט פון אָרט.

קיידי בלייבט שטיין פאַרוואונדערט. זי קוקט, קוקט אויף אים. וואָס איז געשען ? זי וואָלט שווערן, אַז ער הערט זיך נישט איין צו דער ראַדיאָ.

געוויינלעך דערקענט זי אויף קאַלווינס געזיכט זיינע שטימונגען. ווי נאָר זי גיט אויף אים אַ קוק, ווייסט זי צי ער האָט ערגערניש, צי ער איז צופרידן. קאַלווין איז זייער אַ סענסיטיווער. זיינע געפילן לייגן זיך אים אויף זיין לענגלעך, מאַט־ברוינלעך פּנים און אויף זיינע גרויסע ביר־אויגן.

ווען ער איז אומצופרידן ווערט זיין פּנים דינער, אויסגעצויגענער, די אויגן — קלענער, און די זעקעלעך אונטער די אויגן אויפגעלאָפן, ווי די ליידן וואָלטן זיך אַהין אַריינגעקליבן; אין אַזאַ פאַל רעדט ער נישט,

ס׳איז שווער פון אים אַ וואָרט אַרויסצוקריגן. גאַנץ אַנדערש איז, ווען ער איז צופרידן. זיינע אויגן ווערן גרעסער, רונדיקער און זיי צע־בלישטשען זיך מיט אַ פרישן גלאַנץ. ער איז באַריידעוודיק, דערציילט און פרעגט זאַכן. ער איז פריילעך און זינגענדיק.

די מוטער איז אַ פרוי אין די שפּעטע דרייסיקער. אירע געקרייזלטע, קורץ־געשוירענע האָר, מער גרוי ווי שוואַרץ, זענען אַלעמאָל ביי איר אַרויפגעקאַמט. זי איז אַ מיטל־וואוקסיקע און זייער אַ דינע. אַלץ איז ביי איר דין: די פיס, די הענט, דאָס פּנים, די נאָז און די ליפּן. אירע אויגן האָבן דעם זעלבן קאָליר, וואָס קאַלווינס, נאָר — אַביסל קלענער.

זי איז נישט קיין שיינע, און זי טוט גאָרנישט אויסצוזען שע־נער. זי איז איינפאַך אָנגעטאָן, פּונקט ווי זי פאַרקעמט איינפאַך אירע האָר, אָבער ס׳איז פאַראַן אין אירע דינע שטריכן אַן אומבאַשטימטע שיינ־קייט, וואָס געפעלט. ספּעציעל מאַכט זי אַ גוטן איינדרוק מיט איר רעדן. זי רעדט געלאַסן, וואַרפט זיך ניט מיט קיין ווערטער, איר שטימע איז אָנגענעם, אַ פאַרגעניגן צו הערן.

זי איז אין קיין קאַלעדזש נישט געגאַנגען, אָבער זי פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ. דאָס קאָן מען זען, ווי זי דערציט קאַלווינען. זי ווייסט ווי אַזוי מיט אים זיך צו באַגיין, ווען זי דאַרף צו אים רעדן און ווען אים צורולאָזן. אַז קאַלווין איז שלעכט געשטימט, לאָזט זי אים מיט זיינע געפילן, ביז עס גייט איבער זיין שלעכטע שטימונג. ווען קאַלווין איז אויפגערייצט, אומעטיק, פּרובירט זי רעדן צו אים וועגן זאַכן, וואָס ער האָט ליב, פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן ענינים, וואָס אינטערעסירן אים, כדי אָפּצוציען די שווערקייט, וואָס דריקט אים.

דאָס מאָל האָט זי איינגעזען, אַז ס׳וועט זיין בעסער צו מאַכן זיך נישט וויסנדיק. זי האָט גענומען צוגרייטן דעם אָוונט־מאָלצייט. דריי מאָל האָט זי איר זון גערופן עסן, ביז ער האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן פון דער סאָפע און נישט גערן צוגעגאַנגען צום טיש.

דעם טעלער מיט דער פאַרשפּייז האָט ער אַוועקגעשאַרט. אויפן טע־לער סופּ, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, האָט ער געקוקט, ווי ער וואָלט דאָרט וועלן עפּעס געפינען. ער האָט גענומען דעם לעפל, אַ מיש־געטאָן, פאַרזוכט און ווידער געמישט. די מוטער זעט זיין צערודערונג, ער קאָן נישט עסן. זי האָט אויף אים געקוקט, געוואָלט דערגיין דעם סוד פון זיין אומרו. דאָס יינגל לעבט עפּעס איבער. יאָ, עפּעס האָט פּאַ־סירט, וואָס עס טוט אים וויי. זי וויל אים נישט צווינגען צו עסן. זי

הייבט זיך אויף, גיט אים אַ קוש אין שטערן, אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט זי אים געלאַסן, מיט מאַמעשער צאַרטקייט:

— ביזט נישט געזונט? טוט דיר עפּעס וויי?

— איך בין „אַלרייט״! — גיט ער געררועז אַ זאָג.

— פאַרוואָס־זשע עסטו נישט? — פרעגט זי אומרואיק.

ער הויבט זיך אויף פון שטול, גייט אַפּ עטלעכע טריט, קומט באַלד צוריק, זעצט זיך האַסטיק ווידער אַוועק און פּלאַצט־אויס:

— מען האָט מיך היינט נאָכן לערנען איבערגעלאָזט אין סקול!

— אַ שטראָף? — פרעגט זי ביי אים.

— יאָ, אַ שטראָף! — זאָגט ער מיט איראָניע.

— וואָס האָסטו געטאָן? — ציט זי ביי אים ווערטער.

— גאָרנישט, גאָרנישט געטאָן! — שפּרינגט ער אויף פון אָרט.

— גאָרנישט? האָט מען דיך באַשטראָפט פאַר גאָרנישט? — זאָגט זי מיט אַ שמייכל צו פאַרלייכטערן זיין ערגערניש.

— גאָרנישט, גאָרנישט, זאָג איך דיר! — שרייט ער פון אויפרעגונג.

— וואָס־זשע דאָך האָט פּאַסירט? — ווערט זי שוין אומגעדולדיק.

קאַלווין שווייגט. ער קאָן ניט רעדן. נאָך אַ ווײַלע הויבט ער אָן שטאַמלענדיק:

— אַ יינגל פון קלאַס האָט פאַרשמירט אַ מיידלס העפט און געזאָגט, אַז איך האָב עס געטאָן.

— די לערערין, — ברויזט ער אויף, — האָט אים געגלויבט. זי האָט נישט געוואָלט מיך אפילו אויסהערן, קיין וואָרט נישט געלאָזט מיר אויס־ריידן! — שרייט ער אויס און צעוויינט זיך.

די מוטער זעט, אַז קאַלווינען אַרט מער דער בילבול, ווי די שטראָף, — דאָס איבערבלייבן אין סקול.

— די לערערין איז זיכער געווען דענערווירט פון די קינדער, זי האָט נישט געקאָנט דערגיין דעם אמת, — האָט די מוטער פּרובירט אָפּ־שוואַכן זיין אויפרעגונג. — דער יינגל האָט אפשר נישט געוואָלט טאָן דיר קיין שלעכטס, — האָט זי געוואָלט צונישט מאַכן דעם גאַנצן איב־צידענט.

אָבער קאַלווינען האָט עס נישט באַרואיקט. ער איז אַנטוישט אין זיין חבר און איבערהויפּט — אין דער לערערין, צו וועלכער ער האָט פריער אַרויפגעקוקט. דאָס האָט אויף אים אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז ער האָט

אויף אַ צייט פאַרלוירן זיין ליבשאַפט צו דער לערערין און דעם חשק צו לערנען.

די מוטער האָט דערפון שטאַרק געליטן. זי האָט געזען, ווי די אַנטוישונג ווירקט אויף אים.

קאַלווין האָט שטאַרק ליב זיין מאַמע. קיין טאַטן האָט ער נישט. ער איז אַלט געווען אַ יאָר, ווען זיין פאָטער איז פון אַן אומגליק־פאַל אומ־געקומען. פאַרנעמט ביי אים די מוטער אויך דאָס אָרט פון אַ פאָטער.

קיידי אַרבעט אין אַ קליידער־שאַפּ. זי באַנעמט זיך איידל מיט אירע מיטמענטשן אין שאַפּ, טוט איר עמעצער אַן עוולה, וועט זי נישט פאַר־שווייגן, זי וועט אים ענטפערן, אָבער נישט באַליידיקן.

פאַר איר קינד פאַרמאָגט זי אַ סך פאַרשטענדעניש. זי שענקט אים די צערטלעכקייט, סיי פאַר זיך און סיי פאַרן פאָטער.

.2

קיידי האָט אָנגעהויבן קרענקען. אַ צייט האָט זי נישט געקאָנט אַר־בעטן. איז קאַלווינען איינגעפאַלן צו פאַרדינען און אַרויסהעלפן דער מאַמען.

ער זעט זיינער אַ חבר לעני זיצט אויף דער גאַס מיט אַ שוך־פוץ־קעסטל.

— שבת און זונטיק, — זאָגט צו אים זיין חבר, — מאַך איך אַ סך געלט. זעסט? — גיט ער אַ שטעק אַריין די האַנט אין קעשענע און ווייזט אים אַ סך דאַימס און קוואָדערס, — דאָס, — זאָגט ער, — האָב איך היינט פאַרדינט!

קאַלווין קוקט פאַרגאַפט אים אין האַנט אַריין:

— אָ, אָ! — וואונדערט ער זיך, — וויפל האָסטו דאָ?

אָבער דער חבר לייגט באַלד צוריק אַריין דאָס געלט אין קעשענע און קלינגט מיטן זילבער.

— וועסט מיך אויסלערנען ווי אַזוי צו פוצן שיך? — פרעגט קאַלווין דעם חבר אַביסל פאַרשעמט.

— פאַרוואָס נישט? — ענטפערט לעני מיט שטאָלץ, — קריג אַ קעסטל, וועסטו זיצן לעבן מיר. ס'איז אַ „ביזי" גאַס.

— אין דעם בלאָק, — גיט ער צו, — איז געזעסן אַן עלטערער מאַן, איז ער קראַנק געוואָרן, אויף זיין אָרט קומט אַרויס אַן אַנדערער. ער האָט געוואָלט אַוועקשלעפן מיינעם אַ קאַסטימער, האָב איך אים

דערלאַנגט, אָ, באַי! קריג אַ קעסטל, וועסטו קאָנען שטיין אויפֿן אַלטנס אָרט. וועסט האָבן צו פּוצן, — האָט אים לעני פֿאַרזיכערט.

קאַלווין האָט זיך גענומען צו די ביזנעס.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער וועט פֿאַרדינען געלט. ער איז געווען דאַנקבאַר זיין פֿריינט. שטילערהייט, ניט אויסזאָגנדיק דער מאַמען, האָט קאַלווין גענומען צו פֿאַרזאָרגן זיך מיט אַלע נייטיקע זאַכן.

אַ קעסטל האָט ער געליגן, געקויפֿט אַלערליי פּאַסטעס מיט בערשטלעך און מיט ברען זיך געגרייט צו די ערשטע פֿאַרדינסטן.

די חברים האָבן אָפּגעשמועסט: די, וואָס וועלן קומען פֿון קאַלווינס זייט, זאָלן געהערן צו קאַלווינען, און די, וואָס וועלן גיין פֿון דער אַנדער זייט, זאָלן געהערן צו לעני'ן. ביידע האָבן זיך דערלאַנגט די הענט, ווי עס טוען דערוואַקסענע, ווען מען שליסט אַ געשעפֿט.

דעם ערשטן טאָג האָבן ביידע אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך. איידער זיי זענען אַהיים געגאַנגען האָבן זיי איבערגעציילט זייערע פֿאַרדינסטן. קאַלווין איז געווען צופֿרידן מיטן אָנהייב, דער חבר האָט אָבער געזען, אַז ער האָט ווייניקער, ווי ער פֿאַרדינט געוויינלעך אין אַזאַ טאָג, האָט דאָס אים געגעבן אַ טאַרקע אינעווייניק.

לעניס פֿאָטער איז אויך אַ קראַנקער. ער ליגט שוין עטלעכע יאָר אַ פּאַראַליזירטער. די מוטער זיינע וואַרט אויף די פּאָר סענט, וואָס ער פֿאַרדינט ביי שיך־פּוצן.

— אָ, דזשי! — האָט לעני אויסגערופֿן, ווען ער האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס געלט אין קעשענע. זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

— ס'איז שלעכט, איך קאָן אים נישט אָוועקגעבן פֿון מיינע פֿאַרדינסטן.

אויף מאָרגן, ווען זיי זענען ווידער אַרויסגעקומען, האָט לעני אָנגעהויבן פֿאַרלויפֿן דעם וועג, רופֿן די מענטשן פֿון קאַלווינס זייט צו זיך.

קאַלווין האָט געזען, וואָס זיין חבר טוט און געשוויגן, קיין וואָרט נישט גערעדט.

אָבער דעם חברס האַנדלונג האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן.

ביים אַהיימגיין האָט קאַלווין זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. אַריינגעלייגט די מכשירים אין קעסטל, גיט ער אַ זאָג:

— אַ באַשלוס איז אַ באַשלוס! דו האָסט געבראָכן אונדזער אָפּמאַך!

— האָט ער געטאַדלט דעם חבר.

יענער האָט אויף קאַלווינס טענות קיין וואָרט ניט געענטפֿערט, ווי

נישט אים מיינט ער. דאָס האָט קאַלווינען נאָך מער פאַרדראָסן. ער איז אַהיים געקומען אַ צעוויטיקטער, אַ צעבראָכענער. אויף זיין דין לענגלעך פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ פאַרביטערטקייט. די טונקעלע הויט איז ביי אים נאָך טונקעלער געוואָרן.

— דו ווייסט, מיין קינד, — זאָגט קיידי צו אים מיט אַ פריילעכער מינע, — איך פיל זיך בעסער, און וועל שוין אינגיכן גיין אַרבעטן!

זי באַמערקט, אַז זיין אויסדרוק איז נאָך אַלץ דער זעלבער, האָט זי אים געפרעגט:

— זאָרגסט זיך וועגן מיין געזונט?

— ניין! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און זיך אויסגעדרייט אויפצומאַכן די ראַדיאָ.

אַ ווײַלע שפּעטער גיט ער אַ זאָג:

— דו ווייסט, מאַ, מענטשן זענען זייער שלעכט! — און ניט וואַרטנדיק, זי זאָל אים פרעגן פאַרוואָס ער זאָגט דאָס, האָט ער איר דערציילט די מעשה, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און דעם חבר.

— איך האָב פיינט אַזעלכע ווי ער איז! — האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן.

די מוטער איז געזעסן אויף אַ שטול און געדולדיק אים אויסגעהערט. ווען ער איז שטיל געבליבן, האָט זי אים אַ גלעט־געטאָן איבערן קאָפּ און מיט צאַרטע בליקן אים אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זי געלאָסן אָנגעהויבן:

— קינד מיינס! דיין פריינט איז ניט קיין שלעכטער. ער האָט דאָך דיך צוגערעדט, דו זאָלסט שטיין לעבן אים, און דיר געוויזן ווי אַזוי צו פאַרדינען. ער האָט דיר געוואָלט העלפן, — האָט זי פּרובירט אויפווייזן לענים פריינטשאַפט צו אים.

— דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין פאַרוואָס דער מענטש איז אָפט שלעכט. ער קאָן זיך אַנדערש נישט העלפן!

די גאַנצע צייט, וואָס די מוטער האָט גערעדט, האָט קאַלווין מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט איר גלייך אין מויל אַריין. ער האָט אָבער נישט באַנומען אירע רייד. ער האָט זיך אַ הייב־געטאָן פון אָרט אַן אויפגערעגטער:

— נישט אמת! — האָט ער זיך צעבייזערט אויף דער מוטער, — אַז מען וויל קאָן מען זיין גוט! פאַרוואָס האָב איך אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך? קאַלווין איז אין זיין טראַכטן עלטער ווי זיינע יאָרן. די מוטער רעדט

צו אים, ווי צו אַ דערוואַקסענעם. און אָפּטמאָל פאַרשטייט ער ווי אַ דער־וואַקסענער. איצט איז ער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף זיין חבר, און דער מוטערס ווערטער האָבן זיך צו אים ניט געקלעפּט. וואָס מער זי האָט פּרובירט אים איבערצייגן, אַלץ ערגער האָט זי געמאַכט. אירע רייד האָבן געהאַט גאָר אַ פאַרקערטע ווירקונג...

וואָס עלטער קאַלווין איז געוואָרן אַלץ מער האָט ער געזוכט יושר און גערעכטיקייט. ער האָט געהאַלטן אין איין אויסגעפינען אומרעכטן, עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן.

ער איז שוין אַלט געווען זעכצן יאָר. מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען האָט ער זיך גענומען צום לייענען. טאָג און נאַכט איז ער געווען אַריינ־געטאָן אין די ביכער. די ביכער האָבן אים אַמאָל אויפגעשווידערט. אָפּט האָט ער מיט כעס אַ וואָרף געטאָן אַ בוך און ניט געוואָלט אים פאַרענדיקן.

מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן האָט ער געזוכט ביי אים מענטש־לעכקייט; אויף יעדערן האָט ער געפונען אַ פעלער. צוליב דעם האָט ער זיך געהאַלטן אין איין דערווייטערן פון מענטשן. ער האָט אַלץ גע־האַלטן אין זיך פאַרשלאָסן. פון צייט צו צייט האָט ער בלויז אַרויסגעוואָרפן אַ וואָרט פאַר דער מוטער. פאַר קיידין איז געווען איין וואָרט, זי זאָל פאַר־שטיין זיינע געדאַנקען.

די מוטער האָט מיט אים אַמאָל פאַרפירט אַ שמועס און אים געזאָגט:

— אַן אָפּגעזונדערטער מענטש ווי דו ביזט, מיין זון, טאָר נישט אור־טיילן. פריער פון אַלץ, מיין קינד, דאַרף מען ווערן באַקאַנט מיטן לעבן. אַלעמען און אַלץ פאַרדאַמען איז נישט קיין גערעכטער צוגאַנג!

אָבער קאַלווין האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע. ער האָט זיך אַלץ געהאַלטן ביים געדאַנק, אַז מענטשן קאָנען און דאַרפן זיין אַנדערש, בע־סער ווי זיי זענען.

די מוטער האָט פון איר לאַנגער קראַנקהייט נישט געקאָנט אַרויס, ביז זי האָט געמוזט אַדורכמאַכן אַן ערנסטע אָפּעראַציע.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די סקולס פאַרמאַכן זיך אויפן זומער.

קאַלווין איז געגאַנגען זוכן אַרבעט. ער האָט געמוזט פאַרדינען אויף צום לעבן סיי פאַר זיך סיי צו העלפן דער מוטער, וואָס איז צוליב איר קראַנקהייט פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ.

ער האָט געזען אַן אַנאָנס אין אַ צייטונג, אַז מען פאַרלאַנגט יונגע

לייט אין אַ מעטאַל־פאַבריק, איז ער אַוועק אַהין און איז פאַרבליבן דאָרט אַרבעטן.

די מוטער באַטראַכט איר זון. זינט ער אַרבעט, גייט ער אַרום ווי אָן אַ קאָפּ. זונטיק גייט ער נישט שפּילן אין באַל, ווי ער פלעגט דאָס אַלע וואָך טאָן. ער מיידט אויס צו טרעפן זיך מיט חברים. ער איז אויפ־געגעגט, דענערווירט. זי ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַרוואָן.

— אפשר ווירקט אויף אים מיין קראַנקהייט, — טראַכט די מוטער.

— ער זעט דאָך אָבער, ס'ווערט מיר בעסער! אפשר איז ער, חלילה, אַליין קראַנק און ער וויל מיר ניט אויסזאָגן? — האָט זי אָנגעהויבן אַריינ־קלערן און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיט אים איז געשען, וואָס ער איז אַזוי דערשלאָגן. זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ מוטלאָזן. עס איז גאָרנישט דער זעלבער קאַלווין.

ער האָט נישט קיין געדולד אפילו צו לייענען. ער לייגט זיך פרי אין בעט אַריין, אָבער זי ווייסט, אַז ער שלאָפט נישט. זי הערט, ווי ער דרייט זיך אויפן געלעגער. אַ סך מאָל קרעכצט ער, זיפצט, אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז ער וויינט. זי איז כמעט זיכער, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס פון איר.

— אפשר האָט דער דאָקטאָר אים געזאָגט, אַז איך בין אין אַ גע־פאַר? — האָט זיך צו איר אַריינגעגנבעט אַ חשד.

קיידי זעט, ווי ער האָט פאַרלוירן צו אַלצדינג דעם אינטערעס. האָט זי זיך איינמאָל אָנגענומען מיט מוט און אים געפרעגט:

— וואָס איז, מיין זון? וואָס איז געשען, וואָס דו זעסט אויס אַזוי פאַרצווייפלט?

קאַלווין איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון דער מוטער, גלייך ער וואָלט ניט געקאָנט איר קוקן אין פּנים אַריין.

שווייגנדיק האָט ער געצופּט אַ נאָגל ביים קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט. דער נאָגל האָט זיך ניט געלאָזט אָפּצופּן, האָט ער אים גע־נומען צום מויל, פאַרצויגן די ליפּן און אָפּגעביסן אַ שטיקל נאָגל. דער־נאָך האָט ער צונויפגעלייגט די הענט, איינגעפלאָכטן איינע אין די אַנדערע זיינע לאַנגע, דינע פינגער און מיט אַ האַלב מויל אַרויסגעלאָזט:

— איך בין באַגאַנגען אַ פאַרברעכן!

— אַ פאַרברעכן? — האָט די מוטער דערשראָקן איבערגעפרעגט.

— יאָ, מאַמע, אַ פאַרברעכן! — האָט ער צוגעגעבן.

— וואָס אַזעלכעס האָסטו געטאָן? — האָט זי אָנגעהויבן ציטערן. נאָך אַ לענגערן שווייגן האָט ער מיט אַ שולדיקן טאָן אָנגעהויבן:

— איך האָב נישט געזעצלעך געקריגן דעם פּלאַץ צו דער אַרבעט.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, — האָט די מוטער מיט איינגעהאַל־טענעם אומרו געזאָגט.

ער האָט עטוואָס אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ:

— איך האָב געמוזט אַרבעטן. דו ביזט קראַנק, ס'איז נישטאָ פונ־וואַנען צו לעבן, — האָט ער אָנגעהויבן, — ווען איך בין אָנגעקומען דורכן אַנאָנס אויפן פּלאַץ, זענען שוין געווען אַ סך אַנדערע פאַר מיר. ווען איך מיט נאָך איינעם זענען צום סוף געבליבן און מען האָט גע־פרעגט ווער פון אונדז ביידע איז געקומען פריער, — האָט ער דערציילט, — האָב איך געענטפערט: „איך". איך האָב נישט געהאַט קיין רעכט דאָס צו טאָן...

— מסתמא איז יענער טאַקע געקומען נאָך דיר, און דו האָסט נישט קיין סיבה צו פילן זיך שולדיק! — האָט די מוטער געפּרוּווט אים איינשטילן.

— מען האָט מיך דערנאָך אָנגעקוקט, ווי איך זאָל זאָגן אַ ליגן, — רופט זיך אָפּ קאַלווין.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און באַלד צוגעגעבן:

— איך באַגיי איין עוולה נאָך דער אַנדערער!

— וואָס נאָך? — האָט די מוטער נישט אָפּגעלאָזט.

— אַ ניי־אַרויפגעקומענער האָט נישט געוואוסט ווי מען בייגט די דראָטן, ווען איך ווייז אים וואָלט ער דאָס באַלד געמאַכט, אָבער ווי נאָר איך האָב זיך צו יענעם אויסגעדרייט, האָט דער באָס דערזען און געגעבן אויף מיר אַזאַ קוק, אַז איך בין געבליבן אַ פאַרציטערטער. איך האָב געמיינט ער גייט מיך שוין אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. פאַרנאַכט האָט מען יענעם אַוועקגעשיקט.

— אָ, די פאַרדאַמטע מורא, — האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין.

— איך האָב אים געדאַרפט העלפן. איך בין אַ שלעכטער! — האָט קאַלווין מיט פאַרדראָס זיך פאַרגעוואָרפן.

ער האָט נערוועז מיט די פינגער פון דער רעכטער האַנט געריבן דעם שטערן, ווי ער וואָלט וועלן צערייבן די אַנטוישונג אין זיך.

— ניין, מיין קינד, דו ביזט נישט קיין שלעכטער! — האָט די מוטער

זיך אָנגערופן, — עס איז נישט דיין שולד. דיין לאַגע איז אַזאַ. אַזוי איז דאָס לעבן, מיין זון. דאָס זענען די באַדינגונגען, — האָט זי אים געפּרוּווט באַרוּאיקן.

— אויב אַזוי איז דאָס לעבן, — האָט ער אויסגעשריגן, — האָב איך פיינט אַזאַ לעבן. איך וויל דער מענטש זאָל קאָנען זיין מענטש...

ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון זיין אָרט און אומרואיק גענומען שפּאַנען איבערן צימער.

— דער מענטש זאָל קאָנען זיין ווי דו ווילסט, מיין קינד, דאַרף מען שטרעבן צו אַנדערע באַדינגונגען.

קאַלווין האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער און אָנגעהויבן רייבן דעם שטערן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך פאַרטראַכט און נאָכגערעדט דער מאַמעס ווערטער: — כדי דער מענטש זאָל זיין ווי איך וויל, דאַרף מען שטרעבן צו אַנדערע באַדינגונגען!

די מאַמע מיטן זון האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן ערשט איצט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן.

חנה

עס איז אָנהייב ווינטער 1921. די ים־לופט שניידט מיט פראָסטיקייט.

חנה גרינפעלד זיצט אויפן דעק פון שיף, וואָס שווימט קיין אַמע־ריקע. איינגעוויקלט די פיס מיט אַ קאָלדרע, קוקט זי אין דער ווייטקייט, וואו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ צום אויפגעהויבענעם ים און שליסט, דאַכט זיך, דאָרט אָפּ די וועלט.

אין חנהס געדאַנקען וויקלען זיך אויף אירע פאַרגאַנגענע זיבעצן יאָר:

צו פיר יאָר האָט זי פאַרלוירן איר פאָטער, שפּעטער, אין דער מלחמה, איז פון טיפוס־קראַנקהייט געשטאָרבן די מוטער. אַלע שרעקן, הונגעריקע טעג, קראַנקהייטן מיט פאַרשידענע פּלאָגענישן, וואַכן־אויף אין איר געדאַנק. זי געדענקט די גרויזאַמע נויט פון איר פריסטער קינד־הייט אָן.

איר מאַמעס שפּייז־קראָם מיט די ליידיקע פּאָליצעס, וואו מייז זענען אַרומגעשפּרונגען, שטייט איר פאַר די אויגן.

זי איז נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט געווען, האָט די מאַמע זי אַוועקגעגעבן צו אַ שניידערקע, זי זאָל זיך אויסלערנען דאָס פאַך. דאָרט האָט זי אָבער געדאַרפט ניאַנטשען די קינדער, אָפּטראָגן די אַרבעט, גיין פאַרשידענע שליחותן און זי האָט געטאָן אַנדערע הויז־אַרבעט, מער ווי זי האָט גענייט.

נאָר ערגער פון אַלץ האָט אויף איר געווירקט, וואָס די מענטשן, דאָרט אין שטוב, זענען פּראָסטע און באַהאַנדלען זי זייער גראָב.

נאָך איר מאַמעס טויט האָט אַ קוזינע, אויך אַ שניידערקע, זי גענומען צו זיך. דאָרט איז זי געשלאָפן, געגעסן און געאַרבעט ביי שניי־דעריי, וואו זי איז פאַרבליבן ביז איר אַוועקפאָרן.

איצט רעכנט זי זיך שוין פאַר אַ דערוואַקסענע: זי איז אַ מיטל־וואוקסיקע, אַ דינע, מיט אַ קליין קיילעכדיק העל־הויטיק דעליקאַט פּנימל, מיט גרויסע, ברוינע, גוטמוטיקע, פינקלענדיקע אויגן און אַ קאָפּ געדיכטע, טונקל־ברוינע, עטוואָס רויטלעכע לאָקן.

אַז איר טאַנטע ליבע האָט זיך דערוואוסט, אַז איר שוועסטער איז אָפּגעשטאָרבן און חנה איז געבליבן אַ יתומה האָט זי באַלד אַרויסגע־שיקט פאַר איר אַ שיפס־קאַרטע מיט געלט, זי זאָל קומען צו איר קיין

אַמעריקע. די טאַנטע האָט איר געשריבן זייער ליבלעכע בריוו, אַזוי ווי זי האָט נישט קיין קינדער, וועט חנה זיין ביי איר אַזוי ווי אַן אייגן קינד.

מער פון אַלץ ליגט איר איצט אין געדאַנק די באַקאַנטשאַפט מיט יאַשקען, ווען זי פלעגט אים טרעפן אין אַרבעטער־היים. אַז ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט, ער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים און ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן טויער מיט איר צו רעדן, איז צו איר גליק גאָר קיין גלייכן נישט געווען.

נאָך אַזאַ טרעפעניש האָט זי שפּעטער אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן אים, וועגן זיינע רייד, וואָס ער האָט צו איר גערעדט, און ביי די טראַכטענישן האָט ביי איר אַלעמאָל געקלאַפּט שטאַרקער דאָס האַרץ. איצט, ביי די דער־מאָנונגען, קלאַפּט אויך שטאַרקער איר האַרץ.

יאַשקע איז שוין אין אַמעריקע, ער איז מיט עטלעכע חדשים פריער אַוועקגעפאָרן, נאָר זי ווייסט נישט זיין אַדרעס. אפשר וועט זי אים צו־פעליק טרעפן אין ניו־יאָרק? — שפּרינגט־אויף אין איר מוח אַ געדאַנק, און עס ווערט איר דערפון גוט, מחיהדיק אויפן האַרצן. זי וועט אים זוכן, זי מוז אים געפינען. אַלע אַנדערע געדאַנקען שווימען ביי איר אַוועק, דער איינער געדאַנק בלייבט ביי איר: צו זוכן און געפינען יאַשקען.

צוזאַמען מיט די דערינערונגען פון איר פאַרגאַנגענהייט וועבן זיך גלייכצייטיק פעדעם און שפּינען איר צוקונפט.

חנהס פאַנטאַזיעס זענען אַלעמאָל אין די ראַמען פוןווירקלעכקייט. פון קיין רייכטימער טרוימט זי נישט. וואָס זי טרוימט יאָ אַמאָל, איז צו זיין אויף דער בינע. זי דעקלאַמירט זייער שיין, זי האָט שוין אפילו עטלעכע מאָל מיטגעשפּילט אין אַ דראַמאַטישער גרופּע.

פריער פון אַלץ, האָפט זי צו קריגן אַרבעט, זיך לערנען די לאַנד־שפּראַך; זי וואָלט שטאַרק וועלן דערגרייכן אַ העכערע בילדונג. און אויב איר באַשערטער וועט זיין יאַשקע, וואָלט זי וועלן פאַרשטיין דאָס אַל־געמיינע און פּאָליטישע לעבן, זי זאָל זיין גלייך מיט אים. זי האָט פיינט צו זיין הינטערשטעליק. און יאַשקע ווייסט און פאַרשטייט אַ סך מער פון איר.

איר טאַנטע לינע מיטן אַנקל סאַל סיגעל, צו וועמען זי פאָרט, קאָן זי בלויז דורך אַ פאָטאָגראַפיע.

נאָך איין טאָג און זי וועט זיי פּערזענלעך זען. זי קוקט זיך גוט איין אין דעם בילד, זי זאָל זיי, ביים אַראָפּגיין פון שיף, דערקענען.

איידער חנה איז נאָך אַדורכגעגאַנגען דעם עמיגראַנטן־קאָנטראָל, קומט־צו צו איר אַ הויכער, טונקל־בלאָנדער, שיינער יונגערמאַן און פרעגט זי פּאָטערלעך:

— ביסטו חנה גרינפעלד?

זי קוקט אים אָן צעטומלט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, זאָגט זי מיט אַ האַלב מויל:

— יאָ, איך בין חנה, און ווער זענט איר?

ער נעמט באַלד אַרײַן איר קאָפּ אין זײַנע גרויסע הענט און טראָגט־צו זײַנע ליפּן צו איר פּנים, ער גיט איר אַ קוש אין באַק און זאָגט מיט ליבשאַפט, נאָך אַלץ האַלטנדיק איר קאָפּ אין זײַנע הענט:

— איך בין דײַן אָנקל סאל סיגעל. זע, — ווײַזט ער איר מיטן פינגער, — דאָרט, ביים טירל, שטייט די טאַנטע לינע. בלויז איינעם לאָזט מען אַרײַן, צו אַ פּאַסאַזשיר.

די טאַנטע מאַכט צו איר מיט דער האַנט און חנה ווערט נאָך מער צעטומלט. זי גיט אַ וואָרף איר קאָפּ אויפן אָנקלס אַקסל און צעוויינט זיך. זיי גייען־צו צום אָפּצאַם, און זי צעקושט זיך האַרציק מיט דער טאַנטע. די טאַנטע ווישט אירע אויגן מיט אַ קליין שניי־ווייס געהאָפטן טיכעלע און חנה ווישט דאָס פּנים מיט אַ גרויס טיכל, וואָס זי האָט שוין אַ סך געניצט אויף איר רייזע.

שפּעטער טראָגט דער אָנקל חנהס שטרויענעם קויש מיט אירע זאַכן. זיי זעצן זיך אַלע אַרײַן אין אַ טעקסי און פאָרן אויף צווייטער עוועניו, צווישן אַכטער און ניינטער גאַס, וואו די טאַנטע וואוינט.

אין דרויסן טונקלט שוין. אויף די גאַסן, לעבן די טראָטואַרן, ליגן הויכע בערג שניי.

חנהן גייט נישט אָן וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. זיי קומען אַרײַן אין אַ הויז, וואו עס גיט אַ נעם־אַרום אַ וואַרעמקייט אויסגעמישט מיט ריחות פון פריש־געבאַקענע קוכנס מיט געבראָטענע פליישן, וואָס די טאַנטע האָט פון פריער צוגעגרייט.

דער אָנקל צינדט־אָן די עלעקטריק, דער קרישטאָלענער אַבאַזשור גיט אַ בלענד מיט פיל־צאָליקע לעמפּלעך.

— דאָ איז דאָס וואַש־צימער, — ווײַזט איר די טאַנטע אין אַ זײַט פון קיך, — גיי וואַש זיך אָרום, — זאָגט זי און זי נעמט גרייטן דעם טיש.

חנה גייט נישט באַלד זיך אָרומוואַשן. זי שטייט און באַטראַכט דער טאַנטעס וואוינונג. זי קוקט אויף די טונקל־רויטע, פּלושענע פּאָרטיערן

אַרום די פענצטער. ווי פּיין זיי הענגען אין דער הייך, אויספּאַרמירט מיט דריי שפּיצן, מיט אַראָפּהענגענדיקע קוטעסלעך. פּונקט אַזוינע פּאָרטיערן הענגען אויך ביי דער ברייטער אָפענער טיר, וואָס פירט פון עס־צימער צו דער טאַנטעס שלאָף־צימער. אויף די ווענט הענגען בילדער; צו דער סטעליע־צו, אַרום אַלע פיר ווענט — ברוינע, געשניצטע פּאַליצעס, איבער וועלכע עס זענען צעשטעלט אַנטיקן און פאַרשידענע צאַצקעס.

די צימערן זענען קליינע. אין עס־צימער שטייט אַ לעדערנע קאַ־נאַפּע, אַ בופעט און אַ טיש מיט שטולן. אין שלאָף־צימער, באַמערקט חנה, שטייט איין בעט, אַ קאָמאָד, אַ שאַנק מיט אַ שפּיגל־טיר פאַר קליידער מיט איין שטול. מער קאָן מען דאָרט גאָרנישט אַוועקשטעלן. נאָך אַ גאָר קליינטשיק צימערל איז פאַראַן אין דער צווייטער זייט קיך, וואָס איז צוגעגרייט פאַר חנהן. דאָרט שטייט אַ שמאָל אייזערן בעט מיט אַ קליי־נעם קאָמאָד, וואו מען קאָן זיך קוים אויסדרייען.

— ווען עס וואָלט נישט געווען אַזאַ גרויסער מאַנגל אין דירות, וואָלט איך דאָ נישט געוואוינט, — זאָגט די טאַנטע צו חנהן, בעת זי שפּרייט־אויס אויפן טיש אַ ווייסן טישטעך מיט גרין־רויטע בלומען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערן פאַרן גאַסט, וואָס זי וואוינט אין אַזעלכע קליינע צימערן.

— סאַל, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט? שטעל דעם שנאַפּס מיטן וויין, — שרייט די טאַנטע צום אָנקל באַפעלעריש, ער זיצט געמיטלעך און לייענט אַן ענגלישע צייטונג

ער שטעלט זיך באַלד אויף און גייט פּאַמעלעך נעמען די געטראַנ־קען. דער טיש ווערט באַלד פול מיט טייערע קרישטאָלענע גלעזלעך און גלעזער, טעלער מיט גאָלדענע רעמלעך, מיט עכטע זילבערנע לעפל, גאָפּל אויסגעלייגט פאַר פינף מענטשן.

באַלד עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ מאַן מיט אַ פרוי.

— מיסטער און מיסעס פישער, דאָס איז מיין גרינע, — שטעלט די טאַנטע פאָר זיי איר פּלימעניצע.

חנה דערלאַנגט זיי אומגערן די האַנט. זי קוקט אויף דער קליינער, דיקער מיסעס פישער, וואָס טראָגט אויף עטלעכע פינגער גרויסע רינגען מיט בלישטשענדיקע שטיינער, אויף איין האַנט צוויי בראַנזלעטן, אויף דער צווייטער אַ זייגערל און אויפן קורצן פליישיקן האַלדז אַ ברייטן גאָלדענעם דריי־שפּיציקן האַלדזבאַנד מיט גרויסע גלאַנציקע שטיינער. דער מאַן איז גראָד אַ הויכער און אַ דאַרער מיט אַ לאַנגער דינער נאָז.

זיין שמאָל פּנים מיט די איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעצויגענער נאָז, גיט אַן ענלעכקייט צו אַ פויגל־געשטאַלט.

דער טיש איז פאַרלייגט מיט כל־טוב. מאכלים, וואָס זענען חנהן נישט באַקאַנט. די צוויי פרעמדע עסן מיט אַפּעטיט, רעדן הויך פון איי־נער, וואָס האָט שוין אַרויסגעוואָרפן דעם צווייטן מאַן און האָט גענומען אַ דריטן.

חנהן אינטערעסירט נישט וואָס זיי רעדן. זי דערפילט זיך אומבאַ־קוועם אין זייער אַנוועזנהייט. זי וואָלט וועלן עפּעס טאָן, העלפן דער טאַנטע, נאָר זי ווייסט נישט וואו־איין וואו־אויס, זיצט זי זייער קרעמ־פירט. זי איז הונגעריק, אָבער זי קאָן נישט עסן. איר האַרץ איז פאַר־קלעמט. זי ווייסט אַליין נישט באַשטימט פון וואָס.

זי וואָלט איצט וועלן רעדן מיט דער טאַנטע פון איר מאַמען, דער־ציילן וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין די מלחמה־יאָרן, אויסלאָדן איר אָנ־געווייטיקטן באַגאַזש און אויסדריקן איר דאַנקבאַרקייט צו דער טאַנטע מיטן אָנקל פאַר זייער גוטהאַרציקייט צו איר, וואָס זיי האָבן זי אַריבער־געבראַכט. נאָר די צוויי פרעמדע שטערן, לאָזן זי נישט רעדן.

אויף מאָרגן זאָגט די טאַנטע צו איר:

— צום באַדויערן וועל איך נישט קאָנען זיין מיט דיר צו־לאַנג אין הויז, איך מוז זיין אין די ביזנעס. דער אָנקל דאַרף מערסטנטייל זיין אין גאָס אָדער אויסער דער שטאָט און איך מוז אָנפירן מיטן שאַפּ. עס איז נישט קיין קלייניקייט, — זאָגט זי — אָנצופירן מיט אַריבער פופציק מענטשן, — זאָגט זי שוין מיט באַרימעריי, בשעת זי גרייט־צו פאַרשידענע גרינסן פאַרן נאַכט־מאָלצייט.

— וואָס אַרבעט מען ביי אייך אין שאַפּ? — פרעגט חנה נייגעריק.

— דאַמען־היטן. די מערסטע ווערן געמאַכט פון פעדערן, — ענט־פערט די טאַנטע מיט שטאָלץ.

נאָך אַ ווײלע שווייגן זאָגט ווידער די טאַנטע:

— איך וועל דיר ווייזן וואו איינצוקויפן, ווי אַזוי צו קאָכן, וועסטו פירן די הויז־ווירטשאַפט און מיר וועלן נישט דאַרפן עסן אין די רעס־טאָראַנען. דו מוזט נישט גיין אין קיין שאַפּ אַרבעטן. וועסט קאָנען זיין אין הויז. עס וועט דיר גאָרנישט פעלן ביי מיר.

חנהן איז פון די רייד געוואָרן אומהיימלעך. זי האָט גאָר אַנדערע פּלענער, נאָר זאָגן זאָגט זי אויפן מאָמענט גאָרנישט.

די טאַנטע איז אַ הויכע, אַ דיקלעכע מיט שוואַרצע געלאַקטע האָר

און שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. זי האָט אַ שיין־פּאַרמירט מויל מיט דינע ליפּן, און כאָטש זי האָט אַ היפּשלעך ברייטלעכע נאָז, איז אָבער איר פּנים פּאַרט אָנגענעם חנעוודיק.

פונדעסטוועגן זעט חנה, אַז די טאַנטע נוצט צום פּנים פאַרשידענע שמירעכצער.

איידער זי גייט אַרויס אין גאַס שטייט זי לאַנג ביים שפּיגל. די לאָקן מוזן ליגן פּונקט אויפן אָרט וואו זי וויל, די ברעמען זענען ביי איר אויספּאַרמירט שמאָל און לאַנג. זי לאָזט אַריין טראָפּנס אין די אויגן, אירע שוואַרצע־אַפּלען זאָלן ווערן גרעסער. צום סוף לייגט זי אַרויף רוזש און פּודער אויפן פּנים. זי טראָגט קאָסטבאַרע קליידער און אַז זי טוט זיך אָן איר פּלושענעם מאַנטל מיט די צוויי געזילבערטע פוקסן מיט די לאַנגע, פולע עקן, מיטן ברייטן הוט און לאַנגן שטרויספעדער, זעט זי אויס אַ דאַמע פון הויכן גראַד.

צו חנהן זאָגט זי איינמאָל:

— כאַפּ זיך אַמאָל נישט אַרויס, אַז איך בין שוין זעקס־און־דרייסיק יאָר אַלט, ווייל דער אָנקל איז ערשט צוויי־און־דרייסיק יאָר. איך וויל נישט ער זאָל וויסן, אַז איך בין עלטער פון אים.

— וואו קום איך צו רעדן מיטן אָנקל, ווי אַלט די טאַנטע איז? אַזאַ נאַר בין איך נישט, — ענטפערט חנה, מיט אַ זיכערן טאָן, אַז זי פאַר־שטייט אַליין אַזעלכע זאַכן.

באַלד אין דער זעלבער וואָך, האָט די טאַנטע חנהן אויסגעקליידט מיט אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אָנצוטאָן, פון אונטערוועש ביז אַ מאַנטל און שיך. שפּעטער האָט זי זי מיטגענומען צו זיך אין שאַפּ צופּאַסן פאַר איר אַ הוט אָדער צוויי. אין שאַפּ שטעלט זי די טאַנטע פאַר און זאָגט יעדעס מאָל:

— דאָס איז מיין גרינע!

חנה שטרעקט־אויס די רעכטע האַנט און זאָגט איר נאָמען אַזוי ווי זי איז געוואוינט פון איר שטעטל, נאָר די טאַנטע גיט איר אַ צופּ ביים אַרבל און רוימט איר איין אין אויער:

— דאָ גיט מען נישט די האַנט און מען זאָגט נישט קיין נאָמען. מען זאָגט: „האַו דו יו דו".

חנה דערפילט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. דאָס בלוט גיט איר אַזש אַ שלאָג אין פּנים אַריין. זי ווערט שטאַרק רויט. די ווערטער, וואָס די טאַנטע

לערנט זי קלעפּן זיך נישט. זי קאָן זיי גאָרנישט נאָכזאָגן. זי זעט ווי די מענטשן אין שאַפּ קוקן אויף איר, באַטראַכטן זי פון קאָפּ ביז די פיס. טייל זאָגן: זי קוקט גאָרנישט אויס ווי אַ גרינע. חנה ווערט פאַרשעמט. דאָס וואָרט „גרינע" איז איר דערווידער, עס גרילצט איר אין די אויערן. אַמאָל ווילט זיך איר אַ פרעג טאָן: ווי אַזוי דאַרף אויסזען אַ גרינע?

אין אָוונט, ווען דער אָנקל קומט אַהיים, פרעגט אים די טאַנטע אָן אַ שיעור פראַגן: וויפל ער האָט געקראָגן באַשטעלונגען, פון וועלכע מוסטערן, פאַר וועלכן פּריז ער האָט פאַרקויפט די נייע פאַסאָן היטן, וועלכע מען דאַרף שיקן פריער און וועלכע שפּעטער, מיט נאָך און נאָך אַ סך פראַגן. אין דער זעלבער צייט זאָגט זי אים אָן מיט גרויס שטרענגקייט, וואָס ער דאַרף און וואָס ער זאָל מאָרגן טאָן. דערביי וואַרפט זי אים אָפּט־מאָל פאַר פאַרוואָס ער טראָגט נישט געצנוג עול, אַז ער פאַרלאָזט זיך צופיל אויף איר און זי מוז צו־שווער אַרבעטן.

אַ גליק, וואָס דער אָנקל איז אַ געלאַסענער מענטש. ווען די טאַנטע שרייט, בייזערט זיך, שווייגט ער. און אַמאָל, אַז ער ענטפערט יאָ, איז דאָס אויך נישט מיט קיין כעס. ער רעדט שטיל און רואיק. אָפּטמאָל שמייכלט ער ווען זי איז אויפגערעגט. ווען ער איז נישט אַזוי געדולדיק, וואָלט געקומען אָפּט צו גרויסע קריגערייען. עס קאָן זיין, אַז אים אַרן נישט אירע טענות, ווייל ער ווייסט, אַז סיי ווי סיי, האָט זי אים שטאַרק ליב.

דער אָנקל באַציט זיך צו חנהן מיט אַ סך גוטסקייט. אין די פרי־מאָרגנס, ווען די טאַנטע שלאָפט נאָך און חנה דערלאַנגט אים פרישטיק, רעדט ער צו איר אַזוי ליבלעך מיט אַזוי פיל צאַרטקייט, אַז חנה דערפילט זיך אַזש מאָדנע אומבאַקוועם. אַמאָל דריקט ער אויס זיין דאַנקבאַר־קייט צו איר, וואָס זי דערלאַנגט אים דאָס עסן, מיטן גלעטן אירע גע־דיכטע רויטלעכע האָר, אַמאָל טראָגט ער צו נאָענט זיין מויל צו איר פּנים. זי פילט זיין אָטעם און איר דאַכט זיך, זיינע ליפּן ציען זיך זי צו קושן, און זי רוקט זיך שנעל אָפּ פון אים. זי דערשרעקט זיך פאַר זיין נאָענטקייט צו איר, אָבער ער נעמט נישט אַוועק זיינע אויגן פון איר. קוקט איר נאָך וואו זי שטייט און גייט און זיינע בליקן פאַרפאָלגן זי אויף טריט און שריט.

— אפשר איז זיין גוטסקייט נישט מער ווי פון אַ גוטן אָנקל? — פּרובירט זי אויסטייטשן דעם אָנקלס באַציאונג צו איר.

אָבער פאַרוואָס בלייבט ער זיצן נאָכן עסן און ער וויל זי זאָל אויך זיצן ביים טיש? אַמאָל האַלט ער צו איר האַנט, זי זאָל נישט אַוועקגיין

און נאָר ווען די טאַנטע איז נישטאָ דערביי, אין דער טאַנטעס אָנוועזנהייט מיידט ער זי אויס, האָט מורא אויף איר אַ קוק צו געבן.

נעכטן האָט ער פאַרן אַוועקגיין זי געקושט אין שטערן און אַזוי ווייך און צאַרט געגלעט איר קאָפּ און זי האָט זיך נישט אָפּגערוקט פון אים. איר האַרץ האָט בלויז שטאַרק, זייער שטאַרק געקלאַפּט.

מער פון אַלץ באַאומרואיקט זי איר אייגענע אויפרודערונג. פאַרוואָס ציטערט זי אויף פון זיינער אַ מינדסטער באַרירונג? און פאַרוואָס איז זי אַזוי נייגעריק ער זאָל זי יעדן אינדערפרי זען? ווען זי וואָלט פאַרשלאָפן אָדער געמאַכט זיך פאַרשלאָפן, וואָלט איר קיינער קיין קרום וואָרט נישט געזאָגט. נאָר ביי איר איז אַ שטאַרקער דראַנג אים יעדן פרימאָרגן צו באַדינען, אים צו זען. זי וויל אים נישט פאַרזאַמען. אַזוי, אַז זי כאַפּט זיך אָפּטמאָל אויף אַ סך פריער ווי זי דאַרף.

מיט אַ באַזונדערן געפיל ליגט זי אַן אויפגעוואַכטע אין די פאַרטאָגן, וואַרט מיט אומגעדולד צו דערהערן דעם אָנקלס אויפשטיין. אין דער זעלבער צייט הערט זי נישט אויף צו טראַכטן פון יאַשקען און זוכט אַלץ אַ וועג אים צו געפינען.

דאָס פענצטער פון איר צימער גייט אַריין אין אַ שמאָלן הויף, צווישן הויך־שטאָקיקע הייזער. די זייגער־אַלאַרמס, וואָס הערן זיך פון די שכנותדיקע דירות צעשפליטערן די פאַרטאָגיקע שטילקייט. צו־זאַמען מיטן אויפוואַכנדיקן טאָג וועקט זיך אין חנהן אַ ווייטאָגדיקער גע־פיל, וואָס קלעמט איר האַרץ און רייסט דעם מוח. זי האָט אַ וואונטש צו געפינען יאַשקען. זי וואָלט וועלן פאַרלאָזן די טאַנטע מיטן אָנקל, זי איז אומרואיק, ווי עפּעס אַ גרויס אומגליק וואָלט זיך אויף איר געדוקט.

אַמאָל זעט זי די ערשטע רויט־פלאַמיקע ליכט־שטראַלן פון דער אויפ־גייענדיקער זון, וואָס רייסן זיך אַריין אין דעם שמאָלן הויף צווישן די הויכע הייזער. אַ גאָלד־בלישטשענדיקער פּאַס טאַנצט אויף די שויבן און שפּילט זיך מיט די קאָלירטע פאַרהענגלעך. די געלע אַרבעסלעך פון דינעם פאַרהענגל ווערן פאַרוואַנדלט אין גאָלד־קיילעכלעך און ביי יעדן ריר פון ווינט, דורך דער אָפענער שפּאַרע פון פענצטער, ווערט די טונקל־ברוין געפאַרבטע פאָדלאָגע באַשאָטן מיט גינגאָלד, אַזוי ווי עס וואָלטן זיך געקאָלערט גאָלדענע רענדלעך.

הינטער די פענצטער אויף אייזערנע טרעפּ פון די „פייער־עסקעיפּ" שפּרינגען אַרום פייגעלעך און סוויסטשען פריילעך, גלייך זיי וואָלטן אָנ־געזאָגט, אַז דער שווערער ווינטער הויכט־אויס דעם לעצטן אָטעם, אַז

עס עפענען זיך אַלע פאַרפרוירענע שלוזן, די ערד זאַפּט־איין דעם לאַנג־ליגנדיקן שניי און עס וועט באַלד פון איר אַ שפּראָץ־טאָן אַ גרינקייט, ביימער און בלומען וועלן אויפוואַכן מיט אַ ניי לעבן.

חנה פילט, אַז מיטן אָנקומענדיקן פרילינג האָבן אויך אין איר אויפגעוואַכט נייע געפילן, וואָס גיבן איר נישט קיין רו.

זי ווערט שוין באַלד אַכצן יאָר, טראַכט זי אין די פאַרטאָגן, און דער אָנקל איז צוויי־און־דרייסיק. ער איז גאָרנישט אַזוי פיל עלטער פון איר. ער קוקט אויס, דאַכט זיך איר, יינגער ווי זיינע יאָרן. ער איז זייער אַ שיינער, אַ געלערנטער, אַן איידעלער און אַ גוטער. זיין גוטסקייט צו איר האָט נישט קיין גרענעץ, און זי האָט אַזוי ליב איידעלע, גוטע מענטשן.

דער אָנקל איז דאָך דער טאַנטעס מאַן, פאַרוואָס טראַכט זי אַזוי פיל וועגן אים? וואָס דאַרף ער איר אָנגיין? — גיט זי זיך אַ צאַפּל און זי דערשרעקט זיך פאַר אירע געפילן. — אָ, ווי אַזוי זאָל איך אַרויס פון דער לאַגע? — פרעגט זי ביי זיך אַליין.

זי דערפילט, אַז זי דאַרף אַנטלויפן ווי פון אַ צרה, פון אַ גרויס אומגליק. זי מוז אומבאַדינגט געפינען אַרבעט, באַשליסט זי ביי זיך, און וואָס שנעלער זיך אַרויסציען פון דער טאַנטעס מיטן אָנקל. ווען זי זאָל נאָר קאָנען געפינען יאַשקען, ער וואָלט איר געהאָלפן געפינען אַרבעט און זיך באַפרייען פון איר פּראָבלעם, — טראַכט זי, נאָר זי ווייסט נישט וואו זי קאָן אים געפינען.

אָבער ווי אַזוי זאָל זי דאָס מאַכן, אַז ווען זי דערמאָנט דאָס וואָרט פון גיין אַרבעטן, לאָזט זי די טאַנטע דערפון נישט רעדן.

— דו וועסט זיך נאָך גענוג אָנפּלאָגן אין די שפּעטער, — זאָגט זי צו איר. — קאָנסט נאָך וואַרטן. האָסט זיך נישט וואָס צו איילן, — רעדט זי צו איר.

נאָר חנה פאַרנעמט זיך שטילערהייט צו זוכן אַרבעט. יעדן טאָג קויפט זי אַ צייטונג און לייענט די אַנאָנסן. נאָך אַ לענגערער צייט זוכן, דערזעט זי ענדלעך אַן אַנאָנס, אַז מען זוכט מיידלעך צו נייען פאַרטיכער, מעג זיין נישט קיין דערפאַרענע נייערקעס. זי דערפרייט זיך מיט דעם אַנאָנס. אָט דאָס, טראַכט זי, איז פונקט פאַר איר, אין דעם שאָפּ וועט זי קאָנען אָנהייבן אַרבעטן.

די אַכצן־יאָריקע, נאַאיווע און זייער סענסיטיווע חנה גרינפעלד איז שטאַרק געערגערט פון די שוועריקייטן צו קריגן אַרבעט.

שוין דאָס צווייטע מאָל קומט זי צו דעם שאַפּ מיט דער האָפענונג אָנצוהייבן אַרבעטן, און מען זאָגט איר זי זאָל קומען די אַנדערע וואָך.

חנה איז ערשט עטלעכע מאָנאַטן דאָ אין לאַנד, און דער ערשטער נישט איינגעגעבענער פּאַרזוך אָנצוהייבן אַרבעטן מאַכט אויף איר אַ שווערן איינדרוק.

גראָד אין אָט־דעם שאַפּ, ביים נייען פּאַרטעכער, האָט זי געוואָלט אָנהייבן.

זי האָט אין דער אַלטער היים געאַרבעט אַלס שניידערקע, אַזוי ווי זי איז נאָך נישט באַקאַנט מיט דער היגער אַרבעט־סיסטעם און מיט דער עלעקטריק ניי־מאַשין, וויל זי אָנהייבן ביי אַן אַרבעט, וואָס איז ווייניקער קאָמפּליצירט, שפּעטער וועט איר זיין גרינגער איבערצוגיין צו קליידער.

אָבער איצט, אַז מען לייגט זי אַלץ אָפּ פון איין וואָך אויף דער צווייטער, ווייסט זי שוין נישט צי זי קאָן זיך פאַרלאָזן אויף דעם שאַפּ, אָדער זי דאַרף זוכן אַן אַנדערן. און ווייל זי וויל וואָס שנעלער אַרויסגיין פון איר טאַנטעס הויז, כדי דער אָנקל זאָל נישט האָבן די געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זיין שטאַרקן אינטערעס אין איר און זי זאָל אויסמיידן זיינע „צאַרטע" בליקן, וואָס פאַרפאָלגן זי אויף טריט און שריט, איז זי זייער אומגעדולדיק צו קריגן אַרבעט וואָס גיכער. אַז זי וועט נאָר אָנהייבן פאַרדינען, וועט זי זיך באַלד אַרויסציען ערגעץ ווייט פון דער טאַנטע, כדי זעלטענער צו זען דעם אָנקל.

און דאָ שיקט מען זי אַלעמאָל אַוועק מיט גאָרנישט.

זי קומט ווידער צו צום שאַפּ, בלייבט אַ ווײַלע שטיין אין קאָרידאָר לעבן דער טיר און טראַכט: — אפשר זאָל איך נאָכאַמאָל אַריינגיין איבערפרעגן צי די קומענדיקע וואָך וועל איך באַשטימט אָנהייבן אַר־בעטן ? — נאָר זי קערט זיך אום.

זי פילט זיך דערשלאָגן און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ גייט זי פּאַ־מעלעך אַראָפּ אויף דער גאַס.

זי איז אין אַ צערודערטן געמיט און עס ווילט זיך איר נישט פאָרן אַהיים. גייט זי פּאַוואָליע איבער די דאַון־טאַונער גאַסן. זי שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ ביי אַן אויסגעפּוצטן שוי־פענצטער. אויף די זאַכן, וואָס וואָלטן אַן אַנדערש מאָל אַרויסגערופן ביי איר פאַרוואונדערונג, קוקט זי איצט גלייכגילטיק, סתם אין דער וועלט אַריין.

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער, און כאָטש עס איז שוין געווען אַפּריל, האָט נאָך די לופט געשמעקט מיט פראָסטיקייט.

אַ שאַרפער ווינט האָט געשמיסן איר פּנים און געשויבערט אירע געלאָקטע האָר.

אויף די אויפגעוואַכטע פרימאָרגן־רוישיקע גאַסן, וואו מענטשן האָבן געשטראָמט פון אַלע עקן צו דער געגנט פון די נאָדל־שעפער, האָט זי צום ערשטן מאָל דערפילט דעם שטאַרקן אימפּעט פון דער גרויסער שטאָט. דאָס לויפן פון די הויכבאַנען, די איבערגעפּאַקטע טראַמוואַיען, די איילנ־דיקע לאַסט־אויטאָס מיט זייער ברויזנדיקן טומל, די לויפנדיקע אויטאָמאָ־בילן מיט פּייפערייַ, די פערד־און־וועגענער גיבן אויך צו זייער חלק צום רויש. פון דעם אַלעמען ווערט זי פאַרטומלט.

די גרויסע מויערן, די רוישיקע גאַסן, די יאָגעניש און שטופעניש פון מענטשן, זעט אויס ביי איר ווי אַן אומדערטרעגלעכע לאַסט. זי דער־שרעקט זיך פאַר דעם גרויס־שטאָטישן רויש, און זי דערפילט זיך פלוצ־צים, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע. איר דאַכט זיך, אַז זי וועט דאָ אויף דעם טומלדיקן יאַריד פאַרלוירן ווערן און קיינער וועט עס אפילו נישט באַ־מערקן, ווייל יעדערער איילט זיך און איז צופיל פאַרנומען מיט זיך, מיט די אייגענע געשעפטן. עס נעמט זי אַרום אַ מוראדיקע פרעמדקייט צווישן די וואָס שטופן זיך אין דער ענגשאַפט און דעם געפילדער. און זי פילט גאָרנישט, אַז אירע פיס גייען אימפעטיקער, אַז זי ווערט אויך געשטויסן פון דעם ברויזנדיקן שטראָם.

פלוצלינג דערהערט זי, עמעצער רופט זי מיט היימישקייט. זי שטעלט זיך אָפּ, עטוואָס צעטומלט פון דעם פלוצימדיקן באַקאַנטן קול, גלייך ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי גיט אַ קוק: אויף דער זייט גאַס שטייט געצל פינגערהוט מיט אַ פּושקאַרט. קוים וואָס זי האָט אים דערקאָנט.

זיין נישט־ראַזירט פּנים האָט אויסגעזען ווי פאַרסאַזשעט, די אויגן טיף־איינגעגראָבן אין קאָפּ. זיין שמאָלע, לאַנגע נאָז — זעט איר אויס — איז נאָך לענגער געוואָרן. ער טראָגט אַ מאָדנע־גרויסן שטאַרק צעקנייטשטן הוט אויפן באַוואָקסענעם קאָפּ. אַזוי ווי ער האָט זי אַ רוף געטאָן, האָט ער זיך גלייך איינגעבויגן איבערן פּושקאַרט און גענומען אויסלייגן נאָז־טיכלעך. מיטן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, נישט קוקנדיק אויף חנהן, פרעגט ער זי:

— ווען ביסטו געקומען? וואָס טוסטו אין דעם געגנט?

חנה שטייט אַ ווײַלע אָן ווערטער, קוקט אויף אים, ווי זי וואָלט נישט געוווּן זיכער, צי דאָס איז טאַקע ער, געצל.

אין דער אַלטער היים האָט מען געצלען געהאַלטן פאַר אַן אָנגעזעענעם מענטשן. ער איז אַריינגעקומען אין באַלעבאַטישע און אין גבירישע הייזער פאַרקויפן לאָטעריי־צעטלען. ער האָט אַלעמען אין שטעטל געקענט, און אַלע האָבן אים געקענט, אפילו אין אַרומיקע שטעט און שטעטלעך איז ער געווען באַקאַנט. ער האָט געוואוסט ביי וועמען עס וואַקסט אַ מיידל און ביי וועמען עס וואַקסט אַ בחור. ער האָט באַצייטנס באַשטימט ווער פאַר וועמען עס וועט זיין אַ זיווג און טאַקע אַ סך מאָל אויסגעפּירט שדוכים. ער האָט זיך געדרייט צווישן סוחרים צו פאַרדינען עפּעס פון מעקלעריי.

חנה דערמאָנט זיך, ווי געצל האָט זיך אין דער אַלטער היים אַרומגעטראָגן מיט אַ שטיקל ציטונג־פּאַפּיר, וואָס זיין ברודער פון אַמעריקע האָט אים צוגעשיקט, און מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג ער פלעגט דאָס פאַרלייענען פאַר מענטשן:

בחורים פון פאַרשידענעם עלטער, פּראָפעסיאָנאַלן און מענטשן פון פאַרשידענע פאַכן אָדער ביזנעס זוכן כלות פון אַזאַ און אַזאַ עלטער, פון אַ געוויסער הויך און וואָג און מיט אַ באַשטימטן נדן, און פאַרקערט אויך דאָס זעלבע: מיידלעך גיבן־אָן דורך דער ציטונג, וואָס פאַר אַ חתן זיי ווילן: אַ ברונעטן צי אַ בלאָנדן, ווי אַלט ער דאַרף זיין, פון וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע און דערביי גיבן זיי אָן וויפל זיי גיבן נדן.

און די ציפערן, געדענקט זי, זענען געווען גאָר היפשע, אין די טויזנטער דאָלער נדן און מיט אַ וואָס פאַר אַ הנאה געצל האָט די דאָזיקע ציפערן אַרויסגעלייענט און טאַקע באַלד באַרעכנט וויפל עס מאַכט־אויס שדכנות־געלט:

— איי, ווען איך בין אין אַמעריקע, — האָט ער מיט פייכטקייט אויף די ליפּן דעמאָלט געזאָגט, — איך וואָלט דאָך דאָרטן געשאַרט גאָלד...

איצט שטייט חנה און קוקט אויף זיין הולד, אויף זיין פאַרחושכטן פּנים. באַלד פאַלן אירע בליקן אויף זיין פּושקאַרט, וואו עס ליגן אָנגעוואָרפן זאָקן, נאָז־טיכלעך, שפּילקעס, קעמעלעך מיט גלאַנציקע שטיינדלעך, קליינע קאָלירטע בייטעלעך און אַנדערע קלייניקייטן.

מיטאַמאָל גיט זי אים אַ פרעג:

— וואָס מאַכט איר עפּעס, געצל?

— אָט, ווי דו זעסט, איך בין אין ביזנעס, — האָט ער, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, אַ זאָג געטאָן מער מיט חוזק, איידער מיט ערנסט. ער האָט איינגעהאַלטן אין זיך די פאַרביטערטקייט פון זיין פּרנסה און געקוקט אויף

חנהן, ווי ער וואָלט וועלן זען דעם איינדרוק, וואָס זיינע רייד האָבן אויף איר געמאַכט.

חנה האָט דאָס דערפילט און זי האָט מיט אַ געמאַכטן שפּאַסיקן טאָן געזאָגט:

— איר האָט דאָך, זע איך, אויף אייער פּושקאַרט אַ גאַנצן דעפּאַרט־מענט סטאָר.

געצל שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ:

— יאָ, איך האָב אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, נאָר מעיסי׳ס מיט וואַ־נאַמעיקערן האָבן די מיליאָנען... (די גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס).

אינמיטן דרינען דערזעט ער ווי עס קומט־אָן אַ פּאָליסמאַן און גייט גלייך צו זיין פּושקאַרט.

— אָט האָסטו דיר, עס גייט שוין אַ מלאך המות, דער שוואַרץ יאָר זאָל אים נעמען. ווי איך שטעל זיך אַוועק, וואַקסן זיי באַלד אויס

חנה זעט ווי ער צאַפּלט זיך פון שרעק. ער גיט אַ כאַפּ מיט אימפּעט די דרענגלעך פון פּושקאַרט, בייגט־איין דעם רוקן, לויפט אין איילעניש און טראָגט זיך שנעל אָפּ.

— קום, שנעל, איך מוז פון דאַנען אַנטלויפן, אַז נישט וועט עס מיך באַלד קאָסטן מער אין איין מינוט, ווי איך פאַרדין אין אַ וואָך, — זאָגט ער צו איר מיט ציטער, דער פּאָליסמאַן זאָל אים נישט אונטערטראָגן קיין שטראָף־צעטל.

חנה איז אים נאָכגעגאַנגען. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט עטלעכע גאַסן ווייטער, ביי אַן עלעוועיטעד־סטאַנציע, האָט ער אַרויפגע־לייגט ביידע הענט אויף זיין ברוסט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן פאַרהאַלטן זיין שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דערנאָך האָט ער פּאַמעלעך אַרויפגערוקט זיין צעקנייטשטן הוט, אַ וויש־געטאָן מיט דער האַנט דעם שווייס פון שטערן און מיט ווייטיק געזאָגט:

— ווען קאָלאָמבוס וואָלט געווען איינגעזונקען געוואָרן, וואָלט איך פאַרשפּאָרט שעלטן אַמעריקע.

חנה איז געבליבן שטיין קעגן אים אַ צעטומלטע, זי האָט אים מיט־געפילט און פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער איז אויפגעבראַכט. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און האָט געוואָלט פאַרהיטן ער זאָל נישט באַ־מערקן דעם איינדרוק, וואָס זיין לאַגע האָט אויף איר געמאַכט. האָט זי זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף לאַנדסלייט, אויף די וואָס זענען דאָ און

אויף פֿאַרבליבענע אין דער אַלטער היים. זי ווייסט, אַז געצל איז אַ מענטש, וואָס ווייסט פון אַלע לאַנדסלייט.

— איר זעט אַמאָל מיכל מאַלפע? — גיט זי אים מיטאַמאָל אַ פרעג.

— אַ, מיכעלע! דאָ איז ער מיסטער מילטאָן יאַפּקאָוויטש, אַ גאַנ־צער יאַטעביעדאַם. ווער זעט אים? אים שטייט שוין נישט אָן צו טרעפן זיך מיט לאַנדסלייט. ער איז אַריין מיטן רעכטן פוס.

— אַזוי גאָר! וואָס טוט ער דאָ אַזעלכעס, וואָס ער גרויסט זיך אַזוי? — ווערט חנה נייגעריק.

— אַריין איז ער אין די גראָסערי־ביזנעס און עס האָט זיך אים גראָד איינגעגעבן צו מאַכן עטלעכע טויזנט דאָלער. דערנאָך האָט ער געקויפט אַ הויז און עס האָט אים ווידער אָפּגעגליקט. איצט איז ער אַ רייכער מאַן.

— און וואָס מאַכט עפּעס וועלוועלע פאַרבער?

— וועלוועלע? יענער האָט שוין צוויי מאָל אָנגעזעצט. איצט זוכט ער אַ נייעם שותף מיט פרישע ביזנעס.

און מאָטקע זילבערגעלט האָט זיך גע׳גט מיטן ווייב און גענומען אַ מויד.

און פייוויש דער לאַנגער האָט אַוועקגעוואָרפן די שוסטעריי און לערנט זיך גאָר נייען קאַפּעליושן.

געצל האָט זיך צערעדט אויף זיין שטייגער און איר דערציילט וועגן די אַנדערע לאַנדסלייט — וועמען עס גייט גוט און ווער ס׳איז אויף צרות.

אינמיטן די רייד גיט ער אַ וויַיז, אַז ער האָט געשוואָלענע פיס.

זעסט, — זאָגט ער צו איר, — אָט דאָס האָב איך דאָ אָפּגעשפּאַרט.

— פון וואָס איז אייך דאָס געקומען? — פרעגט זי מיט געפיל.

— וואָס הייסט פון וואָס? ווייניק שטיי איך אויף די גאַסן אין רעגנס און אין קעלטן?

דערווייל קומט־צו אַ קליינגעוויקסיקע, צעגאָסענע איטאַליענערקע, נעמט באַקוקן זאָקן, פרעגט זיך נאָך אויף די פרייזן, קלייבט־אויס אַ פּאָר זאָקן און קוקט אַריין אין איר קליין בייטעלע. זי פרעגט איבער נאָכאַמאָל דעם פרייז, מער אויף איטאַליעניש, ווי אויף ענגליש. געצל פּרובירט מיט די די פינגער איר געבן צו פאַרשטיין וויפל ער וויל פאַר די זאָקן. זי קוקט ווידער אַריין אין איר בייטעלע, ציילט די סענטן, זאָגט נישט מער קיין וואָרט און גייט אַוועק.

די גאַס איז טומלדיק. אויטאָמאָבילן פייפן, פושקאַרט־פּעדלער רופן־

אויס זייערע סחורות, פערד־און־וועגענער לויפן מיט אַ בראַזגעריי, דער טומל פון דער מאַרק־גאַס פאַרהילכט די אויערן, די לופט איז אָנגעפילט מיט ריחות פון געזייערטע אוגערקעס, פון הערינג און פיש. נאָר חנהן גייט דאָס אַלץ נישט אָן. זי האַלט זיך אין איין נאָכפרעגן אויף לאַנדסלייט.

מיטאַמאָל האָט זי געקראָגן אַ גרויסן אינטערעס אין יעדן איינעם, וואָס זי קען אין שטעטל.

עס קומען־צו צוויי מיידלעך צו געצלס פושקאַרט. זיי באַקוקן אַלץ, וואָס דאָרט ליגט, פרעגן וויפל עס קאָסט אַ קעמעלע מיט בלישטשענדיקע שטיינדלעך. זיי ווילן וויסן דעם פּרייז פון קאָלירטע טיכלעך און ווען זיי הערן וויפל געצל הייסט זיך באַצאָלן, קוקן זיי זיך איבער און שמייכלען. מען קען זען, אַז זיי האַלטן נישט פון זיינע מציאות.

געצל דערקענט, אַז דאָס זענען פּוילישע מיידלעך, גיט ער אַ זאָג אַ פּויליש ווערטל, לייגט באַלד צו אַ וויץ. זיי צעלאַכן זיך און גייען אַוועק.

די שלעכטע וועטערן שפּילן נאָך צו צום רומל. עס זאָל זיין שיין, וואָלט זיך פאַרט אפשר מער געלייזט, — זוכט ער אויף עפּעס אַרויפצוּוואַרפן די שולד, און זיין פּנים ווערט ערנסט.

חנה גיט אַ קוק אַרויף צום לויטערן הימל און זאָגט:

— וואָס טוט זיך מיט אייך, געצל? איר ווילט נאָך אַ שענערן טאָג ווי היינט איז? זעט נאָר ווי ליכטיק עס שיינט די זון?

ער רייסט אַרויף דעם קאָפּ, קוקט איבערן עלעוועיטעד בריק (הויך־באַן) און לאָזט אַראָפּ די אויגן, גלייך ער וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

— אָבער אַ גאַנצע וואָך איז געווען ביטער קאַלט און עס האָט גערעגנט. אַחוץ אַלעמען, ווייזט אויס, אַז ווען ס׳איז טרויעריק אויף דער נשמה, איז פינצטער אין די אויגן, — פאַרענטפערט ער זיך, וואָס ער ווייסט אפילו נישט, ווי אַזוי דער טאָג זעט־אויס.

עס קומט צו אַן אויסגעפּוצטע דאַמע מיט בלאָנד־געפאַרבטע האָר. זי פּירט אויף אַ לעדערנעם פּאַסיק אַ ברוין הינטל.

זי קלייבט־אויס אַ ברייטן גרינעם באַנד, פרעגט דעם פּרייז און וויל אים געבן צוויי סענט וויניקער. זי דינגט־אָפּ אַ סענט און הייסט זיך אָפּשניידן אַ יאַרד.

די גאַס איז געוואָרן געדיכטער מיט מענטשן, די זון האָט זיך אַרויפגערוקט העכער און געשפּרייט אירע שאַרפע שטראַלן אויף די אָפּגעֿ־

ריבענע, פאַרחושכטע אַלטע מויערן,וואָס האָבן אין דעם העלן שיין אויס־געזען, ווי זיי וואָלטן באַגאָסן געוואָרן מיט פרישע רויטלעכע פאַרבן.

דער ווינט איז געוואָרן חוצפּהדיקער און האָט אַלעמאָל געפּרוּווט עפּעס אַ שלעפּ־טאָן, אַראָפּשליידערן זאַכן פון געצלס פּושקאַרט.

חנהן איז געוואָרן נמאס צו שטיין, האָט זי זיך געזעגנט מיט געצלען און זי איז אַוועק.

ווען זי איז צוגעקומען צו דער צווייטער עוועניו און אַכטער גאַס, לעבן סקווער, איז זי אַריין אין דעם קליינעם פּאַרקל און זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ באַנק. זי איז געווען מיד פון לאַנגן שפּאַציר און עס האָט זיך איר נישט געוואָלט אַרויפגיין אין הויז.

אין די שאָטנדיקע זייטן פון פּאַרקל זענען נאָך געלעגן פאַרברודיקטע בערגלעך שניי. ערטערוויז זענען געשטאַנען קאַלוזשקעס וואַסער, אין וועלכער די זון האָט זיך געשפּיגלט.

די לופט האָט געאָטעמט מיט פרילינג. אָנגעלאָדענעביימער מיט פולע קנאָספּן האָבן מיט פרישער דערוואַכונג זיך געצויגן צום לוי־טערן הימל. פון די קנאָספּן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסווייזן גרינע שפּיצלעך פון די נאָך באַהאַלטענע בלעטלעך.

פייגעלעך זענען געשפּרונגען איבער די צווייגן און פריילעך גע־סוויסטשעט, ווי זיי וואָלטן באַגריסט דעם שיינעם פרילינג־טאָג.

נאָר חנהן האָט מיטאַמאָל אַרומגענומען אַ בענקשאַפט נאָך דער אַל־טער היים. נאָכן קליינעם שטעטל מיט די גריבערדיקע, בלאָטיקע געסלעך.

זי איז געזעסן מיט פאַרטראַכטע אויגן אַזוי ווי אין אַ דרימל. דער ווינט האָט געשויבערט אירע קורץ־געשוירענע, פון הינטערן היטעלע אַרויסגערוקטע האָר. עס האָבן געשוועבט פאַר אירע אויגן בילדער פון איר קינדהייט, שטיקער פון איר קורץ־פאַרלאָפענעם לעבן. זי האָט זיך פלוצלינג פאַרבענקט נאָך די וועגן הינטערן שטעטל, וואו עס שמעקט איצט מיט פייכטער אויפגעאַקערטער ערד. זי דערמאָנט זיך אין די שפּאַ־צירן מיט מיידלעך און יינגלעך אין שבתים, אין פרימאַרגנס אויף מאַיאוו־קעס, וואו עס האָט געשמעקט מיט בליאונג פון פרוכט־ביימער, מיט גרינע לאָנקעס, מיט אויפגייענדיקע שפּראָצונגען.

אַלץ פון דער אַלטער היים איז איר מיטאַמאָל געוואָרן נאָענט און ליב. ווען זי האָט זיך געגרייט צום פאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט אַמאָל בענקען נאָך דעם אַלעמען אין איר אַלטער היים.

זי דערמאָנט זיך אין איר גוט באַקאַנטן בחור יאָשקע יאַבלאָנקע, וואָס פלעגט האַלטן פייערדיקע רעדעס אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, וועלכער איז געקומען אַהער מיט עטלעכע מאָנאַטן פאַר איר. עס וואָלט גע־ווען גוט, ווען זי זאָל אים טרעפן צופעליק, אַזוי ווי זי האָט נאָר וואָס גע־טראָפן געצלען. זי וואָלט אים זייער וועלן זען. זי ווייסט אָבער נישט וואו זי קאָן אים געפינען. ווען זי זאָל זיך דאָ טרעפן מיט יאָשקען, וואָלט זי זיך געפילט גליקלעך, טראַכט זי.

פאַרוואָס האָט זי נישט געפרעגט געצלען, צי ער ווייסט עפּעס פון אים? אויף אַלעמען האָט זי זיך נאָכגעפרעגט, נאָר נישט אויף יאָשקען. סאַראַ נאַרישקייט זי איז באַגאַנגען, מאַכט זי זיך פאָרוואורף. ס׳איז איר געלעגן אויף דער צונג נאָכצופרעגן זיך אויף אים און זי האָט זיך גע־שעמט. איצט פאַרדריסט זי פאַרוואָס זי האָט דאָס נישט געטאָן. זי דער־מאָנט זיך, אַז יאָשקע האָט זי אַלעמאָל געבעטן זי זאָל קומען צו די פאַרזאַמלונגען, וואו ער קומט. ער האָט שטענדיק צו איר גע־רעדט מיט ווייכקייט, מיט אַ ליבן שמייכל אויפן פּנים. איינמאָל האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים און גייענדיק, האָט ער זי צאַרט אַרומגענומען ביי דער טאַליע און גערעדט צו איר אַזוי שיין און ליבלעך, אַז זיינע רייד זענען אַריין אין איר האַרצן און זי האָט לאַנג געדענקט זיינע ווערטער. אומצייליקע מאָל האָבן זיי איצט זיך איבערגעחזרט אין איר געדאַנק.

נאָך דעם איז ער באַלד אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ווען זי זאָל נאָר וויסן וואו זי קאָן אים טרעפן... אפשר זאָל זי צוריקגיין צו געצלען, אים פאָרט פרעגן, צי ער ווייסט וואו מען קאָן אים געפינען? — טראַכט זי.

דערווייל קומט־צו אַ יונגערמאַן און זעצט זיך לעבן איר אויף דער באַנק. אירע געדאַנקען ווערן איבערגעריסן. זי נעמט אַרויס פון מאַנטל־קעשענע די צייטונג, וואָס זי האָט פריער געקויפט, מישט־איבער אַ בלאַט און קוקט אין איר אַריין. דער יונגערמאַן, וואָס זיצט לעבן איר, בייגט־צו דעם קאָפּ און פּרובירט דאָרט אויך לייענען. חנה דרייט־אויס עטוואָס דעם קאָפּ און באַטראַכט אים:

זיין רעקל איז פון פאַרנט צעריסן, די שיך שטאַרק אָפּגעטראָגן. ער מאַכט אויף איר אַ מאָדנעם איינדרוק. זי דערפילט זיך אומבאַקוועם לעבן אים צו זיצן. לייגט זי אַריין אין קעשענע די צייטונג, שטופּט אַריין די האָר הינטערן היטעלע און זי וויל זיך אויפהייבן אַוועקגיין, נאָר דער יונגערמאַן שטעלט זיך אויף פריער, פאַרנייגט זיך פאַר איר, בלייבט שטיין אַ ווײַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און זאָגט שטיל מיט אַ געפּאַלענעם טאָן:

— אפשר קאָנט איר מיר שענקען אַ פּאָר סענט אויף אַ טעפּל קאַווע ? איך האָב נאָך היינט נישט געהאַט אין מויל.

חנה האָט פון דער אומדערוואַרטעטער ווענדונג זיך אַ צאַפּל־געטאָן. אַ צעטומלטע האָט זי אָן עפּן־געטאָן איר האַנט־בייטל, אַרויסגענומען אַ קוואָדער (25 סענט) און אים דערלאַנגט. ער האָט זיך העפלעך פאַר־נייגט און איז שנעל אַוועק.

חנה, אַ שטאַרק גערירטע פון דעם צופאַל, איז פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען אין דער טאַנטעס הויז.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט זענען די טאַנטע מיטן אָנקל אַהיימגעקומען ברוגזע, שטאַרק אָנגעצויגן איינע אויפן אַנדערן. זייער שטימונג האָט אויף חנהן אָנגעוואָרפן אַ שווערע געדריקטקייט. קיינער האָט נישט אויס־גערעדט קיין וואָרט. מיט אַ שטילע אָנגעשטרענגטקייט האָט מען זיך געזעצט צום טיש עסן.

חנה האָט שווייגנדיק דערלאַנגט דאָס עסן. אָבער באַלד ביים ערשטן געריכט איז די טאַנטע אויפגעשפּרונגען :

— ווי אַזוי האָסטו צעשניטן די גרעיפּפרוכט ? אַז מען נעמט־אָן איין שטיקל שלעפּן זיך נאָך די אַנדערע.

באַלד פאַרזוכט זי דעם סאַלאַד און פאַרקרימט זיך :

— גיב אַהער אַ שטיקל לימענע. האָסט דאָך גאָרנישט אַריינגעטאָן קיין זויערקייט, און וואָס פאַר אַ זופּ האָסטו געמאַכט ? ס'איז דאָך אַזוי ווי וואַסער. האָסט געדאַרפט לאָזן מער אויסקאָכן, — האָט זי צו איר אַ טענה און זיך געבייזערט. וואָס חנה האָט יענעם אָוונט דערלאַנגט איז די טאַנטע נישט געפעלן.

חנה פאַרענטפערט זיך, נאָר עס העלפט נישט.

די טאַנטע גיט זיך אַ הייב־אויף פון טיש, לויפט אַריין אין קיך, קוקט אַריין אין די טעפּלעך. זי געטרויט נישט וואָס חנה זאָגט איר. חנה דער־פילט זיך מיטאַמאָל זייער אין אַ שלעכטער לאַגע. איר דאַכט זיך, אַז זי איז שולדיק. זי בלייבט שטיין אַ הילפלאָזע און איז שטאַרק ביי זיך גע־פאַלן. זי פאַרשטייט נישט, אַז די טאַנטעס בייזקייט נעמט זיך פון דעם, וואָס זי איז אויפגערעגט אויפן אָנקל, און איר האַרץ וואַרפט זיך, אירע פיס טרייסלען זיך איר אַזש, וואָס די טאַנטע איז נישט געפעלן דער מאָלצייט.

פלוצלינג פאַלט איר איין : אפשר האָט די טאַנטע באַמערקט, אַז צווישן איר און דעם אָנקל האָט זיך געשאַפן אַ נישט־גלייכגילטיקע באַ־

ציאונג. און דערפאַר לאָזט זי אוים צו איר דעם כעס, טראַכט זי און זי דערפילט זיך אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט. איר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז אָט־אָט ברעכט־אויס אַן אָפענער סקאַנדאַל צוליב איר. זי שטייט אַנגעשפּאַרט אָן קיך־טיש און טרייסלט זיך, איר פּנים איז ווייס ווי קרייד.

באַלד נאָכן עסן האָט זיך די טאַנטע אַנגעטאָן און איז אַוועק אין די מואוויס (קינאָ).

חנהן איז עטוואָס לייכטער געוואָרן. זי האָט שוויגנדיק, מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ, אַראָפּגענומען פון טיש און זיך געשטעלט וואַשן דאָס געשיר.

דער אָנקל איז געזעסן מיט אַ רואיקן פּנים און געלייענט אַ צייטונג. באַלד האָט ער זיך אויפגעשטעלט און עטלעכע מאָל אַדורכגעשפּאַנט היך־און־צוריק דעם קליינעם עס־צימער. מיטאַמאָל קומט ער אַריין אין קיך, גייט צו נאָענט צו חנהן, קוקט איר אַריין ליבלעך אין די אויגן און גיט זי אַ פרעג:

— וואָס ביסטו היינט אַזוי אומעטיק?

זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז זי זוכט אַרבעט און עס גיט זיך איר נישט איין, נאָר דאָס מויל האָט זיך איר נישט געעפנט. זי איז ווי מאַכטלאָז אַ פאַל־געטאָן אויף אַ שטול און זיך צעוויינט. דאָס געוויין איז באַלד פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ היסטערישער ספּאַזמע. דער אָנקל האָט זיך דער־שראָקן.

— חנה, טייערע! — האָט ער אָנגעהויבן זי גלעטן און פּרובירט זי באַרואיקן. נאָר וואָס מער ער האָט זיך ביי איר געבעטן, אַלץ שטאַרקער האָט זי געכליפּעט. ער איז געבליבן שטיין אַ הילפלאָזער, נישט געוואוסט מיט וואָס זי צו באַרואיקן.

ווען די ספּאַזמע האָט איר נאָכגעלאָזט, האָט זי אַרויסגעפּליסטערט:

— איך וויל גיין אַרבעטן, זיך אַרויסציען פון דאַנען.

דערנאָך האָט זי נאָך לאַנג אין דער שטיל געכליפּעט. שפּעטער האָט זי זיך אויפגעהויבן צו פאַרענדיקן וואַשן דאָס געשיר. די טאַנטע זאָל נישט דערקאָנען, אַז זי האָט געוויינט.

נאָכן צוראַמען די קיך איז זי אַריין אין איר צימער, פאַרמאַכט די טיר און זיך געלייגט אין בעט.

יענע נאַכט האָט זי לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז מאָרגן אינדערפרי ווען זי זיך נישט אויפהייבן מאַכן קיין פרישטיק פאַר דעם אָנקל.

פאַרטאָג, ווען זי האָט איינגעדרימלט, חלומט זיך איר, אַז זי זיצט

אין אַ היימישער בריטשקע, געשפּאַנט מיט צוויי ריזיקע, ברוינע פערד. קיין אַנטרייבער איז נישטאָ, זי איז איינע אַליין אין דער בריטשקע. די פערד האָבן זיך צעבריקעוועט און זיי לויפן מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ דורך אַ געדיכטן וואַלד. זיי שפּרינגען איבער קלעצער, איבער אומגעפאַלענעביימער מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. איר דאַכט זיך, אַז אָט־אָט און זי וועט זיך באַלד איבערקערן מיט דער בריטשקע, וואָס וואַרפט זיך ווי אין אַ קדחת, זי וועט צעשמעטערט ווערן און קיינער וועט אפילו נישט וויסן, וואו זי איז אַהינגעקומען. דער וואַלד, דאַכט זיך איר, ציט זיך אָן אַ סוף. עס פאַלט שוין צו די נאַכט, די פינצטערניש לייגט זיך ווי שוואַרצע פליגל וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די ביימער און פאַרשטעלן דעם גאַנצן הימל. זי פילט, אַז די נשמה גייט איר אויס, דאָס האַרץ שפּרינגט איר אַרויס פון שרעק.

און פלוצים, ווי פון דער ערד אַרויסגעשפּרונגען, צי פון הימל אַראָפּ־געפאַלן, טאַנצט־אַריין אין בריטשקע אַ פריילעכער, אַ לאַכעדיקער, דער אָנקל.

ער כאַפּט זי אַרום מיט זיינע לאַנגע הענט, דריקט זי צום האַרצן און קושט זי אָן אַן אויפהער. און מערקווירדיק: זי ווערט זיך נישט, רוקט זיך נישט אָפּ פון אים. פאַרקערט, זי לייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, טוליעט זיך צו אים און וויינט. נאָר זי ווייסט נישט צי זי וויינט פון שרעק צי פון צופרידנקייט, פון גרויס גליק, וואָס דער אָנקל איז מיט איר.

ווען זי האָט געעפנט די אויגן זעט זי, אַז דער אָנקל שטייט לעבן איר בעט, אין די פּאַדזשאַמעס. ער גלעט צאַרט אירע צעפאַלענע רויטלעכע האָר, שאַרט זיי אַוועק פון איר ווייסן שטערן. ער בייגט־צו זיין פּנים נאָענט צו אירן און זאָגט צו איר שטיל און צאַרט:

— חנהלע, איך בין פאַרשלאָפן, כ'האָב נישט קיין צייט אַליין צו מאַכן זיך עפּעס עסן. זיי אַזוי גוט, שטיי־אויף און מאַך מיר עפּעס עסן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט חנה געקראַגן אַרבעט ביי קליידער.

די טאַנטע האָט געזען חנה גייט אַוועק אַרבעטן האָט זי געמאַכט אַ סקאַנדאַל:

— אויף דעם האָב איך דיך אַראָפּגעבראַכט, דו זאָלסט אַוועק אין אַ שאַפּ אַרבעטן? עס פעלט דען דיר עפּעס ביי מיר? האָסט נישט קיין

עסן, קיין שיך אויף די פיס? איך האָב דען דיך נישט געגוג באַקליידט? וואָס טרייבט דיך צו לויפן אין שאַפּ אַריין? — האָט זי געשריגן.

חנה האָט רואיק און שטיל, מיט אַ נאַאיוון טאָן, געזאָגט:

— איך וויל בעסער אַרבעטן אין שאַפּ איידער קאָכן און ראַמען דאָס הויז.

דאָס האָט די טאַנטע שוין גאָר פאַרדראָסן:

— אַזוי, עס געפעלט דיר נישט ביי מיר צו קאָכן און ראַמען. אין דיין פאַרדריפּעטן שטעטל האָסטו געהאַט בעסערס? דאָס האָט מען פון אַריבערברענגען די גרינע, — האָט זי מיט צאָרן געשריגן.

דער אָנקל האָט גאָר אַנדערש איינגעטענהט מיט חנהן. ער האָט וויך און צאַרט צו איר געזאָגט:

— נאַרעלע, צו וואָס טויג דיר אַ שאַפּ, דאָרט פאַרשוואַרצט צו ווערן? אַ שאַפּ נעמט־אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער. איך וועל זען, עס זאָל דיר ביי אונדז גאָרנישט פעלן.

נאָר די אַלע רייד האָבן אויף חנהן קיין שום ווירקונג נישט געהאַט. ס'איז איר געוואָרן נמאס צו זיין ביי דער טאַנטע און זי האָט געזוכט אַ וועג פון דאָרט צו אַנטלויפן. אַזוי גיך ווי זי האָט געזען, עס גייט איר נישט שלעכט ביי דער אַרבעט אין שאַפּ האָט זי אָנגעהויבן זוכן אַ צימער. די זעלבע פריינדין וואָס האָט זי אַרויפגענומען אין שאַפּ, וואו זי אַרבעט, האָט איר געזאָגט:

— דו קאָנסט וואוינען מיט מיר. די באַלעבאָסטע, וואו איך וואוין, וועט זיין צופרידן צו האָבן נאָך עטלעכע דאָלער אַ מאָנאַט פאַרן צימער.

חנה האָט זיך דערפרייט מיט איר פריינדינס פאָרשלאָג.

אָן שום וואָרענונג פאָראויס האָט זי געזאָגט צו דער טאַנטע מיטן אָנקל, אַז זי גייט אַוועק וואוינען מיט אַ פריינדין, און זי האָט תיכף גענומען צונויפנעמען אירע זאַכן.

די טאַנטע מיטן אָנקל זענען געזעסן אין עס־צימער און קיין וואָרט צו איר נישט אויסגערעדט.

חנה באַגעגנט יאַשקען

חנה האָט זיך פאָרגענומען צו געפינען יאשקען. זי איז געלאָפן צו אַר־בעטער־פאַרזאַמלונגען, צו דעמאָנסטראַציעס, מיטן געדאַנק — אפשר וועט זי דאָרט פאָרט געפינען יאַשקען.

אין דער אַלטער היים איז ער געווען אין דער פירערשאַפט פון פּראָ־פעסיאָנעלן פאַראיין ביים שניידער־פאַך; אויף פאַרזאַמלונגען געהאַלטן פייערדיקע רעדעס; מוז ער דאָ אויך נעמען אַן אָנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט.

אויף אירע ליפּן זענען אַרויפגעשוואומען ווערטער, וואָס זי וועט מיט אים רעדן, ווען זי וועט אים טרעפן, כדי צו דערנענטערן אים צו זיך. ער האָט דאָך געהאַט אַ וואַרעמען געפיל צו איר. ביי די טראַכטונגען שטאַרקן זיך אירע געפילן צו אים. וואו זי קומט, איז איר געדאַנק אָנ־געצילט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג: צו געפינען יאַשקען. ביי אַ פאַרזאַמלונג קאָן זי נישט איינזיצן אויף קיין אָרט; דרייט זי זיך אַרום צווישן עולם, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן; מיט אירע קליינע פלאַמיקע אויגן זוכט זי יאַשקען, און זי קאָן אים נישט געפינען — ווי ער וואָלט אין וואַסער אַריין.

אפשר זאָל זי גיין אין דער יוניאָן אויף אים זיך נאָכפרעגן? — פאַלט איר איין אַ געדאַנק. ווייסט זי אָבער נישט, ביי וואָס ער אַרבעט. ביי דאַמען־מלבושים צי ביי מענער־שניידעריי? אפשר אַרבעט ער גאָר ביי עפּעס אַנדערש? זי ווייסט, אַז אַרבעטער בייטן דאָ זייערע פאַכן, פּונקט ווי איניקע בייטן זייערע נעמען. — אפשר האָט ער אויך געביטן דעם נאָמען? ער רופט זיך אפשר נישט יאַשקע יאַבלאָנקע? — פאַלט איר איין, — ווי אַזוי קאָן זי זיך אויף אים נאָכפרעגן? — און די בענקשאַפט צו אים איז אין איר אַלץ שטאַרקער געוואָקסן.

דריי יאָר האָט זי אים אַרומגעזוכט, אַלץ געהאָפט צו טרעפן אים; געטרוימט צו ווערן מיט אים נאָענט, צו פאַרבינדן מיט אים איר לעבן. נאָך דריי יאָר האָט זי כמעט אויפגעגעבן די האָפענונג צו געפינען אים.

נאָר איינמאָל אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג, קומט זי אַריין אין אַ קאַ־פעטעריע און דערזעט יאשקען זיצן ביי אַ טישל. זי האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. צי דער אָפּשטעל איז געווען פון גרויס איבערראַשונג, אָדער פון פאַרזיכטיקייט צו מאַכן זיכער, אַז דאָס איז טאַקע ער, האָט זי אַליין נישט געוואוסט. נאָר ער האָט זי באַלד דערקענט.

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ טריט צו איר. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, זיך הייס צעקושט.ביידע האָבן זיך שטאַרק דער־פרייט מיט זייער באַגעגעניש. די דריי־פערטל שעה מיטאָג־צייט זענען פאַרשוואונדן, ווי איין רגע. זיי האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך אין אָוונט נאָך דער אַרבעט אין דער זעלבער קאַפעטעריע.

חנה איז דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געווען אַ גליקלעכע. פון גרויס פרייד איז איר די אַרבעט נישט געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי האָט אַלע ווייל געקוקט אויפן זייגער. זי האָט קוים דערלעבט די צייט אויפצוהערן אַרבעטן.

ווען זי איז געקומען אין דער קאַפעטעריע, איז ער נאָך דאָרט נישט געווען. זי האָט אָפּגעזוכט אַ זייטיק טישל פאַר צוויי מענטשן, כדי צו קאָנען רעדן אומגעשטערט. זי האָט גענומען אַ טעלער מיט עסן. איר בליק איז געווען געווענדט צו דער טיר. זי האָט געגעסן אָן אַפּעטיט, אויסגעקוקט מיט אומרואיקייט אויף זיין קומען.

יאַשקע איז אַריינגעקומען אַ רואיקער און אַ מוטלאָזער; ער האָט גענומען אַ סענדוויטש מיט אַ טעפּעלע קאַווע.

חנה האָט אים אָנגעהויבן דערציילן פון די שוועריקייטן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט דאָ אין דער „נייער היים״, ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ יוניאָן־מיטגליד אַלס מאַשין־נייערין ביי קליידער. ער האָט שווייגנדיק אויסגעהערט זי, זעלטן־ווען אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, גאַרנישט ווי אַמאָל, ווען ער פלעגט זי אָפּפירן אַהיים. דעמאָלט פלעגט ער ריידן, און זי איז געווען די שווייגערין.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, געוואַרט ער זאָל עפּעס זאָגן; נאָר ער איז געזעסן אַ פאַרקלערטער.

— וואָס שווייגסטו? האָסטו גאָרנישט וואָס צו דערציילן פון זיך? ווי אַזוי דיר גייט דאָ? — האָט זי מיט היימישקייט ביי אים געמאָנט. און נאָך איידער ער האָט איר געענטפערט, האָט זי ווייטער געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, דו ביסט גאָרנישט דער זעלבער ווי אַמאָל.

— עס זעט אויס, אַ ניי לעבן מיט אַנדערע באַדינגונגען מאַכן דעם מענטשן אַנדערש.

— זאָג מיר, ווי גייט עס טאַקע דיר אין דער גאָלדענער מדינה? ביסטו דאָ אויך אַ פירער אין דער יוניאָן, ווי דו ביסט געווען אַמאָל אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אין ליקאָווע?

ער האָט זיך אַ רוק־געטאָן מיט דער שטול נענטער צום טישל. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טעלער, צוגעבויגן נענטער צו איר דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ און געזאָגט:

— ניו־יאָרק איז נישט ליקאָווע. דאָ קוקט מען זיך נישט אום אויף אַזעלכע ווי איך בין.

זי האָט אים נייגעריק אַ פרעג געטאָן:

— וואָס הערט זיך אין דיין פּערזענלעכן לעבן?

— איך האָב אַ ווייב מיט אַ קינד. איך אַרבעט ביי קליידער. און איך באַמי זיך צו פאַרדינען אויפצוהאַלטן מיין פאַמיליע.

זי איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן. אַן אַנטוישטע איז זי נאָך אַ ווילע געזעסן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט־זייגערל און געזאָגט: — שוין באַלד זעקס אַזייגער. —ביידע האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן. זי האָט זיך געזעגנט מיט יאַשקען, און מוטלאָז אַהיימגעגאַנגען.

באַדויער

מאַקס טעפּער איז געווען ניין־און־צוואַנציק יאָר אַלט, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט דער אַכצן־יאָריקער בעסי.

דורך זיינע קנאַפּע דרייסיק יאָר איז אים אויסגעקומען דורכצופאָרן עטלעכע לענדער, אַרומוואַלגערן זיך אין פאַרשידענע שטעט. ווען ער האָט זיך ענדלעך באַזעצט אין ניו־יאָרק, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין אַלץ געזען; אַז ער האָט דורך די יאָרן געהאַט גענוג דערפאַרונג, וואָס קאָן אים קלעקן אויף דעם רעשט פון זיין לעבן.

פון פיר קינדער איז ער געבליבן איינער אַליין. זיין מאַמע איז געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר. עטלעכע חדשים שפּעטער איז געשטאָרבן זיין טאַטע. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך געהאָדעוועט ביי פרעמדע מענטשן. אַלס לערן־ייִנגל איז ער געשלאָפן ביים „מייסטער" אויף אַ קורצן שעניק, לעבן דער אַרויסגאַנג־טיר. קיין וואַרעמען צודעק האָט ער נישט געהאַט. אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט זענען אים אָפּגעפרוירן געוואָרן די פינגער פון די פיס. וואָכן־לאַנג האָט ער געליטן ביטערע יסורים, ביז די פינגער האָבן זיך אויסגעהיילט.

ער האָט אָפט געהונגערט, נישט אַלעמאָל זענען מענטשן אים אַנטקעגנגעקומען אין זיינע נויטן.

זיינע ביטערע דערפאַרונגען האָבן אים פאַרהאַרטעוועט, ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלצדינג. צו מענטשן האָט ער געהאַט ווייניק צוטרוי. ער האָט קיינמאָל צו קיינעם נישט גערעדט וועגן זיין לעבן. ער האָט בכלל ווייניק גערעדט, ער איז געווען אַ שווייגער. שטיל אין זיך האָט ער געטראָגן זיינע שווערע איבערלעבונגען, און שפּעטער האָט ער נישט צופיל פאַרלאַנגט פון לעבן. ער האָט זיך געלאָזט באַנוגענען מיטן מינימאַלסטן, נישט געיאָגט זיך נאָך פאַרגעניגנס. ער האָט געהאַלטן, אַז זיין בעסטער פריינט איז דער דאָלער. ער האָט זיך נישט פאַרגונען אַ טרונק וואַסער צו קויפן, און געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט.

דאָ אין אַמעריקע אַרבעט ער אַלס גאַרבער. ער באַקלאָגט זיך אויף דער שווערער אַרבעט אין שאַפּ. ער האָט פיינט די יאָג־סיסטעם, די שטרענגקייט פון באָס און פאָרמאַן. אַן אַרבעטער קאָן ביי דער אַרבעט קיין וואָרט נישט אויסרעדן.

מער פון אַלץ פאַרדריסט אים, וואָס די אַרבעטער דולדן דאָס. צוליב דעם האָט ער זעלטן צו וועמען אין שאַפּ גערעדט אַ פריינטלעך

וואָרט. ער טראָגט אויף יעדן אַ האַרץ, גלייך יעדערער וואָלט אים געווען עפּעס שולדיק. יעדן קריטיקירט ער, קעגן יעדן האָט ער עפּעס אויסצוזעצן, האַלט ער זיך פון יעדן פונדערווייטנס. שטענדיק גייט ער אַרום אַן אומצופרידענער, קיין שום זאַך באַגייסטערט אים נישט, ער ווייזט קיינמאָל נישט אַרויס קיין סימן פון פרייד.

ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט עסט ער אָפּ, וואָס בעסי גרייט־צו, דערנאָך נעמט ער אַ צייטונג, לייגט זיך אַוועק אויף דער סאָפע און לייענט; בעסי גאַרט צו הערן פון אים אַ וואָרט.

זיין שוויגן מיט דער שטענדיקער אומצופרידנקייט, וואָס ליגט אויף זיין פּנים, פאַראומערט איר דאָס לעבן. אַמאָל פּרובירט זי אַרויסקריגן פון אים אַ וואָרט, הייבט זי אָן אים פרעגן:

— מאַקס, דערצייל מיר, וואָס הערט זיך אין דיין שאַפּ? ווי מיינסטו, דער סעזאָן וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטן? צי מען קאָן זיך ריכטן, אַז דו וועסט זיך איינגיכן אָפּרוען?

ער נעמט נישט אַוועק די אויגן פון דער צייטונג און זאָגט:

— וואָס ווילסטו, איך זאָל דיר דערציילן מיינע שאַפּ־פּראָבלעמען? נישט דו וועסט זיי פאַרשטיין, נישט דו קאָנסט מיר העלפן, — ענטפערט ער קורץ, האַקט־אָפּ די ווערטער און בלייבט ווידער שטיל. אַזאַ ענטפער ערגערט זי נאָך מער ווי זיין שוויגן.

בעסי איז גאָר אַנדערש ווי איר מאַן. זי איז אַן אָפּנהאַרציקע. זי האָט ליב מענטשן, אין יעדן זעט זי שיינקייט, פאַר יעדן האָט זי אַ גוט וואָרט און מענטשן האָבן זי ליב. זי איז אַרומגערינגלט מיט פריינט. זי האָט ליב זיך צו טיילן מיט נאָענטע מענטשן סיי מיט פרייד סיי מיט ליידן. זי וואָלט געווען צופרידן אַמאָל צו דיסקוסירן מיט מאַקסן אַן אַרטיקל אָדער אַ בוך, וואָס זי לייענט. ווען זי הייבט־אָן רעדן צו אים וועגן עפּעס וואָס אינטערעסירט איר צו וויסן, זאָגט ער: — ס'ליגט מיר נישט אין קאָפּ צו פירן מיט דיר דיסקוסיעס. — דעמאָלט דערפילט זי זיך באַליידיקט, ווי ער וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער.

בעסי איז נישט נאָר אַליין אַ באַריידעוודיקע, נאָר זי האָט אויך ליב צו הערן, וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן, און עס ציט איר צו קומען אין געזעלשאַפט, פאַרברענגען מיט מענטשן. זי קאָן האַרציק לאַכן פון קאָמישע זאַכן און וויינען מיט ביטערע טרערן איבער אירע אייגענע ליידן און נישט שלאָפן קיין נעכט איבער פרעמדע צרות. זי ווערט באַגייסטערט פון שיינקייטן. זי האָט ליב געזאַנג, פון איינגענעמער קלאַסישער מו־

זיק ווערט זי אַמאָל גערירט ביז טרערן. אַז מאַקס זעט ווי זיווישט־אויס פון די אויגן אַ טרער, קוקט ער אויף איר מיט אַ חוזקדיקן בליק, שמייכלט ציניש, לאַכט־אָפּ פון איר און זאָגט: — אין מיין לעבן האָב איך נישט געזען אַזאַ צעקראָכענע סענטימענטאַלקייט. ווי לאַנג וועסטו בלייבן נאַ־איוו? ווען וועסטו שוין ווערן אַ מענטש? פון אַלץ ווערסטו באַגייס־טערט, מיטגעריסן, ווי אַ קינד. — בעסי ווערט דעמאָלט ביי זיך שטאַרק געפאַלן, עס פאַרדריסט איר וואָס זי וויזט אַרויס איר גערירטקייט אין זיין געגנוואַרט.

זי איז אָבער יונג, סענסיטיוו און ראָמאַנטיש. זי קאָן נישט אַלעמאָל באַהאַלטן אירע איינדרוקן. זי קאָן אויך זיך נישט אָפּזונדערן פון אַלץ און אַלעמען, אַזוי ווי איר מאַן. איר ציט צו הערן לעקציעס איבער פאַר־שידענע ענינים, גיין צו קאָנצערטן, זען קונסט־אויסשטעלונגען. זי איז זשעדנע נאָך וויסן, זי וויל וואָס מער זיך אָנזאַפּן מיט קולטור־ווערטן. זי האָט אַ גרויסן פאַרלאַנג אומעטום צו גיין און צו פאָרן זען די וועלט. זי האָט קוים גע׳פועל׳ט ביי מאַקסן, ווען אין שאָפּ איז נישטאָ קיין אַר־בעט, זיי זאָלן אַוועקפאָרן פון דער טאָג־טעגלעכקייט, זיך אָפּרוען.

צום ערשטן מאָל, יאָרן נאָך זייער חתונה, אין אָנהייב פרילינג, איז בעסי געפאָרן מיט איר מאַן אויף וואַקאַציע. זיי זענען געפאָרן מיט דער באַן, אַ וויטן וועג, צו אַ וואַרעמען קלימאַט.

דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער. אויפן בלייך־בלויען הימל האָבן זיך גרויע וואָלקנדלעך געצויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שפּעסענע פּעלעכלעך.

פאַרנאַכט איז דער הימל לויטערער געוואָרן. זעלטן וואו ס׳האָט זיך געזען אַ וואָלקנדל. אין וויטן האָריזאָנט האָט זיך די זון אַראָפּ־געלאָזט נידעריקער אויפן הימל. די באַן איז אַריינגעלאָפן אין אַ שי־טערן וואַלד. בעסין האָט זיך געדאַכט, אַז די זון טאַנצט צווישן די ביימער, שפּרינגט אויף די צווייגן, ווי זי וואָלט זיך געיאָגט פאָרויס צו פאַרלויפן די באַן דעם וועג. בעסין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די באַן יאָגט זיך צו כאַפּן די זון, פאַרצאַמען איר דעם וועג, פאַרהאַלטן זי אויפן צע־גליטן הימל, דער טאָג זאָל נישט פאַרגיין, אירע שטראַלן זאָלן זיך נישט אויסלעשן, ס׳זאָל נישט פאַרשוואונדן ווערן דער בלענדנדיקער בליאַסק, וואָס ליכטיקט אַריין דורך די באַן־פענצטער אין די וואַגאָנעס אַריין, וואַרעמט און באַשטראַלט די פאַרנדיקע מענטשן. בעסי האַלט אין איין אַרויסקוקן דורכן פענצטער, זי נעמט נישט אַוועק די אויגן פון דער

פּרעכטיקער פּאַרנאַכטיקער פּאַנאָראַמע. זי איז באַגייסטערט פון די זון־באַשטראַלטע וואַלד־ביימער. אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז די זון קייקלט זיך צווישן די ביימער, ווי אַ באַל. ווען די באַן לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ טאָל, דאַכט זיך איר אויס, אַז די זון לאָזט זיך אויך אַראָפּ נידעריקער, און ווען די באַן לויפט באַרג־אַרויף הייבט זיך אויף אויך די זון, גלייך ווי זי וואָלט זיך געשפּילט, גערייצט, אָדער געגאַנגען מיט דער באַן אין אַ געוועט, ווער ס׳וועט וועמען דעריאָגן צי גאָר אַריבעריאָגן.

די באַן איז אַרויסגעלאָפן פון וואַלד און איז אַרויף אויף אַ לײדיק, פּלאַך פעלד.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, איז דורך די אָפענע טירן אַריינגעקומען וואַרעמע לופט. ס׳האָט געיאָגט אַ מילדער פרילינג־ווינט, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישע, אויפגייענדיקע, אויפ־געלעבטע געוויקסן.

די באַן איז ווייטער געלאָפן און זיך דערנענטערט צום וואַרעמען קלימאַט. מיטאַמאָל האָט בעסי דערזען גרעזעלעך שפּראָצן אַרויס פון דער ערד, און אויף ביימער עפענען זיך שוין די קנאָספּן. די אַרויסגעקראָ־כענע בלעטער־שפּיצלעך זעען אויס ווי פייגל־שנאָבלען, וואָס שפּאַרן זיך אַרויס פון נעסטן. דערנאָך האָט זי דערזען ביימער מיט ווייס־ראָזלעכע בלימעלעך. זי האָט נישט באַמערקט, אַז מאַקס האָלט פאַרמאַכט די אויגן און זי האָט מיט פרייד אַ זאָג געטאָן:

— מאַקס, זע נאָר, דאָ בליען שוין די ביימער!

ער האָט עטוואָס געעפנט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן, בייז אויף איר אַ קוק געטאָן און מיט ביטול געברומט:

— מעגסט זיך שעמען! פון וואָס אַ מענטש ווערט איבערראַשט, גלייך ווי זי וואָלט קיינמאָל קיין גרעזל נישט געזען. אַ נייער וואונדער אויף איר קאָפּ! — האָט ער ווי נישט צו איר גערעדט.

זי איז אָבער געווען פאַרכאַפּט פון דעם פּלוצלינג דערזעענעם פרי־לינג אין פולן בליען און זי האָט כמעט נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. נאָך אַלץ פאַרגאַפט פון דער שיינער נאַטור אין דער אומבאַ־קאַנטער געגנט, האָט זי ווידער פריילעך אַ זאָג געטאָן: — גיב נאָר אַ קוק אויף די מאָדנע געוויקסן, ווי שיין עס זעט דאָ אויס! — ער האָט אָנגעהויבן שרייען: — דריי מיר נישט קיין קאָפּ מיט דיין אידיאָטישקייט. מיר עקבערט דער קאָפּ, צי איך זאָל צוריקגיין אין דעם שאָפּ וואו מען יאָגט אַרויס פון אַרבעטער די נשמה, צי איך זאָל זוכן אַן אַנדערן שאָפּ

און דיר ליגן נאַרישקייטן אין זינען! — זי איז געפּלעפּט געוואָרן פון זיין שרייען. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ערשט איצט דערזען זיינע דרימלענדיקע אויגן מיטן פאַרקרימטן פּנים פון אויפרעגונג. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט, אויסגעצויגן די פיס און ווידער פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר די אַרומיקע מענטשן אין באַן, וואָס האָבן געהערט אים שרייען און זי האָט זיך דערפילט גלייך ווי זי וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן.

זיין בייזערן זיך אויף איר האָט דערשלאָגן איר באַגייסטערונג, צע־שטערט איר פרייד, און ביי איר אַרויסגערופן אַ באַדויער־געפיל. זי האָט זיך שיער צעוויינט, פאַרוואָס זי האָט נישט איינגעהאַלטן אין זיך איר באַוואונדערונג.

זי האָט אין דעם מאָמענט געטראַכט: ווי גוט ס׳וואָלט אים געווען, ווען ער וואָלט נישט געווען פאַרביטערט קעגן אַלץ און אַלעמען, און נישט געהאַט די זאָרג און מורא פאַרן מאָרגן.

דער באַדויער־געפיל האָט געהאַלטן זי אין איין מאַטערן, זי נישט אָפּגעלאָזט. נאָר זי האָט נישט געוואוסט, צי זי באַדויערט זיך, וואָס זי קאָן זיך נישט טיילן מיט איר מאַן, זי מוז אַלץ שטיקן אין זיך, באַהאַלטן פאַר אים אירע געפילן, צי זי באַדויערט מאַקסן, וואָס ער איז שטענדיק אומצופרידן, ווייזט נישט אַרויס פאַר קיין זאַך קיין ליבשאַפט. ער גע־ניסט נישט פונעם פאַרגעניגן צו זען אַ וועלכע ס׳איז שיינקייט אין אַן אויפגייענדיקן, צעבליטן פרילינג, ער האָט נישט די הנאה פון ווערן באַ־גייסטערט, פילט נישט די פרייד פון באַוואונדערונג און איבערראַשונג.

אומדערוואַרט

די ניינצן־יאָריקע גאָלדע און דער צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקער הערשל גינזבערג האָבן זיך כּאַרליבט און חתונה געהאַט קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן. באַלד נאָך זייער חתונה זענען זיי געקומען קיין אַמעריקע.

הערשל, אַ ברונעט, אַ הויכער, שלאַנקער מאַן מיט אַ סימפּאַטיש פּנים, מיט טונקל־ברוינע פינקלדיקע אויגן, איז אַן ענערגישער און באַריידעוודיקער — אַ גאַנץ אַנדער מין מענטש איז גאָלדע: אַ מיטל־וואוקסיקע העלע בלאָנדינקע, מיט אַ רונד שיין פּנים, מיט שטילע בלוי־גרויע, גוטמוטיקע אויגן. זי איז אַ רואיקע, אַ שטילע, זייער אַ טאַקטישע, אַ פּינקטלעכע און אַ שטאַרק־צוריקגעהאַלטענע. זי האָט ליב צו הערן שיינע מוזיק און לייענען אַ גוט בוך. צו יעדער זאַך באַציט זי זיך ערנסט. אויף אירס אַ וואָרט קאָן מען זיך פאַרלאָזן. פון גאָלדעס שטילער רואיקייט אָטעמט־אַרויס אַ האַרציקע וואַרעמקייט, אַ ליבשאַפט צו מענטשן. ווער עס דערקענט זי, דערפילט דאָס באַלד און קריגט זי ליב.

אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, ווען זייערע צוויי קינדער, דער זון מיט דער טאָכטער, זענען געווען קליין, האָט מען ביי גאָלדען אָפט געטראָפן פריינט. ביי איר, האָט מען געוואוסט, איז אַ שטוב מיט אַן אָפענער טיר. איז מען געקומען און גאָלדע האָט געמאַכט טיי, געשטעלט אַ צובייס, פּראָסט־און־פּשוט אָן צערעמאָניעס. און יעדערער האָט זיך געפילט מחיה־דיק־היימיש. מען האָט געשמועסט, זיך דערציילט מעשיות, געזונגען.

היינט וואוינען די פריינט אין פאַרשידענע געגנטן, צעוואָרפן איבער דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק; קאָן מען זיך אָפט נישט זען. בלויז אַמאָל אין אַ שבת צי אין אַ זונטיק קומט מען זיך צונויף. עס פעלן איר די פריינט.

מער פון אַלץ ליידט גאָלדע, וואָס איר מאַן איז זעלטן אין דער היים. זינט הערשל איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסאַיעטי, איז ער זעלטן אין אָוונט אינדערהיים, און זי בלייבט אַליין.

הערשל האָט זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער לאָזט נישט דורך קיין איין זיצונג. חוץ דעם נעמט ער אָן אַ סך אַנדערע אויפגאַבן אַדורכצופירן.

אַז די סאָסאַיעטי דאַרף שיקן ערגעץ אַ פאַרטרעטער צו אַ פייערונג אָדער צו אַ יובילײ פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואו מען דאַרף באַגריסן, צו אַ

באַנקעט אָדער צו אַ קאָנפֿערענץ, נעמט ער אָן, ווען מען שלאָגט אים פֿאָר. ביי יעדע געזעלשאַפֿטלעכע צוזאַמענקונפֿט פֿאַרשרייבט ער זיך צום וואָרט און טרעט־אַרויס אָפּטמאָל אין זיין אייגענעם נאָמען מיט אַ באַגריסונג אָדער אַ רעדע.

שבת, צו זייער דרייסיק־יאָריקן חתונה־יובילײ, האָט זיך גאָלדע אַ גאַנצן טאָג געגרייט, ווי צו אַ שמחה. אינדערפֿרי איז זי געגאַנגען אין אַ „שיינהייט־סאַלאָן" צו פֿאַרקעמען אירע האָר, איינלייגן פֿינקטלעך אירע בלאָנדע לאָקן, וואָס מישן זיך שוין אויס מיט גרויע האָר. שפּעטער האָט זי אָנגעטאָן איר ניי קלייד און געוואַרט אויפֿן פֿריידיקן אָוונט, וואָס איר מאַן וועט איר היינט צוטיילן.

זי האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַן אמתע כלה. הערשל איז אינדערפֿרי אַוועק צו אַ קאָנפֿערענץ. ער האָט איר צוגעזאָגט צו קומען צוריק אַרום פֿינף פֿאַרנאַכט, זיי זאָלן האָבן צייט אָפּצועסן און גיין אין טעאַטער. הערשל ווייסט, אַז גאָלדע האָט ליבער צו זען דעם שוישפּילער, הערן דאָס לעבעדיקע וואָרט פֿון דער בינע, איידער אויפֿן לייוונט אין אַ פֿילם — וועט ער איר היינט געבן דאָס פֿאַרגעניגן.

דער זייגער איז שוין נאָך זעקס, און הערשל איז נאָך נישטאָ. גאָלדע דרייט זיך אַרום אַן אויסגעפּוצטע; זי גייט פֿון איין צימער אין אַנדערן, פֿון איין פֿענצטער צום צווייטן, זען צי ער קומט. זי קוקט אויף איר האַנט־זייגערל: די מינוטן קריכן, ציען זיך ביי איר ווי שעהן.

איז עס מעגלעך, ער זאָל היינט נישט קומען אין צייט, צעשטערן איר ביסל פֿאַרגעניגן? פֿון דעם געדאַנק אַליין הייבט איר אָן קלאַפּן דאָס האַרץ. „ער האָט מיר אָבער פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט זיין פֿרי; מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל זיין אָנגעטאָן, גרייט צום גיין. איז עס מעגלעך, אַז ביי אים איז היינט רעכט אַזוי ווי אַלע מאָל, יאָ קומען און נישט קומען?" — כאַפּט זיך צו איר אַריין אַ ביטערער געפֿיל, — „מסתמא וועט ער באַלד אָנקומען; אפֿשר האָט זיך פֿאַרהאַלטן די סאָבוועי", — פּרוּווט זי זיך אויסרעדן, נישט צולאָזן צו זיך דעם פֿיינלעכן געדאַנק פֿון אַנטוישונג.

זי רוקט זיך אָפּ פֿון פֿענצטער, בלייבט שטיין פֿאַרן שפּיגל. איר דאַכט זיך, אַז דאָס נייע קלייד פּאַסט איר זייער. הערשל וועט אַוודאי באַלד אַריינקומען, אפֿשר מיט אַ בוקעט בלומען צי מיט אַן אַנדער מתנה פֿאַר איר, אַזוי ווי ער פֿלעגט דאָס טאָן אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה. ער וועט זי אַרומנעמען, צודריקן זי צום האַרצן, זי קושן, באַגריסן זי מיט גוטע וואונטשן צו זייער יובילײ. און זי וועט אים מוחל זיין אַ סך עוולה׳ס,

וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איר. פון די טראַכטונגען צעגיסט זיך אַ ליב־לעכער שמייכל אויף איר פּנים.

זי הערט אַ קלונג ביי דער טיר. ס'מוז זיין ער, טראַכט זי. זי גלייכט־אויס אַ לאָק אויפן קאָפּ און לויפט מיט אַ קלאַפּנדיק פריידיק האַרץ אים אַנטקעגנצוקומען. זי גיט אַן עפן־אויף די טיר און דערזעט עס שטייט אַ פרעמדע פרוי. יענע פרעגט:

— איר ווייסט אפשר, וואו עס וואוינט דאָ מיסעס לעווין?

— אויפן צווייטן שטאָק, איבער מיין דירה, — וואַרפט איר צו גאָלדע אַ קאַלטן ענטפער, אַזוי ווי יענע וואָלט געווען שולדיק אין איר אַנטוישונג.

זי גיט מיט פאַרצווייפלונג ווידער אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל. איר טרוים וועגן אַ פריידיקן אָוונט ווערט ביסלעכווייז צערונען. זי טראַכט: „ווען ער זאָל אפילו באַלד אָנקומען, איז שוין אויך צו־שפּעט צו גיין וואוהין זיי האָבן פּלאַנירט".

זי גייט נאָכאַמאָל צום פענצטער, קוקט אין דער ווייטקייט פון האָרי־זאָנט; די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שטיק אָנגעצונדענעם הימל־ברעג. דער רויטער, פלאַמיקער הימל־פּאַס בייט זיך אין ראָזעווע, בלוי, פּורפּור קאָלירן. דער הימל ווערט טונקעלער; עס לעשט זיך דער פרילינגדיקער מאַי־טאָג. צוזאַמען מיטן אויסלעשנ־דיקן טאָג לעשט זיך אויך איר דערוואַרטונג, איר יום־טובדיקייט. דאָס פּנים ברענט איר פון אַנטוישונג.

זי שפּאַנט נערוועז איבער די צימערן. עס פאַרדריסט זי פאַרוואָס זי איז אויסגעפּוצט. אַ בייזע טוט זי אומעטיק אויס איר ניי קלייד, ציט־אַרויף אויף זיך אַן אַלט שטוב־קליידל. אַן אויפגערעגטע, אַ צעווייטיקטע, לייגט זי זיך אַוועק אויף דער סאָפע.

ווי אין אַ שווערער, געדיכטער נעפּלדיקייט וויקלען זיך אויף אין איר געדאַנק די דריי־צענדליק יאָר, וואָס זי איז צוזאַמען מיט הערשלען.

פאַרשידענע איבערלעבונגען פּלאָנטערן זיך צונויף: שיינע חלומות פריידיקע מאָמענטן און טרויעריקע פּאַסירונגען. צום ערגסטן פאַרדריסט איר הערשלס גלייכגילטיקייט צו דער פאַמיליע. דאָס פאַרטונקלט די ליכטיקייט, וואָס האָט אַמאָל אין זייער לעבן געשטראַלט.

מיטאַמאָל דערמאָנט זי זיך, אַז ער האָט קיינמאָל נישט גענומען קיין אָנטייל אין דערציען די קינדער. זי האָט תמיד געמוזט טראָגן דעם גאַנצן עול פון דערציאונג. ער האָט זיך געפירט, ווי איינער, וואָס האָט נישט קיין פליכטן צו ווייב און קינדער. פאַר אירע אויגן וויקלט זיך אַ שנור

פון זיין שטענדיקן שפעט אַהיים קומען, אפילו ווען ער איז נישט געווען געזעלשאַפטלעך פאַרנומען. זי טראַכט: אַ מענטש קאָן מיט אַביסל אויפמערקזאַמקייט פאַרשענערן זיין לעבן, און איבער קלייניקייטן קאָן ער באַגיין גרויסע נאַרישקייטן, וואָס פאַרביטערן זיין לעבן. זי איז אַלע־מאָל געווען צופרידן, וואָס איר מאַן קאָן זיין אַקטיוו, נעמען אַן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. זי אַליין איז אויך אַ מיטגליד אין אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע, נאָר צוליב איר רואיקער נאַטור און צוריקגעהאַלטנקייט האָט זי קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעמען קיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט מיט פאַרפליכטונגען. די זיצונגען וואָס קומען־פאָר איין מאָל אין צוויי וואָכן, באַזוכט זי ווי אַ פּאַסיווער מיטגליד. אָבער זי גיט גרויס אָנער־קענונג די, וואָס טראָגן די פליכטן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

זי קאָן נישט מוחל זיין איר מאַן בלויז דערפאַר, וואָס ער איילט זיך נישט אַהיימצוקומען אפילו ווען ער איז מיט קיין זאַך נישט פאַרנומען. איר פאַרדראָס איז, וואָס ער זוכט וואוהין צו גיין:

„נאָך אַ זיצונג, אַנשטאָט אַהיימצוקומען, זוכט ער אַלעמאָל מיט וועמען־ס׳איז גיין טרינקען קאַווע, רעדן, הערן פלאַפּלערייען און פטרן די צייט מיט גאָרנישט — און זי זיצט אַלץ וואַרט אויף אים". זי דערמאָנט זיך איצט אין אַלע עוולות, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איר. דער גע־דאַנק לאָזט זי נישט אָפּ: ער זאָל זי כאָטש אַמאָל באַרעכענען, אַז זי איז אַליין; ער זאָל אַרויסווייזן אַן אינטערעס, אַ ווילן פריער אַהיימצוקומען, געפינען פאַר נייטיק צו זיין אין שטוב, רעדן מיט איר אַ וואָרט. זי קאָן זיך אַלץ נישט צוגעוואוינען צו זיין אומבאַרעכנטקייט. זי בענקט נאָך אַביסל צערטלעכקייט.

זי ליגט איצט אויף דער סאָפע און טראַכט: יונגע מענטשן טרוי־מען, ווינטשן זיך צו ליבן און צו זיין געליבט, און ווער ס׳איז צו דעם זוכה, איז אַ גליקלעכער. און ביי איר מיט הערשלען איז דאָך געווען די ליבשאַפט פון איינעם צום אַנדערן און ס׳האָט אַזוי געקאָנט זיין דאָס גאַנצע לעבן, ווען ער וואָלט נאָר אינזינען געהאַט, זיך נישט אַזוי פיל אָפּצוזיב־דערן פון איר; ווען ער וואָלט נאָר פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף איר אַרויס־ווייזן אַביסל אויפמערקזאַמקייט, אַביסל מער נאָענטקייט. די צרה איז נאָר, וואָס ער זעט נישט איין, אַז ליבשאַפט קאָן מען נישט אָנהאַלטן בלויז דערמיט, וואָס דער מאַן גיט דאָס געלט אויף צו לעבן.

זי דערמאָנט זיך: הערשל האָט אַמאָל ווייניק פאַרדינט. זיי האָבן געדאַרפט לייען צו באַצאָלן דירה־געלט און זי האָט געמוזט שפּאָרן פּי־

עסן. און דאָך איז איר דעמאָלט נישט געווען אַזוי שווער ווי איצט, ווען זי האָט גראָד דעם דאָלער, וואָס זי דאַרף האָבן. הערשל אַרבעט ביי פּרויען־קליידער, און זי באַקלאָגט זיך נישט אויף זיינע פאַרדינסטן.

זי געדענקט, אַז ערגער פון דער שווערער פּרנסה־לאַגע איז געווען, ווען זי פלעגט אים זאָגן: — פאַרוואָס זעסטו נישט אַהיימצוקומען אַביסל פריער, איידער די קינדער לייגן זיך שלאָפן? ס׳גייען דאָך אַוועק טעג, און זיי זעען דיך נישט. זיי האַלטן אין איין פרעגן: „וואו איז פּאַפּאַ? פאַרוואָס גייט ער נישט קיינמאָל מיט אונדז שפּאַצירן?״ און ער פלעגט גאָר ווערן בייז און איר ענטפערן: — איך האָב וויכטיקערע זאַכן צו טאָן, ווי שפּילן זיך מיט די קינדער.

דאָס אַלץ שווימט איצט אַרויף אין איר זכרון. דאָס ערגסטע איז, וואָס זי זעט, אַז עס ציט אים נישט צו איר. ער נעמט־אָן צו טאָן זאַכן, וואָס מען דאַרף און אויך וואָס ס׳איז נישט וויכטיק. ער גייט וואוהין ס׳איז נייטיק — און אויך וואו מען קאָן זיך באַגיין אָן אים. ער קומט אַהיים, ווען ער דאַרף גיין שלאָפן. ווי אַזוי האָט עס געקאָנט קומען צו אַזאַ גלייכגילטיקייט? — פרעגט זי זיך. ס׳איז איר שווער צו פאַרשטיין זיין באַנעמונג צו איר.

מיטאַמאָל גיט זיך אָן עפן די טיר. הערשל קומט אַריין אַ צערודער־טער, אַ פאַרשוויצטער. ער שלעפּט אַראָפּ דעם קראַוואַט פון אונטערן קאָלנער. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, מאַכט ער ליכטיק אין קיך, שטעלט־צו קאַווע און נעמט זיך עפּעס טאָן. גאָלדע איז געלעגן אַ שווייגנ־דיקע, אָנגעלאָדן מיט פאַרדרוס. זי האָט געפיבערט מיט אומרו פאַר דעם, וואָס קאָן געשען. ביידע האָבן געפילט, ווי אַ שווערער וואָלקן וואָלט זיך איבער זיי אַרונטערגעלאָזט, און וועט באַלד אויסברעכן אין אַ שטורעם.

הערשל איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל פון אויפנאַם־צימער, גלייך ער וואָלט זיך וועגן עפּעס גע׳ישוב׳ט. באַלד האָט ער זיך פּאַמעלעך אַריינגעשלייכט אין צימער, וואו גאָלדע איז געלעגן. זי איז געווען שרעק־לעך בלאַס. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען קראַנק.

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער האָט עפּעס פאַרשפּילט. ס׳איז אים שטאַרק אומהיימלעך געוואָרן. אַ ווייל איז ער געשטאַנען אינמיטן צימער און געטראַכט, צי זאָל ער צו איר צוגיין. ער שעמט זיך איר צו דערציילן, אַז ער האָט ביי דער קאָנפערענץ געוואָלט רעדן און אַלץ גע־וואַרט מען זאָל אים רופן צום וואָרט. מיט געפּאַלנקייט איז ער צוגע־קומען צו גאָלדען, געוואָלט זיך זעצן לעבן איר, נאָר זי האָט אים מיט

אויפרעגונג אָפּגעשטויסן. אַ פאַרשולדיקטער איז ער געבליבן שטיין פונ־וויטנס און אָנגעהויבן בעטן מיט אַ פאַרזינדיקטער שטים:

— גלייב מיר, גאָלדע, איך האָב געוואָלט קומען אין צייט, נאָר ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב נישט געקאָנט. מיר וועלן גיין מאָרגן אין טעאַטער. זונטיק איז נאָך בעסער.

— מאָרגן קומען די קינדער, — האָט זי בייז אַ ברום־געטאָן. עס פאַרדריסט זי, פאַרוואָס ער ווייסט אפילו נישט, אַז די קינדער קומען מאָרגן צו באַגריסן טאַטע־מאַמע צו זייער חתונה־יובילײ.

— וועלן מיר גיין דעם קומענדיקן שבת. זאָל זיך אונדז דאַכטן, אַז מיר האָבן חתונה געהאַט מיט אַ וואָך שפּעטער, — האָט ער שוין מוטי־קער און ווייכער צו איר גערעדט.

גאָלדע האָט אָבער נישט געוואָלט הערן וואָס ער זאָגט. פון איר פאַרקלעמטקייט האָבן זיך אַרויסגעריסן ווערטער:

— דו פירסט זיך אַזוי, אַז איך ווייס שוין נישט, צי איך האָב אַ מאַן. שטענדיק ביזטו נאָר פאַרנומען. יעדע נאַרישקייט איז ביי דיר וויכטי־קער פון מיר. עס פּלאַצט שוין מיין געדולד. ס'וועט מוזן נעמען אַ סוף צו דעם!

הערשל איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער. ער האָט נישט געהאַט קיין ווערטער, מיט וואָס זיך צו פאַרענטפערן, איז ער בייז געוואָרן און זיך צעשריגן:

— איך דאַרף ביי קיינעם נישט פרעגן, וואָס צו טאָן און וואו צו גיין. איך בין צו קיינעם נישט פאַרקויפט, — און ער איז אַריין אין צווייטן צימער.

גאָלדען האָט אַלץ מער געעקבערט דער געדאַנק: איידער צו לעבן מיט אַ מאַן אָן אינטערעס, איז בעסער צו זיין באַזונדער, האָט זי נישט איין מאָל געטראַכט.

זי האָט וועגן זיין אויפפירונג מער נישט געמאַכט אים קיין פאַר־וואורפן. שטיל אין זיך האָט זי געטראָגן די פאַרביטערונג.

כאָטש זי איז באַליבט ביי מענטשן, ביי אירע פריינט און באַקאַנטע, קאָן דאָס אָבער נישט אויספילן די ליידיקייט, וואָס הערשל לאָזט־איבער אין איר מיט זיין אַוועקגיין פון דער היים.

ווען די קינדער זענען געוועזן אינדערהיים און זי איז געווען פאַר־נומען מיט זיי, איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אַז די קינדער האָבן חתונה געהאַט און זי האָט מער צייט, האָט זי שטאַרקער דערפילט איר

איינזאַמקייט. אַמאָל פילט זי, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ פאַרגעסענע, אַ פאַרלאָזענע פון איר מאַן.

אין לידיקע אָוונטן נאָגט די פוסטקייט איר האַרץ. עס פייניקט זי דער אומעט. עס יאָגט זי אַרויס פון שטוב. זי ראַנגלט זיך נאָך אַלץ מיטן געדאַנק, צי זי זאָל בלייבן אַ דערשלאָגענע אין איר איינזאַמקייט, אויסקוקן און נישט זען הערשלען ביז אין שפּעטן אָוונט, ווען זי קאָן שוין סיי־ווי מיט אים קיין וואָרט נישט אויסרעדן, אָדער זי זאָל אַוועקגיין פון הויז, אים איבערלאָזן, פאַרשפּאָרן זיך ערגערן פון זיין נישט־קומען.

ער לעבט דאָך סיי־ווי זיך אויס אָן איר, מוז זי געפינען אַ וועג זיך אויסצולעבן אָן אים, — האָט זי געטראַכט. איר פריינדינס טאָכטער זוכט איצט עמעצן אַכטונג צו געבן אויפן קינד, כדי זי זאָל קאָנען צוריקגיין צו איר לערער־פּאָסטן, וועט זי גיין אַכטונג געבן אויפן קינד — איז איר איינגעפאַלן. זי קאָן מער אַזוי נישט לעבן. זי פילט, אַז פון הערשלס גלייכגילטיקייט צו איר ווערט צעריסן איר האַרץ. זי וויל נישט זיין ווי אַ פרעמדע ביי איר מאַן.

ביי אַט־די געדאַנקען קלאַפּט ווי מיט האַמערס איר האַרץ. אַן אומרואיקייט טרייסלט־אויף אירע געפילן. זי וויל נישט אַוועקגיין „אויף פּראָבע", און זי האָט מורא, זי זאָל שפּעטער חלילה נישט דאַרפן צוריקקומען. פאַר דעם ציטערט זי. איך וועל קיין חוזק פון זיך נישט מאַכן. „אויב איך וועל אַוועקגיין, וועט דאָס מוזן אַזוי פאַרבלייבן!" — רעדט זי צו זיך.

אַמאָל כאַפּט זיך נאָך אַריין צו איר אַ האָפענונג, אַז הערשל וועט זיך באַקלערן, ער וועט אָנהייבן פאַרשטיין, אַז אַזוי טויג נישט. נאָר הערשל פירט זיך אַלץ אַזוי ווי אַלעמאָל.

אין אַ יום־טובדיקן טאָג איז ער ערגעץ אַוועק, נישט געזאָגט קיין וואָרט וואוהין ער גייט, און ווען ער וועט קומען.

פאַרן אַליין אין אַ יום־טוב צו עמעצן אפילו פון אירע נאָענטע פריינט, האָט זי זיך געפילט אומבאַקוועם. האָט זי זיך אַרומגעדרייט, נישט געקאָנט זיך געפינען קיין אָרט. דער פאַרדרוס האָט ביי איר אָפּגענומען דעם חשק צו לייענען אָדער זיך צוצוהערן צו מוזיק. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל מיט זיך טאָן.

מיטאַמאָל גיט זי צו זיך אַ זאָג: — מער קאָן איך אַזוי נישט לעבן! כ'וועל אַוועק, אויב כ'וועל נישט קאָנען אַכטונג געבן אויפן קינד, וועל איך גיין אַרבעטן ביי וואָס ס'וועט זיך לאָזן.

זי איז אַוועקגעפֿאָרן צו איר טאָכטער — אַנטפּלעקן פֿאַר איר דעם געדאַנק, וואָס זי וויל טאָן.

די טאָכטער האָט אויפֿגענומען די נייעס נישט מיטן גאַנצן האַרצן. רואיק, ערנסט, האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז דיין זאַך, דיין לעבן.

גאָלדע האָט זיך נאָך לאַנג גע׳ישוב׳ט און ענדלעך זיך אָנגענומען מיט מוט, פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן אַרויסצוקלייבן פֿון איר היים.

ס׳איז איר שווער איינצופּאַקן די זאַכן. זי פֿילט, אַזוי ווי די בלוטן וואָלטן אין איר געגליווערט. זי נעמט אַרויס די זאַכן פֿון שופֿלאָד, באַקוקט זיי און לייגט זיי אַריין צום פֿאַרפּאַקן. זי טוט דאָס אַזוי, אַז הערשל זאָל נישט זען, ער זאָל נישט וויסן פֿון איר באַשלוס. נאָר אַמאָל כאַפּט זיך גראַד אַריין צו איר אַ פֿאַרלאַנג, ער זאָל דווקא יאָ באַמערקן. זי וואָלט וועלן זען, וואָס ער וועט דאַן טאָן. זי נעמט אַרויס אירע קליידער, בלייבט שטיין און קוקט אין דער ליידיקייט אַריין. ביי דער שאַפֿע, ביי יעדן אויסגעליידיקטן שופֿלאָד, שטייט זי לאַנג און קוקט מיט אירע מאַטגעוואָרענע אויגן. זי רוקט זיך אָפּ פֿון אָרט פּאַמעלעך און שווער.

אין האַרצן ווערט איר אויך פּוסט, ליידיק, אַזוי ווי אין די שופֿלאָדן.

דעם לעצטן טאָג אין איר הויז באַטאַפּט זי יעדעס שטיקל מעבל, וואָס זי האָט אַלע יאָרן געפּוצט. דאָ גיט זי אַ ווישׁ, דאָרט אַ גלעט, אַזוי ווי זי וואָלט מיט באַדויער דאָס געצערטלט און מיט דעם זיך געזעגנט.

ווען זי איז שוין גרייט צו פֿאַרלאָזן די שטוב, דרייט זי זיך נאָך אַלץ אַרום, גייט פֿון איין צימער אין אַנדערן. זי קוקט נערוועז אין אַלע ווינקלען. דער געדאַנק אַרבעט נישט ווי געהעריק. זי איז צעטומלט. דאָ שטעלט זי אַוועק אַ כּלי, דאָרט פֿאַרמאַכט זי אַ טירל. מיטאַמאָל כאַפּט זי פּאַפּיר מיט אַ בלייַשטיפֿט און שרייבט צו הערשלען:

„איך האָב איינגעזען, אַז דיר איז ליבער צו גיין מיט וועמען־עס־איז טרינקען אַ טעפּל קאַווע, ווי אַהיים קומען, זיין מיט מיר. וועל איך דיר מער דאָס נישט שטערן. איך האָב זיך באַרעכנט, איידער צו זיין אין איין הויז און זיך פֿירן ווי פֿרעמדע, איז בעסער צו זיין באַזונדער״.

זי האָט אַ כאַפּ־געטאָן די וואַליזעס און געבליבן שטיין ביי דער טיר, אַזוי ווי זי וואָלט געוואַרט, געוואָלט הערשל זאָל די מינוט אָנקומען, ער זאָל אַרויסרייסן די וואַליזעס פֿון אירע הענט, נישט דערלאָזן זי זאָל מאַכן דעם שריט.

זי איז נאָך אַזוי לאַנג געשטאַנען, געקוקט אויף דעם אַלעמען וואָס זי לאָזט איבער.

מיטאַמאָל האָט זי האַסטיק אָן עפּן־געטאָן די טיר און שנעל צוגע־שלאָסן, אַז די שכנים זאָלן זי נישט זען.

ווען הערשל איז אַהיים געקומען, האָט אים דאָס בריוול אַ שטאָך־געטאָן אין די אויגן. ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן דאָס פּאַפּיר און איבערגע־לייענט. אַז ער האָט דערזען, גאָלדע איז פון אים אַוועק, זי האָט אים איבערגעלאָזט, האָט ער זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט ביים האַרץ:

— גאָלדע, טייערע גאָלדע! וואָס האָסטו געטאָן? אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. ס'איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז דיך פאַרדריסט אַזוי שטאַרק מיין אָפּוועזנקייט. איך בין געווען זיכער, אַז דו ביסט שוין צוגעוואוינט, אַז דיך אַרט נישט מער וואו איך גיי, ווען איך קום, — האָט ער גערעדט הויך אויפן קול, אַזוי ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר זיינע אויגן.

— גאָלדע, טייערע, דו האָסט דאָך מיר פאַרשעמט! ווי אַזוי וועל איך ווייזן מיין פּנים, עפּענען די אויגן פאַר מענטשן? — האָט ער שוין שטי־לער גערעדט צו זיך, געבראָכן די הענט, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

ווי אַ געריר־טער פון זינען איז ער אַרומגעלאָפן איבער די צימערן, גלייך ער וואָלט זי געזוכט, געמיינט, ער וועט זי ערגעץ געפינען. מיט־אַמאָל בלייבט ער שטיין אַ פאַרטראַכטער, נאָר באַלד הייבט ער ווידער אָן רעדן צו זיך. דורך זיינע ציטערדיקע ליפּן פליסטערט ער אַרויס:

— וואָס האָט זיך געטאָן מיט מיר? פאַרוואָס בין איך טאַקע געווען אַזוי ווייניק מיט גאָלדען אינדערהיים? איך בין דאָך גאָרנישט געווען אַזוי פיל פאַרנומען. פאַרוואָס טאַקע פלעג איך לאָזן גאָלדען וואַרטן.

ער האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. נישט געוואוסט וואוהין גאָלדע איז אַוועק.

ער וועט טעלעפאָנירן צו דער טאָכטער, דערציילן איר, וואָס די מאַמע האָט אָפּגעטאָן, פאַלט אים איין. ער לויפט־צו צום טעלעפאָן און בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. אפשר אָנקלינגען צום זון? ער וויל אויפהייבן דאָס טרייבל, נאָר זיין האַנט ציט זיך צוריק. וואָס וועט ער זיי זאָגן? ניין, ער קאָן איצט נישט רעדן מיט די קינדער, — זאָגט אים אונטער אַ געדאַנק.

ער פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן און שפּאַנט איבערן צימער. ער דערמאָנט זיך אין אָן אַ שיעור קלייניקייטן, פאַרשידענע נאַרישקייטן,

וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, און פון וועלכע גאָלדע האָט געליטן, און ער האָט נישט געוואָלט וויסן, אַז איר טוט דאָס וויי — איז פּלוצלינג אַ חרטה־געפיל אים באַפאַלן. אַ פלאָנטער פון זיין לעבן האָט זיך אָנגעהויבן וויקלען אין זיין געדאַנק; פון זיינע חלומות, וואָס ער האָט ווען־עס־איז געהאַט, האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָזט אַן אַנטוישונג.

ער האָט געטראַכט: אַלע פּעדים פון זיין לעבן האָבן זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן, און בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואוסט, נישט געגנוג געטראַכט, ווי אַזוי אָנצוהאַלטן זיין אייגענעם שלום־בית.

ער וואָלט איצט אַוועקגעגעבן יאָרן פון זיין לעבן, ווען ער קאָן צוריקברענגען גאָלדען, צו זיין מיט איר צוזאַמען, דערפילן אויפדאָסניי איר צערטלעכקייט, איר אַמאָליקע ליבשאַפט צו אים.

ענדלעך באַשליסט ער טעלעפאָנירן צו דער טאָכטער, דערציילן איר וואָס ס׳האָט פּאַסירט. ער גייט־צו פאַמעלעך צום טעלעפאָן, נעמט אַראָפּ דאָס טרייבל און האַלט עס אין זיין ציטערדיקער האַנט.

מיטאַמאָל, שטאַרק נערוועז, הייבט ער אָן דרייען די נומערן. ער רופט די טאָכטער, שרייט־אַריין אין טעלעפאָן: „פּעני, פּעני!" נאָר ער הערט אַ פרעמדע שטים: „צו וועמען ווילט איר רעדן? נישטאָ דאָ קיין פּעני!".

ער גיט האַסטיק אַ לאָז־אַראָפּ דאָס טרייבל, דרייט נאָך אַמאָל די נומערן, ווידער אַ טעות.

— וואָס איז געשען? — רעדט ער צו זיך אַן אויפגערעגטער. ער געדענקט אַזוי גוט זיין טאָכטערס טעלעפאָן־נומער, און דאָ, צום צווייטן מאָל, אַ טעות.

ער פּרובירט זיך באַרואיקן. קוקט פאָרזיכטיק אויף יעדן נומער. מיט אומזיכערקייט הערט זיך שוין צו צו דער שטים אויפן טעלעפאָן.

ער הערט ווידער אַ פרעמד קול. — איך וועל שוין בעסער אַהין צופאָרן, זי פרעגן צי זי ווייסט וואו די מאַמע איז. — פאָרנדיק צו דער טאָכטער טראַכט ער: — איך זאָל נאָר זיך דערוויסן וואו מיין גאָלדע איז, וועל איך זי שוין איבערבעטן. זי וועט מוזן אים אַנטשולדיקן און אַהיים קומען. ער וועט איר צוזאָגן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ער וועט פון איצט־אָן זיך רעכענען מיט אירע פאַרלאַנגען. זי וועט אים מוזן גלייבן: ער וועט זי איבערצייגן, אַז ער וועט איבזינען האָבן איר וואוילזיין. ער וועט טאָן וואָס ער וועט נאָר קאָנען, אַז זי זאָל זיין צופרידן, און ער איז פול מיט האָפענונג, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן צוריקצוברענגען גאָלדען.

אין אַ וועלט פון בערג

אַז מען פאָרט אַרויס פון דעם רווישיקן ניו־יאָרק, ווערט דער וועג היני־טער דער שטאָט אָנגענעם און ליב.

יעדעס גרעזל, יעדער געוויקס, ווערט אייגן, נאָענט.

גיט אַ ווינטל אַ יאָג די בלעטער, דאַכט זיך, אַז די ביימער פאַרנייגן זיך, באַגריסן און באַגלייטן די פאַרבייפאָרער, ווי ליבע גוטע פריינט.

באַווייזן זיך בערג אויף בערג, באַוואַקסענע מיט ביימער און קוס־טעס, ווי קודלאַטע ריזן וואָלטן געדוט ביים אָנגעשפּאַרטן הימל, זיך גע־טוליעט, איינגעפּרעסט איינס אין אַנדערן.

זייערע שפּיצן שעמערירן מיט זון־בליאַסק, ווי גאָלדענע קרוינען.

ערטערווייז שיינען די בערג מיט העלער גרינקייט, אַנדערע מיט טונקל־סאַמעטענער גרינקייט. דאָרט וואו אַ העכערער באַרג פאַרשאָטנט אַ נידעריקערן, פאַלט־אַריין די טונקל־גרינקייט אַזש אין שוואַרצקייט, זעט עס אויס ווי די קוסטעס וואָלטן דאָרט געוווען אָפּגעברענט, פאַרסאַזשעט.

דערזעט מען ערגעץ אַ קו זיך פּאַשען אויפן פעלד, ווערט גאָר היימ־לעך: עס דערמאָנען זיך די לאָנקעס פון דער „אַלטער היים".

פלוצלינג פאַרבענקט מען זיך נאָך די קאָרן־און ווייץ־פעלדער מיט די בלויע און ליליע־בלימעלעך, וואָס וואַקסן צווישן די קאָרן־זאַנגען, וואָס מען זעט דאָ נישט ביי די אַרומיקע ניו־יאָרקער וועגן.

קומט מען צו דעם באַרימטן אָרט, וואָס רופט זיך „אַסעמבל קאַזם", ווערט מען פאַרכאַפּט פון אַן אַנדער בילד: מענטשן גייען אַרויס פון אויטאָמאָבילן. קומען באַקוקן גאָטס וואונדער, וואָס וואַסער האָט אויפ־געטאָן מיט שטיין. די מענטשן זענען אָוועק פון זייער וואָכעדיקער אַר־בעט, האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טאָג־טעגלעכע דאגות, אויסגעפּוצטע אין קאָלירפולע זומער־קליידער, זעען זיי אויס געמיטלעך און יום־טובדיק.

ס'איז שווער צו וויסן, צי די אומרואיקייט און שרעק פון מלחמה־געפאַר, שטערט דאָ די מענטשן זייער וואַקאַציע. אַהער זענען מענטשן געקומען האָבן פאַרגעניגן, זיך אָנגעמען מיט נאַטור־שיינקייט.

גייט מען שטאָק־אויף־שטאָק צווישן ריזן־הויכע שטיינער־ווענט. מען שטעלט זיך אָפּ קוקן ביי פאַרשידענע פעלזן־שפּאַלטן, נאָרעס, וואָס דער וואַסער־שטראָם האָט דורך אומצייליקע יאָרן פאָרמירט. מען וויל מיטן אויג דערגרייכן די שפּיצן פון די ריזן שטיינער־ווענט. הייבט־אָן מישן אין קאָפּ פון דער הויכקייט. קוקט מען אַראָפּ, וואו עס שטראָמט דער שמאָלער וואַסער־פּאַס. מישט זיך ווידער אין קאָפּ פון דער וויטקייט, אָבער מען האַלט אין איין קוקן. דאָס אויג קאָן זיך נישט אָנזעטיקן. דאָס וואַסער לויפט שטורמיש מיט אַ ווילדן געיעג, שפּרינגט־אַריבער אַרויסגעשטאַר־טשעטע שטיינער, קלאַפּן זיך אָן אין די שטיינערנע ווענט. ס׳דאַכט זיך, אַז פון די זייטיקע שטיינער — פליסן שטורמישע שטראָמען.

רייסט מען אָפּ די אויגן פונעם וואַסער, קוקט מען אויפן וואַלד, וואָס וואַקסט אויף די שטיינער. דער גרעסטער וואונדער איז, וואָס ביימער האַלטן זיך ביי די גלייכע זייטן פון די שטיינער, ווי מען וואָלט זיי צוגע־טשעפּעט. ס׳איז שווער צו גלייבן די אייגענע אויגן, ווי אַזוי די ביימער קאָנען זיך האַלטן און וואַקסן ביי די זייטן פון אַ שטיין, וואָס האָט נישט קיין באָדן אונטער זיך.

אין ניו־העמשיר גייט מען זען דעם „פראַנקאָניאַ נאָטש״, וואו אַ „קעיבל״ ציט אַרויף אין אַ „קאַסטן מיט פענצטער״ די מענטשן פיר טויזנט פוס הויך. קומט מען אַרויף אַהין, דאַרף מען נאָך גיין עט־לעכע הונדערט פוס צו דערגרייכן דעם שפּיץ. שטייט מען און מען קוקט אויף דער אַרומיקער באַרגיקער וועלט, וואָס מען זעט טייל בערג באַ־וואַקסענע מיט ביימעלעך און גראָז, און טייל בערג זענען נאַקעטע, ווי אָפּגעגאָלטע, פליכעוואַטע.

פון דאָרט פאָרן מיר צום „וואַשינגטאָן מאַונטעין״, וואָס איז זעקס טויזנט פוס הויך. דער טאָג איז אַ וואָלקנדיקער. דאַכט זיך, אַז די בערג רויכערן זיך און פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט. ווען דאָס איין־וואַגאָנעדיק באַנעלע פירט־אַרויף די מענטשן, דערפילט מען זיך, ווי מען זאָל זיין אין די וואָלקנס.

דערנאָך פאָרן מיר צום „גראַפאָרט נאָטש״. ביי דער זייט אָס־פאַלטענעם וועג פליסט אַ שמאָלער טייך. שטיל און רואיק, ווי אַ גוט־מוטיקער פריילעכער שכן. ערטערווייז פאַרשטעלן די ביימער דעם טייך, ווי ער וואָלט פאַרלוירן געוואָרן. דאָרט וואו די ביימער זענען שיטערער, באַווייזט זיך ווידער דער טייך מיט זיין שפּיגל־גלאַנץ. עס ווערט פריילעך מיטן שמאָלן לויטערן טייך ביי דער זייט.

דער וואַשינגטאָן-באַרג און דער פּלימוט פּעלדז

אַז מען באַזוכט דעם איבער זעקס טויזנט פוסיקן וואַשינגטאָן־באַרג (מאַונט וואַשינגטאָן, אין ניו־העמשיר) גייט לאַנג נאָך דער איינדרוק פון דער הויכקייט און דער וועג, וואָס פירט אַהין און צוריק.

עס פאַרבלייבן אין זכרון די ניט־באַוואַקסענע, ווי מדבר־נאַקעטע שטיינער, וואָס ליגן צעשפּאַלטענע, ווי עמעצער וואָלט זיי צעקלאַפּט אויף שטיקער און אַנגעוואָרפן די בערג, און אויך די כמעט־מדבר־נאַקעטקייט, מערקט זיך, אַז אויך דאָרט רייסן זיך פון ערגעץ געוויקסן צו באַלעבן די נאַקעטע פאַרוואָרלאָזטע שטיינער.

אָבער צופיל נאַרונג פאַרביימער, זיי זאָלן קאָנען וואַקסן און זיין גראַ־ציעז, איז דאָרט, ווייזט אויס, נישט פאַראַן. וואַקסן ערטערווייז מאָגערע ביימלעך נידעריק און צעכראַסטעט, אָבער זייער גרינקייט באַפּוצט די מדברדיקע ליידיקייט. עס קוקט אויס, אַז אפילו די מאָגערע געוויקסן, קאָ־נען אויך נישט אומעטום זיך לאַנג אויפהאַלטן ביים לעבן און זיי שטאַרבן־אָפּ. זייערע צווייגן פאַלן אַראָפּ, בלייבן ליגן אויף די שטיינער. זיי שפּרייטן זיך אויס מיט זייער צעכראַסטעטקייט, ווי אויסגעקרימטע גלי־דער, געדרייטע ווי שלאַנגען. טייל זעען אויס ווי אַרויסגעשלעפּטע, גראָבע, צעוואַקסענע וואָרצלען, וואָס האָבן פון דער טרוקנקייט געקראָגן אַ העל־גרויען קאָליר. אונטערן בליאַסק פון דער זון זעען אויס די אויסגעדאַרטע צווייגן ווי פאַרלעגענע שטיקער זילבער, אָנגעוואָרפן איבער צעהאַקטע שטיינער ווי זיי וואָלטן זיך וועלן צונויפטשעפּען איינע מיט די אַנדערע, זיך פאַרבינדן און אויספלעכטן זילבערנע נעצן.

עס שטייט אויך לאַנג פאַר די אויגן דער פּרעכטיקער גראַפּאַרט נאָטש, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויסגעבויטן, טיף־רונדיקן קאַסטן, פאַר־מאַכט פון אַרומיקע ריזיקע בערג, וואָס האָבן זיך צונויפגעקלאַמערט אין איין זייט ווי איינגעשלאָסענע הענט און אין אַן אַנדער זייט ליגן זיי איינס אויפן אַנדערן, ווי כוואַליעס אויף אַ רואיקן טייך. אויף איין זייט זעען זיי אויס ווי איינגעפלאָכטענע צעפּ וואָלטן זיך געצויגן.

אָט־די צונויפגעוואַקסענע בערג שפּיגלען זיך אין דעם רונדיקן, לויטערן וואַסער, וואָס באַוועגט זיך שטיל און פּאַמעלעך צופוסנס פון די דרימלענדיקע באַגרינטע בערג, פון וועלכע עס וויל זיך נישט אָפּרייסן די אויגן.

פאַרנדיק ווייטער דערזעט מען מיטאַמאָל אַ וואַסערפאַל, וואָס פליסט

אַראָפּ מיט שטורעם פון אַ ריזיקן שטיינערנעם באַרג, שטעלט מען זיך אָפּ קוקן און דאָס אויג כאַפּט־אויף:

אויף אַ וואַנט פון גרינעם וואַלד האָט דער וואַסערפאַל אָפּגעשווענקט יעדן געוויקס, אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַ גלייכן וועג, וואו עס זעט זיך אַרויס ווי רוי־פלייש דער נאַקעטער. גאָלד־געלער שטיין.

די אַנטקעגנדיקע זון־שטראַלן, ווי פייערדיקע ריטער, פאַרהאַלטן זיך אויפן וואַלדיקן באַרג און צינדן מיט פלאַם דעם גאָלד־געלן שטיין מיטן וואַסערפאַל, וואָס שעמערירט מיט גאָלדיקן גלאַנץ, גלייך ווי אמתדיק גאָלד וואָלט פון אונטער דעם שטראָם אַרויסגעשיינט.

אין פלימוט, מאַסאַטשוזעטס, וואו עס שטייט געאַנקערט די נישט־לאַנג פאַרענדיקטע קאָפּיע פון דער שיף „מעיפלאַוער", אויף וועלכער מען האָט לאַנג געאַרבעט, אַז זי זאָל אויסקוקן פונקט ווי יענע שיף, אויף וועלכער די ערשטע פילגרימס זענען אַהער אָנגעקומען.

דאָרט גייט מען באַזוכן דעם באַרימטן „פלימוט ראָק", ביי וועלכן די פילגרימס האָבן געלאַנדעט. נאָר דער דאָזיקער פעלז איז נישט קיין גרויסער. עס דאַכט זיך, ווען דריי מענטשן זעצן זיך אַוועק אויף אים זעט מען אים נישט אַרויס.

מענטשן שטייען און קוקן אויף אָט־דעם שטיין, אַרום וועלכן ס'איז אויפגעשטעלט אַ געצעלט מיט אַ פאַרצאַמונג פון פיר דיקע צעמענט־סלופּעס מיט אַ דאַך, וואָס קוקט אויס ווי אַ חופּה.

די פאַרצאַמונג איז געמאַכט, מען זאָל נישט קאָנען צוקומען און אָנרירן דעם שטיין, גלייך עס וואָלט דאָרט געלעגן אַ הייליקטום.

אַז עס האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַ צאָל טוריסטן אַרום דעם פאַר־צאַמונג־געשטעל, איז באַלד צוגעקומען אַ סימפּאַטישער בחור מיט ברייטע, איבער די קני אַריבערגעוואָרפענע, גרינע הויזן, מיט אַ ברוינער לאַנגער בלוזע און מיט אַ ברייטן, שוואַרצן הוט. ער איז אָנגעטאָן אין די מלבושים פון דעם מין, וואָס די פילגרימס האָבן געטראָגן.

זיינע שוואַרצע אויגן נעמען־אַרום דעם עולם„ פון זיין בליק פאַר־שטייט מען, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. קוקט מען אים אין מויל אַריין. מען וואַרט אַ ווילע, און ער הייבט־אָן מיט אַ זיכערן טאָן צו דערציילן די געשיכטע פון די ערשטע פילגרימס, ווען און וואו זיי האָבן געלאַנדעט און ווי אַזוי זיי האָבן דאָ אָנגעהויבן בויען זייער היים.

איבער גרענעצן

אין אַ פֿאַרנעפּלטן פֿרימאָרגן, סוף זומער 1930, האָט מען אין דער שטאָט ב. אין האַלב־פֿאַשיסטישן פּוילן, אויף ברייטע, פּלאַכע שטיינער פֿון אַ שמאָלן הינטער־געסל, געפֿונען אַ דערשאָסענעם דעם נײַן־און־צוואַנציק־יאָריקן פּראָוואָקאַטאָר, וואַצעק סטעפּאַן.

פֿון שטוב צו שטוב האָט זיך באַלד פֿאַרשפּרייט די נײַעס. די גאַנצע שטאָט איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט אומרו. אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט די מענטשן. יונג און אַלט זענען פֿאַרציטערט געוואָרן.

מיטאַמאָל איז פֿאַרשוואונדן די רואיקייט. ווי אַ בייזער געוויטער וואָלט פּלוצלינג זיך אָנגעיאָגט מיט אכזריות אויף דער שטאָט. מענטשן זענען געוואָרן צעטרייסלט, אויפגערודערט פֿון גרויס שרעק.

די שטאָט־רעגירונג האָט רציחהדיק זיך צעקאָכט. די זשאַנדאַרן האָבן געשטורעמט; די פּאָליציי האָט זיך צעבושעוועט. ווי ווילדע פֿערד האָבן זיי זיך צעלאָזט, איבערגעפּאַלן היימען מיט רוגזה, אָפּגעשטעלט מענטשן אויף די גאַסן, אַרעסטירט וועמען ס'איז זיי געקומען צו דער האַנט. טאָג און נאַכט האָבן זיי געניששטערט אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטאָט, אויסגעפֿרעגט, געפּייניקט מענטשן, כּדי צו דערגיין ווער ס'האָט דערשאָסן וואַצעקן.

אינמיטן נאַכט האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן אין היימען, אַרויסגעשלעפּט פֿאַרשלאָפֿענע מענטשן פֿון די בעטן, פֿאַרשפּאַרט זיי אין תּפֿיסות. די אַרעסטירטע האָט מען מערדערלעך געשלאָגן, געמאַטערט, זיי זאָלן אויסזאָגן, דערציילן, ווער ס'האָט „אָװעקגעלייגט" דעם פּיפּיקן, דורכגעטריבענעם פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט זיך פֿאַר קיינעם נישט געשראָקן. אַן אויסגערוטער איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען פֿראַנק־און־פֿרײַ איבער די גאַסן. ווי אַ שפּיר־הונט, האָט ער געגאַרעט, געזוכט צו דערשמעקן ערגעץ אַ קרבן צו ברענגען צו דער פּאָליציי, ווײַזן זײַן „גרויסקייט", וואָס ער קאָן אויפטאָן.

וואַצעק האָט זיך „אויסגעצייכנט" אין זײַן מיאוסער אַרבעט אַלס שפּיאָן. ער האָט געקאָנט צוטראַכטן פֿאַרשידענע בלבולים, כּדי צוצושטעלן קרבנות; צו ווײַזן, אַז ער קאָן די מלאכה.

די קרבנות זענען מערסטנס געווען יונגע בחורים און מיידלעך. באַזונדערס האָט וואַצעק געזוכט צו פֿאַרשפּאַרן יידישע יוגנטלעכע. זייער פֿיל אומשולדיקע זענען דורך אים אַרײַנגעפּאַלן אין טורמעס, וואו זיי זענען פֿון די פּייניקונגען ממש פֿאַרקריפּלט געוואָרן. אַנדערע זײַנען אומגעקומען.

נאָך פיל אַרעסטן האָט די נאַטשאַלסטווע נאָך אַלץ נישט געקאָנט דערגיין, ווער ס׳איז דער שולדיקער אין וואַצעקס טויט. די פּאָליציי האָט אַרומגעזוכט דעם זעקס־און־צוואַנציק־יאָריקן לעאָן שוסטער. דער פּראָ־וואָקאַטאָר האָט פון לאַנג געהאַט אויף אים אַן אויג; ער האָט נאָר געזוכט עפּעס אַ תירוץ צו קאָנען פאַרשפּאַרן לעאָנען אין תפיסה. ער איז שוין אַמאָל דורך וואַצעקן געווען אַרעסטירט, אָבער עס זענען נישט געווען קיין באַווייזן, אַז ער איז אין עפּעס שולדיק. האָט מען אים אַ שטיק צייט געהאַלטן אונטער אַרעסט, געפּייניקט און אַרויסגעלאָזט. איצט האָבן זיך די פּאָליציי־לייט פאַרנומען לעאָנען צו געפינען און אים אַרעסטירן, כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן באַוויז, אַז ער האָט וועלכע־עס־איז שייכות מיט וואַצעקס מאָרד.

לעאָנס פאַמיליע־נאָמען איז צווישן דעםברייטן עולם נישט געווען באַקאַנט. ער איז געקומען פון אַ קליין שטעטל אַרבעטן אין דער גרוי־סער שטאָט, האָט מען אים גערופן לויט זיין פאַך: לעאָן שוסטער.

אין דער בהלה, בעתן זוכן די שולדיקע אין וואַצקעס טויט, האָט לעאָן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט, געלעגן אין אַלערליי פּלעצער, וואו געטאָגט נישט גענעכטיקט. מערסטנס האָט ער זיך געפונען הינטער דער שטאָט, אין פאַרוואָרפענע געסלעך, ביי באַקאַנטע אין פינצטערע קאַמערן, אויף בוידעמער, אין קעלערס און אין שטאַלן. די מענטשן ביי וועמען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, זענען צוליב דעם אויך געווען אין געפאַר. זיי האָבן ריזיקירט מיט זייער אייגענער פרייהייט. דאָס אויסבאַהאַלטן זיך איז פאַר אים געוואָרן אַלץ שווערער.

כדי צו ראַטעווען זיך, נישט אַריינצופאַלן אין די מערדערלעכע פּאָ־ליצייאישע הענט, איז געווען איין אויסוועג: אַנטלויפן פון פּוילן וואו־הין עס וועט זיך לאָזן.

לעאָן האָט אַליין נישט פאַרמאָגט קיין גראָשן. ווען ער האָט געאַרבעט, האָט ער מיט אַנדערע געטיילט זיינע פאַרדינסטן. ער איז געווען גרינג צו געבן אַ זלאָטע, וואו נאָר ס׳איז געווען נויטיק. איצט, אַז די פּאָליציי זוכט אים אַרום, קאָן ער נישט אַרבעטן און ער מוז אָנקומען צו פריינט, זיי זאָלן אים אַרויסהעלפן. ער האָט דערפון שטאַרק געליטן. ער האָט פיינט געמען ביי יענעם. זיין לאַגע איז פאַר אים געוואָרן אומדערטרעג־לעך. יעדע מינוט איז זיין לעבן, און דאָס לעבן פון די, ביי וועמען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, געשטאַנען אין קאָן.

פריינט האָט לעאָן געהאַט אַ סך. ווער עס האָט אים געקאָנט האָט

אים ליב געהאַט. ער רעדט נישט קיין סך; אַ שטילער, געלאַסענער בחור; זיינע ווערטער האָט ער געוואויגן און געמאָסטן. סתם אין דער וועלט אַריין האָט ער פיינט צו רעדן. זיין פאַנטאַזיע פאַרפליט נישט אין די הימלען. צוליב זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ערנסטקייט האָט מען אים ליב.

זיינע ברוינע, גוטמוטיקע אויגן שטראַלן מיט אַ צאַרטער ווייכקייט. אַמאָל קאָן אים פאַרקלעמען ביים האַרץ, ווען ער זעט ביי עמעצן אַן איינ־געשניטענעם פינגער; און אַמאָל קאָן ער זיין האַרט ווי אַ שטיין. ווען אַ שונא פון פאָלק זאָל פאַלן פאַר זיינע אויגן, וועט עס אים קיין ריר נישט טאָן.

ווען לעאָן רעדט אויף אַ פאַרזאַמלונג צו אַרבעטער, דאַכט זיך, אַז די נאָזלעכער פון זיין צעפּלאַטשטער נאָז צעשפּרייטן זיך, ווערן ברייטער, אָטעמען אי מיט ליבשאַפט צו זיינע מיטמענטשן, אי מיט שנאה צו די פיינט פון די אַרבעטער. ער איז אָפט שטאַרק געוואַגט, טרעט־אַרויס שאַרף מיט זיין וואָרט, צו שטויסן פאָרויס דעם גאַנג פאַר אַ בעסער אַרבעטער־לעבן.

כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין פאָרמעלע בילדונג, מען זאָל אים קאָנען פאַררעכענען פאַר „אַ געלערנטן מענטשן״, האָט מען אין די אַרבעטער־קרייזן געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ לערער, אַ וועג־ווייזער, אַ פירער. אפילו זיינע אידייאישע קעגנער האָבן פאַר אים געהאַט דרך־ארץ. מען האָט אים רעספּעקטירט פאַר זיין אויפריכטיקייט, פאַר זיין ערלעכקייט.

איצט, ווען זיין לעבן ווערט באַדראָט, האָבן זיינע פּילצאַליקע פריינט באַשלאָסן צו קריגן עמעצן, ווער ס׳זאָל אים אַריבערשוואַרצן איבער דער פּוילישער גרענעץ.

חברה האָבן זיך ענערגיש גענומען דורכצופירן די אַרבעט. חוץ דעם וואָס מ׳האָט געמוזט באַצאָלן אַ היפּשע סומע פאַרן אַריבערשמוגלען די גרענעץ, האָט מען באַדאַרפט אים באַזאָרגן מיט אַ פאַרבינדונג, ווען ער וועט זיין אויף יענער זייט גרענעץ. ווער עס זאָל אים באַגעגענען, אים העלפן זיך איינאָרדענען. די פריינט האָבן באַזאָרגט אַ „מאַכער״, וואָס וועט אים אַריבערפירן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. דאָרט האָט אים געזאָלט איינער אָפּוואַרטן און העלפן אים קריגן אַ וואוינונג און אַרבעט.

* * *

די אַכצן־יאָריקע סאַלע געווירץ, וואָס האָט צוליב איר קליין־געוויק־סיקייט און דאַרקייט אויסגעקוקט ווי אַ קינד, איז אויך אַרומגעזוכט גע־וואָרן דורך דער פּאָליציי. סאַלע איז געווען אַ טאָכטער פון פּאַרמעג־לעכע, באַלעבאַטישע עלטערן. זיי זענען געווען שטאַרק אומצופרידן פון איר באַטייליקן זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

סאַלע האָט זיך דערוואוסט, אַז „חברה״ גרייט זיך אַוועקשיקן לעאָנען פון פּוילן, איז זי צוגעשטאַנען, מען זאָל פּאַר איר מאַכן די זעלבע צו־גרייטונגען: זי וויל אַנטלויפן צוזאַמען מיט אים. זי טענהט: — די פּאָליציי איז שוין צוויי מאָל געווען ביי אונדז אין שטוב זיך נאָכפרעגן אויף מיר. צום גליק בין איך ביידע מאָל נישט געווען אין הויז. זיי האָבן איבערגעדרייט די שטוב. אין מיין צימער האָבן זיי געפונען צוויי אומ־לעגאַלע בראָשורן; זוכן זיי מיך אַרום. מיינע עלטערן זענען אין איין ציטערניש. שוין וואָכן, אַז איך שלאָף נישט אינדערהיים. איצט, אַז לעאָן קלייבט זיך אַריבערשוואַרצן די גרענעץ, וויל איך צוזאַמען מיט אים — אַנטלויפן, איידער ס'ווערט צו־שפּעט. איך וויל נישט אַריינפאַלן אין טורמע. איך וויל זיך אויך ראַטעווען. מיט לעאָנען האָב איך אַ גוטע געלעגנהייט.

זי ווייסט אָבער, אַז אירע עלטערן וועלן נישט דערלאָזן, זי זאָל אַוועק מיט לעאָנען, מוזן די פריינט איר געבן אויף הוצאות, באַזאָרגן זי מיט אַלעם נייטיקן. די עלטערן טאָרן דערפון גאָרנישט וויסן.

די קליינע סאַלע, וואָס איז אַלעמאָל געווען שטיל ווי אַ טויב, איז פּלוצלינג געוואָרן שטאַרק צודרינגלעך. זי האָט געפאָדערט מיט איינגע־שפּאַרטקייט: נישט אַנדערש, נאָר זי מוז פאָרן צוזאַמען מיט לעאָנען.

ווייסנדיק, אַז זי ווערט פאַרפאָלגט, האָבן די פריינט, די טוער, נישט געקאָנט זיך שטעלן קעגן. לעאָן, אָבער, האָט נישט געוואָלט איינגיין דערויף, אַז סאַלע זאָל צוזאַמען מיט אים שוואַרצן די גרענעץ. — אַ דורכ־פאַל פון איינעם קאָן אַריינשלעפּן דעם צווייטן, — האָט ער געטענהט. — איינער דעם אַנדערן קאָן זיין אַ לאַסט. ס'טויג נישט, זי זאָל גיין מיט מיר, — האָט ער אָפן געזאָגט די פריינט. — ווי עס מאַכט זיך מיט מיר, אין אַזאַ ריזיקאַלישן וועג, וויל איך נישט האָבן קיין צולאָג, דעם קלאָפּאָט צו זאָרגן זיך פאַר איר. ביים אַנטלויפן וועט זי זיין אַן עול אויף מיין קאָפּ, אָדער פאַרקערט: דורך מיר קאָן זי נאָך אויך דורכפאַלן. איך וויל נישט זיין צו עמעצן צוגעבונדן. אַז זי וויל, קאָן זי גיין באַזונדער. איך וועל

וואַרטן אויף איר אויף יענער זייט גרענעץ. דער זעלבער מענטש, וואָס וועט וואַרטן אויף מיר, וועט וואַרטן אויף איר אַ טאָג אָדער צוויי טעג שפּעטער.

אָבער סאַלע האָט זיך מיט אַלע כּוחות איינגעשפּאַרט: זי מוז גיין מיט לעאָנען צוזאַמען.

זי איז באַשטאַנען אויף אירס. זי האָט געפילט, אַז מיטן הויכן, ברייט־פּלייצעדיקן לעאָנען, וועט זי זיין באַשיצט; אַליין קאָן זי אַזאַ שריט זיך נישט אונטערנעמען.

סאַלע האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו לעאָנס וואָרט; קיינמאָל נישט דערוועגט זיך קעגנצושטעלן זיינס אַ געדאַנק — און דאָ וויל זי נישט וויסן פון זיין מיינונג. זי האָט אַזוי פיל „פּאַראַרבעט", ביז לעאָן האָט ענדלעך צוגעשטימט, געמוזט נאָכגעבן איר פאַרלאַנג.

די פריינט האָבן איצט געהאַט אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: זיי האָבן גע־דאַרפט באַזאָרגן פאַרביידע די אויסגאַבן מיט אַלעם נייטיקן פאַר דער שווערער נסיעה.

ביים שוואַרצן די גרענעץ קאָן מען נישט טראָגן מיט זיך קיין פּעקלעך.

סאַלע האָט בגנבה, די עלטערן זאָלן נישט דערזען, אַריינגעכאַפּט זיך אין שטוב, אויף גיך זיך אָנגעטאָן צוויי פּאָר אונטערוועש, אַרויפגעצויגן איין בלוזקע אויף דער צווייטער, דערנאָך אַרויפגעשלעפּט אַ סוועטער, אָנ־געטאָן אַ קאָסטיום, גענומען אַ וואַרעם זשאַקעטל, אָנגעשטופּט אין די קעשענעס זאַקן, נאָז־טיכלעך מיט אַנדערע קלייניקייטן. זי האָט געכאַפּט דער מאַמעס האַנטבייטל מיטן געלט, וואָס איז דאָרט געלעגן. מיט אַ שטאַרק־קלאַפּנדיק האַרץ איז זי אַרויסגעלאָפן, קיינער זאָל זי נישט זען.

לעאָן האָט זיך אויך אָנגעטאָן צוויי פּאָר אונטערוועש, מיט צוויי סוועטערס, און אַרויפגעצויגן אויף זיך וואָס ער האָט געקאָנט.

די פריינט האָבן שווער געאַרבעט, כּדי וואָס שנעלער זיי אַרויסצו־פּראווען פון פּוילן.

דעם „שוואַרצער" האָבן זיי באַצאָלט אַ העלפט געלט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. די אַנדערע העלפט האָבן זיי מיטגעגעבן לעאָנען, ער זאָל אים באַצאָלן נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ.

לעאָן האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, זיך אָנגעטאָן ברילן מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש, ס'זאָל נישט זיין גרינג צו דערקענען אים. מיט סאַלען האָט ער אָפּגערעדט, זי זאָל אין באַן נישט זיצן לעבן אים, נישט אַרויסווייזז

קיין סימן, אַז זיי קענען זיך. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, קוים פאַלט איינער אַדורך, זאָל דער אַנדערער נישט ווערן מיטגעשלעפּט.

* * *

אין אַ קילן האַרבסטיקן שבת־פאַרנאַכט זענען זיי אָפּגעפאָרן צו דער טשעכאָסלאָוואַקישער גרענעץ. זיי זענען געקומען צום באַשטימטן אָרט עלף ביינאַכט.

דער טרעף־פונקט מיטן „שוואַרצער" איז געווען ביי אַ קליין וועלדל, דורך וועלכן עס פליסט אַ שמאָלער „זדרוי". די נאַכט איז געווען אַ פייכטע, אַ פינצטערע. דער הימל, מיט געדיכטע וואָלקנס באַדעקט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, כמעט אָנגעשפּאַרט אויף די וואַלד־ביימער. אויף די נאַקעטע פעלדער האָט גערוט אַ פאַרגליווערטע שטילקייט, וואָס האָט גע־אָטעמט מיט אומהיימלעכקייט און פּחד.

פון ערגעץ־ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ קוים־הערבאַר קוואַקען פון זשאַבעס, אַמאָל אַ טריל פון אַ נאַכטיקן פויגל און אַ שטילער רויש פון די ביימער.

כאָטש דער באָדן האָט נאָך געהערט צו פוילן, דאָך האָבן ביידע שוין דערפילט אַ מאָדנע מוראדיקע פרעמדקייט, אַ בענקענדיקע דערווייטערונג פון דער היים, פון אַלץ און אַלעמען, וואָס זיי איז היימיש, אייגן, נאָענט, ליב און טייער. קיינער פון זייביידן האָט נישט געזאָגט ווי אַזוי ער פילט; איינער צום אַנדערן האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ביידע האָבן שטיל פאַרקלערט, געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין, מיט וואַכנדיקע אויערן זיך צוגעהערט צו יעדן נאַכטיקן שאָרך.

אַ קילער, פוילער, האַרבסטיקער ווינט האָט געיאָגט פון די פוסטע פעלדער, זיך פאַרפּלאָנטערט אין די וואַלד־ביימער, געטרייסלט די האַלב־נאַקעטע צווייגן און אַראָפּגעשליידערט די לעצטע געלע, שטאַרבנדיקע בלעטער. די אויסגעטריקנטע בלעטער זענען מיט אַ ציטערדיקן שאָרך געפאַלן; אינעם קייקלען זיך איבער דער ערד האָבן זיי געקרעכצט, גלייך זיי וואָלטן געיאָמערט אין דעם געשליידער פון ווינט.

פון דער פייכטער, צעגראָבענער ערד האָט זיך געטראָגן אַ טוכלער ריח. ס'האָט געוויעט מיט אַן אומעטיקער פוסטקייט, וואָס האָט גענאָגט זייערע הערצער.

דאָס וועלדל איז אין דער נאַכטיקער פינצטערניש געשטאַנען, ווי אין אַ שוואַרצן טרויער־טוך פאַרהילט, און געשפּרייט אַ פּחד.

ביידע האָבן איינגעאָטעמט די פייכטע, נאַכטיקע לופט, און מיט אַ שטילן אומרו געוואַרט אויפן מענטש, וואָס דאַרף זיי אָוועקפירן פון דער פוילישער ערד, פריי מאַכן זייער געדריקטקייט.

זיי האָבן זיך געדרייט אַהין־און־צוריק נאָענט לעבן וועלדל. סאַלע האָט זיך געטוליעט צו לעאָנען, געהאַלטן אים פעסט אונטערן אָרעם. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ — צי אפשר פילט ער גאָר ווי זי ציטערט, ווי אירע גלידער טרייסלען זיך. זי וויל גראָד נישט, ער זאָל דאָס וויסן, כדי נישט צו מאַכן שווערער זיין געמיט. איז זי שטיל, האַלט־איין דעם אָטעם, באַמיט זיך מיט אַלע כוחות ער זאָל נישט דערפילן, אַז זי ציטערט. איר דאַכט זיך, אַז זיין האַרץ קלאַפּט אויך האַסטיק מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער.

מיט ברייט־צעעפנטע אויגן קוקן זיי ביידע אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט פון נאַכטיקן חושך. דיביימער פון וועלדל שאָקלען זיך מיט אַ שטילן גערודער, ווי זיי וואָלטן זיך סודותדיק געשושקעט. דער רויש פון די פלאַטערדיקע, טרוקענע בלעטער, און דאָס קוואַקען פון זשאַבעס האָט אויפגערודערט די נאַכטיקע שטילקייט. ביידנס געהער איז געווען אָנגעשפּיצט אויפצוכאַפּן אַ פּיפּס פון אַ מענטשן. אַלע חושים האָבן ביי זיי אויפגעוואַכט, זיך אָנגעשטרענגט צו דערהערן און דערזען דעם מענטשן, וואָס דאַרף זיי פירן איבער דער גרענעץ.

נאָך אַ צייט אַרומדרייען זיך, האָבן זיי אין פאַרלוירנקייט זיך אָפּ־געשטעלט, געקוקט איינער דעם אַנדערן אין פּנים מיט פרעגנדיקע בליקן:

— וואָס קאָן דאָס זיין? פאַרוואָס איז ער נאָך נישטאָ? ער האָט דאָך געזאָלט דאָ אויף אונדז וואַרטן.

— נישט מען זעט אים, נישט מען הערט אים, — האָט סאַלע שטיל אַ מורמל געטאָן. — ווי מיינסטו, מיר זענען אויפן ריכטיקן אָרט? — האָט זי מיט שרעק אַרויסגעפּליסטערט. זי האָט געוואָלט הערן פון אים אַ וואָרט. זיין שוויגן לייגט זיך שווער אויף איר געדריקטן געמיט.

לעאָן האָט אַ דריי־געטאָן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, גלייך ער וואָלט איצט געזוכט דעם באַשטימטן פּלאַץ פונעם טרעף־פּונקט. נאָך אַ לענגערן שוויגן האָט ער, ווי נישט זיכער, מיט אַ שוואַכער שטים געזאָגט:

— לויט די סימנים, וואָס ער האָט אָנגעגעבן, דאַרף עס זיין דאָ.

— אָבער ער ווייסט דאָך, ווען די באַן קומט־אָן. פאַרוואָס איז ער נאָך נישטאָ? — האָט זי שוין אַרויסגעוויזן איר פאַרצווייפלונג.

לעאָן האָט געשוויגן. ער האָט אַרויסגענומען אַ שוועבעלע פון קעשענע, אָנגעריבן און אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל. סאַלע האָט אויך צוגעבויגן דעם קאָפּ צו זען, ווי שפּעט ס׳איז.

— שוין נאָך צוועלף, — גיט זי פאַרצווייפלט אַ זאָג.

— איך האָב געמיינט, ס׳איז שוין אַ סך שפּעטער, — זאָגט לעאָן רואיק.

זי קוקט אים אין די אויגן אַריין. זי וואָלט וועלן וויסן, וואָס ער קלערט צו טאָן אין פאַל דער מאַן וועט נישט קומען. נאָר לעאָן זאָגט גאָרנישט. אַרום איז שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם. ביי סאַלען ציט זיך יעדע מינוט מוראדיק לאַנג. זי וויל פרעגן:

— וואָס וועט פאָרט זיין פון וואַרטן? וואָס וועלן מיר טאָן, אַז דער „שוואַרצער" וועט נישט קומען? — נאָר זי האַלט זיך איין, זי האָט מורא, אַז אירע פראַגן זאָלן לעאָנען נישט באַאומרואיקן, צי גאָר אויפרעגן. שווייגט זי. זי טוליעט זיך נעענטער צו אים, האַלט שטאַרקער זיין האַנט אונטערן אָרעם. ער פילט ווי זי ציטערט; עס קלאַפּט איר אַ צאָן אין אַ צאָן.

— ער וועט זיכער באַלד אָנקומען. ער וועט דאָך וועלן קריגן די רעשט געלט, וואָס איך דאַרף אים געבן, — האָט ער פּרובירט זי באַרואיקן.

זיינע רייד זענען פאַר איר געווען אַ היילונג. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט. מיטן אָפּאָטעמען האָט נאָכגעלאָזט די געדריקטקייט אין דער ברוסט; ס׳איז איר געוואָרן אַ סך גרינגער. זי האָט נאָך שטאַרקער איינגעקלאַמערט אירע פינגער אין זיין האַנט, געצויגן אים צו זיך. אין אַ ווייַלע צרום זאָגט זי:

— קום צו דער אַנדערער זייט וואַלד, אפשר וואַרט ער דאָרט.

— מיר זענען דאָך נאָר־וואָס דאָרט געווען, — גיט זיך לעאָן שוין אַ בייזער, — ווען ער וואָלט געווען ערגעץ אַרום וואַלד, מעגסטו זיין זיכער, אַז מיר וואָלטן זיך געפונען, — האָט ער צוגעגעבן און מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַ פאַרטראַכטער. אַ שטיק צייט האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט.

ווי אַ גרויסן ריזיקאַנט, איז לעאָנען פּלוצים איינגעפאַלן, אַז אויב דער „אַריבערשוואַרצער" וועט נישט קומען אין אַ שעה אַרום, וועט ער אָן אים פּרובירן אַריבערגיין די גרענעץ, איידער עס ווערט טאָג. אַז ער וועט אָנטרעפן אויף אַ וואַך, וועט ער פּרוּוון געבן זיי דאָס געלט, וואָס ער דאַרף געבן דעם „מאַכער". די פאַרשוינען האָבן ליב געלט, — האָ

ער געטראַכט, — וועט ער אָפּקויפֿן די וואָך. נאָר סאַלען האָט ער דאָס נישט געוואָלט זאָגן: זי וועט זיך דערשרעקן פֿאַר אַזאַ געדאַנק און זי קאָן אַריין אין אַ פּאַניק, וואָס קאָן אים נאָך צוריקהאַלטן. סאַלע האָט געקוקט מיט נייגעריקע בליקן אויף זיין ערנסט־פֿאַרטראַכטן פּנים. זי האָט געפֿילט, אַז ער האָט עפּעס אין געדאַנק. אַלע אירע גלידער האָבן אויפֿדאָסניי אָנגעהויבן זיך טרייסלען. זי שרעקט זיך פֿאַר עפּעס, וואָס זי אַליין ווייסט נישט פֿאַרוואָס.

מיטאַמאָל דערהערן זיי טריט פֿון אַ מענטשן. ביידע גיבן זיך אַ צאַפּל, האַלטן־איין דעם אָטעם; זייערע הערצער קלאַפּן האַסטיק — זיי ווייסן נישט, פֿון פֿרייד צי פֿון שרעק. אין פֿאַרלוירנקייט ווייסן זיי נישט, צי זיי זאָלן גיין יענעם אַנטקעגן, צי זיי זאָלן אַנטלויפֿן אין וואַלד זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער. זיי רירן זיך נישט פֿון אָרט; שטייען ווי צוגעשמידט צו דער ערד.

„יענער" גייט מיט איילנדיקע טריט, גיט אַ בליץ מיט אַן עלעקטרישן שיין־וואַרפֿער און רופֿט לעאָנען ביים נאָמען. אויף ביידע האָט אַ שלאָג געטאָן אַ פֿריידיקע היץ, באַגאָסן זייערע שטערנס מיט שוויס. זיי האָבן לייכט אָפּגעאָטעמט; סאַלע האָט אַ שלעפּ־געטאָן לעאָנען צו גיין יענעם אַנטקעגן.

— מיר וואַרטן שוין אַריבער צוויי שעה, — בייזערט זיך לעאָן אויפֿן גרענעץ־שמוגלער.

— נאָך האַלבער נאַכט איז בעסער אַריבערצוגיין די גרענעץ. די געגנט איז מיר דאָ גוט באַקאַנט. וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, איז בע־סער, — האָט „יענער" גלייכגילטיק, אָן שום פֿאַרענטפֿערונג געזאָגט, ווי ס'וואָלט געוועזן ביי אים אַ געוויינלעכע זאַך.

— איר האָט אונדז געדאַרפֿט זאָגן, ווען איר וועט זיין, וואָלטן מיר פֿאַרשפּאָרט איבערצוקלערן, — האָט לעאָן נישט געקאָנט אים מוחל־זיין. נאָר „יענעם", ווייזט אויס, אַרט נישט, וואָס זיי האָבן געוואַרט. ער האָט באַפֿעלעריש אַ זאָג געטאָן:

— קומט מיט מיר!

ער איז אַריין אין וואַלד, געגאַנגען גיך מיט אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע. זיי זענען אים מיט אימפּעט נאָכגעגאַנגען. זייערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער נאַכטיקער שטילקייט. די טרוקענע בלעטער האָבן געשורשעט אונטער די פֿיס, ווי זיי וואָלטן געקרעכצט.

נאָכן וואַלד איז ער מיט זיי געגאַנגען איבער אַ פֿאַרוואָרלאָזטן, מיט

קוסטעס־פּאַרוואַקסענעם פעלד. קענטיק, אַז נישט קיין סך מענטשן גייען דאָרט. זיי קומען־צו צו אַ קליין הילצערן בריקל. דער פירער בלייבט שטיין און קוקט זיך אַ ווייל אַרום. ער גיט זיך פלינק אַ דריי־אויס צו זיי. אָן ווערטער, מיט אַ צייכן און אַ דריי מיטן קאָפּ, רופט ער זיי גיך אַריבערצוגיין דאָס בריקל. ער גייט־אָפּ אַ שטיקל וועג און גיט האַסטיק אַ פריילעכן זאָג אַרויס:

— איר זענט שוין אַריבער די גרענעץ. דאָ דאַרפט איר נישט מורא האָבן. מיר זענען שוין אויפן טשעכאָסלאָוואַקישן באָדן, — און ער גייט מיט זיי ווייטער נאָך אַלץ מיט האַסטיקע טריט.

מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ שטעל־אָפּ לעבן אַ גרויסן, ברייט־צעוואַקסענעם בוים און זאָגט: — דאָ וועט איר צוואַרטן. איך האָב אָפּגערעדט מיט אַ טשעך, וואָס וועט קומען אייך אָוועקפירן קיין אילענאָף.

ער האָט שנעל אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, אויסגעצויגן די האַנט מיט אַ מינע, אַז ער האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן, לעאָן זאָל אים געבן דאָס געלט. לעאָן האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען דאָס געלט פון בוזעם־קעשענע; נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, אַריינגעלייגט אין דער אויפגעשטעלטער האַנט. יענער האָט איבערגעציילט, אַריינגערוקט דאָס געלט אין דער הויזן־קעשענע, און געזאָגט: — אַ גוטע נאַכט, זאָל זיין מיט מזל! — און איז אַוועק.

אין וועג

סאַלע האָט אויסגעטאָן איינס פון אירע טאָפּלטע קליידער, איבערגעדרייט דאָס אויף דער לינקער זייט, אויסגעשפּרייט אויף דער פייכטער ערד אונטערן בוים, און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט. דאָ האָבן זיי ערשט דערפילט די מידקייט פון זייער לאַנגן זיין אויף די פיס. לעאָן האָט געהאַט עטלעכע סוכאַרעס, וואָס אַ מיידל האָט פאַרן אָפּפאָרן אַריינגעלייגט אים אין קעשענע; האָט ער זיי אַרויסגענומען, געגעבן עטלעכע סאַלען, און ביידע האָבן פאַמעלעך געקייעט.

די שרעק, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג שטאַרק געפּייניקט סאַלען האָט גענומען נאָכלאָזן; נאָר די אַרומיקע פאַרטויבטע שטילקייט אין דער פינצטערער נאַכט, די פּוסטע, פרעמדע פעלדער, האָבן אויף סאַלען אָנגעוואָרפן אַ נייע שרעק. זי האָט אומרואיק, מיט פאַרדרוס געזאָגט:

— וואָס איז ער אַזוי שנעל אַנטלאָפן, אונדזער מאַכער? ער וואָלט

געמעגט צוואוואַרטן, פאַר דעם געלט וואָס ער האָט גענומען, ביז דער טשעד וועט קומען. דו האָסט אפשר נישט געדאַרפט אים געבן דאָס געלט.

לעאָן האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין אומרואיקייט. ער האָט, קייענדיק דעם לעצטן סוכאַר, געזאָגט: — אַבי מיר זענען אַריבער די גרענעץ, וועלן מיר דאָ שוין נישט פאַרפאַלן ווערן.

צוויי פייגל האָבן מיט רעש אַ פלי געטאָן פון בוים צום גרויען הימל, ווי זיי וואָלטן זיך ראַפּטאָם אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

די נאַכטיקע פינצטערניש האָט אָנגעהויבן צעגיין. אַ גרויער פרי־מאָרגן איז אין אַ געדיכטן נעפּל אַריינגעפאַלן. אין דער נעפּלדיקער גרוי־קייט האָט זיך דער טאָג פאַמעלעך אַריינגעשלעפּט. קיין הימל, קיין האָריזאָנט איז נישט געווען צו זען. דער בוים, אונטער וועלכן זיי זענען געזעסן, האָט אין דעם געדיכטן נעפּל אויסגעזען ווי אין אַ טומאַן פאַר־זונקען.

זיי האָבן זיך דערפילט איינזאַם, ווי זיי וואָלטן געווען איינינקע אַליין אין דער ענגער נעפּלדיקער וועלט. לעאָנען איז מיטאַמאָל אַ שטאַרקע מידקייט באַפאַלן. ער האָט זיך אויסגעצויגן און איז איינגעשלאָפן.

סאַלע איז געווען אָנגעלאָדן מיט אומרואיקע געדאַנקען. זי האָט זיך צוגעהערט צו זיין אָטעם, צום ריטמישן קלאַפּן פון זיין האַרץ. זי האָט גע־פילט זיין הייסן אָטעם אויף איר קאַלטן שטערן, און ס׳איז איר מיטאַמאָל געוואָרן מחיהדיק־גוט צו זיין מיט לעאָנען. זי האָט זיך צוגערוקט נעענ־טער, זיך צוגעטוליעט צו אים, פאַרמאַכט די אויגן, און געלעגן מיט אַ זיסער רואיקייט. קיין שלאָף האָט זי נישט גענומען. ס׳איז איר געווען גוט צו האַלטן דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט. זי האָט פאַרגעסן אין די שרעקן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט; נישט געפילט מער איר איינ־זאַמקייט; נישט אינזינען געהאַט, אַז זי געפינט זיך אויף אַ פּוסטן, פרעמדן פעלד. זי איז געלעגן געמיטלעך; מיט דער רעכטער האַנט אַרומגענומען אים ביי דער טאַליע, צוגעדריקט אים צו זיך, ביז זי האָט אויך איינגעדרימלט.

אין שלאָף האָט זי ווידער דערזען דעם נאַכטיקן חושך, דאָס וועלדל מיט די ביימער פאַרהילט אין אַ שוואַרצן טרויער־טוך, וואָס מאַכט נאָך שוואַרצער דעם וואַלד און די נאַכט. איר האָט זיך געדוכט, אַז די פינצ־טערניש ציט זיך און ציט זיך אָן אַ סוף. און אָט פּלוצלינג דערזעט זי פּוילישע זשאַנדאַרן; זיי באַפאַלן זי, שלאָגן זי, שלעפּן זי אין וואַסער אַריין. זי שרייט מיט באַנומענע קולות. אין דעם בייזן חלום האָט זי זיך

אויפגעכאַפּט, זי האָט געציטערט; זיך אינגאַנצן געטרייסלט. ווען זי האָט באַנומען, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ חלום, האָט זי זיך פּאַמעלעך אָפּ־גערוקט פון לעאָנען, ער זאָל נישט דערפילן איר ציטער. זיך אַביסל באַ־רואיקט, האָט זי ווידער זיך צוגעטוליעט צו אים און נאָך שטאַרקער אים אַרומגענומען, צוגעדריקט אים צו זיך מיט איר גאַנצן כוח.

זי האָט צוגעלייגט איר באַק צו זיין פּנים, זיך געוואַרעמט אין זיין הייסן אָטעם, און האָט דערפילט, אַז אַ פרישער בלוט־צופלוס שטראָמט אין אירע אָדערן. ליגנדיק נאָענט לעבן אים, האָט זי אַרומגענומען אַ געפיל פון זיכערקייט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז באַשיצט פון אַלעם בייזן, אַז לעאָן וועט צו איר נישט צולאָזן קיין געפאַר. ער איז אין דעם מאָמענט אין איר פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם מעכ־טיקסטן העלד, אויף וועמען זי קאָן זיך מיט זיכערקייט פאַרלאָזן. אַ באַ־רואיקונג איז אַריינגעדרונגען אין איר צעטרייסלטן געמיט.

אירע פּייכטע ליפּן האָבן פּאַמעלעך זיך באַוואויגן איבער זיין צע־וואַרעמטן פּנים. זי האָט מיט אַ טיפן געפיל געקושט זיין שטערן און געגלעט זיינע צעשויבערטע, גלייכע, ברוינע האָר.

אַ וואונדערלעכע, אָנגענעמענע זיסקייט האָט פאַרגאָסן איר האַרץ. זי האָט פאַרגעסן דעם בייזן חלום; נישט געטראַכט וואָס שפּעטער וועט זיין, וואָס עס קאָן געשען אין זייער וואַנדער־וועג. איצט אַרט איר נישט, וואָס דער טשעך איז נאָך נישטאָ. זי געדענקט נישט, וואָס ס'האָט פריער געעקבערט איר מוח.

אַ מילדע, האַרבסטיק ווינטל האָט אויפן ברייט־צעוואָקסענעם בוים געוויגט די געלע האַלב־טרוקענע בלעטער מיט אַ שטילן שאָרך ווי צום איינשלאָפן. אין דער באַגינענדיקער לופט האָט זיך געפילט אַ זומערדיקע פייכטקייט. דער נעפּל האָט אָנגעהויבן צעגיין, ביסלעכווייז צו פאַרשווינדן.

דער הימל איז געוואָרן לויטערער, ליכטיקער. די זון איז אַרויס־געקראָכן פון אונטער די וואָלקנס, מיט מאַטע שטראַלן באַלויכטן דאָס פאַרוואַרלאָזטע פעלד, וואָס איז געווען מיט ווילד־גראָז און קוזשאַקעס פאַרוואָקסן. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט, ווי שווערע, שלאַבערדיקע מע־נערשע טריט שלעפּן זיך פויל הינטער איר פּלייצע.

זי האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אָפּגערוקט פון לעאָנען, זיך אויסגעדרייט און אומרואיק זיך אַרומגעקוקט. זי זעט, עס גייט אַ מיטל־יאָריקער מאַן אין אַרבעט־קליידער. מיט גרויס אימפּעט האָט זי אָנ־געהויבן וועקן לעאָנען. ער האָט זיך געגעבן אַ דריי אויף אַ זייט און

ווידער געשלאָפֿן. סאַלע האָט אים געטאָרקעט, געשלעפּט ביי די הענט, גערעדט צו אים: — שטיי־אויף! עמעצער קומט. אפשר איז דאָס דער טשעך, וואָס דאַרף אונדז פירן. שטיי־אויף

לעאָן האָט קוים געעפֿנט די אויגן, און זיי צוריק פֿאַרמאַכט.

דער מאַן, מיט אַ קוישל אין האַנט, איז שוין געשטאַנען לעבן זיי, ווען לעאָן האָט פֿאַרשלאָפֿן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. דער אומבאַקאַנטער איז געשטאַנען אַ שמייכלדיקער, אָן ווערטער; געוואַרט, לעאָן זאָל אויפֿוואַכן.

נאָך עטלעכע מינוט וואַרטן, האָט ער פֿאַמעלעך אויסגעצויגן זיין האַרטע, אויסגעאַרבעטע האַנט צו סאַלען, דערנאָך צו לעאָנען, היימיש זיי באַגריסט מיט אַ וואַרעמען „גוט מאָרגן", ווי זיי וואָלטן זיך פֿון לאַנג שוין געקענט, און באַלד געזאָגט — דאָס בין איך דער, וואָס דאַרף אייך פירן אין דאָרף אילענאָף.

— פֿון מיטן נאַכט אָן וואַרטן מיר אויף אייך. גוט וואָס איר זייט דאָ, — האָט לעאָן האַלב־פֿאַרשלאָפֿן געזאָגט. דער מאַן האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען פֿון קוישל אַ לאַבן ברויט מיט אַ גאַנצן ווייסן קעז, און געלאָזן געזאָגט:

— עסט־אָפּ! איר האָט אַ וויטן וועג צו שפּאַנען. ס'טוט מיר לייד, וואָס איך קאָן נישט גיין מיט אייך. מיין ווייב איז זייער קראַנק. איך קאָן זי נישט איבערלאָזן אַליין. טאָקע צוליב דעם בין איך גע־קומען שפּעט צו אייך, — האָט ער אַ פֿאַרזאָרגטער געזאָגט און באַלד צוגעגעבן:

— קיין באַן גייט נישט פֿון דאַנען קיין אילענאָף. איר וועט מוזן נוצן אייערע פֿיס. איך האָב נאָך נעכטן באַפֿוילן דער פֿרוי מאַריאַ גוזשיק, זי זאָל אייך אויפֿנעמען. ביי איר איז אַן אַריינפֿאָר־הויז. פֿאַרבייפֿאָרער שטעלן זיך דאָרט אָפּ עסן אַ מאָלצייט, איבערשלאָפֿן אַ נאַכט — וועט איר דאָרט קאָנען וואוינען. מאַריאַ איז אַ גוטע. ביי איר וועט איר זיך פֿילן, ווי ביי זיך אינדערהיים. ווען איר וועט קומען קיין אילענאָף, וועט איר זוכן אינמיטן דאָרף אַ גרויס, ווייס־געקאַלעכט הויז מיט גרינע לאָדנס, מיט אַ ברייטן אַריינפֿאָר־טויער, וועט איר אַהין אַריינגיין, און איר זאָגן אייער נאָמען. זי וועט שוין וויסן, אַז זי דאַרף אייך אויפֿנעמען, ווי היימישע מענטשן.

דערנאָך האָט ער אויסגעמאָלט פֿאַר זיי דעם וועג:

— ס'וועט אייך נעמען לאַנג, ביז איר וועט דערגרייכן אילענאָף. אָבער עס מאַכט נישט אויס. איר זייט יונגע מענטשן, וועט אייך נישט שאַטן

— האָט ער גוטמוטיק, שמייכלענדיק פאַרענדיקט און איז אַוועק אַהיים צו זיין קראַנקער פרוי.

ביידע זענען נאָך אַ ווייל געזעסן, געגעסן דאָס ברויט מיטן קעז מיט גרויס אַפּעטיט. דאָס איבערגעבליבענע האָט סאַלע פאַרוויקלט אין דעם זעלבן ווייסן טיכל, וואָס דער מאַן האָט געבראַכט. לעאָן האָט גענומען דאָס פּעקעלע, פאַמעלעך זיך אויפגעהויבן פון אויסגעוואָרעמטן אָרט, און זיי האָבן מוטיק זיך פאַרנומען גיין אויפן וויטן אומבאַקאַנטן וועג.

לעאָן האָט פאַרוואָרפן דעם מאַנטל אויפן אַקסל, אָנגענומען סאַלען ביי דער האַנט, ווי מען נעמט אָן אַ קינד, און זיי האָבן אָנגעהויבן שפּאַנען.

סאַלען איז נאָכגעגאַנגען אַן אומהיימלעכער געפיל פון פאַרלוירנקייט. דער פאַרטאָגיקער גערדיכטער נעפּל איז כמעט אינגאַנצן צעגאַנגען.

אַ מילדע האַרבסטיקע לופט האָט געשמעקט מיט צעגראָבענער, פייכטער ערד. נאָך אַלץ מיד פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, האָבן זיך זייערע פיס געשלעפּט שטיל, שלאָבערדיק איבערן פרעמדן, זאַמדיקן וועג. זיי האָבן נישט אויסגערעדט קיין וואָרט איינער צום אַנדערן.

אויפן הימל האָבן זיך געצויגן שטיקער וואָלקנס, ווי צעריסענע ברודיקע ליילעכער וואָלטן געשוואומען. אַמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז די וואָלקנס יאָגן זיך נאָך, ווילן איינע ביי די אַנדערע אָנכאַפּן אַ שפּיץ, זיך צוזאַמענגעמען, פאַרשטעלן די זון, אָפּהאַקן די מאַטע שטראַלן. אַמאָל איז געלונגען אַ וואָלקן זיך אַרויפצוכאַפּן אויף דער זון און אויף אַ ווייל פאַרשטעלן איר שיין. נאָר די זון האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשטעלן, זי האָט זיך ווידער אַרויסגעריסן, דעם וואָלקן צעשפּאָלטן, צעריסן אויף שטיקער און אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַלטן. ווי מיט בלישטשענדיקע שפּיזלען האָט זי אַ בלענד געטאָן, פאַרצויגן גאָלדענע פּאַסן אויף די ליידיקע פּוסטע פעלדער; דערנאָך, ווי זי וואָלט אַליין זיך אַרונטערגערוקט אונטער אַ וואָלקן, זיך דאַרט אַ רגע באַהאַלטן, גלייך זי וואָלט זיך געשפּילט, געררייצט מיט דער וועלט. סאַלע און לעאָן האָבן אויסגעטאָן די שיך מיט די זאָקן. באָרוועס איז געווען גרינגער צו גיין אויפן זאַמדיקן וועג. אַ פּוסטער אומעט האָט געווייעט פון די נאַקעטע פעלדער, וואָס האָבן זיך אומענדלעך געצויגן. צוליב זונטיק האָט מען אויף די פעלדער קיין מענטשן נישט געזען. געל־ברוינע, אויסגעטריקנטע גראָזן האָבן שטאַרבנדיק געשמאַכט אויף די לאָנקעס. פאַראיינזאַמטעביימער אין וועג, אויסגעלאָשן פון לעבן, מיט מאַטע געל־זשאַווערדיקע, האַלב־טויטע בלעטער, וואָס האָבן זיך קוים מיט די לעצטע כוחות געהאַלטן אויף די

צווייגן, זענען געשטאַנען אומעטיק, ווי זיי וואָלטן געבענקט, געטרויערט נאָכן אַוועקגייענדיקן זומער.

סאָלע מיט לעאָנען זענען צוגעקומען צו אַ פּונקט, וואו עס טיילן זיך פאַנאַנדער צווי וועגן. זיי זענען געבליבן שטיין, נישט געוואוסט אויף וועלכן וועג זיך צו פאַרנעמען, רעכטס אָדער לינקס. דער טשעך האָט פאַרגעסן אָנצוזאָגן זיי וועגן דעם צווייענדיקן וועג, און קיין מענטשן זענען זיי נישט, ביי וועמען צו פרעגן. דער גאַנצער אַרום איז פּוסט. ביידע זענען פאַרצווייפלט, ווייסן נישט וואָס צו טאָן. אַ היפּשע ווייל זענען זיי געשטאַנען און געקלערט. ענדלעך האָט לעאָן באַשלאָסן צו גיין מיטן וועג, וואָס פירט רעכטס.

אַן אומעטיקע, פאַרגליווערטע פּוסטקייט האָט זיך געצויגן איבער די צעגראָבענע, שוואַרצע פעלדער. ביי דער זייט פון וועג האָט סאָלע דערזען אַ קאַרטאָפליע שטעקט־אַרויס פון זאַמד. זי האָט די קאַרטאָפליע אויפגעהויבן, זיך דערפרייט מיט איר. באַלד האָט זי דערזען נאָך איי־ניקע קאַרטאָפליעס וואַלגערן זיך אויפן פעלד. זי האָט אויפגעקליבן עט־לעכע, געהאַלטן זיי אין ביידע הענט, גייענדיק געזוכט נאָך. לעאָן איז געבליבן שטיין. ער קוקט זי אָן און שמייכלט, ווי זי האַלט אין ביידע הענט די קאַרטאָפליעס. איר פּנים לייכט צופרידן, ווי ביי אַ קינד וואָס געפינט אַ צאַצקע. זי קריכט אַרום איבערן פעלד, און ער וואַרט, זי זאָל גיין מיט אים. ער פאַרלירט דאָס געדולד און זאָגט:

— וואָס טויגן דיר קאַרטאָפליעס? ווי אַזוי וועסטו זיך מיט זיי טראָגן? וואַרף זיי אַוועק און קום!

סאָלע האָט אויפן מאָמענט דערפילט, אַז זי איז אין זיינע אויגן גע־וואָרן נאַריש. די פריילעכקייט איז מיטאַמאָל אַראָפּ פון איר פּנים. זי האָט אין פאַרלוירנקייט געקוקט אויף אירע הענט עטוואָס צעטומלט. ס'איז איר געווען אַ שאָד אַוועקצוואַרפן די אויפגעקליבענע קאַרטאָפ־ליעס. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זאָגט זי: — מיר וועלן אָנקלייבן שטעקע־לעך מיט טרוקענע צווייגלעך, מאַכן אַ פייער און אָפּבראָטן די קאַרטאָפ־ליעס, וועלן מיר האָבן צו עסן. — ער האָט געזען איר צופרידנקייט, האָט ער ליבלעך געזאָגט: — אַז דו ווילסט האָבן פאַרנומענע הענט, זיך מיט זיי טראָגן, קאָן איך באַשטיין.

— אַ שאָד, — זאָגט זי, — מיר זענען נאַר־וואָס פאַרבייגעגאַנגען ביימער, אונטער וועלכע ס'האָבן זיך געוואַלגערט צווייגלעך. אפשר זאָל

איך צוריקגיין אויפקלייבן? — האָט זי מיט אַ קינדעריש־בעטנדיקן טאָן אים געפרעגט.

— מאַך זיך נישט נאַריש! מיר האָבן גענוג צו גיין פּאַראויס — ווילסטו נאָך גיין צוריק. מיר וועלן נאָך אויפן וועג אָנטרעפן ביימער.

זי האָט באַמערקט זיין אומצופרידנקייט פון איר איינפאַל, האָט זי מער גאָרנישט געזאָגט. זיי זענען ווייטער געגאַנגען מיטן ווייניק־אויס־געטראָטענעם וועג. פון ווייטנס האָבן זיי דערזען אַ סך ביימער. דורך די האַלב־נאַקעטע צווייגן האָט זיך אַרויסגעזען אַ נייע געביידע. ס'איז זיי פריילעכער געוואָרן. אויף סאַלען האָט אַ פליגל געטאָן אַ מונטערער שטראָם. זי האָט מיט קינדערשער איבעררראַשונג אַ געשריי געטאָן:

— זע נאָר, ביימער, כמעט ווי אַ וואַלד, צי אַ סאָד! מיר וועלן דאָרט זיכער קאָנען אָנקלייבן גענוג האָלץ צו מאַכן אַ פייער אויף אָפּצובראָטן די קאַרטאָפליעס.

לעאָן האָט געטראַכט, אַז דאָרט וועט ער אפשר האָבן ביי וועמען צו פרעגן, צי זיי גייען מיטן ריכטיקן וועג, און ווי ווייט ס'איז נאָך צום דאָרף אילענאָף.

די ביימער זענען געוועזן אין אַ זייט, האָבן זיי זיך פאַרקירעוועט איבער אַ פעלד פון אָפּגעשניטענעם קאָרן. די אָפּגעשניטענע שטרויען האָבן גע־שטאָכן זייערע באָרוועסע פיס. זיי האָבן זיך געמוזט אַוועקזעצן אויף דער ערד, אָנטאָן די זאָקן מיט די שיך, און זענען איילנדיק ווייטער גע־גאַנגען, יעדער מיט זיינע באַזונדערע געדאַנקען. אַ מאָדנער אימפּעט האָט זיי געטראָגן. זיי האָבן געשפּאַנט מיט שנעלע טריט, ווי צו אַ באַ־שטימטן ציל.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער געביידע, האָבן זיי דערזען, אַז דעם בנין האָלט מען ערשט אין בויען: בלויז די ווענט זענען צונויפגעשטעלט. אין אַ זייט דערנעבן שטייט אַ קליין בודקעלע, שוין מיט אַ דאַך, ווי אַ קליין שטיבעלע, נאָר אָן פענצטער. אין בודקעלע געפינט זיך אַ באַנק; אַ פּראָסטע, נישט־געהובלטע ברעט, אַוועקגעלייגט אויף צוויי קלעצער, אויף דער באַנק קאָנען זיצן צוויי מענטשן. קיין פּאָדלאָגע איז נישטאָ. אויפן זאַמדיקן באָדן שטייט אַ לאַמטערן. קיין מענטש זעט מען נישט. ווייזט אויס, אַז צוליבן זונטיק אַרבעט דאָרט קיינער נישט.

די געביידע זעט־אויס צו זיין זייער אַ גרויסע. ס'איז אָבער שווער צו זאָגן, צי ס'בויט זיך אַ הויז צום וואוינען, אָדער אַ פאַבריק. ביידע

דרייען זיך אַרום אַנטוישטע, באַטראַכטן דעם אַרום, קוקן־אַריין צווישן די ווענט, זוכן אַ מענטש — און זעען נישט קיינעם.

סאַלע האָט דערפּילט אַ מידקייט. די פּיס האָבן איר שטאַרק ווי גע־טאָן. זאָגט זי מיט אַ שוואַכער שטים: — מיר קאָנען זיך דאָ אַביסל אָפּרוען. — זי ווייזט־אָן אויף אַ קופּע לאַנגע ברעטער, וואָס ליגן אויס־געלייגט ווי טרעפּ. לעאָן איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען, שווייגנדיק זיך דאָרט אַוועקגעזעצט, אַוועקגעלייגט לעבן זיך די פּעקלעך. קענטיק, ער איז אויך געווען מיד. נאָך אַ ווײַלע אָפּרו, גיט זיך סאַלע ראַפּטאָם אַ שטעל־אויף און זאָגט צופרידן: — זע נאָר! דאָ וואַלגערן זיך שטיקער האָלץ מיט טרוקענע שטעקעלעך. איך וועל זיי צונויפקלייבן און מיר וועלן מאַכן אַ פייער. אין דער צייט, וואָס מיר וועלן רוען, וועלן דערווייל די קאַרטאָפליעס זיך אָפּבראָטן.

נישט־וואַרטנדיק אויף לעאָנס צושטימונג, האָט זי אָנגעהויבן קלייבן גראָבע שפּענער, צווייגלעך, שטיקלעך האָלץ. זי האָט פאַרגעסן אין דער מידקייט. אָנגעקליבן אַ „באַרג"; פון אויבן אַרויפגעלייגט די קאַרטאָפ־ליעס, און געזאָגט צו לעאָנען: — איצט קאָנסטו שוין מאַכן דאָס פייער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, מיט אַ צאַרטן שמייכל צוגעגאַנגען אונ־טערצינדן דאָס האָלץ. דערזען דעם פלאַם, האָבן זיי זיך ביידע צוריק אַוועקגעזעצט אויף די ברעטער, געקוקט פונוויטנס ווי די פלאַמען צע־שפּרייטן זיך און פאַרכאַפּן אַלעמאָל אַן אַנדער שטיקל האָלץ. דאָס פייער שפּריצט מיט קנאַקנדיקע פונקען. ביי יעדן יאָג פון ווינט, בייגן זיך די פלאַמען אַראָפּ־און־אַרויף, פלאַקערן פריילעך, שטרעקן־אַרויס פייער־דיקע צונגען.

לעאָן האָט אויפגעוויקלט דאָס איבערגעבליבענע ברויט מיטן קעז, און זיי האָבן געמיטלעך געגעסן.

סאַלע איז אַ פריילעכע אַלעמאָל צוגעלאָפן צום פייער, צוגעלייגט אַ צווייגל, צוגעשאַרט די קוילן אַרום די קאַרטאָפליעס. לעאָן האָט אַרויפ־געלייגט זיין האַנט אויף סאַלעס פּלייצע, געקוקט אויף איר פריילעך פּנים, און שפּאַסיק געזאָגט: — באַלד וועלן מיר האָבן אַ געבראָטענעם מאָלצייט.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און מיט צופרידענע בליקן אַריינגע־קוקט אין זיינע אויגן. ביידנס אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט ליבשאַפט. די מידקייט איז פאַרשוואונדן. זיי האָבן זיך דערפילט פריש און מונטער. ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען פאַרריכטן דאָס פייער, וואָס האָט געשפּרייט אַ פריילעכקייט אין דער פרעמדער פוסטקייט.

לעאָן האָט אויפגעהויבן אַ שטעקעלע, אַרויסגעשאַרט פון די גליאיקע קוילן, שוואַרץ ווי גלאָוונעס, די האַלב־פאַרברענטע קאַרטאָפליעס. סאַלע האָט זיי אויפגעהויבן, זיך געבריט די הענט, אַראָפּגעשאַרט די פאַרברענטע שאָלעכץ, דערלאַנגט לעאָנען ער זאָל עסן. ביידע האָבן זיך לאַכנדיק אָנ־געקוקט און געקוויקט זיך מיט די הייסע, האַלב־פאַרברענטע קאַרטאָפליעס.

שפּעטער זענען זיי אַריבערגעגאַנגען דאָס שטיקל פעלד פון אָפּגע־שניטענעם קאָרן, ווידער אויסגעטאָן די שיך מיט די זאָקן, גענומען זיי אין די הענט, און געגאַנגען ווייטער מיטן זעלבן שמאָלן, זאַמדיקן וועג.

שוין שפּעט נאָכמיטאָג זענען זיי צוגעקומען צו אַ טייך, וואָס האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג. זיי זענען געבליבן שטיין געפּלעפּט אין גרויס פאַרלעגנהייט, און נישט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן.

אין פאַרלוירנקייט האָט לעאָן אַ פאַרשעמטער געזאָגט:

— מיר האָבן, ווייזט אויס, געמאַכט אַ טעות, פאַרנומען זיך אויפן נישט־ריכטיקן וועג.

— קום, לאָמיר גיין צוריק, — האָט סאַלע פאַרזאָרגט געזאָגט. לעאָן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געטראַכט, געקוקט אין אַלע זייטן, געזוכט אַ שטוב, אַ מענטשן, ביי וועמען צו פרעגן.

דער הימל האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלקנט. סאַלע איז געוואָרן אומ־רואיק. זי שטייט, ווי אַ פאַרלוירן לעמעלע. זי וואַרט, לעאָן זאָל אָנ־הויבן גיין.

מיט אַ צעבראָכן געמיט פון איבערלעכן פאַרדרוס אויף זיין טעות, האָט לעאָן שטיל געזאָגט: — נישטאָ קיין אַנדער וועג, נאָר אויף צוריק.

ווי אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן, האָבן ביידע זיך שנעל געגעבן אַ דריי־אויס, און מיט אימפּעט אָנגעהויבן גיין צוריק.

דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, געוואָרן טונקעלער, כמעט שוואַרץ. זיי גייען האַסטיק, לויפן, ווי עמעצער וואָלט זיי געיאָגט. אַ שוויס האָט באַגאָסן זייערע שטערנס, אָבער זיי שטעלן זיך נישט אָפּ. לעאָן האַלט סאַלען ביי דער האַנט, ווי מען פירט אַ קינד. ער מאַכט ברייטע שפּרייזן, און זי לויפט אים נאָך מיט אירע קליינע פיסלעך.

פלוצלינג האָט אָנגעיאָגט אַ שטורעם־ווינט, און מיט רוגזה אָנגע־הויבן רייסן די ביימער ביים וועג. אויפן זאַמדיקן וועג האָט זיך אויפ־געהויבן אַ שטויביקער וואָלקן. ס'האָבן אָנגעהויבן פאַלן שיטערע רעגן־טראָפּנס, וואָס האָבן זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ געדיכטן, שווערן גאָס־

רעגן. דער שטורעם האָט געבושעוועט, געשמיסן זיי מיטן רעגן. אָפּ־געגאָסענע, פאַרמאַטערטע, פאַרסאָפּעטע, זענען זיי קוים דערלאָפן צו דער בודקע ביי דער געבײדע. אַריינגעלאָפן אינעווייניק, האָבן זיי דערזען אַן עלטערן מאַן, אין אַ גראָבער וואַטענער בורקע, זיצן אויף דער באַנק. לעאָן האָט אָנגעהויבן רעדן צו אים, פּרובירט געבן דעם אַלטן צו פאַר־שטיין, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט. זיי גייען קיין אילענאָף — צי ער קאָן זיי אָנווייזן דעם וועג, ווי אַזוי זיי זאָלן אַהין קומען.

דער אַלטער קוקט זיי אָן מיט זיינע גרויסע, גרויע, וואָסערדיקע אויגן און שווייגט. שווייגנדיק, רוקט ער זיך צו אין אַ ווינקל נאָענט צו דער וואַנט, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ צייכן זיי זאָלן זיך זעצן. נאָר זיי שטייען; עס רינט פון זיי דאָס וואַסער. זיי ווייזן אים, פאַרוואָס זיי ווילן זיך נישט זעצן.

דער אַלטער גיט עפּעס אַ מורמל, זיי ווייסן נישט וואָס, זיי פילן אָבער פון זיין ווייכן טאָן, אַז ער זאָגט עפּעס פאַר זייער טובה וועגן. זיין בליק איז געוועזן פול מיט רחמנות צו זיי. דער זקן האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי ווילן זיך נישט זעצן צוליב דעם, וואָס זיי ווילן אים נישט פאַרנעצן מיט זייערע נאַסע קליידער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַז זיי זאָלן זיך זעצן. ביידע מיטאַמאָל האָבן אים באַדאַנקט, און זיך אַוועקגעזעצט.

שפּעטער זענען זיי אַלע דריי געזעסן אויף דער באַנק, ענג צוגעדריקט איינער צום אַנדערן. דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין גיסן. נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט לעאָן געפרעגט דעם אַלטן: — דאָס דאָרף אילענאָף איז ווייט פון דאַנען? — דער אַלטער האָט פאַמעלעך אויסגעצויגן געזאָגט:

— אָ, אָ! זייער ווייט. איר זייט נישקשהדיק פאַרקראָכן. איר וועט פריער דאַרפן דורכגיין צוויי אַנדערע דערפער, דערנאָך אַ שטעטל, און ערשט דערנאָך וועט איר קומען קיין אילענאָף. עס וועט אייך נעמען אפשר אַ גאַנצן טאָג אַהין צוצוקומען, — האָט דער אַלטער גערעדט, פול מיט רחמנות צו זיי.

— אין איינעם פון די פאַרבייגייענדיקע דערפער, — זאָגט ער ווייטער, וועט איר קאָנען דינגען אַ פערד־און־וואָגן, מען זאָל אייך אַוועקפירן, אַז נישט, ווער ווייסט ווען איר וועט אָנקומען.

ווען זיי האָבן דערהערט, ווי ווייט ס'איז, איז זיי געוואָרן קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. קיין פערד־און־וואָגן וועלן זיי דאָך נישט דינגען צוליב פאַרשידענע סיבות; וועלן זיי מוזן גיין צופוס. דער אַלטער האָט זיך מיט זיי דערפילט גאָר היימיש און איז געוואָרן ריידעוודיק. ער האָט זיי דער־

ציילט, אַז דאָ בויט מען אַ גרויסע שוועבעלעך־פאַבריק, און ער איז דאָ דער נאַכט־וועכטער.

דער רעגן האָט געגאָסן ביז פאַרטאָג. זיצנדיק האָבן זיי געדרעמלט. ווען דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולייטערן, זאָגט צו זיי דער אַל־טער מיט אַ פּאַטערלעכער שטים:

— איר זייט דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. איצט האָט איר צו גיין אַ לאַנגן וועג. אפשר ווילט איר צופאָרן צו מיר אין שטוב. מיין אַלטע וועט אויפקאָכן וואַסער, וועט איר טרינקען טיי, עפּעס איבערקייען. אַז איר וועט וועלן, וועט איר זיך קאָנען צולייגן אויך, זיך אָפּרוען, דערנאָך וועט אייך זיין גרינגער צו שפּאַנען. איר דאַרפט זיך אונטערגאַרטלען, זיך אָננעמען מיט כוחות, צו גיין וואוהין איר דאַרפט. באַלד וועלן קומען די אַרבעטער, וועט מען אונדז צופירן וואו איך וואוין.

לעאָן מיט סאַלען האָבן אים האַרציק באַדאַנקט פאַר זיין גוטהאַרצי־קייט, טראַכטנדיק דערביי, אַז פאַר זיי איז בעסער אַוועקצוגיין, איידער די אַרבעטער קומען.

— מיר מוזן זיך צואיילן, וואָס פריער קומען קיין אילענאָף, — האָט אים לעאָן געענטפערט.

אויפן אויסגעלייטערטן הימל האָבן זיך באַוויזן פינקלדיקע שטערן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ לויטערן מאָרגן.

ווען זיי זענען אַרויס פון בודקע, האָט דער מזרח־ראַנד פון הימל זיך גערויטלט. ווי אין אַן אויגנבליק האָט זיך אַ פלאַמיקער פּאַס פאַרצויגן. די אויפגייענדיקע זון איז באַלד ווי פון דער ערד אַרויסגעקראָכן, און אין דער רויטקייט אויסגעזען גלייך ווי זי וואָלט אין אַ בלוטיקער נעץ גע־בוירן געוואָרן, און מיט בלענדנדיקער שאַרף־צעצונדענער ליכטיקייט דעם טאָג פון דער פינצטערער נאַכט אַרויסגעשלעפּט. די צוויי פאַרבלאָנדזשעטע האָבן זיך מיטן פרעמדן אַלטיטשקן געזעגנט.

ביידע האָבן וואַרעם געדריקט דעם אַלטנס גרויסע דאַרע האַנט, אים האַרציק באַדאַנקט פאַר זיין פריינטשאַפט, פאַר באַשיצן זיי אין דעם שטור־רעם־רעגן. ער האָט זיי אַ שטיקל וועג אַרויסבאַגלייט, נאָכאַמאָל זיי אָנ־געזאָגט, ווי אַזוי זיי זאָלן גיין; אָנגעגעבן סימנים; מיט פאַרזיכט גע־מאָלט דעם גאַנצן וועג, זיי זאָלן ווידעראַמאָל נישט פאַרבלאָנדזשען.

ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן דאָס ערשטע הויז אויפן וועג, האָבן זיי אָנ־געקלאַפּט אין דער טיר. אַ מיטליאָריקע פרוי האָט דורכן פענצטער אַרויס־געקוקט און געפרעגט: — וואָס פאַרלאַנגט איר?

סאַלע האָט געענטפערט: — מיר זענען הונגעריק, אפשר קאָנט איר אונדז פאַרקויפן אַ שטיקל ברויט, מילך, וואָס־עס־איז צו עסן? — די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען, געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר, געקוקט אויף די פרעמדע און געקלערט, וואָס זי קאָן זיי פאַרקויפן. דערנאָך האָט זי פאַמעלעך געזאָגט:

— קומט אַריין!

זיי זענען גערן אַריינגעגאַנגען, זיך אַוועקגעזעצט אויף צוויי פּראָסטע בענקלעך. די פרוי איז געשטאַנען אינמיטן שטוב פאַרקלערט. דערנאָך זאָגט זי געלאַסן און נעבעכדיק, ווי אַ שולדיקע: — מיר האָבן היינט ביים אָנבייסן פאַרענדיקט דאָס לעצטע שטיקל ברויט. איך דאַרף באַלד אַריינ־זעצן אַ פריש געבעקס. שפּעטער וועט זיין פריש ברויט. אויב איר ווילט, קאָן איך פאַר אייך אָפּקאָכן אַ קאַשע מיט מילך.

— גוט! — רופן זיך אָן ביידע צופרידן.

— אָפּגעקאָכטע קאַשע איז נאָך בעסער, ווי ברויט, — זאָגט סאַלע שטיל צו לעאָנען.

די פרוי האָט זיי געוויזן וואו זיי קאָנען זיך אַרומוואַשן; זיי געגעבן אַ גראָבן האַנטוך, און איז אַריין אין קיך צושטעלן די קאַשע. זי האָט אויסגעשפּרייט אויף אַ הילצערנעם, צעשפּאַלטענעם טיש אַ ריין טישטוך, פון דער זעלבער היימיש־אויסגעאַרבעטער גרויער לייוונט, וואָס דאָס האַנטוך, און אַוועקגעלייגט צוויי בלעכענע אָפּגעקראַכענע לעפל. אין עט־לעכע מינוט אַרום האָט זי צוגעטראָגן צוויי גרויסע, פולע שיסלען מיט ברוינער קאַשע, באַגאָסן מיט הייסער מילך, פון וועלכער ס'האָט זיך גע־טראָגן איבער דער שטוב אַ געשמאַקער ריח. זיי האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, אויסגעליידיקט די שיסלען, באַצאָלט וויפל די פרוי האָט פאַרלאַנגט. ביים אויפהייבן זיך אַרויסצוגיין האָט לעאָן געזאָגט: — איר קאָנט אָפּקאָכן אַ גוטע קאַשע. די פרוי האָט געשמייכלט און באַשיידן געזאָגט: — נישטאָ ביי דעם קיין חכמה.

לעאָן האָט, שטייענדיק, איר דערציילט, וואוהין זיי גייען, און געפרעגט זי, אין וועלכער ריכטונג זיי דאַרפן זיך איצט פאַרנעמען, כדי צו זיין זיכער. זי האָט זיי געזאָגט פּינקטלעך אַזוי ווי דער אַלטער האָט פאַר זיי אויסגעמאָלט, און זיי זענען אַוועק באַגלייט מיט פריינטלעכע וואונטשן.

אויפן וועג האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל אָפּגערוט: אַוועקגעזעצט זיך אויף אַן אָנגעטראָפענעם קלאָץ פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים, אָדער אויף אַ לאָנקע; אַמאָל אויך אויפן זאַמד. קוים וואָס זיי האָבן געשלעפּט די פיס.

ביי סאַלען זענען די פּיס־קנעכלעך געוואָרן אַנגעשוואָלן פון צופיל גיין.

די זון האָט אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן זיך נידעריקער, ווי אַ קופּער־נער טעלער וואָלט געלעגן ביים ראַנד פון הימל. די לעצטע שטראַלן האָבן מיט גינגאָלד באַפאַרבט די נאַקעטע פעלדער. טונקעלע שאָטנס זענען ביי דער זייט מיט זיי מיטגעגאַנגען, אָנגעזאָגט, אַז די נאַכט רוקט זיך אָן, ס׳וועט באַלד ווערן פינצטער.

סאַלען איז מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן. אַ נאָגנדיקע, אומקלאָרע בענקשאַפט איז איר באַפאַלן, זי האָט מיט באַדויער אַ מורמל געטאָן:

— שוין באַלד נאָכן טאָג. ווער ווייסט ווי לאַנג ס׳וועט נאָך נעמען, ביז מיר וועלן אָנקומען אין דאָרף.

זי האָט אַלע ווייל געקוקט צו דער פאַרגייענדיקער זון, ווי עס וואָלט איר געווען אַ שאָד, וואָס זי גייט אונטער. זי וואָלט וועלן פאַרהאַלטן די לעצטע זון־שטראַלן, אויסציען דאָס לעצטע ביסל ליכטיקייט, דער טאָג זאָל נישט פאַרשווינדן.

מיט יעדער רגע ווערן די גאָלדענע זון־פּאַסן אויף די פעלדער אַלץ בלאַסער און קלענער. די זון האָט זיך ווי אין דער ערד אַריין אַראָפּ־געלאָזט, איבערלאָזנדיק אַ צעצונדענעם הימל־ברעג, ווי אַ צעפלאַקערטער פייער מיט ראָזלעכע, פּורפּורנע פאַרבן באַזוימט. דער לעצטער זון־שטראַל האָט זיך אויסגעלאָשן. אויפן אָרט פון צעפלאַמטן הימל איז אַ שטיק צייט געבליבן אַ רויטער, ווי מיט בלוט פאַרגאָסענער צייכן.

אַ קילער ווינט האָט געיאָגט מיט האַרבסטיקער פייכטקייט, מיט אַ ריח פון טוכלע, פוילנדיקע בלעטער. די שאָטנס זענען מיט יעדער רגע טונ־קעלער געוואָרן.

סאַלע האָט אין זיך באַדויערט דעם פאַרגאַנגענעם, לויטערן, וואַרע־מען טאָג, וואָס איז פאַרשוואונדן ערגעץ אין דער אייביקייט. די האַרבס־טיקע קילקייט איז געקראָכן אין אירעביינער.

ביידע זענען געגאַנגען שווייגנדיק.

לעאָן האָט זיך דערמאָנט אין זיינע חברים. געטראַכט, ווער ווייסט צי עמעצער פון זיי איז ביז איצט נישט אַריינגעפאַלן אין די בלוטיקע, פּאָליציייִשע הענט. אַ צאָרן קעגן דער ברוטאַלער, האַלב־פאַשיסטישער מאַכט אין פוילן האָט אין אים אַ קאָך געטאָן און אויפגערודערט דעם באַגער צו זיין וואָס גיכער אויף אָן אָרט, און ווייטער פאָרזעצן די אַרבעט פאַרן וואָוילזיין פון דער מענטשהייט.

— קום גיכער, עס ווערט פינצטער! — גיט סאַלע פּלוצלינג צו

אים אַ זאָג, און רייסט־איבער זײַנע געדאַנקען. מיט די לעצטע כוחות האָבן זיי אָנגעהויבן גיכער צו גיין. מיטאַמאָל האָבן זיי פון ווײַטן דער־זען אַ הויז, שפּעטער נאָך אַ הויז. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זײַן דאָס דאָרף וואוהין זיי גייען. אַ מוטיקער געפיל פון דערגרייכונג האָט זיי אַרומגענומען. זיי האָבן אָנגעהויבן אימפּעטדיקער צו שפּאַנען. מיט פריידיקע הערצער זענען זיי ענדלעך נאָך דער שווערער נסיעה אָנגעקו־מען קיין אילענאָף. זיי זענען אַרײַן אין דעם גרויסן אַריינפאָר־הויז צו מאַריאַ גוזשיק, פאַרשטויבטע, מידע, הונגעריקע, נישט־טויט נישט־לעבעדיק.

ווען די פרוי, מאַריאַ, האָט זיי דערזען, האָט זי אײַנגעפלאָכטן די פינגער איינס־אין־אַנדערן, אַראָפּגעלאָזט די הענט, און מיט שוועסטער־לעכן געפיל געזאָגט:

— וואו זענט איר געווען? איר האָט דאָך נאָך נעכטן געזאָלט קו־מען. איך האָב נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן.

— מיר האָבן אַביסל געבלאָנדזשעט. דערצו נאָך האָט אַ גאָס־רעגן אונדז פאַרהאַלטן אויפן וועג, אויף איבער נאַכט, — האָט לעאָן, ווי פאַר־שעמט, מוטלאָז זיך פאַרענטפערט.

מאַריאַ האָט אויף זיי געקוקט און געזאָגט:

— איר קוקט אויס זייער פאַרמאַטערט. ס׳שווער געווען פאַר אײַך דער לאַנגער וועג. נו, אַבי איר זענט דאָ, וועט איר זיך שוין ביי מיר אָפּרוען. — זי האָט אָנגענומען סאַלען ביי דער האַנט, אַרויסגעפירט זי אויפן הויף, געוויזן, וואו זיי קאָנען זיך אַרומוואַשן. דערנאָך איז זי אַרײַן אין קיך צוגרייטן פאַר זיי עסן. פון דער פרויס האַרציקע רייד האָבן זיי זיך דערפילט, ווי זיי וואָלטן אַרײַנגעקומען אין אַ היימישער שטוב צו אַ גוט־באַקאַנטן מענטשן. צו אַ גוטן פריינד.

אין שטוב האָט געשמעקט מיט פריש־געבאַקן ברויט און קוכן. מיט געפּרעגלטע און געקאָכטע מאכלים. פון קיך־אויוון האָט געשלאָגן אַ ליבע וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די אַנדערע צימערן.

מאַריאַ האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַ הייסע זופּ, פלייש מיט קאַשע און גרינסן. די מיטליאָריקע, בלאָנדע פרוי מיט די גוטמוטיקע, בלויע אויגן האָט זיי אַרומגענומען מיט ליבלעכע בליקן. דאָס האָט געהויבן זייער געפאַלן געמיט, פאַרלײַכטערט זייער מידקייט, ווי מיט דער האַנט אַוועק־גענומען די שווערקייטן פון וועג. אַ פרישער צופלוס פון נײַע כוחות האָט אָנגעהויבן שטראָמען אין זייערע גלידער. נאָכן עסן האָט מאַריאַ

דערלאַנגט טיי מיט אייגן־געבאַקן קוכן. זי האָט זיי אויסגעפרעגט, ווי אַזוי דער וועג איז זיי געגאַנגען. לעאָן האָט געמיטלעך געשמועסט מיט איר, גלייך זי וואָלט געווען אַן אַלטע באַקאַנטע.

סאַלע האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זי איז געזעסן שטיל, זיך בלויז אויפמערקזאַם צוגעהערט.

— איצט, אַז מיר האָבן זיך אַביסל דורכגעשמועסט, — זאָגט מאַריאַ, — וועט איר זיין אַזוי גוט, מיינע טייערע, אַרויפגיין אין דער הויך. איך זע, איר זייט שטאַרק מיד. נישט קיין וואונדער: צוויי נעכט נישט דער־שלאָפן, זיך אָנגעגאַנגען אַזאַ ווייטן וועג. קומט מיט מיר. איך וועל אייך ווייזן די געלעגערס, וואו איר וועט קאָנען שלאָפן ווי לאַנג איר וועט וועלן, זיך גוט אויסרוען.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז געגאַנגען צו די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אויפן ערשטן שטאָק. סאַלע מיט לעאָנען זענען איר נאָכ־געגאַנגען. די באַלעבאָסטע האָט געעפנט אַ טיר און געזאָגט:

— דאָס צימער האָב איך צוגעגרייט פאַר אייך.

זיי זענען גערירט געוואָרן פון דער וואַרעמער אויפנאַמע; געבליבן שטיין און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, ווי אַזוי אויסצודריקן זייער דאַנקבאַרקייט פאַר איר מענטשלעכער האַנדלונג.

אין צימער זענען געשטאַנען צוויי אייזערנע שמאָלע בעטלעך, ציכ־טיק איבערגעשפּרייט, אַן אַלטמאָדישע קאָמאָדע, צוויי שטולן, אַ גרויסע בלעכענע שיסל מיט אַ קרוג וואַסער אויף אַ לאַנגער באַנק. מאַריאַ האָט זיי אָנגעוויזן אויף אַ פּאָליצע, וואו ס׳ליגן וואַרעמע קאָלדרעס, אין פאַל ס׳וועט זיין קאַלט ביינאַכט. מיט אַ ליבלעכן שמייכל האָט זי געזאָגט „אַ גוטע נאַכט״, פאַרלאָזנדיק דעם צימער.

ביידע האָבן זיך באַפרייט פון זייער טאָפּלטן אָנטאָן און אין אַ גע־הויבענער שטימונג זיך געלייגט אין די ריינע בעטן. ערשט דעמאָלט האָבן זיי דערפילט די שטאַרקע מידקייט, וואָס האָט איצט אויפן גע־לעגער אָנגעהויבן עטוואָס נאָכלאָזן. סאַלען האָבן אַלע גלידער ווי גע־טאָן. ביידע זענען באַלד אַוועקגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

אין שלאָף האָט סאַלע דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. ווען דאָס קלאַפּן האָט זי אויפגעוועקט, האָט זי פון אָנהויב געמיינט, אַז ס׳האָט זיך איר אפשר בלויז אויסגעדאַכט. ווען זי האָט אָבער ווידער געהערט דאָס קלאַפּן, איז זי אַ דערשראָקענע אַראָפּ פון בעט, צוגעלאָפן אויפוועקן לעאָנען. זי האָט אים אַריינגעשריגן אין אויער:

— לעאָן! עמעצער קלאַפּט אין טיר. מען קלאַפּט. שטיי־אויף!

לעאָן האָט קוים אויפגעריסן די פאַרשלאָפענע אויגן; דערהערט דאָס קלאַפּן, האָט ער פאַרשלאָפן געזאָגט צו סאָלען:

— וואָס שטייסטו? גיי, עפן!

— איך וויל נישט עפענען. גיי דו! — זי האָט מיט שרעק אים געטאָרעט, אים געשלעפט, ער זאָל אַראָפּ פון בעט. מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ זעץ־אויף, גיט אַ שאַר־אַרויף די צעפּאַטלטע האָר פון זיין שטערן, און שפּרינגט אַראָפּ פון בעט. אַן אויפגעטרייסלטער, לויפט ער צו צו דער טיר, בלייבט שטיין, לייגט־צו אַן אויער צו הערן, וואָס אויף דער אַנדערער זייט טיר טוט זיך, צי עמעצער רעדט. נאָר ער הערט קיינעם נישט.

— וואו קלאַפּט מען? ס'האָט זיך דיר מסתמא געחלומט, — בייזערט ער זיך אויף סאָלען. נאָר באַלד דערהערט ער אַ לייכטן קלאַפּ. ער גיט זיך אַ צאַפּל און פרעגט: — ווער איז?

— איך, מאַריאַ. עפנט! איך דאַרף נייטיק עפּעס אייך זאָגן.

ער האָט קוים געהערט איר שוואַכע, ציטערדיקע שטים. אין צע־טראָגנקייט האָט ער אויסגעשריגן:

— באַלד, באַלד, איין רגעלע! — ער האָט שנעל אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די הויזן און אַן עפן־געטאָן די טיר. מאַריאַ איז אַריין אַ בלאַסע, מיט צעשראָקענע אויגן. זי האָט זיך איינגעאָנצן געטרייסלט. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו באַהאַלטן איר שרעק; זיי האָבן אָבער באַלד דערקענט אויף איר בלאַסן פּנים, אַז דאָ קומט־פאָר עפּעס גאָר ערנסטס.

זי האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים, פּאַמעלעך און שטיל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עמעצער זאָל נישט דערהערן, געזאָגט:

— איך האָב געהערט שלעכטע נייעס. ס'טוט מיר לייד, אָבער איך האָב אייך געמוזט אויפוועקן.

איר פּנים איז נאָך בלאַסער געוואָרן. זי איז מיטאַמאָל שטיל גע־בליבן, נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, ווי עפּעס וואָלט אָפּגעהאַקט איר לשון. סאָלע האָט מיט שרעק זי אָנגעקוקט, אָנגעכאַפּט אירע הענט. מיט אַ וויינענדיק קול האָט זי אָנגעהויבן:

— וואָס איז געשען? טייערינקע, זאָגט, וואָס האָט פּאַסירט?

מאַריאַ האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצוברענגען פאַר זיי די טרויעריקע נייעס. זי האָט זיך ממש געשטיקט מיט די ווערטער. ענד־לעך האָט זי אָנגעהויבן:

— אַ שכן האָט מיר נאָר וואָס דערציילט, אַז ביי אַ רייכן פּריץ ביי זייער אַ גרויסן גוט־באַזיצער, האָט מען אַרויסגעגנבעט פערד. מען שמועסט, אַז די געגנבעטע פערד מיט די גנבים געפינען זיך איצט נישט וויט, ערגעץ אין דעם געגנט. זוכט מען אומעטום אַרום די גנבים מיט די פערד. ביי מיר, ווייסט מען, איז אַן אַריינפאָר־הויז, וואו עס קומען פאַרשידענע מענטשן. האָב איך מורא, אַז זיי וועלן דאָס ערשטע קומען אַהער זוכן. קוים טרעפן זיי אייך, וועלן זיי אָנהייבן אויס־פרעגן, פאַרשן ביי מיר און ביי אייך: ווער איר זייט, וואָס איר טוט דאָ, און קיין דאָקומענטן האָט איר נישט. האַלט איך, אַז ס׳איז בעסער, איר זאָלט אַוועקגיין איידער די פּאָליציי באַפאַלט דאָס הויז.

אַלע דריי זענען געבליבן שטיל, ווי פאַרגליווערט. דער פרויס בלאַס פּנים מיטן ציטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אירע רייד, האָט אויף די צוויי אַנטלאָפענע פון פּוילן אָנגעוואָרפן אַ פּחד פון אַ נייער געפאַר.

סאַלע האָט אַ פאַרציטערטע געקוקט אויף דער פרוי און אויף לע־אָנען, מיט גרויס־געוואָרענע, דערשראָקענע אויגן. זי איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, אָן לשון, ווי אַ סטאַטוע; נישט גערירט זיך פון אָרט. אַלע האָבן אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן, ווי פאַרלוירענע; נישט גע־וואוסט אויף דער מינוט, וואָס צו טאָן. לעאָן איז געשטאַנען פאַרטראַכט, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, געקלערט וואוהין זיי קאָנען פון דאַ־נען גיין.

סאַלע האָט ראַפּטאָם איבערגעריסן דאָס שווייגן. זי האָט פאַרצווייפלט אַ זאָג געטאָן:

— איצט איז דאָך אינמיטן נאַכט, קאָן מען נישט ריידן פון ערגעץ גיין אַזוי שפּעט!

מאַריאַ האָט נערוועז אַ שאַר־געטאָן אירע העל־בלאָנדע, גלייכע האָר, וואָס זענען צעפּאַטלט געלעגן אויף איר שמאָלן שטערן, און מיט אַ פאַרשטיקט, אומרואיק קול געזאָגט:

— ס׳איז ערשט אַ פערטל נאָך עלף. טוט זיך אָן. איך וועל אייך צופירן צו אַ פּלאַץ הינטערן דאָרף, צו מיינעם אַ קרובֿ. ביי אים איז פאַראַן אַ קעלער, אַ גרויסער שייער, וואו איר וועט זיך קאָנען אויסבאַ־האַלטן ביז די געפאַר וועט אַריבער. אפשר וועט מען געפינען די גנבֿה אָדער די גנבים, וועט זיך איינשטילן דער טומל, וועט איר צוריקקומען צו מיר.

— איצט, אַזוי שפּעט, גיין איבערן דאָרף, אינמיטן נאַכט קומען צו אַ פרעמדן? — האָט לעאָן אומצופרידן געזאָגט.

— אפשר זאָלן מיר טאַקע צוואַרטן ביז אינדערפרי? — האָט ער רואיק געפרעגט, מיט אַ טאָן, אַז ס'איז נישט נייטיק צו לויפן אינמיטן נאַכט.

— ניין! — זאָגט מאַריאַ, הויך און שאַרף, — מען טאָר נישט רי־זיקירן. ווער ווייסט, ווען זיי קאָן איינפאַלן צו קומען. בעסער שוין איצט צו גיין, איידער בלייבן דאָ אין געפאַר אַריינצופאַלן אין פּאָליציייִשע הענט. זיי קאָנען יעדע מינוט באַפאַלן דאָס הויז.

זיי האָבן געזען, אַז די באַלעבאָסטע איז דערשראָקן, האָבן זיי זיך אין איילעניש אָנגעטאָן, צונויפגענומען די פּאָר זאַכן, און אַלע דריי האָבן זיך מיט אימפּעט געלאָזט גיין איבערן דאָרף. הינטן האָבן זיך צעהאַווקעט פון אַלע זייטן, דאָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ שרעק, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס בילן פון די הינט וועט אַרויסרופן נייגעריקייט ביי די איינוואוינער און דאָס קאָן מעגלעך פירן צו געפאַר. האָבן זיי גע־וואָלט גיך אַרויסגיין פון דאָרף און זענען געגאַנגען אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך.

ענדלעך זענען זיי צוגעקומען צום הויז פון מאַריאַס קרוב. מאַריאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— ווער איז? — האָט זיך דערהערט אַ פאַרשלאָפן קול פון אַן אַלטן פויער.

— דאָס בין איך, מאַריאַ. האָט נישט קיין מורא, עפנט.

דער מאַן איז גיך אַראָפּ פון בעט, געעפנט די טיר, דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט? וואָס איז געשען?

מאַריאַ איז אַליין אַריין אין הויז. סאַלע מיט לעאָנען זענען גע־בליבן אינדרויסן. די פרוי איז שוין אויך געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע, אין הוילן העמד, אַן איבערגעשראָקענע, געוואַרט צו הערן וואָס ס'האָט פּאַסירט.

מאַריאַ האָט צוערשט געפּרואווט זיי באַרואיקן, אַז קיין שום שלעכטס האָט דערווייל נישט פּאַסירט. דערנאָך האָט זי דערציילט די מעשה מיט דער גנבה און ווער די צוויי מענטשן זענען און געפרעגט: — אפשר קאָנט איר האַלטן דאָ ביי אייך עטלעכע טעג די צוויי מענטשן?

סאַלע מיט לעאָנען זענען מוטלאָזע געשטאַנען אינדרויסן, הינטער

דער וואַנט. זיי האָבן זיך דערפילט געפאַלן, ווי בעטלער, וואָס וואַרטן מען זאָל זיי עפּעס שענקען. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן, האָט מאַריאַ אָפּגעשפּאַרט די טיר, אַריינגערופן זיי, פאַרגעשטעלט מיט די נעמען איינע פאַר די אַנדערע. זי האָט באַלד געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ און איז אַוועק אַהיים.

דער קרוב מיטן ווייב האָבן מיט אומפּריינטלעכע בליקן באַטראַכט די צוויי פרעמדע. ס'איז געווען קענטיק, אַז זיי זענען נישט צופרידן מיט די אומגעבעטענע געסט. דערנאָך האָט דער מאַן מיטן ווייב אין די נאַכטקליידער זיך אַרומגעדרייט און עפּעס געזוכט. קיינער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. שפּעטער האָט דער מאַן זיך אָנגעטאָן; פּאַמעלעך, מיט שווערע טריט, אַריינגעגאַנגען אין קיך, גענומען אַ בינטל שליסלען און אַ ברום געטאָן:

— קומט!

די באַלעבאָסטע, שוין אויך אָן אָנגעטאָנענע, איז נאָכגעגאַנגען דעם מאַן מיט אַ פּאָר זאַכן אויף דער האַנט, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ שייער. דער באַלעבאָס האָט מיט אַ שטילן קלונג פון די שליסלען אויפגעעפנט אַ ברייטע טיר און אַריבער אַ הויכע שוועל. אַלע זענען אים נאָכגעגאַנגען. דער שייער איז געווען פול מיט היי. די באַלעבאָסטע האָט אין אַ ווינקל צעשאַרט אַביסל היי, געמאַכט אין איין זייט העכער פאַר אַ קישן אין דער פאָרם פון אַ בעט. זי האָט פאַרשפּרייט מיט אַ פּלאַכטע פון גראָבער גרווילעכער לייוונט, אַוועקגעלייגט אַן אַלטע אויסגעריבענע קאָלדרע און געזאָגט קורץ:

— דאָ וועט איר שלאָפן.

זיי האָבן זיך באַלד אַוועקגעלייגט אויפן שמעקנדיקן היי. ס'איז געווען ווייך און וואַרעם, אַ מחיה צו ליגן. זיי האָבן ווידער דערפילט פון זייער וואַנדערן די מידקייט אין זייערע גלידער, וואָס האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך נאָכלאָזן, נאָר איינשלאָפן האָבן זיי נישט געקאָנט. די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט.ביידע זענען געלעגן שווייגנדיקע; געטראַכט וועגן די לעצטע צוויי טעג, פון דעם נאָר־וואָס געשעענעם.

דער מאָרגנדיקער טאָג האָט אין זייער געדאַנק קיין אָרט נישט פאַרנומען. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּלענער און האָבן נישט געוואוסט, וואָס מיט זיי וועט געשען. בלויז אַ פּלאָנטער פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט זיך געקנוילט מיט פאַרשידענע געקניפּטע פעדים.

ביי סאַלען האָט דער פּלאָנטער פון איר פאַרגאַנגענהייט געשפּינט

בייזע מחשבות, אַריינגעכאַפּט זי אין אַ קלעם. לעאָנען האָבן זיך דערמאָנט פאַרשידענע קאַמפן, אומצאָליקע געפאַרן, וואָס ער איז בייגעקומען און געוועקט אין אים אַ שטרעבונג צו קאָנען זיך פריי באַוועגן. דער לעצטער געשעענער פאַקט, האָט ווי אַ קאָשמאַר זיך אַלע ווייל אַריינגעריסן צווישן די מחשבות, געעקבערט זייערע מוחות, נישט צוגעלאָזט קיין שלאָף.

סאַלען איז באַפאַלן אַ באַדויער־געפיל, וואָס זי איז געגאַנגען מיט לעאָנען. זי האָט פלוצלינג דערפילט אַ גרויסע בענקשאַפט צו דער היים, צו די עלטערן, צו אַלע נאָענטע און אייגענע, צו אַלץ און אַלעמען, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט. אין דעם מאָמענט האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז איינע אַליין אויף דער וועלט, אַז אַלץ אַרום איר איז פּוסט און פרעמד. די בענקשאַפט האָט גענאָגט, געקלעמט דאָס האַרץ; פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

מיט לעאָנען איז געווען אַנדערש. ער האָט נישט געהאַט קיין על־טערן. זיין מאַמע איז געשטאָרבן, ווען ער איז געבוירן געוואָרן. אין זעקס יאָר אַרום איז זיין טאַטע אַוועק אין דער אייביקייט. ער האָט זיך גע־האָדעוועט ביי אַ ווייטער קרובה. פון ניין יאָר אָן האָט ער זיך אַרומ־געוואַלגערט ביי פרעמדע אַלס לערן־יינגל. ער האָט נישט נאָך וועמען צו בענקען. חוץ דעם איז ער נישט קיין בענקענדיקער. ס'איז אים נישט קיין שאָד וואָס ער האָט פאַרלאָזט זיין געבורט־לאַנד, וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין איין גוטן טאָג אין זיין לעבן. אים איז נישט קיין שאָד זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן. ער זאָגט:

— אַ מענטש דאַרף שטרעבן צו אַ בעסערן מאָרגן, צו דערגרייכונגען און דערהויבונגען; נישט באַדויערן, נישט וויינען אויפן נעכטן.

סאַלע איז אַלץ אומרואיק. זי דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. איר דאַכט זיך, אַז לעאָנען אַרט גאָרנישט וואָס עס געשעט. עס פאַרדריסט זי וואָס ער ליגט רואיק און זאָגט גאָרנישט. זי נעמט זיך אָן מיט מוט און פרעגט אים:

— דו ביסט גאָרנישט באַזאָרגט פון דער אומגעריכטער אָנשיקע־ניש? אויב מיר זאָלן, חלילה, אַריינפאַלן צו דער פּאָליציי, קאָן מען אונדז נאָך צוריקשיקן קיין פּוילן. דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס גרעסטע אומ־גליק פאַר אונדז.

— אין אונדזער לאַגע האָט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף אַלערליי צופאַלן, — האָט לעאָן געענטפערט. — דורך מורא וועט מען נישט אויס־מיידן די געפאַר. מען דאַרף געפינען אַ וועג זיך אויסצוהיטן, נישט אַריינ־

צופאַלן צו דער פּאָליציי. ווען דער פּויער לאָזט אונדז דאָ בלייבן עט־לעכע טעג, וואָלט געווען גוט. דערנאָך וואָלטן מיר זיך ערגעץ דערשלאָגן. אויב נישט, וועלן מיר מוזן געפינען אַן אַנדער וועג, זוכן אַ פאַרבינדונג מיט חברים, — האָט ער געלאָסן געזאָגט.

דורך די שפּאַרעס פון שייער האָט אָנגעהויבן אַריינלייכטן אַ בלויקייט פונעם אָנקומענדיקן טאָג. זיי האָבן זיך אָנגעטאָן און זיך אָוועקגעזעצט; געוואַרט, מען זאָל זיי קומען רופן.

די זון האָט שוין שפּאַצירט אויפן הימל, ווען דער פּויער האָט גע־עפנט די טיר פון שייער. מיט אַ כמורנעם פּנים האָט ער שטיל אויסגע־צויגן די ווערטער

— קומט אין שטוב! מיינע האָט צוגעגרייט אָנבייסן.

מידע, נישט־געשלאָפענע, האָבן זיי פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן פון־נעם היי, און שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען דעם באַלעבאָס. ביים עסן זאָגט צו זיי דער פּויער:

— כ׳האָב געשיקט מיין זון צו אַ באַקאַנטן, ער זאָל זיך מיט אים דורכרעדן, וואו איר זאָלט זיך אויסבאַהאַלטן. ביי מיר איז נישטא קיין אָרט פאַר אייך צו בלייבן.

נאָכן עסן האָט ער זיי צוריקגעפירט צום שייער, שלייכנדיק זיך נאָענט ביים פּלויט. כאָטש קיין נאָענטע שכנים זענען נישט געווען, האָט ער פאָרט מורא געהאַט, עמעצער זאָל נישט אָנקומען און זיי דערזען.

בייטאָג האָט די באַלעבאָסטע זיי גערופן צום עסן. דער מאַן איז נישט געווען אין הויז. די פּויערטע האָט דערלאַנגט צום טיש אָפּגע־קאָכטע קרויט מיט קאַרטאָפליעס, געשמאַלצן מיט חזיר־פעטס. דערנאָך האָט זי אין אַ ווייס שטיקל לייוונט פאַרוויקלט אַ שטיקל ברויט מיט וואורשט און געזאָגט:

— דאָס איז פאַר אייך מיטצונעמען אין וועג אַריין. מיין אַלטער וועט באַלד אַריינקומען, וועט ער אייך זאָגן, וואוהין איר דאַרפט גיין.

ס׳האָט גענומען אַ לאַנגע צייט. ערשט ווייט נאָך האַלבן טאָג, האָט דער אַלטער זיך באַוויזן און זיי געזאָגט:

— איר וועט גיין גלייך מיטן וועלדל, וואָס ציט זיך היגטערן שייער, ביז איר וועט צוקומען צו אַ שמאָלן טייך. דאָרט וועט איר זיך פאַר־נעמען רעכטס. איר וועט דערזען אַ פלאַכן באַרג, פאַרוואָקסן מיט נידע־ריקע ביימלעך. פון דאָרט איז שוין נישט ווייט צו דער באַן־סטאַנציע. וועט איר דאָרט וואַרטן. מיין זונס אַ פריינט, אַ שטיין־האַקער, סטעפּאַן

הייסט ער, וועט נאָך דער אַרבעט, פֿאַרנאַכט קומען איך אָוועקפֿירן קיין ראזשענבעראק.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיטן פֿויער און זיין ווייב, מיט פֿאַמעלעכע טריט זענען זיי אומצופֿרידן אָוועק אויפֿן אָנגעוויזענעם וועג.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום פֿלאַכן באַרג, לעבן וואַסער, האָט דער טאָג שוין אָנגעהויבן פֿאַרגיין. די זון האָט געזעגנט מיט די לעצטע שטראַלן אויפֿן בלייכן, טיילוויז־פֿאַרוואָלקנטן הימל.

לעאָן האָט אויסגעשפּרייט זיין מאַנטל. ביידע האָבן אויסגעטאָן די שיך, זיך אַוועקגעזעצט און געקוקט אויפֿן אַרום.

דאָס וואַסער אין טייך האָט שטיל און שפּילעוודיק געשורשעט. סאַלען איז איינגעפֿאַלן אויסצוואַשן די זאָקן. פֿלינק און שפּילעוודיק איז זי אַראָפּגעלאָפֿן צום טייך. זי האָט אויסגעשווענקט פֿון זאַמד און שוויס די זאָקן, און אויפֿגעהאָנגען זיי אויף צווייגלעך פֿון אַ נידעריקביימל. דערנאָך איז זי אַ באָרוועסע אַריין אין וואַסער, און געבליבן שטיין ביים ברעג אויסצוואַווייקן אירע צעווייטיקטע, מידע פֿיס. לעאָן האָט איר נאָכגעטאָן. ער האָט פֿאַרקאַטשעט די הויזן ביז די קני, און איז אויך אַריין אין טייך. ביידע האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט, געשאַרט דאָס וואַסער מיט די פֿיס, זיך געפּליעסקעט, געשפּילט זיך מיט די לויפֿנדיקע, פֿלאַכע כוואַליעס. דאָס וואַסער האָט זיי דערפֿרישט, אויפֿגעמונטערט.

לעאָן איז געווען גוט אויפֿגעלייגט. ער האָט געפֿילט ווי צו זאָגן סאַלען: „איך האָב זיך נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז דו זאָלסט זיין אַ הילף אין וועג. איך בין צופֿרידן, וואָס דו ביזט מיט מיר״, — נאָר ער האָט עס נישט געזאָגט, ער האָט צוריקגעהאַלטן די ווערטער.

זיי האָבן שמייכלענדיק זיך אָנגעקוקט און דערפֿילט אַ נאָענטקייט איינער צום אַנדערן.

סאַלע האָט דערזען ביים ברעג אַ געל, האַלב־פֿאַרשמאַכט בלימל. דאָס בלימעלע האָט זיך געטרייסלט, געציטערט ביי יעדן יאָג פֿון ווינט, ווי עס וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס וואַסער זאָל עס נישט מיטרייסן און פֿאַרשווענקען. זי האָט געקוקט אויף דעם מיט רחמנות.

אַ פֿאַרנאַכטיקע, האַרבסטיקע קילקייט האָט זיי אַרומגענומען. זיי זענען אַרויס פֿון וואַסער, געווישט, געריבן די נאַקעטע פֿיס אין פֿאַרטריקנטן גראָז; פֿאַמעלעך אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בערגל, זיך ווידער אַוועקגעזעצט נאָענט איינער לעבן אַנדערן. זי האָט אויפֿגעוויקלט דאָס ברויט

מיטן צעשניטענעם וואורשט, און זיי האָבן געלאָסן געגעסן. לעאָנען איז באַפאַלן אַ שלאָף. ער האָט זיך אויסגעצויגן און איז איינגעשלאָפן.

אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן מאַטע שטערן מיט אַ שטיקל לבנה.

סאַלע האָט געקעמפט מיטן שלאָף. זי האָט מורא געהאַט איינצודרימלען, כדי נישט צו פאַרזען דעם מענטשן, וואָס דאַרף צו זיי קומען.

דער הימל האָט זיך געביטן, געוואָרן טונקל־בלוי, פאַרפּוצט מיט אָן אַ שיעור פינקלדיקע שטערן, ווי שימערירנדיקע דימענטן. די שטערן האָבן זיך געשפּיגלט אין וואַסער. אין דער אונטיקער שטילקייט האָט זיך שטאַרקער געהערט דאָס פליסן פון טייך. אַ פויגל מיט טונקל־גרויע און שוואַרצע פעדערן, מיט אַ געלן, לאַנגן שנאָבל, איז ראַשיק אַנגעפלויגן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ קליין דיןביימל אַנטקעגן סאַלען, און מיט אַ מאָדנעם, שאַרף־באַנומען קול זיך צעשריגן, גלייך ער וואָלט זיך אויף עמעצן געבייזערט. דעם פויגלס שרייען האָט צעשטערט די נאַכטיקע רואיקייט. ער האָט אָבער באַלד אויפגעהערט שרייען, און איז אַוועקגעפלויגן. אַ פאַרגליווערטע שטילקייט האָט זיך ווידער צעלייגט איבערן אַרום, און אַנגעוואָרפן אַן אומעט.

סאַלען האָט זיך געדאַכט, אַז די פינצטערניש האָט זיך פלוצים, מיטאַמאָל, אַראָפּגעלאָזט. זי האָט נישט געוואָלט לעאָן זאָל שלאָפן. זי האָט געגלעט זיין האַנט, גערעדט צו אים, אָבער ער האָט נישט געהערט, נישט געעפנט די אויגן. זי האָט אים געשלעפט, אויפגעהויבן זיינע ברעמען און אַריינגערעדט:

— לעאָן, דו שלאָפסט? שלאָף נישט, שטיי־אויף! איך וויל דו זאָלסט זיצן מיט מיר.

אַ שטאַרק מידער האָט ער אַ רייב־געטאָן די אויגן, זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און ווייטער געשלאָפן. זי האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט, געהאַלטן אים אין איין טאַרקען, ביז ער האָט זיך אויפגעזעצט, און פאַרשלאָפן געזאָגט: — זע נאַר, ס'איז דאָך שוין טאַקע נאַכט.

— כדי צו פאַריאָגן פון זיך דעם שלאָף, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געגעבן סאַלען אַ גלעט איבערן קאָפּ, אַ קוש אין שטערן און איז אַראָפּ צום טייך. זי איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זענען געשטאַנען ביים ברעג, געקוקט אויפן וואַסער, אין וועלכן דאָס שטיקל לבנה מיט די שטערן האָבן זיך געשפּיגלט, זיך געוויגט אויף די פלאַכע כוואַליעס, ווי זיי וואָלטן זיך באַוואויגן אין אַ רואיקן טאַנץ.

לעאָן האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגענומען פולע הענט מיט וואַסער און

אָפּגעוואַשן דאָס פּנים. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים אויפגעוואַכט. ער האָט זיך דערפילט פריש און מונטער, געווישט, געריבן דאָס פּנים מיטן לייוונט, אין וועלכן די פּויערטע האָט געהאַט איינגעוויקלט דאָס ברויט. סאַלע האָט אים אַרומגענומען, זיך געלאַשטשעט צו אים ווי אַ קעצל און ער האָט צאַרט געגלעט אירע האָר.

זיי זענען צוריק אַרויף אויפן בערגל. סאַלע האָט אַראָפּגענומען פון די צווייגלעך די אויסגעוואַשענע, נאָך־פייכטע זאָקן, אַרויפגעצויגן זיי אויף די פּיס, אָנגעטאָן די שיך. לעאָן האָט אויך אָנגעטאָן די שיך, האָט זי אָנגענומען אונטערן אָרעם, און מיט לאַנגזאַמע טריט אַרומשפּאַצירט אויפן בערגל, געקוקט אין אַלע זייטן, געזוכט דעם מאַן, וואָס דאַרף קומען און זיי נעמען מיט זיך. נאָר מען זעט נישט, מען הערט נישט קיין שאָרך פון קיין מענטשן. די אַרומיקע, אויסגעהוילטע, פרעמדע פּוסטקייט, וואַרפט־אָן אַן אומעט.

סאַלע ווערט אומגעדולדיק. זי זאָגט מיט אַ ציטער:

— ווי לאַנג וועלן מיר דאָ וואַרטן? אפשר זענען מיר נישט אויפן ריכטיקן אָרט? ווי מיינסטו?

— דו הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע צווייפלען! — בייזערט זיך לעאָן. — דו זעסט דאָך, אַז קיין אַנדער בערגל איז דאָ נישטאָ, מיר זענען געגאַנגען אַזוי ווי ער האָט אונדז געהייסן. וואָס־זשע דרייסטו אַ קאָפּ? — סאַלע האָט זיך דערפילט שולדיק און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אים ווידער געמאַטערט מיט פראַגן: — וואָס וועלן מיר טאָן, אַז יענער וועט נישט קומען?

— וועלן מיר צוריקגיין אַהין פון וואַנען מיר זענען געקומען, — האָט ער בייז געענטפערט. זי האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס דער אַלטער פּויער האָט זיי אַזוי שנעל אַוועקגע־שיקט אַהער צו וואַרטן אויפן פּוסטן פעלד. זאָל עס זיין, אַז ער האָט באַלד בײַנאַכט דאָס אָפּגערעדט מיט מאַריאַן? ער האָט גאָרנישט גע־קאָנט פאַרשטיין, ווי יענער האָט דאָס אַזוי געקאָנט טאָן. דאָס פליסן פון טייך הערט זיך ווי אַ שטיל שושקעריי. סאַלע האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, זיך געטוליעט צו לעאָנען, ווי אַ פאַרשולדיקט קינד, געקוקט אים אין די אויגן אַריין, צי דער כעס איז פון אים אַוועק. עס פאַרדריסט זי פאַרוואָס זי מוטשעט אים מיט פראַגן, פאַרוואָס זי איז אומרואיק. איר דאַכט זיך, אַז ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. יעדע מינוט ציט זיך ווי פּעך. לעאָן שטייט פאַרטראַכט, קוקט אַראָפּ, שאַרט

מיט אַ פוס, ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט די פּאַרטריקנטע גראָזן. ער רעדט נישט קיין וואָרט. זיין שווייגן לייגט זיך אויף איר, ווי אַ שווערע משא וואָלט געדריקט איר ברוסט. זי וויל זאָגן: „קום, לאָמיר גיין צו־ריק", נאָר זי האָט מורא, ער זאָל זיך ווידער נישט בייזערן אויף איר. זי איז געוואָרן מיד פון שטיין, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פייכטער ערד. ער איז אַלץ געשטאַנען לעבן איר אַ שווייגנדיקער.

מיטאַמאָל דערהערן זיי אַן אויסגעשריי: „אַ־אַ־אַ!" סאַלע האָט מיט אַ פריידיקן צאַפּל זיך געגעבן אַ שטעל־אויף.ביידע האָבן מיטאַמאָל געענטפערט מיטן זעלבן אויסגעשריי און געלאָפן אַהין פון וואַנען דאָס קול האָט זיך געטראָגן.

די באַגעגעניש מיטן שטיין־האַקער איז געווען אַ הייסע און אַ פריי־דיקע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט: „דאָס בין איך, ‚סטעפאַן'", און האָט זיי דערלאַנגט זיין ביינערדיקע, האַרטע האַנט.

— אַנטשולדיקט, וואָס איר האָט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף מיר. איך האָב היינט פאַרענדיקט שפּעט די אַרבעט, — האָט ער זיך פאַר־ענטפערט. סטעפאַנס גראָבע קליידער, דאָס טונקל־רויטלעך, פון זון־און־ווינט־פאַרברוינט פּנים, האָט דערציילט וועגן זיין שווערער אַרבעט אַלס שטיין־האַקער.

— איך האָב געמיינט, מיר וועלן דאַרפן שלאָפן אויפן באַרג; אַז קיינער וועט שוין היינט נישט קומען נאָך אונדז, — האָט לעאָן האַלב אין שפּאַס, האַלב־ערנסט געזאָגט. סאַלע האָט צופרידן געהאַלטן לעאָנען אונטערן אָרעם, גרייט צו גיין צו דער באַן.

סטעפאַן האָט ברייט צעעפנט זיינע גרויסע, גרויע אויגן, געקוקט אויף ביידע אומבאַקאַנטע, און שמייכלענדיק געזאָגט: — די באַן גייט־אָפּ פון דאַנען ערשט עלף אַזייגער, האָבן מיר גענוג צייט. מען דאַרף זיך נישט יאָגן.

ער האָט פון אַ קאָלירטער פאַטשיילע אויפגעוויקלט אַ קאָרן־פלעצל, מיט אַ שטיק חזיר־פלייש, און דערלאַנגענדיק, זיי פריינטלעך געזאָגט:
— איר זייט געוויס הונגעריק. עסט־אָפּ, וועלן מיר גיין צו דער באַן.

— מיר זענען נישט הונגעריק, — האָבן ביידע מיטאַמאָל געזאָגט.
— לאָמיר בעסער שוין גיין. אויב מיר וועלן זיין הונגעריק, וועלן מיר בעסער דאָרט אין דער ליכטיק עסן, איידער דאָ אין דער פינצטערניש, — האָט סאַלע צוגעגעבן. סטעפאַן האָט צוריק פאַרוויקלט דעם פלעצל

מיטן חזיר־פּליש, גענומען דאָס פּעקל אונטערן אָרעם, און מיט אַ צייכן פון אַ דריי מיטן קאָפּ, זיי גערופן צו גיין.

ער איז געגאַנגען פאָראויס מיט אַ נישט־אויסגעטראָטענעם וועג, אויף אַ שמאָלער פאַרוואָרלאָזטער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו דער קליי־נער באַן־סטאַנציע — אַ שטיבעלע, אַזוי גרויס ווי אַ בודקע. חוץ דעם קאַסירער מיט נאָך איינעם, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַרבעטס־קליידער, האָט מען דאָרט קיינעם נישט געזען.

זיי האָבן נאָך היפּשלעך לאַנג געוואַרט, ביז די באַן איז מיט אַ גרילצנ־דיקער פּייפעריי אָנגעקומען.

סטעפאַן האָט געהאַלטן די בילעטן. אַלע דריי האָבן אין וואַגאָן זיך געזעצט אויף איין באַנק. ווען דער צוג האָט זיך גערירט, איז צוגעקומען צו זיי אַ זשאַנדאַר מיט אַ קאַלטן, האַרטן בליק און אויסגערופן מיט אַ באַסאָווער שטים:

— דאָקומענטן.

אַלע דריי האָבן זיך אויפן מאָמענט פאַרלוירן, נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. סאַלע איז גאָר געוואָרן אַ פאַרציטערטע. דער זשאַנדאַר קוקט זיי אָן בייז און זאָגט נאָכאַמאָל: „ווייזט אייערע דאָקומענטן!" זיי שווייגן. נאָר באַלד האָט זיך סטעפאַן אויפגעהויבן, אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּיר פון בוזעם־קעשענע, געוויזן דעם זשאַנדאַר און געזאָגט: — זיי זענען טויב־שטומע, איך פיר מיט זיי צו אַ דאָקטאָר, — אָנווייזנדיק אויף די צוויי פרעמדע פּאַסאַזשירן.

דער זשאַנדאַר קוקט זיי אָן פאַרדעכטיקט און גייט אַוועק אַן אומצו־פרידענער, איבערלאָזנדיק אַן אומרואיקייט אויף אַלע דריי. זיי זענען געזעסן מיט איינגעהאַלטענער שרעק. יעדער פון זיי האָט געטראַכט דאָס זעלבע: דער זשאַנדאַר וועט אַוודאי באַלד אַריינקומען מיט נאָך עמעצן און זיי אַרעסטירן, אָדער ער וועט מעלדן דער ראַזשענבעראַקער פּאָליציי, מען זאָל זיי דאָרט ביים אַראָפּגיין פון באַן פאַרהאַלטן אַלס פאַר־דעכטיקטע פאַרשוינען.

מיט גרויס שרעק האָבן זיי זיך אין ראַזשענבעראַק אַראָפּגעכאַפּט פון באַן, געשפּאַנט מיט אַ הינטערוועג אין דער פאַרטאָגיקער פינצטערניש.

סטעפאַן איז געגאַנגען אויף אַ באַשטימטן אַדרעס דורכצורעדן זיך מיט איינעם וועגן זייער לאַגע. יענער האָט שוין אויף זיי געוואַרט. נאָך אַ קורצער דערקלערונג האָט יענער געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וועט זיין פאַר זיי נאָך היינט אָפּצופאָרן קיין זשעלינע. ער וועט לאָזן וויסן, עמעצער

זאָל זיי דאָרט אָפּוואַרטן ווען זיי וועלן אַהין קומען. נאָך דעם ווי סטעפּאַן האָט אַדורכגעפירט זיין פּליכט, האָט ער זיך געזעגנט און איז אַוועק.

ווען זיי זענען אַראָפּ פון באַן אין זשעלינע, האָבן זיי דערזען אַ מאַן, שיין־אָנגעטאָן, דרייט זיך אַרום און קוקט יעדן נאָך. דער מאַן האָט אויסגעזען פּאַרדעכטיקט. ס׳איז זיי איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז זיין אַ „שפּיצעל", אַ געהיים־אַגענט. זיי האָבן זיך שנעל אַוועקגעדרייט פון אים, אַריין אין אַ זייטיק געסל, עטלעכע שעה זיך אַרומגעדרייט, ביז זיי האָבן זיך קוים דערפרעגט צום הויז, וואו עס קומען זיך צונויף אַרבעטער. ערשט דאָ האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז דער מאַן, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ביי דער באַן, האָט געוואַרט אויף זיי. זיי האָבן זיך אַזש פאַרשעמט פאַר זייער פאַלשן חשד.

אין אַרבעטער־הויז האָבן חברה זיך פאַראינטערעסירט צו געפינען פאַר זיי אַ דירה און קריגן פאַר לעאָנען אַרבעט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַן אויסמעבלירטער דירה. דאָ, אין דער רואיקער היים, האָבן זיי זיך דערפילט ווי ניי־געבוירן; געמיינט, זיי וועלן דאָרט פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט און פאַרגעסן אין אַלע זייערע ביז־איצטיקע צרות. אָבער דאָס באַקוועמע אָרט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין דעם אַרבעטער־הויז האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אויך אין זשעלינע זוכט מען אַרום די גנבים און די פערד, און די פּאָליציי אַרעסטירט מענטשן אויפן מינדסטן חשד; האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַן אַנדער אָרט, וואוהין זיי ווידער אַוועקצושיקן.

אַן אָנפירנדיקער אַרבעטער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט זיינעם אַ פריינט פון אַן אַנדער שטעטל, אין טשאַדסע, ער זאָל זיי נעמען צו זיך אויף אַ שטיקל צייט, ביז די בהלה מיט דער פערד־גנבה וועט אַריבער.

מיט גרויס האַרץ־ווייטיק האָבן זיי געמוזט איבערלאָזן די באַקוועמע דירה מיט די באַקאַנטע מענטשן פון אַרבעטער־הויז, מיט וועלכע זיי האָבן זיך שוין געפילט היימיש, און ווידער פאָרן צו פרעמדע אומבאַקאַנטע, יענע זאָלן זיי באַשיצן פון דער אומגעריכטער צרה.

טשאַדסע איז אַ קליין שטעטל, וואָס באַשטייט פון איין לאַנגער גאַס מיט עטלעכע געשעפטן. די אַנדערע הייזער זענען צעשפּרייט, צעוואָרפן אין דער ברייט, וואָס פאַרמירן נישט קיין גאַסן.

דער אַרבעטער, וואָס האָט אָפּגערעדט מיטן פריינד צו וועמען זיי דאַרפן פאָרן, האָט זיי געגעבן אַ סימן, אַז ביי דער טיר פון זיין פריינד,

אַ פריזירער, העגגען אין דרויסן דריי מעשענע טעלער. ער איז דער איינציקער פריזירער אין שטעטל, וועט זיי זיין גרינג צו געפינען אים. דאָרט זאָלן זיי זאָגן, אַז איליאַ האָט זיי געשיקט צו אים.

זיי זענען אָנגעקומען קיין טשאַדסע שפּעט אין אָוונט. אויף דער איינ־ציקער, לאַנגער, טונקל־באַלויכטענער גאַס זענען די קראָמען שוין געווען געשלאָסן. זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן די מעשענע טעלער; זיי זענען דורכ־געגאַנגען די גאַנצע לענג גאַס און נישט געפונען. אין אַ סך הייזער האָט זיך אויך ביסלעכווייז די ליכט אָנגעהויבן אויסלעשן.

אַ קאַלטער ווינט האָט געשמיסן זייערע פּנימער. די לופט איז געווען פראָסטיק; די קעלט איז געקראָכן אין די ביינער. זיי האָבן זיך אָוועק־געשטעלט לעבן אַ וואַנט פון אַ שטאַל, פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון קי־מיסט. איבער אַ פּלויט האָט זיך צעבילט אַ הונט. קיין מענטשן האָט מען נישט געזען. סאַלע האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט דאַרפן בלייבן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער גאַס. די קעלט איז געוואָרן שאַרפער, זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אַליין אין דער פינצטערניש. מיט־אַמאָל איז לעאָן געבליבן שטיין און געזאָגט:

— קום, לאָמיר צוגיין צו דער באַן־סטאַנציע. דאָרט איז קיינער נישטאָ, וועלן מיר איבערזיצן ביז אינדערפרי. בעסער ווי דאָ זיך אַרומ־צודרייען.

— גוט, לאָמיר טאַקע גיין אַהין, — האָט זי צוגעשטימט.

זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין לעאָנען, און זיי זענען געגאַנגען מיט גיכע טריט איבערן ליידיקן וועג. די טיר פון דער קליינער באַן־סטאַנציע איז געווען אָפן. אַ שוואַכע לאַמטערן־שיין האָט באַלויכטן דאָסביידל. ביי אַ וואַנט איז געשטאַנען אַ באַנק. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, זיך צוגע־טוליעט איינער צום אַנדערן. ווען זיי האָבן געהערט אָנקומען אַ באַן, זענען זיי אַרויסגעלאָפן אינדרויסן, זיך באַהאַלטן אין דער פינצטערער זייט פון דער וואַנט. אַז די באַן איז אָוועק, זענען זיי צוריק אַריינגעגאַנגען אינוווייניק צו באַשיצן זיך פונעם פראָסטיקן ווינט.

מיטן טאָג צוגלייך זענען זיי צוריק אָוועק אין שטעטל זוכן דעם פריזירער מיט די דריי מעשענע טעלער ביי דער טיר. שעה׳ען האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט, ביז זיי האָבן ענדלעך דערזען אַרויסהענגען די מעשענע טעלער. זיי זענען אַריין צום פריזירער, אים דערציילט, אַז זיי זוכן אים פון נעכטן־אָן, אַז איליאַ האָט זיי אַהער געשיקט און געגעבן

זיי דעם סימן — די דריי מעשענע טעלער. דער פריזירער האָט מיט באַדויערן געזאָגט:

— איר זייט אַריינגעקומען צו־שפּעט. ווען איך פאַרענדיק די אַר־בעט, נעם איך אַראָפּ די טעלער.

ער האָט זיי אויסגעפרעגט, ווי אַזוי און פאַרוואָס זיי זענען צו אים געקומען. נאָך לעאָנס דערקלערונג האָט ער געשוויגן, לאַנג געקוקט אויף די מידע, נישט־דערשלאָפענע, בלאַסע פּנימער. דערנאָך האָט ער פאַר־שלאָסן די טיר פון זיין אַרבעט־פּלאַץ און איז מיט זיי אַוועק צו זיך אַהיים. ער האָט געזאָגט זיין ווייב: — די צוויי מענטשן וועלן מוזן זיין ביי אונדז אַ צייט — עסן און שלאָפן.

אויף דער פרויס פּנים האָט זיך געמערקט אַן אומצופרידנקייט. דער מאַן איז אַוועק צוריק צו זיין אַרבעט. זי האָט זיי געהייסן זיך אַרומוואַשן. שווייגנדיק האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן טיש ברויט מיט אַ שטיקל פאַר־טריקנטן קעז. זיי האָבן געגעסן און פאַרטרונקען מיט טיי. שפּעטער האָט די פרוי זיי אַריינגעפירט אין אַ טונקעלן צימער, וואָס איז געווען מער ענלעך צו אַ קאַמער, ווי אַ צימער. דאָרט איז געשטאַנען אַן אַלט אייזערן, פאַרזשאַווערט בעט, אַ צעשפּאָלטענע באַנק, און אַ נידעריקע צעבראָ־כענע קאָמאָדע. די פרוי איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און זיי אָנגעזאָגט:

איר זאָלט נישט אַרויסגיין, ביז איך וועל נישט אָנקלאַפּן און אייך הייסן אַרויסקומען. מיר דאַרפן זיך היטן פאַר די שכנים. מער פעלט מיר נישט, נאָר עמעצער זאָל זיך דערוויסן, אַז איך האַלט פרעמדע ביי זיך. מענטשן האָבן לאַנגע און בייזע צונגען.

ביידע זענען געבליבן זיצן ווי אין אַ תּפיסה, נישט געטאָרט אַ וואָרט אויסרעדן איינער צום אַנדערן, קיינער זאָל זיי חלילה נישט דערהערן.

אויף סאַלען האָט זיך געלייגט אַ דערשלאָגנקייט. אין אָוונט, ווען דער פריזירער איז אַהיים געקומען, האָט ער געעפנט די טיר פון אַלקער, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר לעאָן האָט פאַרכאַפּט פריער מיט אַ טענה:

— אויב מיר דאַרפן זיצן פאַרמאַכט, מורא האָבן אַרויסצולאָזן דעם אָטעם, קאָנען מיר דאָ לאַנג נישט פאַרבלייבן. איך וועל אָנשרייבן איליאַן אָדער רעדט איר זיך דורך מיט אים: אפשר קאָן ער געפינען פאַר אונדז אַן אָרט, וואו מיר זאָלן זיך קענען באַוועגן, לעבן ווי מענטשן.

דער פריזירער האָט זיך דערפילט אַביסל שולדיק. ער האָט ווייך געזאָגט:

— באַרואיקט זיך! איך וועל זען, וואָס מען קאָן טאָן.

אַכט טעג זענען זיי געווען אין דעם פינצטערן אַלקער. אויפן ניינטן טאָג איז געקומען איליאַ. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט און אַ פירער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיינע ערשטע ווערטער זענען געווען:

— איך פאָר מיט אייך קיין פראָג.

סאַלע קוקט אים אָן דערשטוינט און זאָגט:

— וואָס רעדט איר? אויף דער באַן קיין פראָג איז מעגלעך פאַראַן געהיים־אַגענטן, ווי קענען מיר ריזיקירן?

איליאַ ענטפערט איר מיט אַ שמייכל:

— ווי מיינט איר? ווען איך וואָלט געהאַט דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז אייך באַדראָט אַ געפאַר, וואָלט איך געוואָגט צו ריזיקירן? איך בין נישט געקומען אייך פאַרפירן, נאָר העלפן אין אייער שווערער לאַגע.

לעאָן האָט זי באַרואיקט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אַ פאַרשעמטער. ער ווייסט דאָך, אַז איליאַ איז אַ מענטש, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן. ער האָט אין געדאַנק איר פאַרגעוואָרפן פאַר איר באַמערקונג.

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, זענען זיי אַלע דריי געזעסן אין באַן אויפן וועג קיין פראָג. אין פראָג האָט איליאַ זיי אַוועקגעפירט אין אַן אָרט, וואו עס האָבן זיך געפונען נאָך עטלעכע פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע עמיגראַנטן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט לעאָן זיך אַרומגעקוקט, אַז פראָג איז נישט פאַר אים צו פאַרבלייבן. אים האָט געצויגן קיין בעלגיע: אין בריסעל האָט ער געהאַט אַ סך פריינט און באַקאַנטע.

אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג האָבן סאַלע מיט לעאָנען זיך אַרויסגעלאָזט צופוס, אָן געלט, קיין בעלגיע. מידע און הונגעריקע זענען זיי אַריינגעקומען קיין דייטשלאַנד, מיט בלויז עטלעכע פעניג אין קעשענע. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ בעקעריי. דאָס געבעקס האָט אַרויסגעשמעקט מיט מחיה׳דיקע ריחות. סאַלע זאָגט צו לעאָנען: — גיי אַריין, אפשר וועט די פאַרקויפערין דיר געבן מער ברויט פאַר דעם געלט, וואָס מיר האָבן. — נאָר ער זאָגט: — בעסער דו זאָלסט אַריינגיין. די פרוי וועט זען אַ פאַרמאַטערטע פרוי, ווי דו זעסט אויס, וועט זי דיר אפשר געבן אַ גרעסער שטיקל ברויט. זי וועט פאַרשטיין, אַז זי דאַרף פאַר דיר נישט אָפּוועגן דאָס ברויט. זיי האָבן זיך אַ שטיק צייט געאַמפּערט, ווער ס׳זאָל אַריינגיין אין דער בעקעריי. סאַלע האָט זיך לאַנג געקווענקלט;

סוף־כל־סוף איז זי אַריינגעגאַנגען און געזאָגט צו דער דייטשקע: — מיר זענען אין צווייען. פון נעכטן־אָן האָבן מיר נישט געגעסן. דאָס איז אונדזער גאַנץ געלט, — ווייזנדיק איר די פּאָר פעניג, — מיר ווילן איר זאָלט אונדז געבן ברויט, — האָט זי מיט געבעט געזאָגט.

די דייטשקע האָט גענומען ביי איר די עטלעכע פעניג, איבערגע־ציילט, און אָפּגעשניטן אַ דין פּענעצל ברויט, אָפּגעוואויגן פּונקט פאַר דעם געלט, וואָס זי האָט געקראָגן און איר געגעבן. סאַלע איז אַרויסגע־קומען מיטן שטיקל ברויט, אַן אַנטוישטע.ביידע האָבן אויף דעם גע־קוקט, נישט געוואוסט ווער פון זיי ס׳זאָל פון דעם אַ ביס־טאָן. סאַלע האָט אָפּגעבראָכן אַ גרעסערע העלפט און געגעבן לעאָנען. די רעשט מיט איין ביס אויפגעגעסן, און זיי זענען ווייטער געגאַנגען.

זיי האָבן געוואָלט דערגיין קיין אַכען. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ באַקאַנטן, מיט וועמען זיי האָבן זיך דורכגעשריבן. סאַלען זענען ווידער די פיס געשוואָלן געוואָרן פון גיין. אָנגעקומען אין אַכען, זענען זיי, נישט־טויט, נישט־לעבעדיק, קוים אַריין צום באַקאַנטן. דאָרט האָבן זיי זיך גוט אָפּגערוט, זיך אויסגעשלאָפן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער באַקאַנטער זיך באַמיט צו קריגן עמעצן, וואָס זאָל זיי אַריבערפירן קיין בעלגיע. צופרידענע האָבן זיי באַדאַנקט און זיך געזעגנט מיטן פריינט.

די באַן איז אָנגעקומען קיין אַנטווערפּען אין אָוונט. זיי זענען גע־זעסן אין וואָקזאַל און געוואַרט אויף אַ באַן קיין בריסעל. דערווייל קומט־צו צו זיי אַ מאַן, שטעלט זיך אַוועק און קוקט אויף לעאָנען. דערנאָך פרעגט ער אויף פּויליש: — וואָס טוט איר דאָ?

זיי ענטפערן נישט.

— איר דערקענט מיך נישט? איר זענט דאָך פון דער שטאָט ב.

די הערצער זענען ביי זיי פאַרגליווערט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, און באַלד ווידער אָנגעהויבן שטאַרקער ווי געווײנלעך צו קלאַפּן.

ביידע איז איינגעפאַלן דער זעלבער געדאַנק: אַז דער מאַן איז אַ „שפּיצעל״: אַז נישט אַנדערש, נאָר די פּוילישע רעגירונג האָט נאָכ־געשיקט אַ געהיים־אַגענט צו כאַפּן לעאָנען. זיי זענען געבליבן אָן לשון. דער מאַן רעדט צו זיי: — ווי לאַנג זענט איר פון פּוילן? איר וואוינט דאָ, צי איר פאָרט פאַרביי?״

זיי שווייגן.

— איך זע, זאָגט ווידער דער מאַן, — אַז איר דערקענט מיך נישט.

גיט אַ טראַכט — אפשר וועט איר זיך דערמאָנען. ער וואַרט, אָבער זיי קענען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. יענער ציט־אויס צו לעאָנען אַ פאַרשוואַרצטע, אויסגעאַרבעטע האַנט און זאָגט:

— מיין נאָמען איז פּאוועל. איר האָט אַמאָל פאַר מיר געמאַכט אַ פּאָר שיך, זענען דאָס געווען שיך: אי זגראַבנע, אי באַקוועם, אי שטאַרק. איר האָט שוין פאַרגעסן? כראָמאָווע שיך זענען דאָס געווען. אויב איר האָט דאָ אַ וואַרשטאַט, בין איך גרייט ווידער צו באַשטעלן ביי אייך אַזאַ פּאָר שיך, — און ער דריקט אים שטאַרקער די האַנט. זיי האָבן זיך צעשמייכלט, די שרעק איז מיטאַמאָל אַוועק, ווי אַ שטיין וואָלט זיי אַראָפּ פון האַרצן.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט אים שוין לעאָן געפרעגט. — איך אַרבעט דאָ אין די קוילן־גרעבנס. — זיי האָבן זיך היימיש צערעדט, ביז ס'איז אָנגעקומען די באַן, וואָס גייט קיין בריסעל. דער מאַן האָט זיי באַגלייט ביז אין וואַגאָן אַריין. זיי האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט, און זענען אָפּגעפאָרן צופרידענע, וואָס זיי האָבן ביים סאַמע ערשטן אַריינקום אין אַ פרעמד לאַנד געטראָפן אַ לאַנדסמאַן, אַ היימישן מענטשן.

דער קריזיס

אין 1931 האָט זיך אין אַמעריקע געהאַלטן אין אויסשפּרייטן דער שווי־ דערלעך שווערער קריזיס און האָט פאַרכאַפּט קלענערע און גרעסערע אינדוסטריעס איבערן לאַנד. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואַקסן צווישן אַלע אַרבעטער־שיכטן. נויט, הונגער און דחקות האָט זיך איינגעבירגערט אין מיליאָנען היימען. מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט צו צאָלן קיין דירה־געלט, זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין גאַס מיט זייערע בעבע־ כעס. פאַמיליעס מיט קינדער זענען געשטאַנען לעבן זייערע אָרעמע זאַכן אין רעגנס און אין פרעסט און געציטערט פון קעלט.

די רעגירונג איז געווען געצוואונגען אויסצוטיילן אונטער די שטעט לײדיקן באָדן, וואו טויזנטער אַרבעטסלאָזע האָבן צונויפגעקליבן ברעטער און אויפגעקלאַפּט דערמיטביידלעך; פון שטיקער בלעך געמאַכט אַ דאַך און זיי האָבן געוואוינט אין די ביידלעך מיט זייערע משפחות. „הוואווער דערפלעך" האָט מען זיי גערופן (אַ נאָמען נאָכן דעמאָלטדיקן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן).

די מענער זענען געשטאַנען אין גאַס מיט קעסטלעך עפּל צו פאַר־ קויפן, אַלס אַן אויסרייד צו בעטן אַ פּאָר סענט פון פאַרבייגייער. דאָס

איז געווען דער איינציקער מיטל צו דערנערן זייערע פֿאַמיליעס. אַזעלכע פֿאַלן האָט מען געזען אויף טריט און שריט. דאָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מוראדיקע אומזיכערקייט אפילו אויף די וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלער. די זאָרג פֿאַרן מאָרגן איז געווען גרויס. מענטשן האָבן זיך געשראָקן, אַז זיי זאָלן אויך, חלילה, נישט קומען צו דער מדרגה אַרויסגעוואָרפֿן צו ווערן אויף דער גאַס מיט די קינדער.

יצחק און צביה ציגל האָבן געהאַט צוויי ייִנגלעך: לייזער, אַכט יאָר און מנחם — פֿינף יאָר אַלט.

יצחק איז שוין לאַנג געווען אַרבעטסלאָז. ער איז געווען אַ פּאָריער, אַ פּעלצן־מאַכער.

זיין פֿאַך איז געווען פֿון די ערשטע געטראָפֿן צו ווערן פֿון קריזיס. כאָטש ער איז געווען איינער פֿון די בעסטע צושניידער אין פֿוטער־פֿאַך, האָט ער שוין אַריבער אַ יאָר נישט פֿאַרדינט קיין סענט. די שעפּער האָבן געפּוסטעוועט. ווען מען איז אין אַזאַ ביטערער צייט געלעגן אין זינען צו קויפֿן אַ פֿוטער־מאַנטל.

יעדן טאָג איז יצחק געפֿאָרן אין פֿוטער־מאַרקעט. נאָכן אָפּוואַל־גערן זיך לאַנגע שעה'ן אין יענע גאַסן פֿון די פֿאַר־שעפּער, איז ער אַהיים־געקומען אַן אויסגעשעפּטער, אַ פֿאַרזאָרגטער און אַ פֿאַרצווייפֿלטער. ממש מיט טרערן אין די אויגן פֿלעגט ער דערציילן צביהן, זיין ווייב, אַז די לאַגע ווערט פֿון טאָג־צו־טאָג ערגער.

— איצט, — זאָגט ער, — אין סאַמע ברען פֿון סעזאָן דאַרפֿסטו זען, ווי דער פֿאַר־מאַרקעט איז פֿאַרפֿלייצט מיט אַרבעטסלאָזע. טויזנטער טייערע באַלמעלאָכעס זוכן צו קריגן אַ טאָג אַרבעט, פֿון אַ פּולער וואָך אַרבעט רעדט מען גאָרנישט. מענטשן וואָלטן געווען גליקלעך צו אַרבעטן כאָטש אַ טאָג אַ וואָך. אַמאָל רופֿט מען איינעם אויף עטלעכע שעה אַרבעט. וואָלסטו געמעגט זען ווי אַנדערע זענען אים מקנא. מען איז צופֿרידן, אַז מען קריגט ערגעץ אַ שעה אַרבעט. מענטשן, — זאָגט ער, — שוואַרצן זיך דאָס פּנים, דערנידעריקן זיך, לויפֿן צו באַלעבאַטים, בעטן זיך, מען זאָל זיי געבן עפּעס אַרבעט. קיינער פֿון די פֿאַריערס געדענקט נישט, אַז אין אַמעריקע זאָל ווען ס'איז זיין אַזאַ ביטערע צייט, — האָט ער מיט פֿאַרביטערונג באַ־קלאָגט זיך פֿאַרן ווייב. אָבער צביה האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט פֿאַר־שטעלן די אמתע לאַגע.

זי ווייסט, אַז איר מאַן שרעקט זיך אַלעמאָל מער ווי ווער־עס־איז. אין סעזאָן האָט ער מורא, אַז די אַרבעט וועט זיך גיך אויסלאָזן; נאָכן

סעזאָן זאָרגט ער, ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט אַרומגיין אָן אַרבעט. קומט אַ שלעכטע צייט, ווערט ער גאָר דערשלאָגן, פאַרצווייפלט. זאָגט זי צו אים:

— תמיד זעסטו שוואַרצער, ווי עס איז. די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. עס זענען נאָך דאָ גענוג גבירים, וואָס האָבן געלט צו קויפן פוטערנע מאַנטלען.

יצחק איז פון אירע רייד געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער.

— וואָס ווייסטו, וואָס עס קומט־פאַר אין לאַנד. מענטשן האָבן דאָך נישט אויף קיין שטיקל ברויט צו קויפן. דיר איז גוט, דו האָסט נאָך דער־ווייל וואָס צו עסן, מיינסטו, אַז יעדערער האָט. קום אַרויס אין מאַרקעט, וועסטו זען.

אויף מאָרגן קומט ער אַהיים און דערציילט איר פון אַ באַקאַנטן:

— יאָסל האָט מיר היינט צעבראָכן דאָס האַרץ. ער איז געקומען אין מאַרקעט אָן אַ סענט, געבעטן ביי מיר אַ ניקל אַהיימצופאָרן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין שטוב איז נישטאָ קיין שטיקל ברויט, נישט קיין טראָפּן מילך פאַר די קינדער. איך האָב אים געגעבן אַ קוואָדער, האָט ער זיך דערפרייט: זיין ווייב וועט האָבן פאַר וואָס צו קויפן אַ פונט ברויט מיט אַ קוואָרט מילך.

צביהן האָט דאָס אויך פאַרקלעמט ביים האַרץ. אין דער זעלבער צייט האָט זי געוואָלט טרייסטן יצחקן, זאָגט זי:

— הלוואי וויטער, ביי אונדז האַלט עס נאָך נישט דערביי. די פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר וועלן אונדז נאָך סטייען אויף דער שלעכטער צייט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן נישט הונגערן. די שלעכטע צייט וועט דאָך אייביק פאָרט נישט אָנהאַלטן. נישקשה, דו מיט דיין נאָמען, — האָט זי אים געוואָלט דערהייבן, — אַזאַ גוטער באַלמעלאָכע, ווי דו, ווערט נישט פאַרפאַלן, אַבי געזונט. — האָט זי מיט אַ געמאַכטן אָנשטעל פון האַפענונג פאַרענדיקט.

יצחקן האָבן אירע טרייסט־ווערטער אַרויסגעבראַכט פון געדולד. ער איז געוואָרן אויפגערעגט, זיך צעשריגן:

— איך וועל דיך שיקן קריגן פאַר מיר אַרבעט. פאָר דו אין מאַר־קעט, וואַלגער זיך דו אָפּ טעג, ווי איך, וועסטו פילן מיין טעם. בעסערע באַלמעלאָכעס פון מיר לעכצן נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָבן נישט פאַר וואָס אַ טעפּל קאַווע צו קויפן. פּרוביר דו גיין פאַרדינען, וועסטו וויסן ווי גרינג עס איז.

אַמאָל פלעגט ער אַהיימקומען אַ דערשלאָגענער, נישט וועלן רעדן צו איר קיין וואָרט, הלמאי זי פאַרשטייט אים נישט; ער פלעגט אַרומגיין ווי אַ ברוגזער. איין מאָל איז ער געקומען זייער נערוועז, געשפּאַנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַהין־און־צוריק איבערן עס־צימער. צביה האָט זיך דערשראָקן. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויס אומגליק וואָלט אים חלילה געטראָפן, און ער וויל איר נישט זאָגן. זי האָט לאַנג נאָכגעקוקט זיין אומרואיק שפּאַנען.

נישט קאָנענדיק זיך מער איינהאַלטן, האָט זי דערשראָקן אויסגעשריגן:

— וואָס איז געשען? איך דערקען אין דיר, אַז עפּעס האָט געטראָפן. זאָג וואָס?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— איך פאָר נישט מער אין מאַרקעט; איך קאָן נישט צוזען דעם צער פון מענטשן, וואָס קומען אַרויס האַלבע מתים, דרייען זיך אַרום פאַרשמאַכטע, פאַרחושכטע, זוכן, לעכצן אַ דאָלאַר צו פאַרדינען.

צביה איז פון די רייד געוואָרן שטאַרק גערירט. זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, נישט אָנצורירן זיין צעוויטאָגטקייט.

אין אָוונט, ווען די קינדער זענען געגאַנגען שלאָפן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ בריוו צו זיין ברודער קיין בריסעל, אין בעלגיע.

אין בריוו צום ברודער, וואָס איז אויך געווען אַ פּעלצן־מאַכער, האָט ער אַרויסגעשריבן די ביטערע לאַגע פון זיין פאַך, ווי אַזוי מענטשן הונגערן, ליידן נויט; אַז זיינע פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר וועלן זיך אינגיכן אויך אויסלאָזן, און קיין אויסקוק אויף אַ בעסערער צייט זעט ער נישט. דער ברודער האָט אים באַלד געענטפערט:

— וואָס דאַרפסטו זיצן אין גאָלדענעם לאַנד, און מורא האָבן, אַז מען וועט דיך אַרויסוואַרפן פון דער דירה? קום צו פאָרן קיין בריסעל. איך האָף, אַז דו וועסט דאָ נישט שטאַרבן פון הונגער.

יצחק האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם ברודערס עצה, ווי אין אַ רעטונג פון זיין פאַרצווייפלונג אויסצומיידן די שווערע נויט, וואָס דערוואַרט אים. ער האָט באַלד נאָכן איבערלייענען דעם בריוו אַ זאָג געטאָן מיט פרייד צום ווייב:

— צביה, דו הערסט? מיין ברודער שרייבט, מיר זאָלן קומען קיין בעלגיע. — נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער האָט ער ווייטער געזאָגט:

— לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט, וואָס גיכער זיך צוגרייטן צום פאָרן.

וואָס דו קענסט פּאַרקויף פון די שטוב־זאַכן, די רעשט גיב אַוועק, צע־טייל; מיר וועלן פּאַרפּאַקן וואָס מען קען מיטנעמען. דאָ האָב איך גאָר־נישט וואָס צו פאַרלירן. וואָס לענגער מיר וועלן וואַרטן, אַלץ ערגער וועט זיין. איך וועל קויפן שיפסקאַרטן, איידער מיר עסן־אויף די לעצטע פּאָר דאָלער; וואָס שנעלער אַנטלויפן, נישט אָנקוקן מער דעם פאַר־שאָלטענעם פאַר־מאַרקעט.

צביה האָט געזען, אַז ער פאַרנעמט זיך ערנסט, ער איז אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זי איז אָבער נישט געווען גרייט דערצו. זי האָט דערפילט, ווי אַ בייזער שטורעם וואָלט זיך אַריינגעריסן אין איר לעבן, רואינירט זי, רייסט זי אַרויס פונעם אַמעריקאַנער איינגעזעסענעם באָדן. דאָ איז איר היים, און פונדאַנען וויל זי נישט אין ערגעץ אַוועקגיין.

אין די עלף יאָר, וואָס זי איז דאָ אין לאַנד, האָט זי זיך צוגעוואוינט צום היגן לעבן, זיך איינגעלעבט מיט מענטשן. דאָ האָט זי געבוירן אירע ביידע קינדער, זיך אַרומגערינגלט מיט פריינט, זיך אַריינגעטאָן אין קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, פון וועלכער זי האָט אַ גייסטיקן גענוס. זי וויל זיך פון דעם נישט אָפּרייסן. איר עלטער ייִנגל גייט אין אַ יידיש־וועלטלעכער שול, זי איז מיט לייב־און־לעבן אַריינגעטאָן אין דער שול־אַרבעט. זי זאָגט:

— די שול איז מיין אוניווערזיטעט. זי איז נישט נאָר פאַר קינדער צו לערנען, נאָר אויך פאַר דערוואַקסענע, וואָס נעמען אין איר אָן אָנ־טייל. איך לערן פון יעדער זיצונג, פון יעדער אונטערנעמונג. יעדער אַרויסטריט פון אַ קינד מיט אַ דעקלאַמאַציע, אָדער געזאַנג אויף יידיש גיט מיר פאַרגעניגן. איך קוועל ממש אָן צו זען, ווי די קינדערלעך לער־נען. אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך אַליין בין אַ טייל פון די קינדער. איך לערן צוזאַמען מיט זיי.

לערנען איז אַלעמאָל געווען צביהס טרוים. איצט, זינט זי איז אַק־טיוו, האָט זיך נאָך שטאַרקער ביי איר צעברענט דער חשק צו לערנען, ברייטער צו אַנטוויקלען איר וויסן.

צו צוויי יאָר איז זי געבליבן אַ יתומה, אָן אַ טאַטן. זי איז גע־וואָקסן אין גרויס אָרעמקייט. אַלס קינד האָט זי נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט צו לערנען, וויל זי איצט עפּעס דערכאַפּן. זי לויפט צו לעק־ציעס, הערט זיך איין מיט אַלע חושים, שלינגט ממש יעדעס וואָרט, וויל אַלץ מער אַריינזאַפּן, באַמיט זיך צו געדענקען וואָס זי הערט, און זי

טראָגט דאָס אַהיים צו איר מאַן, וואָס גיט איר די געלעגנהייט אַוועקצו־גיין, געניסן פון דעם וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב.

זי גיט־איבער יצחקן דעם אינהאַלט פון דער לעקציע, טיילט מיט אים אירע איינדרוקן. ער איז עלטער און רייפער פון איר, וויל זי הערן זיין מיינונג, כדי צו זיין זיכער, צי זי האָט גוט באַנומען. ער באַוואונדערט זי, ווי אַזוי זי גיט־איבער מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס זי זעט און הערט. ער דערקלערט, גיט איר צו פאַרשטיין פּאָליטישע סיטואַציעס. ער טראָגט איר אונטער וואָס צו לייענען, און ער לייענט פאַר איר אָפט פאַר אַרטיקלען. ער איז שטענדיק וויליק צו בלייבן מיט די קינדער, זי זאָל גיין צו אַ זיצונג, אין טעאַטער אָדער צו אַ לעקציע. אַדאַנק איר מאַנס הילף האָט זי גע־האָט די מעגלעכקייט מער זיך צו פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט, מער צו לערנען.

אַז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און זי האָט געהאַט מער צייט, איז זי אַליין אַוועק זיך לערנען פאַרשידענע קענטשאַנדן. זי האָט אין אַלץ געהאַט אַן אינטערעס, און געלערנט מיט גרויס חשק.

און דאָ פּלוצלינג, אינמיטן דערינען, דאַרף זי אַלץ איבערלאָזן, פון אַלעמען זיך אָפּרייסן, פאַרלאָזן איר מוטער, וואָס איז מיט איר זינט זי האָט חתונה געהאַט. זי דאַרף זיך געזעגענען מיט אירע שוועסטער און ברידער, מיט אַלע פריינט און באַקאַנטע, וואָס זי האָט ליב, און אַוועק־פאָרן אין אַ ניי, פרעמד לאַנד. אין בריסעל האָט זי קיינעם נישט, חוץ דעם מאַנס ברודער, וועמען זי קען נישט רעכט.

דאָס וואָס יצחק איז באַשטאַנען אַוועקצופאָרן פון ניו־יאָרק איז איר פאַרגעקומען ווי אַ טראַגעדיע. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז די קינדער וועלן דערפון ליידן, וואָס זיי ווערן אַוועקגעריסן פון זייער געבורטס־אָרט, וואו אַלץ איז זיי נאָענט און אייגן; זיי וועלן זיך דאַרפן צופּאַסן צו אַ ניי לאַנד, צו אַ פרעמדער שפּראַך. דער גאַנצער איבערגאַנג אויף אַנדערע באַדינגונגען, אויף אַ נייעם אופן פון לעבן אין אַ פרעמדער סביבה, אָן חברים, מיט פיל אומבאַקוועמלעכקייטן, וועט פאַר זיי זיין שווער. דאָס אַלץ האָט זי זיך פאַרגעשטעלט אין טונקעלע פאַרבן; עס האָט געעקבערט איר מוח, געדריקט איר געמיט.

זי האָט אָנגענומען דעם מאַנס איינגעשפּאַרטקייט, ווי אַן אַנשי־קעניש. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט קעגנשטעלן. זאָגן דעם מאַן אָפּן, אַז זי וויל נישט פאָרן, האָט זי געוואוסט, איז נוצלאָז. זי וועט אים מיטן רעדן בלויז אויפרעגן, און דאָס וועט

פירן צו קריגעריי. זי קען איר מאַן: אַז ער באַשטימט עפּעס צו טאָן, קאָן אים קיינער נישט אָפּרעדן. כאָטש איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער מאַכט דעם גרעסטן טעות. דאָך האָט זי זיך נישט דערוועגט אים צו זאָגן ער זאָל אויפגעבן דעם געדאַנק; ער וועט זי סיי ווי סיי נישט הערן; זי וועט גאָרנישט דערגרייכן.

זי האָט אויך באַרעכנט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין, וועגן אויפהאַלטן דאָס לעבן פון דער פאַמיליע — און ער איז דאָך דער, וואָס טראָגט אַליין דעם גאַנצן עול פון פרנסה. ווי אַזוי־זשע קאָן זי אים זאָגן אַ דעה? זי פילט, אַז זי האָט נישט קיין רעכט זיך קעגנצו־שטעלן. פונדעסטוועגן, ווען זי וואָלט געהאַט די מינדסטע האָפענונג, אַז זי קאָן ביי אים פּועלן, וואָלט זי פּרובירט, אפילו געפירט אַ קאַמף, אָבער זי ווייסט, אַז ער איז שטאַרקער פון איר, זי איז נישט בכוח אים צו באַאיינפלוסן. וואָלט זי געקאָנט מיט עפּעס אַרויסהעלפן אין דער פרנסה, וואָלט זי געקומען אַ שטעלונג, אָבער זי האָט קיינמאָל קיין שאָפּ פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט, און איצט, אין אַזאַ צייט פון שווערן קריזיס, ווען מענטשן מיט גוטע פאַכן קאָנען נישט קריגן קיין אַרבעט, וואָס קאָן זי טאָן? מוז זי דאָס איבערלאָזן צו אים. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זי ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער נישט־גע־וואונטשטער רייזע.

קיין סך בעלנים צו קויפן די שטוב־זאַכן זענען נישט געווען, האָט זי די מערסטע פון אירע זאַכן אַוועקגעגעבן צו פריינט און באַקענטע. יעדע זאַך איז איר מיטאַמאָל געוואָרן ליב און טייער; מיט יעדער קלייניקייט איז איר געווען שווער זיך צו שיידן. ווען ס'איז געקומען צו געזעגענען זיך מיט די אייגענע און פריינט, איז עס פאַר איר געווען אַ פּיינלעך־טרויעריקער מאָמענט. קוקנדיק אויף דער מאַמען, האָבן די קינדער אויך געוויינט. צביה האָט זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן; זי האָט געיאָמערט אויפן קול. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות, נישט אַרויסצואווייזן זיין שווער האַרץ, איז געווען יצחק. אָבער אפילו ביי אים זענען די אויגן געווען פאַרלאָפן מיט טרערן. אויף דער שיף איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון צביהן, געהאַלטן אין איין רעדן:

— וואָס האָב איך דאָ משטיינסגעזאָגט צו פאַרלירן — דעם פאַר־מאַרקעט? פאַרשאַלטן זאָל ער ווערן. איך וועל זיין גליקלעך אים מער נישט אָנצוקוקן. ס'איז פּיינלעך צוצוזען טאָג־איין טאָג־אויס, ווי מענטשן קומען אַרויס, שלייען זיך אַרום גאַנצע טעג איבער די גאַסן, קוקן־אויס

אַ באַלעבאָס זאָל קומען קויפן זייערע הענט צו פאַרדינען אַ דאָלאַר אויף ברויט. דאָס איז דאָך די גרעסטע אָפּקומעניש פאַר אַ מענטשן. דער ווײַסטער מאַרקעט האָט פאַרביטערט מיין לעבן. אַזוי לאַנג ווי איך האָב מיינע צען פינגער, האָף איך, איך וועל דאָרט פאַרדינען אויפן לעבן, — האָט ער גערעדט מיט האַרץ, ווי ער וואָלט זיך אַליין געטרייסט, באַ־רעכטיקט דאָס פאָרן.

אַלע יאָרן, וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע, האָט ער גערעדט וועגן דעם אַרבעט־מאַרקעט מיט גרויס פאַרביטערונג; שטענדיק זיך נאָר געוואונטשן פּטור צו ווערן פון אים. ער האָט געטענהט, אַז דער מאַרקעט דערשלאָגט, נעמט־אַוועק דעם מוט, די מענטשלעכע ווירדע, שעפּט־אויס ביים אַרבעטער די מאָראַלישע און פיזישע כוחות; ער ווערט אויס מענטש. די באַדינגונגען רויבן אַוועק דעם אַרבעטערס שטאָלץ.

אויף דער שיף האָט ער געזען אויף זיין ווייבס פּנים אַ שווערע פאַרזאָרגטקייט. ס'איז פאַרשוואונדן איר שטענדיקער גוטמוטיקער שמייכל; נישט געבליבן קיין סימן פון איר פריערדיקער פריילעכקייט. ס'האָט אים וויי־געטאָן דאָס האַרץ אויף איר:

— וואָס זאָרגסטו, צביה? מיין ברודער שרייבט, אַז פאַריערס מאַכן דאָרט אַ שיין לעבן. ערגער ווי עס איז איצט אין אַמעריקע קאָן נישט זיין. אַזוי לאַנג ווי מיינע הענט קאָנען נאָך אַרבעטן, האָף איך, מיר וועלן פאַר הונגער נישט שטאַרבן, — האָט ער זי פּרובירט טרייסטן, כאָטש שטילערהייט, טיף אין זיך, האָט ער אויך געטראָגן אַ צווייפל, צי ער וועט אין בעלגיע זיך קאָנען איינאָרדענען און פאַרדינען אויף פּרנסה.

יצחק איז בטבע אַ זאָרגער; ער זוכט צו באַוואָרענען זיך מיטן מאָרגן, פאַרזאָרגן אויף שפּעטער. זינט זיין פריעסטער יוגנט טראָגט ער דעם יאָך פון פּרנסה. זיינע עלטערן האָבן געהאַט ניין קינדער; ער איז געווען פון די עלטערע; האָט ער זיך פרי איינגעשפּאַנט אין יאָך פון פּרנסה, כדי צו העלפן דעם טאַטן צו קאָנען שפּייזן עלף מיילער. פון קינדוויז־אָן האָט ער געהאָרעוועט טאָג און נאַכט צו פאַרטרייבן דעם הונגער פון שטוב, אַז די קלענערע קינדער זאָלן נישט ליידן. ער איז אָן איבערגעגעבענער, געטרייער זון, און אַ גוטער ברודער צו זיינע שוועסטער און ברידער. ער האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט אַלס קירזשנער. אים איז געווען ניחא די האָרעוואַניע, אַבי ער האָט מיט זיין פּראַצע געקאָנט העלפן דער משפּחה.

פאַר זיך אַליין האָט ער קיין סך נישט געדאַרפט, נישט געהאַט קיין גרויסע פאַרלאַנגען, קיין שטרעבונג צו אַ רייך,ברייט לעבן. ער האָט געקאָנט דורכקומען, זיך באַנוגענען מיטן מינדסטן, אַבי אין שטוב זאָל זיין גענוג פאַר אַלעמען. ער האָט געקאָנט אָפּגעבן דאָס לעצטע פאַר די עלטערן, פאַר אַן אייגענעם; געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, פון וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזונדערט.

ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט צביהן, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אַלס געטרייער מאַן שטענדיק געזוכט צו פאַרזאָרגן זיין ווייב און די קינדער מיט אַלעם נויטיקן, און דעריבער אַלע זיינע יאָרן אויף זיך געטראָגן דעם שווערן יאָך פון פרנסה.

צביה האָט אים בלויז אַרויסגעהאָלפן דערמיט, וואָס זי איז נישט געווען קיין אויסברענגערין, זי האָט נישט צופיל פאַרלאַנגט, זי האָט שטענדיק אַליין געטאָן די גאַנצע שטוב־אַרבעט, געלאַטעט און געצירעוועט, כדי איינצושפּאָרן אַ פּעני; קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט, אַז די אַרבעט איז איר צו־שווער, זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין טענות צום מאַן, אַז זי האָט נישט גענוג. זי האָט זעלטן אַרויסגעוויזן אַן אומצופרידנקייט. אויף איר פּנים איז שטענדיק געלעגן אַ גוטמוטיקער שמייכל. זיי האָבן געלעבט אַ שיין צופרידן לעבן, מענטשן זענען זיי מקנא געווען.

צביה האָט ליב מענטשן; עס איז ביי איר געווען אַן אָפענע טיר. אַלעמאָל האָט זי געהאַט געסט. זי האָט יעדן אויפגענומען וואַרעם מיט אמתער פריינטשאַפט. יצחק איז אויך געווען אַ גאַסטפריינטלעכער, זענען צו זיי אָפט געקומען אייגענע און פריינט, און נישט נאָר אויף אַ ווייל, בלויז צו פאַרברענגען. ווער ס'איז געקומען פון אַן אַנדער שטאָט, צי פון אויסלאַנד — אַן אייגענער צי אַ באַקאַנטער — איז מען פאַרפאָרן צו די ציגלס, געוואוינט ביי זיי וואָכן־לאַנג, געהאַט דאָרט אַ היים.

ביים ערשטן אַריינקומען האָט מען זיך ביי זיי באַלד דערפילט היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים.

צביה האָט זיך אָפט אַליין געוואונדערט, פאַרוואָס מענטשן ווייזן אַרויס צו איר אַזאַ וואַרעמע נאָענטקייט. זי איז גאָרנישט אַזאַ גוטע און טוט נישט אַזעלכע גרויסע זאַכן, פאַרוואָס מענטשן זאָלן זיין צו איר אַזוי פריינטלעך, האָט זי געטראַכט.

איצט איז איר געווען אַ שאָד צו שיידן זיך מיט אַלע אייגענע און פריינט. זי האָט נאָך יעדערן געבענקט.

אין בעלגיע

קיין בריסעל זענען זיי געקומען נאָכן פוטער־סעזאָן. דער ברודער מיט דער שוועגערין האָבן זיי משפחהדיק־וואַרעם אויפגענומען, זיך באַמיט צו העלפן די ניי־אַריבערגעקומענע איינצואָרדענען זיך אויף דעם בעסטן אופן לויט די מעגלעכקייטן.

דער ברודער האָט געהאַט אַ פוטער־געשעפט. ער האָט אָבער פון דעם פוטער־געשעפט נישט געהאַט גענוג פּרנסה. איז ער געפאָרן מיט אויסגעאַרבעטע פוטער־סחורות אויף מערק, וואָס האָבן אים געגעבן מער פּרנסה ווי דאָס געשעפט. זאָגט ער צו יצחקן:

— דאָ אויף די מערק זענען פוטערנע שאַלן אַ גאַנגבאַרע סחורה. וועסט פאָרן מיט מיר עטלעכע מאָל, וועסטו זיך באַקענען מיטן היגן האַנדל, ווי אַזוי עס גייט דאָ צו אויף די מערק. וועסט מאַכן אַביסל שאַלן, וועל איך פּרוּוון קריגן פאַר דיר געשטעלן אין עטלעכע שטעט, וואו אָוועקצושטעלן אַ טישל מיט סחורה. איצט איז נישט גרינג צו קריגן אינמיטן מאַרק אַן אַנגעזעענעם פּלאַץ, אָוועקצושטעלן אַ טישל. איך ווייס אָבער, וואו אָנצוקומען. איך דענק, — ס'וועט זיך מיר איינגעבן צו קריגן פאַר דיר גוטע פּלעצער. פון דריי גוטע מערק אַ וואָך קאָן מען האָבן שיין פּרנסה. קיינער פון די מאַרשאַנטן קאָן זיך נישט באַקלאָגן. אַלע פאַרדינען אויף אַ שיין לעבן. די מאַרק־הענדלער רופט מען דאָ מאַרשאַנטן. וועסטו אויך זיין אַ מאַרשאַנט.

יצחק האָט שווייגנדיק אויסגעהערט. דער ברודער האָט באַמערקט, אַז יצחק איז נישט באַגייסטערט פונעם פּלאַן. זאָגט ער צו אים:

— זאָרג נישט! כ'בין זיכער, אַז דו וועסט נישט שטאַרבן פון הונגער, און ס'וועט דיך נישט פאַרדריסן, וואָס דו האָסט פאַרלאָזט דאָס גאָלדענע לאַנד אַמעריקע. ס'וועט נישט נעמען לאַנג, און דו וועסט ווערן אַ געניטער סוחר. נישטאָ ביי דעם קיין גרויסע קונצן. אַמאָל טרעפט מען אַ גוטן קונד, קאָן מען אין איין שאָל פאַרדינען נאָכאַמאָל אַזוי פיל וויפל עס קאָסט — וואָס ברענגט אַ האַלבע וואָך פּרנסה. די באַבעס אויפן מאַרק ווייסן נישט פון קיין באַשטימטע פּרייזן. אַז ס'געפעלט זיי, באַצאָלן זיי וויפל מען פרעגט. וועסט זיך אויסלערנען אַזוי ווי אַנדערע, מען ווערט

גענוג צו דערקענען דעם קונה; ווען מען דאַרף זאָגן אַ גרעסערן און ווען מען אַ קלענערן פּרייז. געוויינלעך איז בעסער צו פאַרלאַנגען מער, — אויב די באַבע וויל זיך דינגען, זאָל זיין פון וואָס אַראָפּצולאָזן.

יצחק האָט געשפּאַנט איבערן צימער אַן ערנסט־פּאַרטראַכטער. דעם ברודערס פּלאַן איז אים נישט געווען צום האַרצן. ער איז נישט דער מענטש, וואָס קאָן באַרייסן, פאַרלאַנגען אומגעלומפּערטע פּרייזן פאַר אַ שטיקל סחורה. ער איז נישט קיין דרייקאָפּ און נישט קיין איינ־רייסער. ער ווייסט, אַז ער טויג נישט פאַר אַזעלכע מאַרק־געשעפטן, ווי דער ברודער שטעלט אים פאָר. ער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ תירוץ ער זאָל איצט זאָגן דעם ברודער.

נאָך אַ לאַנגן שפּאַנען איבערן צימער און קלערן, האָט ער זיך מיט־אַמאָל אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— ווי אַזוי קאָן איך פאָרן אויף מערק, אַז איך קען נישט קיין וואָרט פּראָנצויזיש, און נישט קיין וואָרט פלעמיש — ביידע שפּראַכן, אויף וועלכע מען דאַרף זיך דאָ קאָנען פאַרשטענדיקן.

— דאָס איז נאַרישקייטן, — כאַפּט־אונטער דער ברודער, — דאָס זאָל זיין דיין גרעסטע זאָרג. וועסט פאָרן אויפן מאַרק, וועסטו זען, ווי אַזוי די מאַרשאַנטן האַנדלען. מען דאַרף גאָרנישט קענען די שפּראַך, מען ווייזט זיי אויף די פינגער. זיי פאַרשטייען שוין וויפל מען וויל. דו מיינסט, אַז די אַלע מאַרשאַנטן, וואָס פאָרן דאָ אויף די מערק, זענען געקומען אַהער מיט דער פראַנצויזישער אָדער פלעמישער שפּראַך? ס׳זע־נען דאָ אַזעלכע, וואָס קענען נאָך היינט נישט קיין צוויי ווערטער ריכטיק אַרויסזאָגן, און מאַכן גוטע געשעפטן. זיי רעדן מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל.

יצחק האָט ווידער גענומען שפּאַנען איבערן צימער. אויף זיין פּנים האָט זיך געלייגט אַ שווערער אומעט. נאָך אַ לאַנגן שווייגן, האָט ער פאַרזאָרגט, געזאָגט:

— ווי וואָלט געווען, איך זאָל די געמאַכטע שאַלן פאַרקויפן צו די מאַרשאַנטן?

— זאָל דיך גאָט אָפּהיטן! — האָט דער ברודער, אַן אויפגעציטערטער, אַ געשריי געטאָן, — וועגן דעם זאָלסטו זיך נישט דערוועגן צו טראַכטן. באַהיט זאָל מען ווערן מיט די מאַרשאַנטן צו האַנדלען. מיט זיי האָבן צו טאָן איז נישטאָ קיין ערגערס. צווישן זיי איז נישטאָ קיין איינער אַ רעכטער. חוץ דעם וואָס זיי ווילן קויפן ביליק, ביים קויפן

אַרויסציען די נשמה מיטן מאַרך פון די ביינער, נעמען זיי נאָך צו די סחורה אָן געלט. אַלע נעמען אויף באָרג, מיטן געדאַנק נישט צו באַצאָלן. אַרויסצוקריגן פון זיי אַ פּראַנק, איז אַזוי ווי וואַסער פון אַ שטיין. פון זיי קאָן מען אויסשפּייען די נשמה, איידער מען פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט. זיי זענען שולדיק געלט אַלע סוחרים. זיי נעמען־אָן וויפל זיי קאָנען אויף באָרג; שפּעטער קוקט מען זיי נישט אָן. זיי לויפן צו אַנדערע טאָן דאָס זעלבע. דו זאָלסט נישט דערוועגן מיט זיי זיך אָנצוהייבן.

אויף יצחקן האָט וויניק געווירקט זיין ברודערס שטרענגע וואָרנונג. ער שרעקט זיך נישט פאַר אַזעלכע פאַרשוינען ווי דער ברודער שטעלט זיי פאָר. — אַז זיי וועלן זיין בעלנים אויף מיין סחורה, וועלן זיי מוזן באַצאָלן, — האָט ער געזאָגט.

ער האָט אויפגעהויבן זיין אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, מיט דער לינקער האַנט אָנגענומען זיין שפּיציקע גאָמבע און שמייכלענדיק, מיט זיכערקייט, געזאָגט: — וועגן דעם וואָס דו זאָגסט, אַז זיי האָבן ליב נעמען אויף באָרג און ווילן נישט באַצאָלן, מעגסטו זיך פאַרלאָזן אויף מיר; איך וויים, ווי אַזוי מיט אַזעלכע זיך צו פירן. מיר וועלן זיי באַצאָלן. איך וועל נישט דערלאָזן, זיי זאָלן מיר אָנזעצן. איך וועל פּרובירן האַנדלען מיט די מאַרשאַנטן. פאַרן אויף מערק האָב איך אַלע מאָל צייט. מיר דאַכט זיך, אַז דער מאַרק איז נישט פאַר מיר.

פאַר די עטלעכע דאָלער, וואָס יצחק האָט געבראַכט פון אַמעריקע, האָבן זיי אויף אַן ערשטן שטאָק געדונגען צוויי צימערן מיט אַ קיך אויף פלאַץ בעטלעם, מיט אַלע פענצטער צו דער גאַס. זיי האָבן געקויפט אַן אַלטע שאַנק, פון וועלכער ס'איז יעדעס מאָל ביים עפענען אַרויסגעפאַלן אַ טיר; געקויפט אַן אַלטן טיש מיט פיר שטולן, בעטן פאַר זיך מיט די קינדער האָבן זיי געקויפט נייע; אַן אָפּגענוצט גאַז־אייוועלע אויף צוויי פייערקעס צו קאָכן, און אַן אויוון צו באַהייצן די וואוינונג אין ווינטער. דאָס האָט געהייסן, „זיי זענען איינגעאָרדנט מיט אַלעם בייטיקן".

פון די צוויי צימערן האָט יצחק אַוועקגענומען איין צימער פאַר זיין אַרבעט, איז געבליבן בלויז איין צימער פאַר אַלע פיר, דאָרט צו שלאָפן און צו עסן, ווייל די קיך איז געווען זייער אַ קליינע. די וואוינונג האָט נישט געהאַט קיין באַקוועמלעכקייטן, דאָס קאַלטע וואַסער האָט מען געדאַרפט נעמען אין פירהויז.

די קינדער זענען אַוועק אין שול לערנען. יעדן טאָג זענען זיי גע־

קומען פאַרוויינטע, געערגערטע, וואָס זיי פאַרשטייען נישט וואָס מען לערנט; געהאַט טענות צו די עלטערן, וואָס זענען אַהער געקומען. ס׳האָט גענומען עטלעכע חדשים, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די פראַנצויזישע שפּראַך.

יצחק האָט אויפן ברודערס קרעדיט געקויפט פוטער, אויסגעאַרבעט עטלעכע טוץ שאַלן, צעהאַנגען זיי אויף שטריק, אויסגעסאָרטירט אויף דריי פאַרשידענע פּרייזן. דער ברודער האָט געלאָזט וויסן מאַרשאַנטן, אַז זיי קאָנען קריגן ביי זיין אַמעריקאַנער ברודער שיינע שאַלן פאַר ביי־ליקע פּרייזן. צום „סעזאָן" איז נאָך געווען לאַנג צו וואַרטן, האָט זיך נישט באַוויזן קיין קונה, און די זאָרג האָט געדריקט. מאַן און ווייב האָבן וועגן דער שווערער לאַגע קיין וואָרט נישט גערעדט איינער צום אַנ־דערן. זיי האָבן געוואַרט אויפן „סעזאָן".

ס׳איז געקומען דער פרילינג. די ערד אין בעלגיע, ווי אומעטום, האָט אויפגעוואַכט נאָכן רעגנדיקן ווינטער. נאַקעטעביימער זענען באַ־צירט געוואָרן מיט צאַרטע, העל־גרינע שפּראָצונגען, מיט פאַרביקן צוויט, זיך פאַרפּוצט מיט וויס־ראָזלעכער בליאונג, זיך באַרייכערט מיט צוגעקומענע, ביי־געבוירענע צווייגעלעך. בלומען האָבן זיך צעבליט אין אַלערליי קאָלירן. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט פייכטער, אויפגעע־לעבטער פרישקייט.

יצחקן איז געווען לאַנגווייליק דאָס אַרומגיין ליידיק. חוץ צום ברו־דער, האָבן זיי נישט געהאַט וואוהין צו גיין. קיינער איז צו זיי נישט געקומען.

אין שיינע טעג האָט יצחק געבעטן זיין ווייב, זי זאָל מיט אים גיין שפּאַצירן, באַקוקן די שטאָט, זיך באַקענען מיט רייכע און אָרעמע קוואַר־טאַלן. צביה האָט גערן אָנגענומען זיין פאַרלאַנג. זי האָט זיך צוגעע־איילט, שנעל אָפּגעטאָן איר הויז־אַרבעט און געגאַנגען מיטן מאַן שפּאַ־צירן איבער די בריסעלער רחבותדיקע בולוואַרן. זיי האָבן באַטראַכט די פאַרשידנאַרטיקע אַרכיטעקטור פונעם הייזער־געבוי. אַמאָל זענען זיי צוגעפאָרן צו אַ פאַרק באַקוקן די פיל־פאַרביקע, פּרעכטיקע בלומען.

בריסעל פאַרמאָגט אַ סך ברייטע אַלייען מיט גאָר אַלטע ביימער פוןביידע זייטן. די צעוואָקסענע צווייגן פון די אַלטע ביימער שפּאַרן זיך אָן פון איין בוים אויפן אַנדערן, פלעכטן זיך איין ביי די שפּיצן, ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעוואַקסן פון איין שטאַם און שטעלן מיט זיך פאַר אַ בלעטער־דאַך; זיי פאַרשטעלן דעם הימל, מאַכן טונקל די אַלייע. פון

אונטן זעט אויס די אַלייע ווי אַ טונעל צווישן אַלטע, דיקע, געדיכט־באַ־בלעטערטע ביימער. דאָרט, אין דער שטילקייט, איז אָנגענעם צו שפּאַ־צירן אָדער זיצן אויף די גרויסע שווערע בענק, וואָס שטייען ווייט אָפּ־געררוקט איינע פון די אַנדערע.

אין דער אַלייע, נישט ווייט פון פּלאַץ בעטלעם, איז אַמאָל אַזוי שטיל, אַז מען הערט נישט בלויז דאָס סווישטשען און זינגען פון פייגל, נאָר אפילו דעם רויש ווען זיי פליען איבער פון איין צווייג צום אַנדערן.

צביהן ציט צו דער אַלייע. זי זאָגט, אַז דאָרט, אין דער טונקעלער שטילקייט, ווערן באַרואיקט אירע נערוון. זיי ווילן זיך אָבער באַקענען אויך מיט די אַנדערע טיילן פון שטאָט; גייען זיי אַמאָל אין די גאַסן, וואו עס געפינען זיך די גרויסע געשעפטן, וואָס זענען ענלעך צו די ניו־יאָרקער דעפּאַרטמענט־סטאָרס. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס אין בריסעל זענען די געשעפטן נישט אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן, ווי אין ניו־יאָרק. דאָרט איז פיל גראָמער; די פּאַרקויפערינס גיבן זיך מער אָפּ מיט די קויפער.

זיי האָבן אויך באַקוקט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, פּאַרשטייט זיך, בלויז פון דרויסן — מיטן באַגילדטן טויער און באַגילדטע שפּיצן פון די אייזערנע שטאַכעטן, הינטער וועלכע עס ליגט אַ טויטע שטילקייט אויף די לעבעדיקע קאָלירפולע בלומען־בייטן.

בריסעל האָט אויך אַ סך שמאָלע, צעקרימטע גאַסן מיט צעשפּאָל־טענע, שפּיציקע, ברוקירטע שטיינער, וואָס דרייען־אויס ביים גיין די פיס. דאָרט וואוינען די אָרעמע אַרבעטער אין גרויס ענגשאַפט, אָבער קיין שמוץ זעט מען דאָרט נישט. די בעלגיער היטן שטאַרק אָפּ די דרויסנדיקע ריינקייט. עטלעכע מאָל אַ וואָך וואַשט מען די טראָטואַרן מיט וואַסער און זייף. מען רייבט זיי מיט אַ באַרשט, אַזוי ווי מען רייבט אַ פּאָדלאָגע אין אַ שטוב. אין דער זעלבער צייט ווערן אויך די דרויסנדיקע ווענט פון די מויערן געוואַשן אַזוי הויך ווי די באַרשט אויפן שטעקן קען דערגרייכן. נאָך דעם וואַסער מיט זייף שווענקט מען די ווענט מיט די טראָטואַרן מיט ריינעם וואַסער. די אַרבעט טוען מערסטנס פרויען.

אויף אַ טייל גאַסן זענען געשטאַנען ווייסע וועגעלעך מיט דעכלעך, ווי בודקעס. אויף די וועגעלעך האָט זיך געקאָכט אַ גרויסער טאָפּ מיט פעטס, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפּרעגלט לאָקשנדיק־צעשניטענע קאַר־טאָפליעס. „פריד״ — הייסט עס דאָרט. דאָס איז אַ בעלגיש־נאַציאָנאַלער מאכל, וואָס מען קריגט צו קויפן אויף די גאַסן. צביה האָט זייער ליב

געקראָגן די געפּרעגלטע קאַרטאָפּליעס. אַלעמאָל ווען זי גייט פּאַרביי אַזאַ וועגעלע, קויפט זי אַ שקאַרמיץ (געמאַכט פון ווייסן גראָבן פּאַפּיר) מיט „פּריד".

* * *

אין אַ שטוב, וואו סאַלע מיט לעאָנען זענען געווען צוגאַסט האָט מען דערציילט, אַז בערל ציגלשטיינס ברודער פון אַמעריקע איז געקומען זיך באַזעצן אין בריסעל. דער אַמעריקאַנער האָט פאַרקירצט זיין נאָמען פון ציגלשטיין אויף ציגל. ווען לעאָן האָט דערהערט דעם נאָמען ציגלשטיין, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער האָט דאָך די פאַמיליע גוט געקענט אין פּוילן. איינער פון זיי, טאַקע דער פון אַמעריקע, האָט געראַטעוועט זיין לעבן.

אין 1920, ווען די באָלשעוויקעס זענען אַריינגעקומען אין זייער שטאָט, האָבן מענטשן, מיינענדיק אַז זיי וועלן דאָרט בלייבן, זיך פאַרשריבן צו קריגן אַרבעט. די באָלשעוויקעס זענען אָבער געווען ביי זיי אין שטאָט בלויז צוועלף טעג, און האָבן געמוזט שנעל אומגעריכט אַנטלויפן. זייער פיל יוגנטלעכע זענען מיט זיי מיטגעלאָפן. אַלע זענען געוואָרן אַרומגערינגלט דורך דער פּוילישער אַרמיי. די מערסטע ציווילע, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן מיט די אַנטלויפנדיקע באָלשעוויקעס, האָט מען קיין לעבעדיקע נישט אָפּגעלאָזט. יענע, וועמענס נעמען די דעמאָלטדיקע פּוילישע נעאָ־פאַשיסטישע מאַכט האָט געפונען פאַרשריבן אויף אַרבעט, האָט מען אָפּגעזוכט, אַרויסגעפירט אויפן פעלד און דערשאָסן.

לעאָן איז דאַן געווען אַ יונגער בחור, האָט ער זיך אויך פאַרשריבן אויף אַרבעט. אין דער גרויסער בהלה, ווען די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן לויפן, איז ער מיט זיי מיטגעלאָפן. ווען זיי זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון די פיינטלעכע אַרמייען איז לעאָנען געלונגען אַרויסצוכאַפּן זיך פון צווישן די געפאַנגענע און זיך באַהאַלטן אויף אַ בוים צווישן געדיכטע צווייגן. אינמיטן נאַכט איז ער אַראָפּ פון בוים, געגאַנגעןביים ראַנד פון שאָסעי, ביז ער איז געקומען צו דער באַקאַנטער פאַמיליע ציגלשטיין, וואָס האָט געוואוינט הינטער דער שטאָט ביי דער ראָגאַטקע.

אויף מאָרגן האָט מען שוין געוואוסט, אַז מען זוכט די אַלע, וואָס האָבן זיך ביי די באָלשעוויקעס פאַרשריבן אויף אַרבעט; האָט מען לעאָנען פון שטוב נישט אַרויסגעלאָזט. עטלעכע וואָכן איז ער ביי זיי געווען

באַהאַלטן אין אַ קאַמער. יצחק איז געווען דער וואָס האָט זיך געסטאַרעט צו מאַכן פּאַר לעאַנען אַ פּאַספּאַרט אויף אַ פרעמדן נאָמען און שפּעטער אים אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדער שטאַט. אַזוי איז לעאָן ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

איצט, אַז ער האָט דערהערט יצחק איז דאָ, האָט ער זיך דערפריית און איז אויף מאָרגן געקומען צו לויפן אויף 99 פלאַץ בעטלעם, צוויי מאָל אַ צי־געטאָן דעם אייזערנעם דראָט. (צו די ציגלס האָט מען געדאַרפט צוויי מאָל קלינגען. אין בריסעל איז געווען איינגעפירט, אַז יעדער איינ־וואוינער האָט געהאַט אַ צאָל „קלונגען״. ווען מ׳האָט געקלינגען דעם גלאָק האָבן אַלע איינוואוינער זיך צוגעהערט, געציילט די קלינגען, כדי צו וויסן צו וועמען מען קומט, און ווער עס דאַרף עפענען די טיר. די טירן צום אַריינגאַנג פון די הייזער זענען דאָרט שטענדיק געווען פאַר־שלאָסן.

די ציגלס זענען געווען די איינציקע איינוואוינער אויפן ערשטן שטאָק, האָט מען צו זיי געדאַרפט בלויז צוויי מאָל קלינגען. צביה מיט יצחקן האָבן געהערט צוויי קלונג: ווער קאָן אַזוי פרי צו זיי קומען? אויף קיין קונה האָבן זיי זיך נישט געריכט. אפשר אַ טעות, האָבן זיי געטראַכט און נישט געאײַלט זיך אַראָפּגיין עפענען. נאָר ווען זיי האָבן נאָכאַמאָל דערהערט צוויי קלונג, איז יצחק נייגעריק שנעל אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ, זען ווער דאָס איז. ווען ער האָט געעפנט די טיר און דער־זען לעאָנען, איז ער אַ רגע געבליבן פאַרגאַפט. באַלד זענען זיי אַרויפ־געפאַלן איינער אויפן אַנדערן, זיך אַרומגעכאַפּט און זיך האַרציק גע־קושט. אַן ווערטער האָבן זיי זיך געדריקט די הענט, גערירט ביז טרערן פון גרויס פרייד, זענען זיי ביידע אַרויפגעקומען אין שטוב. לעאָן האָט זיך באַקענט מיט צביהן. זיי האָבן לאַנג געשמועסט.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז לעאָן געקומען מיט סאַלען, זי זאָל זיך באַקענען מיט די ציגלס. זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט ביז שפּעט בײַ־נאַכט. לעאָן און סאַלע זענען אין בעלגיע געווען „אומלעגאַל״; נישט אומעטום האָט מען לעאָנען און סאַלען געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט. לעאָן האָט בסוד געאַרבעט הינטער דער שטאָט ביי אַ שוסטער, און סאַלע האָט זיך געלערנט אַרבעטן ביי דאַמען־טאַשן. געוואוינט האָבן זיי אין אַ „מאַסאַרדע״, אַ בוידעם־שטיבל. זיי האָבן זיך ביידע גוט איינגעלעבט, זיך ליב געקראָגן, אַזוי, אַז איינעם אָן דעם אַנדערן וואָלט שוין געווען שווער צו לעבן. פאַר די „אומלעגאַלע״ איז די שטוב פון די אַמעריקאַנער

געוואָרן אַ הויפּט־קוואַרטיר, וואוהין צו קומען זיך באַגעגענען און פאַר־ברענגען אויף אַ היימיש פריינטלעכן אופן.

סאַלע מיט צביהן האָבן זיך ליב געקראָגן, זיך איינגעלעבט ווי שוועסטער.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער האַרבסט צוזאַמען מיטן פוטער־סעזאָן.

די ערשטע צוויי „מאַרשאַנטן״, וואָס זענען געקומען צו יצחקן קויפן, זענען געווען מסיו קלאַצניק און „דאָס בלעכענע נעזל״, אַזוי האָט מען דעם צווייטן צווישן די „מאַרשאַנטן״ גערופן. יצחקס אַרבעט איז זיי שטאַרק געפעלן. אויפן מאַרק האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ שם, אַז אַזאַ שאַל ווי „דער אַמעריקאַנער״ מאַכט (אַזוי האָט מען יצחקן גע־רופן), „זעט מען נישט אין גאַנץ בריסעל״. עס האָבן אָנגעהויבן קו־מען נאָך „מאַרשאַנטן״ צו יצחקן קויפן שאַלן. די צוגעגרייטע סחורה איז שנעל צעכאַפּט געוואָרן. יצחק האָט יעדן „מאַרשאַנט״ געזאָגט אָפן, אַז ער מוז באַצאָלן פאַר יעדן שטיקל פוטער, וואָס ער נעמט, ווייל ער דאַרף האָבן דאָס געלט צו קויפן אַנדערע סחורה. אַז איינער האָט גע־וואָלט נעמען מער, ווי ער האָט געהאַט ביי זיך געלט, האָט זיך יצחק נישט געשעמט און אים געגעבן בלויז אַזויפיל פאַר וויפיל יענער האָט געקאָנט באַצאָלן. אים אָפן געזאָגט: — איר וועט האָבן מער געלט וועט איר נעמען נאָך.

שפּעטער האָבן די „מאַרשאַנטן״ געוואוסט, ביי „דעם אַמעריקאַנער״ דאַרף מען באַצאָלן פאַר דעם וואָס מ׳נעמט. דאָס זעלבע איז געווען מיט די פּרייזן: זיי האָבן געוואוסט, וויפיל יצחק מאָנט, אַזויפיל מוז מען אים באַצאָלן. קיין דינגען זיך העלפט נישט. נישט קוקנדיק אויף דעם האָט מען די אַרבעט ביי אים געריסן פון אונטער די הענט. אָפטמאָל אין סעזאָן זענען די מאַרשאַנטן געזעסן ביז האַלבער נאַכט, געוואַרט יצחק זאָל אַרויסענדיקן פאַר זיי עטלעכע שאַלן. ער האָט נישט געקאָנט נאָכ־קומען די באַשטעלונגען. זיי האָבן אָנגעהויבן צו אים טענהן:

— איר מאַכט שיינע אַרבעט און האָט נישט וואָס צו פאַרקויפן, נעמט אַריין אַרבעטער, וועלן מיר פאַרשפּאָרן ביי אייך וואַרטן האַלבע נעכט. איר וועט זיך פאַרגרינגערן, נישט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן, פאַר־גרעסערט אייער האַנדל. איר קאָנט ווערן רייך.

— איר זענט גערעכט, — האָט יצחק שמייכלענדיק געענטפערט. — איינער וואָס וויל ווערן רייך דאַרף דאָס טאָן. איך בין נישט געקומען

אַהער צו לעבן פון פרעמדער פּראָצע, ווערן רייך אויף יענעמס חשבון. איך וויל נישט אויסנוצן קיין מענטשן פאַר מיינע פּראָפיטן. וויפיל מיינע פינגער וועלן קאָנען אויסאַרבעטן, פאַר דעם וועל איך לעבן.

יענע האָבן געקוועטשט מיט די אַקסלען, געטראַכט: — אַ מאָדנער מענטש! אין לעבן אַזעלכן נישט באַגעגנט. ס'איז נישט געהערט געוואָרן, אַ מענטש זאָל זיך אָפּזאָגן צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן.

דער מאַרשאַנט מסיו קלאַצניק איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער צו די אַמעריקאַנער. אפילו ווען ער האָט נישט געדאַרפט קויפן קיין סחורה איז ער אויך כמעט יעדן טאָג צו זיי געקומען. ער איז געוואָרן זייער היימיש מיט יצחקן און צביהן. קלאַצניק האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אינטעליגענט, זיך געַיחוס'ט דערמיט, וואָס כאָטש ער איז אַ שניידערס אַ זון, האָט ער אין זיין געבורט־שטאָט לובלין „דורכגעמאַכט" עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע. ער איז אַ ליבהאָבער פון מוזיק; גייט אָפט אין דער אָפּערע, און דערצו האַלט ער זיך פאַר אַ גרויסן עקספּערט אויף מערק. יעדעס מאָל, וואָס ער איז אַרויפגעקומען, האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן צו יצחקן: — „איך אַליין קאָן ביי איך צונעמען מער שאַלן וויפיל איר מאַכט. פאַרוואָס זאָלט איר נישט צונעמען קיין אַרבעטער? אויב איר ווילט זיין אַ פיינער מאַן, גיט עטלעכע פראַנק מער, ווי אַנדערע צאָלן, וועט דער אַרבעטער זיין צופרידן, און איר וועט האָבן וואָס צו פאַרקויפן. איר גיט מיר צוויי שאַלן, ווען איך דאַרף צען, מוז איך לויפן ערגעץ אַנדערש זוכן סחורה. איר טרייבט אַליין אַוועק אייערע קונים.

יצחק, נישט אַוועקנעמענדיק די אויגן פון זיין אַרבעט, האָט רואיק געענטפערט:

— איך בין נישט געקומען אַהער אַלץ אַריינכאַפּן. זאָל יעדערער גיין קויפן וואו ער וויל. אַנדערע דאַרפן אויך לעבן. איך וויל לעבן פון מיין אייגענער אַרבעט. נישט אויסנוצן קיין מענטשן. אַז איך אַרבעט אַליין איז מיין געוויסן ריין.

נאָר יענער האָט נישט אָפּגעלאָזט, געהאַלטן אין איין פאָדערן, ער זאָל אָנשטעלן אַרבעטער. האָט שוין יצחק מיט כעס געזאָגט: — הערט מיר אויף דרייען אַ קאָפּ. איר וועט מיר נישט איינרעדן. ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן. אומזיסט אייערע רייד.

די מאַרשאַנטן האָבן ליב געהאַט מיט יצחקן צו האַנדלען. אַחוץ וואָס ס'איז זיי געפעלן זיין אַרבעט, האָבן זיי אים רעספּעקטירט פאַר זיין ערלעכקייט און אויפריכטיקייט.

כאָטש זיינע געשעפטן זענען געווען באַגרענעצט האָט ער נאָכן סעזאָן אויסגערעכנט, אַז ער האָט פּאַר וואָס צו לעבן אַ גאַנץ יאָר, אָן אַנדערע פּאַרדינסטן. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך דערפילט פריי, ממש געווען גליקלעך, וואָס ער קאָן אויף אַ צייט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון פּרנסה. ער האָט געקויפט פעל, צוביסלעך געאַרבעט, זיך פּאַמעלעך פּאַרגרייט מיט מער סחורה צום קומענדיקן סעזאָן.

ער האָט זיך פּאַרגונען, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, זומער צו פּאַרשליסן דאָס אַרבעט־צימער און אַרויספּאָרן מיט זיין פּאַמיליע צום ברעג־ים, אין דעם באַרימטן, פּרעכטיקן שטעטל קאָק סיורמער, וואו עס געפינען זיך שיינע, רייכע ווילאַס.

דעם טעם צו זיין מיט זיין ווייב און קינדער אַ גאַנצן זומער אויף אַ דאַטשע האָט יצחק קיינמאָל פריער נישט געפילט. ער איז געווען דאַנקבאַר זיין ברודער, וואָס ער האָט אים געהייסן קומען קיין בעלגיע. ער איז פריילעכער און מילדער געוואָרן, פּשוט אַ נייער מענטש.

אין קאָק־סיורמער איז אַחוץ דעם ים געווען אויך אַ קליין חנעוודיק וועלדל מיט הויכע זאַמדיקע בערג, ביים ברעג ים, וואו די קינדער האָבן ליב געהאַט אַרויפצוקריכן דאָרט זיך שפּילן.

אין 1934, אין דער צייט ווען היטלער האָט געהאַלטן אין באַפעסטיקן זיך אין דער מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט אין איינער פון די פּרעכטיקע ווילאַס געוואוינט פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין. צביה מיט יצחקן האָבן ליב געהאַט פּאַרנאַכט צו שפּאַצירן לעבן ים, באַקוקן די ווילאַס. יעדע ווילא האָט פּאַרכאַפּט דאָס אויג מיט אַ באַזונדער שיינקייט. צום לענגסטן פּלעגן זיי בלייבן שטיין לעבן דעם געניאַלן וויסנשאַפטסמאַן ווילא — נישט ווייל די ווילא איז געווען די שענסטע, נאָר ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָרט וואוינט אַלבערט איינשטיין. זיי האָבן געטראַכט: — אפשר וועט ער פונקט, בעת זיי שטייען, אַרויסקומען אין דרויסן, אָדער זיי וועלן אים דערזען דורך אַ פּענצטער.

סאָלע מיט לעאָנען זענען איין מאָל געקומען צו זיי צו גאַסט. צביה האָט זיי געפירט צו דער ווילא וואו עס וואוינט פּראָפ. איינשטיין. זיי האָבן לאַנג געקוקט אויפן הויז, באַטראַכט יעדעסביימל און בלימל, גלייך עס וואָלט דאָרט געוואוינט זייערס אַן אייגענער, אַ גאָר נאָענטער, ליבער מענטש.

אַ קולטור-געזעלשאַפטלעכער צענטער

לעאָן האָט אין בעלגיע נישט אויפגעגעבן זיין געזעלשאַפטלעכע טע־טיקייט. באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהין, האָט ער, נישט קוקנדיק אויף זיין „אומלעגאַליטעט", גרופּירט אַרום זיך מענטשן, פּלאַנירט און באַווירקט אַנדערע, אַז זיי זאָלן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, ווען דער פאַשיזם בושעוועט, ווען היטלער גרייט זיך קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. ער האָט גערופן פאַרזאַמלונגען, אין געהיים, אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אָרט, גערעדט מיט טוער, וואָס קאָנען בעסער פון אים די פראַנצויזישע שפּראַך, זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט בעלגישע אַרבעטער, זיי וועקן און מונטערן, כדי פון דאָרט זאָל קומען דאָס גערעדטע און גע־דרוקטע וואָרט פון וואָרענונג קעגן היטלעריזם. מיט זיין שטילן, רואיקן צוגאַנג, האָט ער באַוויזן אויפצוטאָן אַ סך גוטס לטובת דער מענטשהייט.

דאָס הויז פון „די אַמעריקאַנער" איז אים צונוצגעקומען ווי אַ גרויסע הילף אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט זיך קיין בעסערע היים נישט געקאָנט ווינטשן.

יידיש־בעלגישע איינוואוינער האָבן מורא געהאַט אַריינצולאָזן „אומ־לעגאַלע", כדי דורך זיי נישט אַריינצופאַלן אין אַן אומגליק און אַליין אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד.

„די אַמעריקאַנער" האָבן ריזיקירט; זיי זענען דאָך אַמעריקאַנער בירגער. אין ערגסטן פאַל האָבן זיי וואוהין צו פאָרן. איז ביי זיי גע־וואָרן אַן אָפענע טיר פאַר „אומלעגאַלע", וואָס האָבן נישט געהאַט „קיין רעכט" דאָרט צו וואוינען און אַוודאי נישט „קיין רעכט" צו אַרבעטן.

לעאָן האָט אַלעמאָל מיט זיך געבראַכט עטלעכע פריינט זיינע.

צביה האָט אויפגעלעבט. פאַר איר זענען די נייע באַקאַנטע גע־ווען אַ דערפרישונג. זי האָט אַלעמען אויפגענומען מיט גרויס וואַרעמ־קייט; פאַר יעדן האָט זי געשטעלט „כיבוד", געמאַכט טיי מיט צובייס, אַזוי אַז קיינער איז פון איר הויז נישט אַוועק הונגעריק. יעדער האָט זיך דאָרט באַלד דערפילט היימיש, ווי ביי זיך אינדערהיים. אַ סך פון די נייע באַקאַנטע זענען געוואָרן אָפטע באַזוכער. די יונגע זאָשע איז געווען איינע פון זיי. זי האָט זיך אין דער שטוב איינגעלעבט, ווי זי וואָלט געווען אַ לייבלעכע אייגענע.

ביים ערשטן אַריינקום האָט זי זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן: ווי אַזוי

זעט־אויס דאָס אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע? זי האָט געוואָלט וויסן פון דער אַלגעמיינער און עקאָנאָמישער לאַגע. ס׳האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז זי ווייסט אַ סך, וואָס עס טוט זיך אין פאַרשידענע לענדער וועגן פאַרשידענע סיטואַציעס. זי איז גוט באַקאַנט מיטן פּאָליטישן לעבן פון פּוילן, פראַנקרייך און בעלגיע. ס׳איז געווען באַלד צו מערקן, אַז זאָשע האָט אַ שאַרפן מוח און נאָך אַ שאַרפער צינגל צום רעדן. זי איז אַריבער־געוואַקסן אירע צוואַנציק יאָר. יצחק איז געוואָרן באַגייסטערט פון איר.

לעאָן און יצחק האָבן געהאַט אַ סך געמיינזאַמעס. זיי האָבן שטענדיק געהאַט וועגן וואָס צו רעדן, און זיי האָבן ביידע געהאַט אַ סך פון די זעלבע אייגנשאַפטן, כמעט דעם זעלבן צוגאַנג צום לעבן: ביידע — מיט גרויס ערלעכקייט, און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיט אַ סך ליבשאַפט צו מענטשן. ס׳איז געווען צווישן זיי אויך אונטערשיידן: יצחק האָט זיך שנעל אויפגערעגט ביי אַ דיסקוסיע מיט אַ קעגנער, זיך געקאָכט, געהיצט, געקאָנט שאַרף אַריינזאָגן, אַז יענעם זאָל ווי־טאָן ביז אין ביין. אין אויפרעגונג האָט ער נישט גענוצט קיין פּאָלירטע שפּראַך. ער האָט נישט געהאַט קיין קאָנטראָל איבערן וואָרט. נישט איינמאָל האָט ער מיט די שאַרפסטע אויסדרוקן באַליידיקט אַ קעגנער.

לעאָן איז געווען גאָר אַנדערש. ער האָט שטענדיק גערעדט גע־לאַסן, שטיל און רואיק, זיך באַמיט קלאָר צו מאַכן זיין געדאַנק. ער האָט געהאַט אַ וועג צו רעדן, וואָס האָט איבערצייגט און געווירקט. ווען ס׳איז געווען נייטיק, האָט ער געקאָנט פאַרשווייגן, „פאַרקוקן”.

צו יצחקן זענען אָנגעקומען יידישע צייטונגען מיט זשורנאַלן, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון ניו־יאָרק. פאַר די פריינד זענען די צייטונגען מיט די זשורנאַלן געווען ווי אַ פרישער קוואַל פון פּאָליטישער אויפקלע־רונג און ליטעראַרישן גענוס. יעדן אָוונט איז דאָרט די שטוב געווען פול מיט מענטשן. מען האָט געלייענט, די צייטונג איז איבערגעגאַנגען פון האַנט־צו־האַנט, דערנאָך האָט מען דיסקוטירט די אַרטיקלען, פאַרפירט שמועסן וועגן וועלט־געשעענישן און פּראָבלעמען. די דעבאַטעס האָבן זיך אָפט פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

צביה האָט זעלטן גענומען אַן אָנטייל אין אַ פּאָליטישער דיסקוסיע. זי האָט זיך געפילט נישט גענוג באַהאַוונט אין פּאָליטיק. זי קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט די אַנדערע פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקע, וואָס נעמען אַן אָנטייל. זי האָט אָבער ליב געהאַט זיך צוהערן צו יעדערנס מיינונג. זי האָט געהאַט גרויס הנאה צו הערן, ווי אַזוי לעאָן ברענגט אַרויס אַ גע־

דאַנק. זי האָט אָנגעקוואָלן, ווי שנעל איר מאַן אָריענטירט זיך, ווי גוט ער ספּראַוועט זיך צו באַרעכטיקן זיין מיינונג.

לעאָן האָט געהאַט אַזוי פיל צוטרוי צו יצחקן, אַז ער האָט פאַר זיינע פאַר אָפּגעשפּאָרטע פראַנק געמאַכט יצחקן פאַרן „שומר״. צוליב זיין אומ־לעגאַלקייט, האָט ער נישט געקאָנט אַריינלייגן אין באַנק, און אַרומטראָגן מיט זיך דאָס ביסל געלט האָט ער אויך נישט געוואָלט. ער האָט יעדע מינוט געקאָנט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

אין בעלגיע האָבן די געהיים־אַגענטן אָפט אָפּגעשטעלט אין גאַס, אין קאַפעען און רעסטאָראַנען מענטשן, אויף וועמען זיי האָבן געהאַט דעם מינדסטן פאַרדאַכט. אויב עמעצער האָט אויסגעזען ווי אַן אויסלענ־דער האָבן זיי אים געפרעגט אויף אַ „קאַרטע־אינדענטע״, אַ וואוין־קאַרט קאַרט. די, וואָס האָבן נישט געהאַט ביי זיך די „קאַרטע־אידענטע״, זענען אַרעסטירט געוואָרן, און נאָך אַן אויספאָרשונג האָט מען די מערסטע אַרעסטירטע אַרויסגעשיקט פון לאַנד. קיינער האָט נישט געקאָנט זיין אָן אַ קאַרט־אידענטע, און דאָך זענען אַ סך מענטשן, מערסטנס פון פּוילן, געוועזן אָן אַזאַ קאַרט. ווען מען האָט זיי געכאַפּט און אַרויסגעשיקט קיין פראַנקרייך, האָבן זיי געוואוסט דעם וועג, ווי אַזוי צוריק אַריינצוקומען (די בעלגיש־פראַנצויזישע גרענעץ־וואַך איז נישט געוועזן קיין שטרענגע). מיט סאָלען און לעאָנען האָט דאָס נישט איין מאָל געטראָפן; מען האָט זיי אַרויסגעשיקט און זיי זענען באַלד דעם זעלבן טאָג צוריק אַריינגעקו־מען. צוליב דעם האָט לעאָן נישט געוואָלט האַלטן ביי זיך קיין סך געלט. יעדן אָפּגעשפּאָרטן פראַנק האָט ער געגעבן יצחקן צו האַלטן.

די ערשטע צייט פלעגט לעאָן פרעגן צביהן און יצחקן, צי ער קאָן אַרויפקומען מיט עטלעכע מענטשן אָפּהאַלטן ביי זיי אַ זיצונג. ווען ער האָט געזען, אַז זיי זאָגן אים נישט אָפּ, האָט ער שפּעטער אויפגעהערט פרעגן. ווען ער האָט באַדאַרפט, איז ער אַרויפגעקומען מיט זיינע פריינט, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געפירט אַ זיצונג. סאָלע איז אומעטום געגאַנגען צוזאַמען מיט לעאָנען. זי האָט אָנגעהויבן נעמען אַן אָנטייל אין די דיסקוסיעס. וואָס אַמאָל, האָט זי זיך אַלץ מער אָנגעזען מיט איר אָריענטאַציע, מיט איר באַנעם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. זי האָט זיך ממש פאַר די אויגן אַנטוויקלט, אויסגעוואַקסן אַ מענטש מיט אַ לאָ־גישן צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן. זי האָט אַ סך בייגעטראָגן מיט איר טעטיקייט.

צביהס עלטערער זון, לייזער, האָט ליב געהאַט זיצן לעבן די דער־

וואָקסענע, זיך צוהערן וואָס זיי רעדן און זיך אַריינמישן אין די געשפּרעכן. ער איז געווען אַ שטער ביי די זיצונגען. וויפל מען האָט אים נישט גע־זאָגט, אַז ס׳איז נישט זיין זאַך, ער זאָל בעסער גיין צו זיינע ביכער, האָט מען נישט געקאָנט אים אָוועקנעמען פון די דערוואַקסענע. ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער פלעגט אויף גיך אָפּפּאַטערן די שול־אַרבעט, כדי צו קאָנען צוהערן זיך צו די שמועסן פון די גרויסע, און בעטן אַ וואָרט ווי איינער פון זיי.

די מאַמע האָט זיך געזאָרגט, אַז זיין נעמען אַן אָנטייל אין אָט־די געזעלשאַפטלעכע ענינים, זאָל נישט שטערן זיין לערנען אין שול. זי האָט זיך אָבער אומזיסט געשראָקן. לייזער האָט געהאַט אַן אָפענעם מוח צום לערנען. ער איז געווען פון די בעסטע שילער.

קינדערשע ליבע

דעם צוועלף־יאָריקן לייזערן האָט מען מיטאַמאָל אויפגעהערט זען אין שטוב. אין דער נידער האָט געוואוינט אַ יידישע פאַמיליע, קאַרשנ־בוים. דאָרט איז געווען אַ מיידל אין לייזערס יאָרן, פעלע. זי איז גע־ווען זייער אַ געראָטענע: קלוג און שיין. מיט טויזנט חנ׳ען. לייזער האָט זיך אין איר פאַרליבט. אַזוי גיך ווי ער איז געקומען פון שול, איז ער באַלד געלאָפן צו די קאַרשנבוימס; פאַרבראַכט דאָרטן שעה׳ן. וויזט־אויס, אַז פעלע האָט אים נישט געקאָנט ליידן. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן מיט אים, אים געיאָגט און געטריבן, אָבער מען האָט אים מיט קיין שטעקנס נישט געקאָנט פון דאָרט אַרויסיאָגן.

לייזער איז געווען הויך, האָט אויסגעקוקט עלטער ווי זיינע יאָרן. ער איז געווען זייער אַ היציקער. איבער דער קלענסטער זאַך האָט ער זיך געקאָנט אויפקאָכן. אַז פעלע האָט אים דערווידערט, נישט געווען מיט אים איינשטימיק, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און איר דערלאַנגט איבערן קאָפּ, אָדער געגעבן אַ ריס אירע האָר. נישט איין מאָל האָבן זיי זיך ריכטיק צעשלאָגן, ברוגז געוואָרן. דערנאָך האָט דאָס יינגל זיך קיין אָרט נישט געפונען. ער פלעגט שטיין אינדרויסן ביי דער טיר, וואַרטן אויף איר אַהיים קומען. ווען זי איז ערגעץ געגאַנגען, פלעגט ער איר נאָכגיין, ביז זיי האָבן זיך איבערגעבעטן, זיך ווידער צעקריגט, צע־שלאָגן און זיך ווידער איבערגעבעטן.

דער יינגערער זון, מנחם, איז געווען אַ שטילער, אַ שפּילעווידיקער.

ער האָט זיך געשפּילט מיט קינדער אין זיינע יאָרן. ער איז אַלעמאָל געווען דער, וואָס האָט „געפירט דאָס רעדל", „דער קאַפּיטאַן". מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט שפּילן אין באַל.

צווישן די אָפּטע באַזוכער ביי די „אַמעריקאַנער", איז אויך געווען הערשקע. אַ שוחט׳ס אַ זון פון אַ קליין פּויליש שטעטל. ער האָט געקענט לערנען, און האָט אויך גוט געקענט פּויליש און פראַנצויזיש. ער האָט אַ סך געלייענט, איז געווען באַקאַנט מיט דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט געקאָנט אָנשרייבן אַ גלאַטיקן פּאָליטישן אַרטיקל פאַר אַ צייטונג, און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, און אַן אויטאָריטעט אויפן פּאָליטישן געביט.

זיין פרוי בעבאַ איז אויך געווען זייער אַ געבילדעטע. זי האָט געקענט זעקס־זיבן שפּראַכן. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רייכן גוטבאַזיצער אין רומעניע. איר פאָטער האָט פאַרמאָגט פעלדער און ווייַנגערטנער. ער פלעגט פאָרן מיט פיר פערד „נאַשפּיץ". בעבאַ איז אויפגעבראַכט געוואָרן אין לוקסוס. מיט דינסטן, באַדינער און גואווערנאַנטקעס. זי האָט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל אַלס קראַנקן־שוועסטער. הערשקעס רעוואָלוציאָנערע אידייען האָט זי אויסגעלאַכט, געמאַכט פון זיי חוזק.

זי איז געווען אַ גרויסע ווייצלעריך, געהאַט אַ שאַרפן מוח, זיך שנעל אָריענטירט, זיך נישט פאַרלוירן אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט. אַדאַנק דעם האָט זי נישט איינמאָל אַרויסגענומען הערשקען פון גרויסע געפאַרן, כאָטש זי איז געווען זיינע אַ פּאָליטישע קעגנעריך, אָבער זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, האָט זי אים נישט געשטערט אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט.

הערשקע האָט זיך אין בריסעל אויסגעלערנט אַרבעטן ביי גומימאַנטלען. ער איז געווען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך באַטייליקט אין פיל אַקציעס, האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין זיין קרייז.

צווישן די אָפּטע באַזוכער איז אויך געווען זאָשע מיט איר מאַן דניאל. זיי האָבן ביידע געאַרבעט ביי דאַמען־בייטלען. ער איז געווען עלטער און מער געלערנט פון איר. דניאל האָט זיך געגריבלט אין ביכער; האָט געוואָלט אַלץ וויסן, אַלץ פאַרשטיין. טאָג־און־נאַכט האָט ער געלייענט, געפאָרשט, זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעכע ענינים, און האָט דערגרייכט אַ הויכע שטופע אין בילדונג. ער איז געווען אַ פּעאיקער מענטש און האָט ליב געהאַט צו טאָן זאַכן מיט גרויס פּינקט־

לעכקייט. ס'איז ממש געווען צו שטוינען מיט וויפל געשיקטקייט ער פלעגט צוזאַמענשטעלן און פאַרריכטן מעכאַנישע אָדער עלעקטרישע מכשירים. קיין אַמביציע האָט אים אויך נישט געפעלט. ער האָט גע־טרוימט צו ווערן אַ דערפינדער. די אומגינסטיקע מאַטעריעלע לאַגע האָט אים געשטערט צו פאַרווירקלעכן זיינע טרוימען, אויסנוצן זיינע פעאיקייטן.

פון אידעאַליסטן האָט ער נישט געהאַלטן. ער האָט אָפּגעלאַכט פון זיי. זיין אַרגומענט איז געווען, אַז יעדער מענטש דאַרף זאָרגן פאַר זיך אַליין, נישט פאַרלאָזן זיך אויף אַנדערע און שטרעבן צו העכערע דער־גרייכונגען, ווען שוין במילא זיין אַ גוטע און אינטערעסאַנטע וועלט, — ס'איז אים געווען באַקאַנט וואָס עס גייט־אָן אין דער וועלט, מענטשן האָבן אים ווייניק אינטערעסירט. ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט קעץ און הינט, ווי מיט מענטשן. אים האָט מער אינטערעסירט דאָס קלענסטע שרייפעלע פון אַ מאַשין, ווי וועלכע־עס־איז וועלט־געשעעניש.

ער האָט ליב געהאַט פאַנאַנדערצונעמען זאַכן, באַטראַכטן יעדעס טיילכל באַזונדער און דערנאָך צוריק צונויפשטעלן. נישט תמיד איז אים געלונגען. געווען אַזעלכע קאָמפּליצירטע מעכאַניזמען, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צוריקצונויפשטעלן. אים האָט דאָס נישט געאַרט. פון קאַליע־מאַכן יענעמס אַ זאַך, האָט ער זיך נישט גענומען צום האַרצן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז פאַר זיין גלייכגילטיקייט האָט מען אים נישט ליב, איז אים דאָס אויך ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען. ער האָט געטאָן וואָס אים האָט זיך געגלוסט. ער האָט זיך ווייניק גערעכנט, וואָס פאַר אַ מיינונג מען האָט וועגן אים. סיי־ווי איז אים נישט געגאַנגען אין לעבן צו זיין נאָענט מיט מענטשן. ער האָט געהאַלטן, אַז קיינער איז נישט זיין גלייכן. אַלעמען האָט ער גערופן מיטן ציניש נאָמען: „משהלע". יעדער איז ביי אים געווען „אַ קליין מענטשעלע", מיט נישטיקע השגות.

גייט ער זיך זיין אייגענעם וועג און טוט, וואָס פאַר אים איז בעסער און גרינגער, אפילו ווען דאָס מאַכט אַן אַנדערן אומבאַקוועם. ווען ער קאָן, וואָלט ער אַרויפגעלייגט אויף יענעם די שווערסטע לאַסטן צוליב זיינע באַקוועמלעכקייטן.

אַמאָל איז דניאל אַרויסגעפאָרן מיט אַ חברה בחורים און מיידלעך אויף אַ דאַטשע. זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז די אַרבעט (ראַמען און צוגרייטן עסן) זאָל צעטיילט ווערן — יעדן טאָג זאָל אַן אַנדערער עפּעס טאָן. ווען ס'איז געקומען צו אים, האָט ער איין מאָל געזאָגט

„דער קאָפּ טוט מיר ווי״ ; אַ צווייט מאָל : „איך האָב אַ בויך־ווייטיק״. יעדעס מאָל האָט ער געפונען אַן אויסרייד, אַבי זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט.

ביים טיש, צום עסן, איז ער גראָד געווען דער ערשטער. וואָס אים איז געפעלן, האָט ער געגעסן וויפל ער האָט געקאָנט, נישט באַרעכע־נענדיק, אַז אויך אַנדערע דאַרפן עסן. קיין פאָרוואורף האָט נישט גע־האָלפן. מען האָט געמעגט זיך אויפרעגן, שרייען, ער האָט געשמייכלט און געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט.

אויפן זעלבן אופן האָט ער זיך געפירט, ווען ער איז געקומען צו „די אַמעריקאַנער״, אָדער צו אַנדערע אַלס אַ גאַסט. אַז ער האָט עפּעס געזען אין שטוב, וואָס אים איז געפעלן, האָט ער פּראָסט־און־פּשוט גע־זאָגט : „איך נעם דאָס״. אַז מען האָט אים נישט געוואָלט געבן, האָט ער דאָס סיי־ווי גענומען — אַמאָל אין די אויגן, אַמאָל הינטער די אויגן. אַ סך האָבן, צוליב זיין פירונג, נישט געוואָלט, ער זאָל צו זיי קומען. איינער האָט אים שוין געזאָגט :

— דו זאָלסט מער מיין שוועל נישט איבערטרעטן, — אָבער דאָס האָט אים נישט אָנגעלערנט. ער האָט שמייכלענדיק געזאָגט :

— איז נישט געפידלט, דאַרף מען נישט, — און ער איז ווייטער גע־גאַנגען מיט זיין וועג.

יצחק איז אַ נערוועזער מענטש, האָט ער אָפט פאַרלוירן דאָס געדולד, נישט געקאָנט פאַרליידן דניאלס פירונג. ער האָט אים געוואָלט פּשוט אַרויסוואַרפן פון שטוב, נאָר ער האָט זיך גערעכנט מיט זאַשען ; צוליב איר האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן איבערצורייסן די פריינטשאַפט.

וועגן זאַשען האָט יצחק געהאַט אַ הויכע מיינונג. ער האָט אַ סך גערעדט פון איר קלוגשאַפט און טאַקטישער האַנדלונג. ער האָט איר אָפט געגעבן קאָמפּלימענטן. איינמאָל האָט ער פאַרהאַלטן לאַנג זיין בליק אויף איר און געזאָגט :

— דו ווייסט, זאַשע, אין דיינע גרויסע, ווייכע גוטמוטיקע ביר־אויגן, קאָן זיך אַ מאַן גרינג פאַרליבן.

זי האָט צופרידן געשמייכלט און שפּאַסיק געזאָגט :

— אויף אַ וויַיל, צי אויף שטענדיק ?

פון דעמאָלט־אָן האָט זיך צו צביהן אַריינגעכאַפּט אַן אייפערזוכט אויף זאַשען. כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז איר מאַן איז אַן ערנסטער מענטש און זי האָט נישט געצווייפלט אין זיין ליבשאַפט צו איר, דאָך

האָט אַ מאָדנער געפיל זי געמאַטערט, געעקבערט איר מוח, פאַראומערט איר לעבן.

זי פּרואווט זיך אַליין אויסרעדן, אַז איר יצחק וועט נישט דערפירן צו קיין ריס אין זיין פאַמיליע; דאָך קאָן זי נישט בלייבן גלייכגילטיק. אַרויסטרעטן אָפן און זאָגן, אַז זי וויל נישט זאָשע זאָל צו איר קו־מען, האָט זי נישט געוואָלט. זי וויל דאָך נישט אַרויסווייזן אָפן איר איפּערזוכט. דאָס שטייט איר נישט אָן. דערמיט, ווייסט זי, וואָלט זי זייער אַ סך פאַרלוירן ביי יצחקן. האָט זי זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר פאַרדאַכט. פונדעסטוועגן, ווען ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ גוט וואָרט וועגן זאָשען, האָט זי מיט פאָרוואורף צו אים געזאָגט:

— אַלץ וואָס זאָשע טוט געפעלט דיר. זאָלסט דאָס אַמאָל זאָגן, אַז איך טו אויך עפּעס אַ גוטע זאַך. נישקשה, אַן אייגן ווייב מעג מען אויך אַמאָל געבן אַ קאָמפּלימענט.

ער האָט אָבער אירע טענות נישט גענומען ערנסט.

איינמאָל האָט זאָשע, האַלב־ערנסט, האַלב אין שפּאַס, געזאָגט צו יצחקן:

— ווען מאַכט איר פאַר מיר אַ פּוטערנעם מאַנטל?

— איר דאַרפט נאָר זאָגן, אַז איר ווילט האָבן אַ מאַנטל, בין איך גרייט אפילו מאָרגן צו נעמען זיך צו דער אַרבעט, — האָט יצחק אַ צופרידענער אונטערגעכאַפּט דעם געדאַנק. — מער ווי דאָס פּוטערוואַרג וועט אייך נישט קאָסטן. מיין אַרבעט גיב איך אייך אַ מתנה. פאַר מיר וועט זיין אַ פאַרגעניגן צו מאַכן פאַר אייך אַ מאַנטל.

צביה איז געוואָרן אָן אויפגעקאָכטע. אויפן אָרט האָט זי מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן איר אויפרעגונג. נאָר ווען זאָשע איז אַוועק, איז זי אַרויס מיט לשון:

— פאַר וועלכע מעשים טובים גייסטו דאָס איר געבן דיין אַרבעט אַ מתנה? מאַכן אַ מאַנטל איז עפּעס אַ בייגל פאַר אַ גראָשן? פאַר מיר כאַפּסטו זיך גאָרנישט אַזוי גיך צו מאַכן אַ מאַנטל, ווי דו לויפסט דאָס טאָן פאַר איר!

יצחק איז געווען רואיק. ער האָט געלאַסן געזאָגט:

— וואָס דאַרף דיך אַרן, אַז איך וועל פאַר איר מאַכן אַ מאַנטל? עס פעלט מיר צייט? אין גיכן וועל איך פאַר דיר אויך מאַכן. איך האָב שוין אפילו געטראַכט צו קויפן קאַראַקול פאַר דיר. דו וועסט שוין זען, וואָס פאַר אַ מאַנטל איך וועל דיר מאַכן.

צביה האָט זיך אויפן מאָמענט פאַרשעמט פאַר דער באַמערקונג, וואָס זי האָט געמאַכט צו יצחקן און זי איז שטיל געבליבן.

צביהן האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן אַ לערער פאַר די קינדער צו לערנען ענגליש. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אפשר וועלן זיי צוריקפאָרן קיין אַמעריקע, זאָל זיי נישט זיין פרעמד די שפּראַך.

דער לערער, מר. גליק, איז געווען אַ יידיש־אַמעריקאַנער בחור, ער האָט שטודירט אין בריסעל פאַר דאָקטאָר. צוויי מאָל אַ וואָך איז ער געקומען לערנען מיט די קינדער. ער איז געווען אַ צוגעלאָזענער און ער איז שנעל געוואָרן היימיש מיט יצחקן און צביהן.

דער צאַרטער ניין־און־צוואַנציק־יאָריקער בחור איז געקומען פון דער ניו־יאָרקער „איסט־סאַיד" אָרעמקייט. ער איז אַ שטילער, איידע־לער מענטש. אויף זיין בלאַס־גרינלעך פּנים איז געלעגן אַ סאַמעטענע ווייכקייט. אַ גוטסקייט. מיט דעם געלט וואָס זיינע נישט־רייכע עלטערן האָבן אים געשיקט, האָט ער געהאַט קוים צו צאָלן דירה־געלט און צו עסן, פאַר אַנדערע נייטיקע אויסגאַבן האָט ער פאַרדינט דורך געבן לעקציעס, לערנען אַנדערע די ענגלישע שפּראַך.

פון ערשטן טאָג־אָן האָט ער אויף צביהן געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. נאָכן אָפּלערנען מיט די קינדער, לאָזט אים צביה נישט אַוועק־גיין. ער מוז בלייבן עסן מיט זיי וועטשערע. זיצן מיט אים ביים טיש איז ביי איר און יצחקן געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן.

איידער ער פלעגט קומען, האָט צביה מאָדנע געפילט. איר געדאַנק איז געוואָרן פאַרנומען מיט אים. ער האָט זיך באַצויגן צו איר מיט גרויס רעספּעקט. אָפט האָט זיין בליק זי דורכגענומען און געוועקט אין איר אַ נאָענטקייט צו אים. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר. זי האָט געמאַכט פאַר אים ספּעציעלע מאכלים, געגרייט אַנדערש דעם טיש, זיך געפּוצט און געפלייסט פאַר אים. ס'איז איר געווען אַ וואונדער, וואָס יצחק באַמערקט דאָס נישט. און אפשר באַמערקט ער און מאַכט זיך נישט וויסנדיק — האָט זי געטראַכט. דאָס האָט נאָך מער באַרעכטיקט איר חשד, אַז ער האָט אַ געפיל פאַר זאַ־שען. נאָר מאָדנע, איר אַרט דאָס איצט ווייניק.

— אפשר איז ער גאָר צופרידן, אַז זי זאָל זיין אין עמעצן פאַראינ־טערעסירט, כדי אים זאָל זיין גרינגער פון איר זיך אָפּצורייסן, איז איר איינ־געפאַלן. פאַרשידענע געדאַנקען זענען אויפדאָסניי אויפגעשוואומען, און

האָבן אויפגעברויזט אין איר אַלערליי געפילן. זי וויל נישט צולאָזן דעם געדאַנק פון צעשיידן זיך מיט איר מאַן. זי האָט דאָך אים נישט פיינט. פאַר איר וואָלט דאָס געווען אַ טראַגעדיע. עס זאָל חלילה קומען צו דעם.

עס פאַרדריסט זי אויף זיך אַליין, — פאַרוואָס זי וויל געפעלן מיסטער גליקן. זי שרעקט זיך פאַר אירע אייגענע געפילן. — ווער ווייסט, טראַכט זי, — צו וואָס געפילן קאָנען פירן? — אין דער זעלבער צייט איז זי זייער שטאַרק געווען נייגעריק צו וויסן, צי דער לערער איז אין דער אמתן נישט גלייכגילטיק צו איר. זי האָט נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיט אירע זיג־זאַג־געפילן. אי זי איז צופרידן פון דעם לערערס אויפמערקזאַמקייט, אי זי שרעקט זיך פאַר איר געפיל צו אים.

איינמאָל קומט מיסטער גליק און זאָגט:

— איך האָב אַן עקסטראַ־בילעט צו דער אָפּערע. איינער פון אייך קאָן מיט מיר גיין.

אין צביהן האָט אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ פון פרייד. זי האָט געקוקט אויף איר מאַן, ער זאָל זי הייסן גיין, ווי ער טוט דאָס שטענדיק. אַזוי איז טאַקע געווען. ער ווייסט, אַז צביה רייסט זיך צום גיין, זי וויל אַלץ זען, הערן, פון אַלץ וויסן. ער איז נישט אַזאַ „לויפער", לאָזט ער זי אומעטום גיין; זאָל זי האָבן דאָס פאַרגעניגן.

יענער אָוונט איז ביי איר געווען אַ יום־טוב. שפּעטער איז מר. גליק אָפט געקומען מיט אַן עקסטראַ־בילעט: אַמאָל צו דער אָפּערע, אַמאָל צו אַ קאָנצערט, וויסנדיק אַז צביה וועט מיט אים גיין.

ער האָט זיך געהאַלטן זייער אָנשטענדיק. זי האָט אָבער וואָס אַמאָל מער באַמערקט און געפילט זיין נישט־גלייכגילטיקייט צו איר. זיצנדיק נאָענט איינער לעבן אַנדערן, האָט זי געפילט זיין ציטער. ער האָט געהאַט אַ באַגער אָנצורירן איר האַנט, זי אַרומנעמען. ער האָט אָבער נישט געוואַגט דאָס צו טאָן. ער האָט בלויז אַמאָל איר עפּעס איינגערוימט אין אויער, וועגן דעם וואָס זיי זעען אויף דער בינע, כדי מיט זיין פּנים אָנרירן אירס. איר איז אויך געווען גוט צו פילן זיין וואַרעמען אָטעם אויף איר באַק אָדער האַלדז.

אויפן וועג אַהיים איז ער מיט איר געגאַנגען טרינקען קאַווע. שפּעטער, אָנשטאָט פאָרן, האָט ער שפּאַצירט מיט איר אַהיים. געוואָלט זיין לענגער מיט איר. ביים געזעגענען זיך, האָט ער לאַנג געהאַלטן איר האַנט אין זיינער.

נאָך אַזאַ אָוונט איז דער שלאָף ביי איר אַוועקגענומען געוואָרן. זיין

יעדע באַוועגונג, יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט צו איר גערעדט, איז אומ־געציילטע מאָל אַדורך אין איר געדאַנק, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל זיך איבערגעחזרט. מער פון אַלץ האָט זי געפּייניקט אַ שולד־געפיל. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַגייט אַ פאַרברעכן קעגן איר מאַן. זי האָט גע־טראַכט: — דאָס בעסטע וואָלט געווען אים אָפּצוזאָגן אַלס לערער, ער זאָל אויפהערן קומען צו איר אין שטוב. זי האָט אָבער נישט קיין תירוץ. וואָס זאָל זי זאָגן יצחקן? ער וועט דאָך פרעגן — פאַרוואָס? פאַר ווען? וואָס איז פּלוצלינג געשען? ער ווייסט דאָך, אַז מר. גליק איז זייער צופרידן צו לערנען מיט די קינדער און ער נויטיקט זיך אין דעם געלט.

זאָל זי אים זאָגן, דער לערער ווייזט־אַרויס, אַז ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר? — האָט זי געטראַכט, — וועט דאָך נישט טויגן. זי ווייסט אין פאָרויס, אַז יצחק וועט זאָגן: „מסתמא האָסטו דאָס אַזוי געוואָלט. ווען דו גיסט אים נישט קיין געלעגנהייט, וואָלט ער נישט געוואַגט". אויב יצחק זאָל חלילה האָבן דעם מינדסטן חשד, איז זי אומ־גליקלעך. ער וועט איר קיינמאָל נישט מוחל זיין. ניין, דאָס טאָר זי נישט דערלאָזן.

גליקס קומען צערודערט זי. זי האָט מורא, אַז סוף־כּל־סוף וועט יצחק באַמערקן, אַז ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר.

אין איינער אַ שלאָפלאָזער נאַכט, נאָכטראַכטנדיק פון אָוונט, וואָס זי איז געווען מיטן לערער ביי אַ קאָנצערט, ווען ער האָט געפּרואווט זי אַ קוש טאָן און זי האָט אים אָפּגעשטויסן, איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: מער וועט זי מיט אים אַליין נישט גיין. זי וועט אים זאָגן, אַז אויב ער קאָן ברענגען נאָך אַ בילעט, יצחק זאָל אויך גיין מיט זיי צוזאַמען, איז גוט; אויב נישט, וועט זי אויך נישט גיין. דער געדאַנק האָט עטוואָס פאַרגרינגערט איר גערנאַגל, און זי איז איינגעשלאָפן.

זאָשע מיט דניאלין זענען אָפּטער ווי פריער געקומען. צביהן איז דניאל נישט געווען דערווידער. פאַרקערט, מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן איז איר געווען אינטערעסאַנט מיט אים צו רעדן. ער האָט וועגן אַזויפיל ענינים געוואוסט, אַז זי האָט אַ סך פון אים געלערנט. עס האָט אָפּעלירט צו איר זיין באַאָבאַכטונג וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען און זיין אָפּ־שאַצונג וועגן מענטשן. אמת איז, אַז זיין צוגאַנג צו פיל זאַכן איז איר נישט אַלעמאָל געפעלן, אָבער צוליב זיין טיפער פאַרשטענדעניש און זיין ווייטן בליק אויפן לעבן, האָט זי אים מוחל געווען זיינע עוולות.

זאַשע איז גאָר געוועו צופרידן, וואָס צביה האָט צו אים געדולד און באַרואיקט נאָך יצחקן, ווען ער רעגט זיך אויף אים אויף. דניאלס נישט־קאָנען קומען צו זיי, וואָלט פאַר זאַשען געווען אַ גרויסער פאַרלוסט.

זאַשע אַליין האָט זיך נישט איין מאָל באַקלאָגט אויף אים, זיך אויס־גערעדט פאַר צביהן דאָס האַרץ, ווי שווער ס'איז איר מיט אים אויס־צוקומען, אויסצושטיין זיינע קאַפּריזן.

— אַמאָל מאַך איך זיך אַליין אַ פאַרוואורף, פאַרוואָס איך לייד פון אים. עס פאַרדריסט מיך וואָס איך בין אַזאַ שוואַכלינג. איך האָב נישט קיין קינד, וואָס זאָל מיך צובינדן צו אים. איך דאַרף זיך אפילו מיט אים נישט גט'ן, ווייל מיר האָבן נישט חתונה געהאַט געזעצלעך. אָבער ווען איך פאַרנעם זיך אַוועקצוגיין, איז ווי ער וואָלט מיר אַ כישוף אָפּגעטאָן, — האָט זי זיך פאַרטרויט פאַר צביהן, — דעמאָלט ווערן אַלע חסרונות פאַרשוואונדן. ווי אויף צו להכעיס שווימען אַרויס פון אויבן אויף זיינע מעלות און שטעלן זיך מיר אין וועג, — האָט זי מיט פאַרביטערונג זיך באַקלאָגט. — ווי נאָר עס קומט צו אַ קלימאַקס, דאַכט זיך מיר, אַז קיין שום אַנדער מאַן וועט נישט קאָנען פאַרנעמען ביי מיר זיין אָרט.

צביה האָט זי ערנסט און אויפמערקזאַם אויסגעהערט, שווייגנדיק גע־טראַכט, זיך אַביסל געחידושט, וואָס זאַשע האָט פאַר איר געעפנט דאָס האַרץ. שפּעטער האָט זי איר געזאָגט:

— דער מענטש קאָן אָפּט זיך אַליין נישט פאַרשטיין. נאָך שווערער איז צו פאַרשטיין אַ צווייטנס געפילן. איך קאָן בלויז זאָגן, אַז יעדער מענטש איז באַרעכטיקט צו זיינע געפילן און מעג ליב האָבן אַ מענטשן מיט אַלע זיינע חסרונות, אפילו ווען ערליידט פון זיי. עס דאַרף אייך נישט פאַרדריסן, וואָס איר קאָנט אים נישט פאַרלאָזן. ווייזט אויס, אַז ער האָט אייגנשאַפטן, וואָס פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט ביי אייך. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס וועגט־אַריבער.

אירע רייד האָבן זאַשען אויפגעמונטערט. זי האָט פרייער אָפּגע־אָטעמט, ווי ס'וואָלט פון איר אַראָפּגענומען געוואָרן אַ לאַסט. צביה האָט איר אַנטפּלעקט דעם סוד פון אירע געפילן צו איר מאַן. מיטן באַרעכ־טיקן איר האַנדלונג האָט זי איר פאַרגרינגערט איר געמיט.

לעאָן האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיין קרייז מענטשן זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען און אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן בעסער אָנגיין מיט די אַקטיוויטעטן, וואָס די צייט האָט געפאָדערט.

— ווען עס רוקט זיך דער שטורעם, היטלער גרייט זיך אַריינצוקריגן די מאַכט, אין אַזאַ צייט קאָן מען נישט זיצן רואיק און גאָרנישט טאָן, — האָט ער גערעדט צו זיינע חברים.

ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט פריינט אין פוילן, וואו אַרבעטער זענען געווען פאַרשפאַרט אין תפיסות און געפייניקט געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט רוען און געפּרואווט, דורך פאַרשידענע מיטלען, שאַפן געלט צו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. ער האָט אויך געשאַפן געלט פאַר דער פּרעסע און פאַר פיל אַנדערע נייטיקע זאַכן. ער האָט איינמאָל געזאָגט צו זיינע פריינט:

— עס ווערט געפייערט אַ געבורטסטאָג פון אַן אָנגעזעענעם אַר־בעטער־פירער, דאַרף מען רופן אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג לכבוד זיין גע־בורטסטאָג און ביי דער געלעגנהייט שאַפן געלט פאַר וויכטיקע צוועקן.

— אויב מען וועט קריגן אַ לאָקאַל? — כאַפּט־אונטער הערשקע מיט צווייפל.

— אַז מען וויל, קריגט מען, — רופט זיך שוין אָן וולאַדעק.

ביי לעאָנען איז גערעדט און געטאָן. אויף מאָרגן איז ער אַוועק צו אַ בעלגישן טוער, יענעם פאָרגעשלאָגן דעם פּלאַן און אים געבעטן, ער זאָל זען קריגן אַ גרעסערן זאַל פאַר אַזאַ פאַרזאַמלונג. ער אַליין איז אויך נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ער האָט אַליין געזוכט און געזען, אַז אַנדערע זאָלן אויך העלפן זוכן. ס'איז נישט גרינג אָנגעקו־מען, אָבער זיי האָבן סוף כל סוף געקראָגן אַ גרויסן זאַל.

ביידע, סאַלע מיט לעאָנען, האָבן שווער געאַרבעט דערויף, אַז וואָס מער מענטשן זאָלן קומען צו דער פאַרזאַמלונג. דורך שריפט האָט מען וועגן דעם נישט געקאָנט מעלדן; האָט מען געדאַרפט יעדן איינעם דערגרייכן פערזענלעך. זיי האָבן קיינעם נישט אויסגעזאָגט, וואו די פאַר־זאַמלונג וועט פאָרקומען. דאָס האָט מען געהאַלטן בסוד ביז דער לעצטער מינוט, די פּאָליציי זאָל זיך נישט דערוויסן. ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ טרעף־פּונקט, וואו צוויי טוער וועלן שטיין אויף דער גאַס און דאָרט זאָגן יעדן וואוהין צו גיין.

ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם — עס זאָל הייסן, אַז דאָרט קומט־פאָר „אַ קאָנצערט".

די קינסטלער און דער עולם זענען אין אַ יום־טובדיקער שטימונג זיך צונויפגעקומען. ס'האָבן זיך שוין געהאַט פאַרזאַמלט אַרום צוויי הונדערט מענטשן. אָבער נאָך איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט,

זענען אַריין פּאָליצײ מיט גַעהיים־אַגענטן, זיי האָבן אַלע פֿאַרזאַמלטע אַרומגערינגלט און אַרעסטירט, אַריינגעזעצט אין פּאָליצײ־וועגענער און זיי אַוועקגעפֿירט אין טורמע.

ס׳איז געוואָרן אַ בהלה סיי ביי די אויפֿן אָרט, סיי שפּעטער ביי די קרובים פֿון די אַרעסטירטע. ס׳איז געוואָרן אַ געלויף צו אַדוואָקאַטן. מ׳האָט צוגעשטעלט דאָקומענטן מיט באַווייזן, אַז דאָס זענען פֿיינע, ערלעכע מענטשן, מיט גוטע רעפּוטאַציעס, וואָס האָבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

פֿאַר פֿיל איז דער אַרעסט געווען אַ גרויס אומגליק, באַזונדערס פֿאַר די לעגאַלע, וואָס האָבן געהאַט וואוין־רעכט און זענען פֿון יאָרן געווען איינגעאָרדנט, געאַרבעט אָדער געפֿירט געשעפֿטן. איצט האָבן זיי געוואוסט, אַז אין לאַנד וועלן זיי מער נישט קאָנען בלייבן. מיטאַמאָל האָבן זיי פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פֿיס, געבליבן אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד — כאָטש וואַרף זיך אין ים אַריין.

„די אַמעריקאַנער“ איז באַשערט געווען אויסצומיידן דאָס אומגליק. פּונקט מיט אַ טאָג פֿריער איז צביה קראַנק געוואָרן, געלעגן אין בעט מיט הויכער היץ. יצחק האָט זי נישט געקאָנט אַליין איבערלאָזן, איז ער אויך נישט געגאַנגען צו דער פֿאַרזאַמלונג, און האָט צופֿעליק אויסגעמיטן דעם אַרעסט.

עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך אַ גרינטלעכער אויספֿאָרשונג, ווען די רעגירונג־באַאַמטע האָבן זיך איבערצייגט, אַז די אַרעסטירטע זענען נישט קיין פֿאַרברעכער, האָט מען זיי אָנגעהויבן אַרויסשיקן פֿון לאַנד. ווייזט אויס, אַז אַ מסור האָט אינפֿאָרמירט וועגן דער פֿאַרזאַמלונג. די רעגירונג האָט געגנוי געוואוסט, אַז די מענטשן זענען נישט געקומען צוליב אַ קאָנצערט, נאָר צו אַ פּאָליטישער פֿאַרזאַמלונג, צו וועלכער אויסלענדער האָבן נישט קיין רעכט צו גיין.

פֿאַר די „אומלעגאַלע“ איז דער איבערפֿאַל נישט געווען אַזוי געפֿערלעך: זיי זענען צו דעם געוואוינט געווען. סײ־ווי־סײ האָבן זיי זיך אַרומגעוואַלגערט, נישט געהאַט קיין רו, געוואוינט אומלעגאַל אין בוידעם־שטיבלעך, אויף זייטיקע, פֿאַרוואָרפֿענע געסלעך, געפּלאָגט זיך, געאַרבעט אין געהיים, צו יעדער צייט געווען אויסגעשטעלט אַרויסגעשיקט צו ווערן. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צוריק אַריינצוקומען און אויפֿדאָסניי זיך אויסבאַהאַלטן.

סאַלע איז געווען פֿון די אַרויסגעשיקטע און זי איז צוריק אַריינגעקומען.

לעאַנען האָט מען נישט אַרויסגעשיקט צוזאַמען מיט די אַנדערע.
ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז אַ מסור האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די פאַרזאַמלטע און אונטערגעטראָגן דער רעגירונג, אַז לעאַן איז דער אָנפירער פון דער פאַרזאַמלונג. מ'האָט אים געהאַלטן פאַרשפאַרט, געפאַרשט, נאָכגעזוכט זיין פאַרגאַנגענהייט, צו דערגיין ווער ער איז.

אין אַ רעגנדיקן נאָכמיטאָג קומט צוגיין סאַלע צו צביהן אַ פאַרוויינטע, איר פּנים אָפּגעצערט, בלוטלאָז, נישט צו דערקענען. ווען צביה האָט זי דערזען, האָט זי זיך דערשראָקן און האַסטיק אַ פרעג געטאָן:
— וואָס איז געשען? עפּעס נייעס מיט לעאָנען?
— איך האָב זייער שלעכטע נייעס, נישט וועגן לעאָנען. וועגן מיר אַליין, — און זי ברעכט־אויס מיט אַ יאָמערלעכן געוויין. צביה נעמט זי אַרום, דריקט זי צו זיך, בעט זיך ביי איר: — סאַלע טייערע, באַרואיק זיך! זאָג, וואָס איז געשען? — נאָר סאַלע קלאָגט און קאָן נישט אַ וואָרט אַרויסרעדן. צביה גלעט זי איבערן קאָפּ, האַלט זיך אין איין בעטן:
— דערצייל מיר. זאָג, וואָס האָט געטראָפן?
זי האַלט דעם קאָפּ אויף צביהס אַקסל, און כליפּעט מיט ביטערע טרערן. צביה האָט זי געצערטלט, געגלעט, געוואַרט זי זאָל זיך אויסוויינען. סאַלע האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איר אַקסל און דורך טרערן קוים אַרויסגעפּליסטערט:
— אַן אומגליק, צביהלע טייערע, אַ גרויס אומגליק האָט מיך געטראָפן. איך ווייס נישט, וואָס איך וועל טאָן. איך וועל זיך אַריינוואַרפן אין ים אַריין. איך קאָן נישט און איך וויל נישט לעבן. ווי איז מיר, וואָס מיך האָט געטראָפן. — זי פאַרוואַרפט ווידער דעם קאָפּ אויף צבהיס אַקסל און באַגיסט זיך מיט אַ פרישן שטראָם טרערן.
— זאָג שוין, וואָס האָט פּאַסירט! — האָט צביה אָנגעהויבן שרייען אויף איר.
— איך... איך... איך שוואַנגער. עס קומט מיר אויס נאָר צו נעמען זיך דאָס לעבן. אפשר קאָנט איר מיר העלפן. העלפט מיר, איר מוזט מיר העלפן, צביה טייערע! איר ווייסט דאָך, אַז פאַר מיר איז אוממעגלעך איצט צו האָבן אַ קינד. וואָס וועל איך טאָן? ווי איז מיר! — און זי ברעכט־אויס מיט אַ ניי געוויין.
— שאַ, שאַ, באַרואיק זיך. הער־אויף וויינען! מיר וועלן זען, וואָס מען קאָן טאָן, — האָט צביה געפּרואווט זי באַרואיקן. איך ווייס, —

זאָגט צביה, — זאָשע האָט לעצטנס געהאַט אַן אַבאָרט. דניאל האָט אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, וואָס האָט דאָס געטאָן פאַר זייער ווייניק געלט. איך וועל אים פרעגן, אפשר וועט ער דאָס פאַר דיר אויך טאָן.

— סאַלע האָט אָפּגעווישט מיט אַ טיכל דאָס פאַרוויינטע פּנים, און אירע אויגן האָבן אַ שטראַל געטאָן מיט האָפענונג.

— איר קאָנט אפשר באַלד צוגיין אים פרעגן, צי ער קאָן קריגן פאַר מיר דעם דאָקטאָר?

— איצט ווייס איך נישט, צי איך וועל אים טרעפן אין דער היים. ער דאַרף שפּעטער זיין ביי אונדז, — וועל איך מיט אים רעדן.

ווען דניאל איז אַריינגעקומען, האָט אים צביה באַלד דערציילט:

— סאַלע האָט פאַרשוואַנגערט. ס'איז פאַר איר אוממעגלעך ביי דער לאַגע צו האָבן אַ קינד. מיר מוזן איר העלפן זיך באַפרייען פון דער אַנשיקעניש.

דניאל שוויגט און שמייכלט.

— וואָס לאַכט איר? אַ גדולה האָט איך געטראָפן, וואָס איר איז אונטערגעקומען אַ צרה? — בייזערט זיך צביה, וואָס אים אַרט נישט יע־נעמס אומגליק.

— אפשר וועט איר רעדן מיט אייער באַקאַנטן דאָקטאָר, וואָס האָט געמאַכט זאָשען דעם אַבאָרט, ער זאָל דאָס טאָן?

— דער דאָקטאָר איז נישטאָ אין שטאָט. ער איז אַוועקגעפאָרן אויף דריי חדשים קיין אויסלאַנד. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פאַרטרעטער. איך קאָן זיך מיט אים אויך. אָבער ער וועט דאָס נישט וועלן מאַכן. איר ווייסט וואָס איך לאָך?

— וואָס?

— איר וועט דאָס נישט גלייבן, אָבער איך האַלט, אַז ס'איז אַ קליי־ניקייט. איך קאָן דאָס אַליין טאָן. איך האָב זיך גענוי צוגעקוקט, ווען דער דאָקטאָר האָט געמאַכט זאָשען דעם אַבאָרט. ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. מען דאַרף בלויז אויפפּיקן די געבער־מוטער. גלייבט מיר, איך וועל דאָס מאַכן בעסער פון אים. אויב זי וויל, וועל איך אַריבער־גיין צו דעם, וואָס פאַרטרעט מיין דאָקטאָר, וועט ער מיר געבן די אינ־סטרומענטן, — האָט ער רואיק געזאָגט. צביה האָט אויף אים געקוקט, ווי ער וואָלט נישט געווען ביים קלאָרן זינען.

— אַז איך זאָג אייך, ס'איז נישטאָ דערביי קיין גרויסע קענטעניש, מעגט איר מיר גלייבן.

צביה איז געוואָרן שרעקלעך אויפגערעגט. אַ צעקאָכטע, האָט זי געשריגן:

— אַלע בייזע חלומות אויף מיינע שונאימס קעפּ! ווי וואַגט איר גאָר טראַכטן, אַז איר וועט דאָס טאָן? איר שטעלט דאָך איין אַ מענטשנס לעבן. וואָס טוט זיך מיט אייך?

ער, ווי זיין שטייגער, שמייכלט און ער חזרט ווידער איבער די פריערדיקע רייד. צום סוף איז שוין צביה גאָר בייז געוואָרן, און זי גיט אַ זאָג:

— פאַרדרייט אייך אייער אייגענעם קאָפּ! איך וועל צו דעם נישט צושטימען. מען דאַרף זען קריגן אַ דאָקטאָר.

אויף מאָרגן גאַנץ־פרי איז סאַלע געקומען צולויפן אויסצוגעפינען, צי זי קאָן דורך דניאלן קריגן אַ דאָקטאָר. צביה האָט מיט באַדויער־איר דערציילט, ווי אַזוי די לאַגע זעט אויס און וואָס ער האָט געוואַגט פאָרצושלאָגן. צום סוף האָט זי צוגעגעבן:

— פונדעסטוועגן זייט נישט פאַרצווייפלט. איך וועל זיך נאָכפרעגן ביי אַנדערע. איך האָף, איר וועט קריגן, ווער עס זאָל מאַכן דעם אַבאָרט.

אַ צעבראָכענע, מיט אַ דערשלאָגן געמיט, איז סאַלע אַוועק פון צביהן. יעדן טאָג איז זי געקומען געוואויר ווערן, וואָס ס'הערט זיך, און קיין דאָקטאָר איז נאָך אַלץ נישט געווען. וואָס זאָל זי טאָן? דאַן איז סאַלע בסוד אַוועק צו דניאלן און ביי אים זיך געבעטן, זי וועט אַראָפּ פון זינען; זי מוז זיך באַפרייען פון איר שוואַנגערשאַפט; אַז נישט, וועט זי נישט אויסהאַלטן.

דניאל איז אַוועק צום דאָקטאָר, גענומען אַלע נויטיקע אינסטרומענטן, אַרויפגעקומען צו איר אין דער „מאַסאַרדע" (בוידעם־שטיבל) און געמאַכט דעם אַבאָרט. ער איז דעם גאַנצן טאָג מיט איר געווען; אַכטונג גע־געבן, ווי אַזוי זי פילט. אויף מאָרגן איז ער ווידער געקומען. ווען ער האָט געזען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, איז ער געקומען צו צביהן און געזאָגט:

— סאַלע דאַרף שוין נישט קיין דאָקטאָר. זי איז אָלראַיט, ווי מען זאָגט ביי אייך אין אַמעריקע, — און צעלאַכט זיך אויפן קול.

צביה האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַר־בעט; פרעגט זי אַ ברוגזע:

— ווען איז דאָס געשען? וואו געפינט זי זיך?

— זי איז ביי זיך אין הויז. איך קום ערשט פון איר. ווען איר קוקט

זי אָן, זעט איר, אַז זי איז גליקלעך, וואָס איך האָב דאָס געטאָן. זי פילט זיך זייער גוט. זי וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אַרויסגיין אין גאַס.

— איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי איר האָט געוואָגט צו טאָן אַזאַ זאַך, — האָט צביה נאָך אַלץ נישט געקאָנט אים מוחל־זיין.

נאָכדעם ווי לעאָן איז זעקס וואָכן געווען פאַרשפאַרט אין תפיסה האָט מען אים ענדלעך אַרויסגעשיקט פון לאַנד. דעם זעלבן טאָג איז ער צוריק אַריינגעקומען קיין בעלגיע. אין אָוונט איז ער מיט סאָלען געקומען צו די ציגלס, אַ מונטערער, מיט פרישער גרייטקייט צו ווייטער־דיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זיינע ערשטע ווערטער זענען געווען:

מיר מוזן דערגיין, ווער ס'האָט געמסרט די פאַרזאַמלונג. יעדער פון אונדז דאַרף זיין אויף דער וואַך, נאָכפאָרשן צו וויסן, פאַר וועמען מען דאַרף זיך היטן, כדי אַזעלכס זאָל מער נישט געשען.

מען זוכט אַ לאָקאַל

ביי דער ערשטער זיצונג קומט לעאָן מיט אַ נייעם פּלאַן:

— מען דאַרף האָבן אַ לאָקאַל, וואָס זאָל הייסן אַ קולטור־קלוב אָדער אַ ספּאָרט־קלוב, וואו מען זאָל זיך קאָנען פריי צונויפקומען, דורכ־פירן פאַרויילונגען, איינשטעלן קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן.

הערשקע האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט, אַז דאָס איז אַ גוטער געדאַנק. די אַנדערע האָבן אויך צוגעשטימט.

— ס'איז באַשטימט געוואָרן צו זוכן אַ לאָקאַל, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען „ספּאָרט־קלוב".

מען האָט פאַררופן צו די אַמעריקאַנער אַ פאַרברייטערטע זיצונג, אָנגעהויבן זאַמלען געלט. צביה האָט צוגעגרייט גוטע זאַכן צום עסן און טרינקען. ס'איז געווען אַ יום־טובדיקער אָוונט. די פאַרזאַמלטע האָבן אַריינגעבראַכט פאַרשלאַגן, פּלענער, מען האָט זיך געגרייט מיט אַ ברייטן פאַרנעם איינצושטעלן פאַרשידענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. צוויי האָבן זיך אונטערגענומען זוכן אַ לאָקאַל.

יוריק, אַ שוואַרץ־חנעוודיקער יונגערמאַן, איז געוואָרן שטאַרק באַ־גייסטערט פון די פּלענער, וואָס זענען פאַרגעשלאָגן געוואָרן. ער האָט זיך מיט לייב־און־לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

אין לובלין, פון וואַנען יוריק קומט, האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ דראַמאַטישן קרייז. איצט וויל ער דאָ גרינדן אַ דראַמאַטישע סעק־

ציע. ער האָט חשק צו שפּילן טעאַטער. אַן אַנדערער האָט פּלאַנירט אַ געזאַנגס־פאַריין. ס׳איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן צונויפצושטעלן אַ מאַנ־דאָלין־גרופּע, און אויך זוכן אַ לערער פאַר פיזישע איבונגען.

ביי „די אַמעריקאַנער״ איז די שטוב אַלע אָוונט געווען פול מיט מענטשן. חברה האָבן זיך געקאָכט, גע׳רעש׳ט, געטומלט אַרום דעם ענין.

עס זענען פאָרגעקומען אַפּטע זיצונגען. געלט איז אַריינגעקומען מער, ווי מ׳האָט זיך גערעכנט. פאַרן קאַסירער האָט מען דערוויילט יצחקן. ס׳זענען אַוועק חדשים — פּלענער זענען שוין געווען אויסגעאַרבעט, סעק־ציעס האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען, נאָר קיין אויסזיכט אויף אַ לאָקאַל איז אַלץ נישט געווען.

מיטאַמאָל באַוויזט זיך אַ נייער מענטש. מיט הערשקען איז געקו־מען די ניינצן־יאָריקע דעבאַ, אַ סטודענטקע פון אוניווערזיטעט. זי האָט אָנגעהויבן קומען צו די פאַרזאַמלונגען. דעבאַ האָט פון אָנהייב־אָן אויף יעדן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך גוטן איינדרוק. זי האָט גערעדט קלוג און זאַכלעך. אויסערלעך איז זי אויך געווען אַ וואונדער־שיין מיידל. אַ לענגלעך־ווייס־ראָזלעך פּנים; גליכע, טונקל־ברוינע האָר, גלאַט אָפּגע־צויגן אויף איר שפּיציקן קאָפּ; ברוינע, קלוגע אויגן, וואָס האָבן גע־לאַשטשעט מיט ווייכע, גוטמוטיקע בליקן. איר באַנעמונג צו מענטשן האָט באַגייסטערט. זי האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישע שטימונג, אַ דער־הויבונג ביי די זיצונגען. יעדעס וואָרט אירס איז געווען נישט נאָר זאַכלעך, נאָר אויך אויפקלערעריש. זי האָט אַרויסגעבראַכט נייע, ערנסטע געדאַנקען. אַלע האָבן געגאַפט: אַזאַ יונג מיידל, און פאַרמאָגט אַזוי פיל חכמה. מיט איר פּשוטער האַלטונג האָט זי אַרויסגערופן צו זיך אַ סך דרך־ארץ.

דעבאַ איז געווען אַן איין־איינציקע ביי אירע רייכע עלטערן. זיי האָבן איר געשיקט איבערגענוג געלט צו לעבן אין לוקסוס; אָבער זי האָט געלעבט באַשיידן. דאָס איבערגעבליבענע געלט האָט זי אַוועקגעגעבן פאַר צוועקן, וואָס זענען איר געווען צום הארצן. זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע סטודענטקע, אַחוץ דעם איז זי געווען אַ טאַלאַנטפולע מאָלערין. אירע פרעכטיקע בילדער זענען געלויבט געוואָרן פון קונסט־מבינים.

מסיו קלאָצניק, דער „מאַרשאַנט״, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן אינטעליגענט, איז נישט געבעטענערהייט געקומען צו די „אַמערי־קאַנער״ אפילו, ווען ער האָט נישט געדאַרפט קויפן קיין סחורה. ס׳האָט אים געצויגן צו קומען אַהין. ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט יצחקן

וועגן וועלט־זאַכן. די מענטשן, וואָס ער האָט דאָרט געטראָפן, זענען פאַר אים אויך געווען אינטערעסאַנט. ער האָט געקאָנט מיט זיי רעדן וועגן זיין באַליבטער טעמע: מוזיק; דערציילן, ווי אָפט ער גייט אין דער אָפּערע, צו קאָנצערטן, דערמאָנען גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס, רעדן וועגן זייער לעבן און שאַפן. ער האָט וועגן זיי אַ סך געלייענט. ער האָט אויך געקאָנט אויסזינגען טיילן פון אָפּערעס. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט ער שעה'ן־לאַנג פאַרבראַכט ביי יצחקן.

זיין ווייב, מאַדאַם קלאַצניק, איז געווען אַן אָפּגעזונדערטע פון מענטשן. זי האָט נישט געהאַט קיין פריינט. זי איז נישט געווען פאַראינטערעסירט צו זיין נאָענט מיט מענטשן. קיינער איז איר נישט געפעלן. ס'איז איר נישט אָנגעשטאַנען מיט קיינעם צו רעדן. זי איז געגאַנגען איר אייגענעם וועג. מיטן געדאַנק, אַז קיינער וועט זי סיי־ווי נישט פאַרשטיין. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר „אַ העכערן" מענטשן, מיט גאַנץ באַזונדערע אייגנשאַפטן, וואָס קיינער קאָן זיך נישט גלייכן צו איר.

זי איז געווען אַ קצב'ס אַ טאָכטער. איר פאָטער איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, נאָר צו מסחר האָט ער זיך אויסגעטויגט און איז געוואָרן אַ רייכער מאַן.

אין שטאָט האָט מען אים גערופן: „אָרטשעקל דער גביר". חוץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ יאַטקע, האָט ער אויך געהאַנדלט מיט לעבעדיקע בהמות.

ביי זיי זענען געווען צוויי קינדער: ניין זין און די מיזינקע. די איינציקע טאָכטער, די מאַדאַם בראָניע קלאַצניק. אַלע קינדער אין שטוב האָבן זיך מיט איר געצאַצקעט, איר נאָכגעגעבן אַלע קאַפּריזן. פאַר איר איז נישט געווען קיין צו־טייערע זאַך. די עלטערן האָבן זי געשיקט שטודירן אין גימנאַזיע און לערנען שפּילן פּיאַנאָ. זי האָט זיך צוגעוואוינט צו אַ רייך לעבן און געטראַכט, אַז זי איז די „אויסדערוויילטע", אַז איר קומט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע. פון קיין דאגות אָדער פליכטן האָט זי נישט געוואוסט. זי איז געווען צעבאַלעוועט. אַלץ איז פאַר איר געווען ווייניק. ס'האָט זי געצויגן צו אַ רייך לוקסוסדיק לעבן. אפילו אירע רייכע עלטערן איז שפּעטער געוואָרן אוממעגלעך איר נאָכצוגעבן אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט. אָפט מאָל איז זי אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעבלאָזענע, פול מיט פּרעטענזיעס. אַז זי איז אַריין אין די העכערע קלאַסן גימנאַזיע, איז איר נישט אָנגעשטאַנען צו חבר'ן זיך מיט יידישע מיידלעך און בחורים. זי האָט פאַרבראַכט מיט זינדלעך פון פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן. ווען

זי האָט אָנגעטראָפֿן אָרעמע מענטשן, האָט זי געקוקט אויף זיי מיט בטול, אויסגעמיטן זיי, זיך אָפּגערוקט פֿון זיי מיט עקל.

זי איז געווען פֿאַרנומען בלויז מיט זיך. געטראַכט וועגן איר אייגענעם וואוילטאָג, געזוכט מער און גרעסערע פֿאַרגעניגנס.

אַז זי האָט געענדיקט די גימנאַזיע, האָט זי נישט געוואָלט מער בלייבן אין דער שטאָט, וואו זיי האָבן געוואוינט. די שטאָט און די מענטשן זענען איר נמאס געוואָרן. ס'האָט זי געצויגן קיין אויסלאַנד, צו אַ גרויסער שטאָט. זי האָט געטרוימט וועגן פֿאַריז; געהאַט אַ לוסט צו זיין אַ פֿאַריזער דאַמע, טראָגן די נייסטע מאָדע קליידער און פֿאַרברענגען מיט רייכע מענער.

סימאָן קלאָצניק האָט געוואוינט אויף דער זעלבער גאַס, געגאַנגען מיט איר צוזאַמען ביז אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. ער האָט זיך אין איר פֿאַרליבט, ווען זי איז אַלט געווען זעכצן יאָר, און ער — זיבעצן. זי האָט אים אָבער איגנאָרירט, נישט געוואָלט אים קענען. ער איז אַ שניידערס אַ זון; אַ דאַרער, אַ קליינער, נידעריקער פֿון איר. זי האָט ליב געהאַט אַ הויכן, אַ „העלדישן" מאַן. ווי קומט ער צו איר? זי וויל אים נישט אָנקוקן. נאָר ער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט; איר נאָכגעגאַנגען אומעטום; געוואַרט אויף אירביים טויער אָפֿט ביז שפּעט ביינאַכט, כאָטש אַ קוק צו טאָן אויף איר. ווען ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין בעלגיע, איז ער שוין געווען אַריבער צוואַנציק יאָר אַלט.

כאָטש זי האָט אים פֿון זיך אָפּגעשטויסן, האָט ער איר געשריבן אָפֿטע בריוו, באַוואָרפֿן זי מיט די גרעסטע קאָמפּלימענטן. ער האָט איר געשריבן, אַז בעלגיע איז אַ „גאָלדן לאַנד", און אַז ער פֿאַרדינט אַ סך געלט. ער האָט איר אָנגעהויבן שיקן טייערע מתנות; איר דערציילט, אַז ער פּירט גרויסע געשעפֿטן. פֿון זיין שרייבן האָט זי זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ער איז שוין אַ רייכער מאַן און ווערט פֿון טאָג־צו־טאָג אַלץ רייכער. דאָס האָט זי שטאַרק געלאָקט. דער פֿאַרלאַנג צו פֿאַרלאָזן איר געבורט־שטאָט און פֿאָרן קיין אויסלאַנד איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. זי האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן צו אים. די עלטערן זענען געווען קעגן איר פֿאָרן. זיי האָבן אויך נישט געוואָלט, אַז סימאָן קלאָצניק זאָל ווערן איר מאַן. נאָר זי האָט זיך צו זיי נישט צוגעהערט.

ווען זי איז געקומען קיין בעלגיע און דערזען, אַז ער האַלט נאָך ווייט פֿון זיין רייך, האָט זי חרטה געהאַט אויף איר שריט. ער האָט איר

אָבער געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז זיין פאַרמעגן ליגט אין סחורה. זי האָט זיך נישט געאיילט צו פאַרלאָזן אים, ווייל דאָס וואָלט געמיינט, אַז זי וועט מוזן גיין אַרבעטן, און צו דעם איז זי נישט געווען גרייט. שרייבן צו די עלטערן, פאַרלאַנגען הילף, איז איר נישט אָנגעשטאַנען. ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און זי האָט צוגעשטימט צו הייראַטן מיט קלאָצניקן. ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, און האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות נאָכצוקומען אירע פאַרלאַנגען. ער איז אַלע טאָג געפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אויף אַ מאַרק, און ס'איז אים נישט שלעכט געגאַנגען. נאָר וויפל ער האָט פאַרדינט, איז פאַר איר געווען ווייניק.

זי האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן מיט אים, האָבן טענות. דאָס געלט איז נישט געווען די גאַנצע סיבה פון איר אומצופרידנקייט. זי האָט פיינט אַזאַ צעקראָכענעם, נעבעכדיקן מאַן, דערצו נאָך זיין דאַר־קייט און קליין־געוויקסיקייט. עס ציט זי צו אַ הויכן, געזונטן, ענערגישן, קרעפטיקן מאַן מיט גרויסע שטאַרקע הענט, וואָס זאָלן זי מיט קראַפט אַרומנעמען, אַ דריק־טאָן מיט ברענענדיקער מענערשער גבורה, נישט אַזוי פלעגמאַטיש און ווייך, ווי איר מאַן איז. ער גלעט זי צאַרט, נעמט זי אַרום אײדל, — און זי קאָן נישט פאַרטראָגן זיין באַנעמונג.

זי רופט אים אויף פויליש „מאַלי" (קליינער). אין דעם אויסדרוק איז געלעגן, נישט בלויז דער מיין, אַז ער איז קליין אין וואוקס, נאָר אַז ער איז אַ קליין מענטשעלע.

זי איז געווען העכער פון מיטל־וואוקס, אַ דאַרע, ברייט־ביינערדיקע, מיט אַ פלאַכער ברוסט. אויף איר ברוין־גרינלעכן פנים איז געלעגן אַ טרוקענע שטייפקייט פון אַ פאַרהאַרטעוועטן מענטשן. פון אירע קליינע גרין־גרויע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ שטעכיקע קאַלטקייט, מיט אַ כמאַרנעם בליק. אָנגעטאָן איז זי שטענדיק געגאַנגען אַנדערש ווי אַנדערע פרויען. זי האָט געטראָגן גרויסע היט, אָפט מיט לאַנגע שטרויס־פעדערן, אָדער מיט ברייטע, גלאַנציקע בענדער פאַרפוצט. אירע מאַנטלען זענען אַלעמאָל געווען פון אַ ברייטן שניט, מערסטנס מיט קימאָנאָווע אַרבל, אָדער גאָר אַ פעלערינע. אירע קליידער פון גאָר טייערע שטאָפן האָט זי באַשטעלט ביי די בעסטע שניידער. מיטן מאַן איז זי זעלטן גע־גאַנגען צוזאַמען. זי האָט ליב געהאַט גיין אַליין שפּאַצירן, באַקוקן זאַכן אין די געשעפטן, און אַליין גיין אין קינאָ־טעאַטער. זי איז געגאַנגען מיט ברייטע שפּריזן, געשטעלט פעסטע טריט. יעדער טראָט האָט אויס־געקלאַפּט איר שטאָלץ, איר גרויסהאַלטן זיך. כאָטש זי האָט זיך מיט

קיינעם אין בריסעל נישט אָפּגעגעבן, האָבן זי דאָך פיל מענטשן אין שטאָט געקענט, און גערעדט וועגן איר נישט שיינער פירונג.

איר האַלטונג האָט קיין סימפּאַטיע צו זיך נישט אַרויסגערופן. מען האָט זי גערופן: „די פּאַרריסענע דאַמע פון פּריפּעטשיק", וואָס זוכט געליבטע, צי גלאַט מענער, מיט וועמען אַ לעב צו טאָן.

ס'איז נישט געווען קיין סוד, אַז זי האָט ליב צו פאַרברענגען מיט פרעמדע מענער. אָט־די גראַנדיעזע, „פּאַרריסענע דאַמע פון פּריפּעטשיק", וועמען קיינער שטייט נישט אָן, וואָס מאַכט חוזק פון אָרעמע און ליידנ־דיקע און קוקט מיט ביטול אויף אַרבעטער, האָט אָנגעהויבן אַריינקומען מיט איר מאַן צו „די אַמעריקאַנער" אין דער ענגער שטוב מיט אַלטע צעבראָכענע מעבל, וואו עס קומען זיך אָפּט צונויף אַרבעטער.

איר מאַן האָט איר אַזוי פיל דערציילט, געלויבט, גערעדט מיט באַ־גייסטערונג וועגן יצחקן מיט צביהן און די מענטשן, וואָס קומען אַהין אַריין, אַז זי איז געוואָרן נייגעריק צו באַקענען זיך מיט זיי, זען צו וועמען איר מאַן לויפט אַזוי אָפּט.

די ערשטע צייט, ווען זי איז אַריינגעקומען, איז זי געזעסן שטיל, ווי אַ שטומע, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זי האָט געהאַלטן צוגע־שלאָסן אירע דינע ליפּן, געקוקט דורכדרינגלעך אויף יעדן, מיט גרויס נייגעריקייט באַטראַכט אַלעמען מיט אירע קאַלטע, כמורנע בליקן, ווי זי וואָלט געפאָרשט, געוואָלט דערגיין ווער די מענטשן זענען; צי עס לוינט זיך איר צו עפענען פאַר זיי דאָס מויל, צי עס שטייט איר אָן מיט זיי צו רעדן.

זי האָט דערפילט, אַז די מענטשן וואָס קומען אַריין צו „די אַמערי־קאַנער", אַריינגערעכנט די באַלעבאַטים פון שטוב, זענען פון איר נישט באַגייסטערט; זיי זענען נישט גערן מיט איר צו פאַרפירן שמועסן. זי האָט קלאָר געזען, אַז אין קעגנוואַרט פון איר און איר מאַן פילן זיי זיך אומבאַקוועם. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, ווען די קלאָצניקס זענען אַריינגעקומען, האָט מען איבערגעריסן אַ שמועס. נאָכן שטילשווייגן האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן אומבאַדייטנדיקע זאַכן.

די קלאָצניקס האָבן געפילט, אַז מען היט זיך פאַר זיי מיט אַ וואָרט. מען מיידט־אויס דיסקוסיעס אין זייער אָנוועזנהייט. אַמאָל, כדי נישט צו זיצן שטיל, האָט הערשקע אָדער יוריק, וועלכע זענען געווען גוטע פאַרלייענער, גענומען אַ זשורנאַל צי אַ ביכל און פאַרגעלייענט אַ דער־

ציילונג צי אַ ליטעראַרישע אָפּשאַצונג פון אַן אַמעריקאַנער צייטונג, כדי אויסצומיידן פּאָליטישע געשפּרעכן.

איינמאָל איז דעבאַ געווען ביי אַ פאָרלעזונג. נאָכן איבערלייענען, האָט זי אויסגעטייטשט די דערציילונג. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטע דיסקוסיע. די מאַדאַם קלאָצניק איז פאַרגאַפט געוואָרן פון די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. באַזונדערס איז זי געוואָרן באַגייסטערט, ווי אַזוי דעבאַ איז אַריינגעדרונגען אין דעם אינהאַלט און אַרויסגעבראַכט מיט גרויס לאָגישקייט וואוהין דער שרייבער האָט געצילט און וואָס ער איז אויסן געווען מיט דער דערציילונג. מאַדאַם קלאָצניק האָט שטיל געזאָגט צו איר מאַן: — וואו קומט אַזאַ מיידל, אַן אוניווערזיטעט־סטודענטקע מיט אַזאַ הויכער אינטעליגענץ, צו אַזאַ געזעלשאַפט פון אַרבעטער?

— זי מוז זיין אַ רעוואָלוציאָנערקע, — האָט ער איר אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער.

מיט דער צייט האָט מאַדאַם קלאָצניק אַלץ מער באַמערקט, אַז נישט נאָר כאַפּט מען זיך נישט אַרום מיט איר, נאָר זי איז דאָרט נישט קיין געוואונטשטער גאַסט. די מענטשן, וואָס קומען אַהין, היטן זיך פאַר איר מיט אַ וואָרט. האָט זי אָנגעהויבן קומען ביי טאָג, אָנשטאָט אין אָוונט. ס'האָט זי געצויגן צו רעדן מיט צביהן.

זי האָט געקאָנט אָפּזיצן האַלבע טעג און רעדן מיט צביהן. זי האָט זיך אַזוי צוגעלאָזט צו איר, אַז זי האָט אָנגעהויבן איר דערציילן זאַכן וועגן איר אינטימען לעבן. פון אָנהייב האָט זי פאָרזיכטיק איבערגעגעבן איינציקע עפּיזאָדן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז צביה הערט זי אויס אויפמערקזאַם, האָט זי ביסלעכוויז אָנגעהויבן אויסלאָדן איר באַגאַזש. זי האָט דערציילט וועגן אירע אַמביציעס, באַקאַנטשאַפט און דערפאַרונג מיט מענער, גערעדט וועגן אירע נייגונגען און פירונגען. זי האָט געזאָגט:

— איך האָב ליב אַ מאַן זאָל זיין ענערגיש, נישט קיין לעמעך, ווי מיינער איז. איך האָב פיינט אַ שוואַכלינג מיט צעקראָכענע מאַניערן. שיינע מאַניערן דאַרף מען באַנוצן ביי אַ טיש. אַ מאַן דאַרף זיין אַ מאַן. מיין מאַן איז אַ ווייכע לעמעשקע, קאָן איך אים נישט פאַרטראָגן. אַמאָל קאָן איך אים, פאַר זיין צעקראָכנקייט נישט אָנקוקן. דאָס פירט ביי אונדז צו אָפטע סקאַנדאַלן.

זי האָט דערציילט אָן אַ שיער וועגן זיך, גאָרנישט קיין שיינע מעשים, וואָס זענען געלעגן אין איר טיף באַהאַלטן. זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט ווען ס'איז פאַר עמעצן אַזוי אָפן רעדן וועגן זיך.

אין אירע זעקס־און־צוואַנציק יאָר האָט זי פּאַר קיינעם זיך נישט אַנפּאַרטרויט. מיטאַמאָל האָט זי געקראָגן צוטרוי צו אַ מענטש. ווי קומט צו איר אַזאַ אָפנהאַרציקייט? האָט זי זיך געוואונדערט אויף זיך.

איינמאָל האָט די מאַדאַם קלאָצניק לאַנג גערעדט צו צביהן, דערציילט מיאוסע, אומגלייבלעכע זאַכן. צום סוף האָט זי צוגעגעבן:

— איך ווייס מענטשן האָבן מיך פּיינט, אָבער מיר אַרט נישט. איך פּרוּוו נישט באַהאַלטן וואָס איך בין. איך נויטיק זיך נישט אין זייער ליבשאַפט און נישט אין זייער מיינונג.

צביה איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פון אירע רייד. זי האָט געפילט, אַמאָל קומט איר דאָס בלוט אין פּנים אַריין, אַמאָל ווערט איר דאָס בלוט פאַרגליווערט. זי איז געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטע, נישט געקאָנט אַ וואָרט אויסרעדן. די מאַדאַם קלאָצניקס רייד האָבן זי צעטומלט, זי האָט אירע אויערן נישט געגלייבט, וואָס זי האָט געהערט.

מאַדאַם קלאָצניק האָט רואיק געקוקט אויף צביהן, געוואַרט זי זאָל עפּעס זאָגן. צביה האָט לאַנג געשוויגן, ס׳האָט איר אויסגעפּעלט ווערטער. זי האָט גענומען שיילן אַן עפּל, וואָס איז געלעגן אין אַ טעלערל אויפן טיש, צעשניטן אויף פיר און געלאָזט ליגן. זי האָט גענומען אַ סער־וועטקע, אָפּגעווישט די פייכטע הענט און נישט קוקנדיק אויף דער מאַ־דאַם קלאָצניק, האָט זי געזאָגט:

— פאַרשטיין אַזאַ מענטש ווי איר זענט, איז נישט גרינג. אָט פאַר־שטיי איך נישט צוליב וואָס איר האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט. — צביה האָט אויפגעהויבן די אויגן, מיט אַ דורכדרינגלעכן שאַרפן בליק אַ קוק געטאָן אויף מאַדאַם קלאָצניק און שאַרף איבערגעפרעגט:

— זאָגט מיר, אדרבה, צוליב וואָס האָט איר דאָס אַלץ דערציילט?

— איך האָב געפילט צו רעדן, האָב איך גערעדט, — האָט זי שמייכ־לענדיק געענטפערט, — אַ מענטש איז נישט קיין שטיין. אַמאָל עפנט זיך דאָס מויל און עס רעדט.

צביהס פאַרגליווערטקייט האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט.

— וואָס זענט איר מיטאַמאָל געבליבן זיצן אַזוי ערנסט? — האָט מאַדאַם קלאָצניק פּרובירט איבעררייסן דאָס שטיל שווייגן.

צביה האָט פּאַמעלעך זיך אַ רוק געטאָן אויפן שטול, אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אויפן שטול־ווענטל, גלייך ווי זי וואָלט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, מאַדאַם קלאָצניק, איר גיט צופיל נאָך אייער

אינסטינקט. אַ מענטש מוז זיך קאָנטראָלירן, צאַמען די געפילן, אַמאָל אפילו קעמפן מיט זיך נישט אַריינצופאַלן אין קיין אָפּגרונט. אויף דעם האָט מען דאָך דעם מענטש געגעבן שכל, ער זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חיה. אייער פירונג איז עקלהאַפט! — האָט צביה הויך, שאַרף און אָפן אַ זאָג געטאָן.

ביידע האָבן ווידער אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט צביה, אַן אויפּגעטרייסלטע פון די מיאוסע געשיכטעס, וועגן אירע אויפפירונגען, זי געפרעגט:

— האָט איר נישט קיין שולד־געפיל פון פאַרראַט צו אייער מאַן, וואָס איז צו אײַך ערלעך און האָט אײַך ליב?

— איך האַלט נישט, אַז איך באַגיי אַ פאַרברעכן. פאַרוואָס זאָל איך האָבן אַ שולד־געפיל? — האָט זי גלייכגילטיק געענטפערט.

— ווייסט אייער מאַן ווי אַזוי איר פירט זיך אויף? — האָט צביה נאַאיוו געפרעגט.

— דאָס גייט מיר נישט אָן. איך פרעג אים נישט, צי ער ווייסט און איך דאַרף אים נישט דערציילן.

צביה האָט זיך אויפגעשטעלט און אויפגערעגט איר געזאָגט:

— אַז מען האָט נישט ליב אַ מאַן צעשיידט מען זיך!

די מאַדאַם קלאָצניק איז שטיל געבליבן, זי איז געזעסן מיט פאַרשלאָסענע ליפּן, גלייך זי וואָלט מיטאַמאָל פאַרלוירן דאָס לשון.

מאַדאַם קלאָצניק האָט די שאַרפע קריטיק אַראָפּגעשלונגען, ווי אַ ביטערע פּיל, אָבער זי האָט זיך נישט באַליידיקט. זי האָט געהאַלטן, אַז צביהס שטרענגקייט מיט די פאַרוואורפן איז אַ סימן פון פריינטשאַפט און דאָס האָט איר נישט אָפּגעהאַלטן ווידער צו קומען צו צביהן.

צי צביהס שטראָף־רייד האָבן געווירקט אויף מאַדאַם קלאָצניק, צי זי האָט געענדערט איר פירונג, איז שווער צו זאָגן. עס האָט זיך בלויז אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט אָנגעהויבן אַנדערש קוקן אויף זאַכן און זי האָט בעסער זיך אַליין פאַרשטאַנען.

ביי אַ זיצונג וואו די הויפּט־פּראָבלעם איז געווען צו קריגן אַ לאָקאַל פאַר אַ ספּאָרט־קלוב, האָט לעאָן געזאָגט: — אַז מען וועט זיך נעמען ערנסט צו זוכן וועט מען געפינען אַ לאָקאַל. דערווייל דאַרף מען רעדן מיט מענטשן, רופן פאַרגרעסערטע זיצונגען, צוגרייטן די וואָס ווילן זיך

באַטייליקן אין די פּלאַנירטע סעקציעס. ס׳איז נייטיק שוין אָנהייבן צו־נויפרופן יוגנטלעכע און איינשטעלן מיט זיי לעקציעס, זיי זאָלן זיך דער־ווייל באַקענען מיט דער אַרבעטער־געשיכטע.

יאַנעק, וואָס איז גוט באַקאַנט מיט אַרבעטער־ענינים, האָט זיך אָנ־גערופן:

— לעאָן איז גערעכט. מען דאַרף שוין אָנהייבן דערנעענטערן די יוגנט צו אונדזערע רייען.

אַן אַנדערער האָט זיך אָנגערופן:

— דו, יאַנעק, וועסט קאָנען אָנפירן מיט די לעקציעס?

— איך בין גרייט דאָס צו טאָן! — האָט יאַנעק צופרידן אויסגערופן.

יעדער איינער פון די טוער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט: רעדן מיט עלטערן, וואָס האָבן קינדער פון פופצן יאָר און עלטער, אַז זיי זאָלן קומען זיך באַקענען מיט ענינים וואָס זענען זיי פרעמד. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען, זענען יעדן דינסטיק נאָכמיטאָג געקומען צו „די אַמעריקאַנער" יוגנטלעכע, און יאַנעק האָט מיט זיי געלערנט די געשיכטע פון אַרבעטער־קלאַס.

צביה האָט זיך צוגעהערט צו די לעקציעס. זי האָט אָנגעקוואָלן וואָס מען קומט צו איר אין שטוב לערנען. איר דירה איז געוואָרן אַ קלאַס־צימער, כמעט אַן אוניווערזיטעט.

זינט מען האָט אָנגעהויבן רעדן פון דינגען אַ לאָקאַל, האָבן זיך אָנגעהויבן פיבערהאַפטע צוגרייטונגען פאַר אַלערליי גרופּירונגען.

יוריק, דער שוישפּילער, האָט אַגיטירט פאַר אַ דראַמאַטישער סעק־ציע. ער האָט גערעדט פון דער וויכטיקייט צו שאַפן אַ טעאַטער־גרופּע און פאַרשרייבן יעדן, וואָס ווער עס וויל נעמען אַן אָנטייל.

זאָשע האָט גע׳טענה׳ט:

— דאָס ערשטע דאַרף מען צונויפשטעלן אַ געזאַנגס־פאַראיין.

זי האָט אפילו פאָרגעשלאָגן, ווער ס׳זאָל זיין דער דיריגענט. זי האָט ביי יעדן צונויפקום דערמאָנט, אַפּעלירט, אַלע זאָלן זיך אָנשליסן אין אַ כאָר. אַן אַנדערער האָט געזוכט אַ פאַסיקן לערער פאַר ספּאָרט־אַקטיווּיטעטן.

סאַלע האָט פאָרגעשלאָגן צונויפצושטעלן אַ מאַנדאָלין־גרופּע. אין דעם זענען יצחק מיט צביהן אויך געווען פאַראינטערעסירט, כדי זייער עלטער יינגל, וואָס לערנט זיך שפּילן מאַנדאָלין, זאָל קאָנען נעמען אַן אָנטייל.

ביי די זיצונגען האָט נישט געפעלט קיין טומל. מען האָט זיך גע־רעשט, געהאַלטן פייערדיקע רעדעס, זיך געאַמפּערט.

דער רואיקסטער און לאַגישסטער איז געווען לעאָן. ער האָט שטענ־דיק געהאַט דאָס לעצטע וואָרט. — פריער פון אַלץ, — האָט ער גע־טענהט, — דאַרף מען זען צו קריגן אַ לאָקאַל.

— וואָס טויגן אייך די אַלע רייד, אַז דערווייל איז נישטאָ קיין אויס־זיכט אויף אַ לאָקאַל?

מיט זיין ערנסטקייט האָט ער אַלעמאָל אַריינגעבראַכט אַ שטימונג פון טיפער פאַרטראַכטונג.

צביה האָט איינגעאָרדנט אָפטע „פאַרווייַלונגס־אָוונטן”, צוגעגרייט עסן און טרינקען, כדי צו קאָנען ביי די יום־טובדיקע צונויפקומונגען זאַמלען געלט.

ביי די אָוונטן האָבן זיך אַנטפּלעקט טאַלאַנטן אויף פאַרשידענע געביטן.

יוריק, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צו דער בינע, האָט פאַרגעלייענט אָדער דעקלאַמירט. אַנדערע האָבן געזונגען. לייזער, צביהס עלטערער יינגל, האָט באַגלייט מיט דער מאַנדאָלין. ס׳איז געווען לוסטיק און פריילעך.

די היטלער־מהומה

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דאָס טרויעריקע יאָר 1933 מיט היט־לערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. די גרויזאַמע געשעעניש האָט, ווי אַ בייזער געוויטער, זיך אַריינגעריסן און אויפגעטרייסלט די מענטשן. די, וואָס זענען אַריינגעקומען צו „די אַמעריקאַנער”, האָבן זיך געריכט, אַז היטלער וועט זיך פאַרנעמען צו צעשטערן, פאַרניכטן די וועלט, און דאָס ערשטע וועט ער זיין רציחה אויסלאָזן צו די יידן. זענען זיי גע־ווען פריטשמעליעט, אַרומגעגאַנגען מיט שווערע געמיטער.

דער ווינטער אין בריסעל איז געווען אַ מילדער, ענלעך צו אַ פוי־לישן האַרבסט נאָך די סוכות־טעג, מיט שווער־פאַרוואָלקנטע הימלען. עס דריבלט אַ נאָדל־שטעכעדיק רעגנדל, און עס קאַפּען פון די דעכטער פּראָסטיק־בייסיקע טראָפּנס. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער דרויסן איז אָנ־געפילט מיט שווערן אומעט, וואָס האָט דעם פאַרכמאַרעטן הימל אַראָפּ־געשלעפּט כמעט צו דער ערד.

די פרימאָרגנס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט גרויע נעפּלען. קאַלטע

ווינטן האָבן דורכגענומען די ביינער, אָנגעיאָגט אויף די מענטשן אַ טרויעריק־האַרבסטיקן ציטער פון יענע פוילישע אלול־טעג, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אויפן מענטשן אַ שרעק מיטן אָנזאָג פון עפּעס אויסגייענדיקס, וואָס לעשט זיך אויס און פאַרשווינדט. ס׳האָט געווייעט מיט באַדויער, וואָס די וועלט האָט דערלאָזט, אַזאַ רוצח זאָל קומען צו דער מאַכט און אָנוואָרפן דעם פּחד פון פאַרניכטונג און אומקום.

מענטשן האָבן געפילט, עס וואַרט אויף זיי אַן אומבאַשטימטע מוראדיקע גרויזאַמקייט. ס׳האָט זיך געבענקט נאָך אַ זוניק ליכטיקן הימל, נאָר די געדיכטע שווערע וואָלקנס האָבן נישט דורכגעלאָזן קיין זון־שטראַל.

די שמועסן ביי „די אַמעריקאַנער״ האָבן אָנגענומען אַן אַנדערן, אַ מער ערנסטן און טיפערן כאַראַקטער. דעבאַ האָט געזאָגט:

— אויב די שלום־כוחות פון דער וועלט וועלן זיך נישט פאַראייניקן, זיך באַמיען צו פאַרניכטן דעם היטלעריזם מיט זיינע ווילדע רוצחישע פאַרמעסטן, וועט ער אָנצינדן אַ פייער, פאַרשקלאַפן לענדער און פעלקער, צעשטערן קולטור־ווערטן, פאַרניכטן שיינקייטן, דערטרינקען אין בלוט די יידן.

אירע ווערטער זענען געפאַלן ווי בליי און געדריקט אויף די געמיטער. כדי די דערשלאָגנקייט זאָל כסדר נישט אָנהאַלטן, האָט לעאָן צוגעוויפערופן די טוער און צו זיי געזאָגט:

— די לאַגע איז אַ געפערלעך אומרואיקע. מיר פאַרשטייען, אַז היטלער וועט זיכער פירן צו מלחמה, צו מאָרד און פעלקער־פאַרשקלאַפונג, טאָר מען נישט דעריבער אַראָפּלאָזן די הענט. אַרומגיין פאַרזאָרגט איז נישט קיין אויפטו. דאָס איז פונקט, וואָס דער שונא וויל — די מענטשן זאָלן ווערן צעטומלט, זיך פאַרלירן. פאַרקערט, איצט איז די צייט, ווען מיר דאַרפן ווערן אַקטיוו, צונויפנעמען אַלע כוחות, נישט דערלאָזן דער שונא זאָל דורכפירן זיינע ברוטאַלע פּלענער. ס׳בויטיקט זיך אַ ברויזנדיקע טעטיקייט אויפצושטורעמען די וועלט קעגן היטלערן.

דעבאַ האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו רעדן מיט בעלגישע סטודענטן אין אוניווערזיטעט, זיי זאָלן רופן דעמאָנסטראַציעס, פאַרפּלייצן די צייטונגען מיט אויפקלערונג־אַרטיקלען וועגן דער היטלער־געפאַר.

זי איז אָבער אָפּט געקומען מיט טרויעריקע באַריכטן, אַז נישט געענוג סטודענטן נעמען־אויף ווי געהעריק אירע רייד, אַז זייער ווייניק פאַלגן־נאָך איר געדאַנק; זיי באַגרייפן נישט גענוג די נאַצי־געפאַר.

איינמאָל איז דעבאַ געקומען צו „די אַמעריקאַנער" מיט אַ בעלגישן סטודענט, פּיער האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ הויכער, שיינער, בלאָנדער בחור, מיט אַ דין־לענגלעך פּנים און העל־בלויע לאַכנדיקע אויגן. ער האָט שטודירט פאַר אַן אינזשעניר. אין פּיערס קעגנוואַרט האָבן די, וואָס האָבן געקאָנט, זיך באַמיט רעדן פראַנצויזיש. ער, פאַר־קערט, האָט פּרובירט אַלעמאָל אַריינוואַרפן אַ יידיש וואָרט. ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר שפּראַכן. דעבאַ האָט אים שוין אויסגעלערנט אַ סך יידישע ווערטער.

מען האָט געשמועסט, אַז פּיער איז דעבאַס געליבטער. שפּעטער איז זי אָפט מיט אים געקומען צו די זיצונגען. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און ס׳האָבן פון דייטשלאַנד אָנגעהויבן קומען פליכטלינגען, וואָס זענען אַנטלאָפן פון היטלעריסטישן טעראָר. יעדן טאָג זענען אַלץ מער פּליטים אָנגעקומען. גאַנץ בעלגיע איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט דייטשע פּאָליטישע פליכטלינגען, וואָס זענען געווען קעגן פאַשיזם. אין היטלער־דייטשלאַנד האָט זיי געדראָט תפיסה און אומקום; זענען זיי געלאָפן, ווי פון פייער, וואוהין ס׳האָט זיך געלאָזט.

אין בריסעל איז געוואָרן אַן ענגשאַפט, אַ בהלה. די אַנטלאָפענע זענען געקומען אָן באַגאַזש, אָן געלט, אָן די מינדסטע מיטלען צו לעבן. די געזעלשאַפטלעכע טוער, די בעלגישע און יידישע, זענען געוואָרן שטאַרק פאַרנומען מיט די פליכטלינגען, צו באַזאָרגן וועמען מיט אַ נאַכטלעגער און וועמען מיט אַ מאָלצייט.

דאָ איז סאָלע געוואָרן זייער אַקטיוו. זי איז געגאַנגען צו באַקאַנטע, פון שטוב־צו־שטוב, פרעגן מיט וואָס איינער קאָן העלפן די אַנטלאָפענע פליכטלינגען, וואָס זענען געווען קעגן פאַשיזם. אין היטלער־דייטשלאַנד האָט קיין עסן, האָט זי געבעטן געלט, כדי זיי צו העלפן.

ביי צביהן האָבן צוויי מענטשן געגעסן עטלעכע חדשים, ביז די בהלה האָט זיך איינגעשטילט. ביסלעכווייז האָבן אייניקע פליכטלינגען גענומען זוכן מיטלען: ווער צו פאַרבלייבן אין בעלגיע, ווער אָוועקצופאָרן אין אַן אַנדער לאַנד. די אַקטיוויסטן האָבן נישט גערוט. די היטלער־גזירות מיט די רדיפות אויף יידן האָבן זיך געשפּרייט ווי בייזע וואָלקנס פאַר אַ שטורעם. אַלעמאָל האָט מען זיך דערוואוסט פון נייע, אויפטרייסלענדיקע ברוטאַלע נאַצי־מעשים, און קיינער האָט נישט פאַרהאַלטן היטלערס טייוו־לאָנישן גאַנג. פאַרקערט, ער איז נאָך דורך גרויסמאַכטן געשטאַרקט גע־

וואָרן. ער האָט מיט שנעלע טריט געשפּאַנט פּאָרויס אויסצופירן זיינע פאַרברעכערישע פּלענער.

אַ מלחמה־שרעק האָט זיך אַלץ מער געשפּרייט איבער די שכנישע לענדער. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אומרו, מיט פּחד וועגן געפאַרן און פאַרניכטונג.

מיטאַמאָל איז אונטערגעקומען אַ פּאַסנדער לאָקאַל פאַר דעם געפּלאַנטן ספּאָרט־קלוב. חברה האָבן קיין סך נישט געקלערט און געדונגען דעם זאַל. ס׳האָט זיך געשאַפן אַן אויפלעבונג. יעדערער איז אויפּדאָסניי געוואָרן פאַרנומען, אַריינגעטאָן אויף זיין שטייגער, צוצוגרייטן די גרופּעס, אין וואָס איינער האָט געהאַט אַן אינטערעס. קיינער פון די „אומלעגאַלע״ האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון טעטיקייט צו העלפן אַדורכפירן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

סאַלע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין איר פולער רייפקייט פון אַ דערוואקסענעם מענטשן. זי איז מער נישט געווען די שרעקעוודיקע, נעבעכדיקע סאַלע. שטילערהייט האָט זי באַוויזן מוטיקייט און שטאַרקייט. זי איז געגאַנגען וואו מען האָט געדאַרפט, געטאָן וואָס ס׳איז געווען נייטיק. זי האָט זיך כמעט ווי פאַר די אויגן אַנטוויקלט. מיט איר ענערגיע איז זי געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַנדערע. גאַנץ אַנדערש האָט זיך אַרויסגעוויזן די רייפע, באַוואוסטזיניקע זאָשע. זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון אַ סך זאַכן. ס׳האָט זיך געמערקט, אַז זי איז די לעצטע צייט נישט געגאַנגען קיין שפּאַן ווייטער, נישט גערירט זיך פון אָרט אין איר אַנטוויקלונג. צי דאָס איז געווען די ווירקונג פון דניאלס נעגאַטיווער באַציאונג צו אַלץ און אַלעמען, צי זי איז געווען פון די, וואָס דערגרייכן אַ געוויסע שטופע פון אַנטוויקלונג, און גייען נישט ווייטער, איז שווער צו זאָגן.

אין יענער צייט זענען די געהיים־אַגענטן, מער ווי ווען־עס־איז פריער, געווען אויף דער וואַך. וואו מען איז געגאַנגען און געשטאַנען, האָבן זיי נאָכגעשפּירט. אַלע קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען זענען פאַר אַן „אומלעגאַלן״ געווען אַ געפאַר אַריינצוגיין. דאָרט האָבן די „שפּיקעס״ געלויערט, ווי די הינט, נאָר געקוקט ווער עס קומט אַריין, געזוכט אַ פרעמדן, אַ „פּאָלאַנעי״, ווי זיי האָבן גערופן די אויסלענדער. די וואָס האָבן ביי זיך נישט געהאַט קיין „קאַרט־אינדענטע״, זענען אַרעסטירט געוואָרן.

אין די זונטיקס האָבן זיך די חברה „אומלעגאַלע״ אַרויסגעלאָזט טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. צביה האָט געוואוסט, אַז אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ איז אַ געפאַר פאַר זיי אַריינצוגיין עסן; האָט זי אַלע זונטיק געקאָכט

גרויסע טעפּ זופּ און אַ סך אַנדערע מאכלים — ווער ס׳וועט קומען, זאָל האָבן צו עסן. אַז ס׳האָט זיך געמאַכט, אַן „אומלעגאַלער" האָט נישט געהאַט וואו צו שלאָפן, האָט זי אַרויפגעבראַכט זעק מיט פעדערן פונעם קצב, וואָס האָט געוואוינט אין אַ נידעריקערער דירה, אָוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, געמאַכט אַ געלעגער אין דעם איינעם צימער, וואו צביהס פאַמיליע פון פיר איז געשלאָפן. די חברה האָבן איר אַ נאָמען געגעבן: „די ידישע מאַמע". צביה האָט געשמייכלט, זיך געוויצלט: — ס׳איז גאָרנישט שלעכט אָן וויטיק מיטאַמאָל צו ווערן אַ מאַמע, קיין עין־הרע, פון אַזויפיל דערוואַקסענע קינדער.

די דערעפענונג פונעם לאָקאַל איז געווען אַ יום־טובדיקע, מיט אַ פיינעם גוט צוגעגרייטן קאָנצערט. עס זענען געקומען מער מענטשן, ווי מ׳האָט דערוואַרט. ס׳איז געווען אַ גוטער אָנהייב. באַלד נאָך דער דערעפענונג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמירן פאַרשידענע סעקציעס. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן.

יעדן אָוונט איז דער זאַל אין קלוב געווען געפּאַקט מיט מענטשן. ס׳זענען געהאַלטן געוואָרן לעקציעס, רעפעראַטן, מיט הייסע דיסקוסיעס. ס׳זענען דורכגעפירט געוואָרן רעפּעטיציעס פון דראַם־קרייז, געזאַנג און מאַנדאָלין־גרופּע. די, וואָס האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אין די סעקציעס, האָבן צווישן זיך געזונגען און געטאַנצט. ס׳איז יעדן אָוונט געווען לעבעדיק און פריילעך.

היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט אָבער פאַרשטיקט די לופט, געמאַכט שווער צו אָטעמען אין בעלגיע.

די מלחמה־געפאַר האָט זיך אַלע טאָג שטאַרקער געפילט. דאָס האָט באַוואויגן „די אַמעריקאַנער" צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אין אָנהייב 1936 זענען די ציגלס צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ס׳איז זיי געווען אַ גרויסער שאָד זיך צו שיידן מיט די פיל־צאָליקע, האַרציק־איבערגעגעבענע פריינט, וואָס זיי האָבן אין די קנאַפּע פינף יאָר זיך דערוואָרבן.

נאָך מער האָבן באַדויערט זייער אָוועקפאָרן די „אומלעגאַלע", וואָס האָבן געהאַט ביי זיי אַ שוץ־פּלאַץ. מען האָט געפּראַוועט געזעגענונגס־אָוונטן, אַרויסבאַגלייט „די אַמעריקאַנער" מיט די וואַרעמסטע געפילן.

צביה האָט נישט פאַרגעסן אירע בעלגישע פריינט; זי האָט אָנגעהאַלטן מיט זיי אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג אין שפּאַניע. לעאָן האָט דערפילט, אַז ער דאַרף זיך שטעלן אין די רייען פון די קעמפער קעגן פאַשיזם. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קעמפן קעגן פראַנקאָס פאַשיזם מיינט קעמפן אויך קעגן אַלגעמיינעם פאַשיזם, קעגן בונד פון פראַנקאָ, היטלער און מוסאָליני.

צו אים זענען די ערשטע צוגעשטאַנען: די סטודענטקע דעבאַ און איר געליבטער, פּיער. כאָטש זיי האָבן ביידע געזאָלט אין עטלעכע חדשים אַרום פאַרענדיקן דעם אוניווערזיטעט, האָבן זיי איבערגעריסן דאָס לער־נען און זיך פאַרנומען צו פאָרן קיין שפּאַניע. זייער באַוואוסטזיין האָט זיי דיקטירט, אַז זיי טאָרן נישט שטיין פון ווייטנס, זיי מוזן נעמען די־רעקט אַן אָנטייל אין דעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט, פאַר פרייהייט און וואוילזיין פון דער מענטשהייט. ס'האָט נישט לאַנג גענומען און נאָך עטלעכע זענען צוגעשטאַנען צו זיי. אין דער ערשטער גרופּע, צו פאָרן קיין שפּאַניע העלפן צו באַפרייען דאָס פאָלק פון פאַשיזם, זענען געווען זעכצן מענער און די איינציקע פרוי, דעבאַ.

קומענדיק קיין שפּאַניע, האָט דעבאַ מיט גרויס ברען זיך אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט. זי האָט געטאָן אַלץ וואָס ס'איז געווען ניי־טיק: געהאָלפן קאָכן פאַר די, וואָס דאַרפן גיין אויפן פראָנט; אַכטונג געגעבן אויף קינדער, וועמענס טאַטעס זענען אַוועק אויף די שלאַכט־פעלדער, און די מאַמעס זענען געווען פאַרנומען מיט אַנדערע צוגרייטונ־גען פאַר די קאַמפן. ווען די שפּיטאָלן זענען געוואָרן אָנגעפילט מיט פאַרוואונדעטע, איז דעבאַ געוואָרן אַ קראַנקן־שוועסטער. מיט גרויס אי־בערגעגעבנקייט האָט זי געהיילט די וואונדן פון די געראַניעטע; צו יעדן פון זיי איז זי געווען ווי אַן אמתע שוועסטער, ווי אַ מאַמע. זי האָט טאָג־און־נאַכט געוואַכט איבער די קראַנקע; געאַרבעט איבער די כוחות.

לעאָן האָט זיך אָנגעהויבן לערנען שיסן. נאָך די איבונגען האָט ער אויך נישט גערוט. ער האָט געטריבן אַ לאַסט־וואָגן מיט אַמוניציע און פּראָוויאַנט פאַר די פראָנט־קעמפער.

דאָס האָט אים אָבער נישט באַפרידיקט. ער האָט זיך געריסן צו די פאָדערשטע רייען דירעקט צו צילן אויפן שונא. ס'האָט נישט לאַנג גע־נומען, און ער האָט דאָס דערגרייכט.

אין דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע האָט לעאָן אַרויסגעוויזן גרויסע מי־ליטערישע פעאיקייטן. און ער איז אינגיכן געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג.

ער האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דעם „באַטווין־באַטאַליאָן“.

ווען די שפּאַנישע פאָלקס־אַרמיי האָט זיך געלאָזט צום סאַראַגאָסאַ־פראָנט, איז לעאָן, צוזאַמען מיט אויסגעפּרואווטע מיליטער־לייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, געגאַנגען אין די פאָדערשטע רייען אין די צעפלאַקערטע שלאַכטן צו באַקעמפן דעם שונא.

פון אָנהייב האָבן די פאָלקס־טרופּן ביי סאַראַגאָסאַ אָפּגעהאַלטן אַ זיג. זיי האָבן געגומען אין געפאַנגשאַפט טויזנטער פאַשיסטן, פאַרכאַפּט אַ סך לאַסט־אויטאָס מיט אַמוניציע. די דאָמבראָווסקי־בריגאַדע מיט לעאָנען אין די רייען האָט העלדיש געקעמפט, געצאָלט פאַרן זיג מיט בלוט פון די בעסטע קעמפער.

טיף אין דער נאַכט, אין אַ געדיכטער פינצטערניש, האָט זיך אָנגעהויבן די שווערע אָפענסיווע פון צוויי באַטאַליאָנען. זיי זענען אַוועק אין די פעלזיקע בערג אין דעם פיינטלעכן, פרעמדן טייל לאַנד, כדי אַריינצורייסן זיך אין שונאס הינטערלאַנד. צו פאַראייניקן זיך מיט די אַנדערע מיליטער־טיילן, שלאָגן, און פאַריאָגן דעם שונא. אויף דער צעברענטער, פון זון־אויסגעטריקנטער ערד, האָבן זיי זיך געשאַרט פאָרויס. די פעלזיקע ריזן־בערג האָבן שטום זיך געריסן צום הימל און געשפּרייט דראָענדיקע געפאַרן.

פונוויטנס האָט אָפּגעהילכט אַ שווערע שיסעריי פון האַרמאַטן. די פאָלקס־אַרמיי מיט די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס האָבן מידע, אויסגעשעפּטע, טראָגנדיק אויף די פּלייצעס שווערע מאַשין־געווערן, שטיל זיך געבויגן, זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, צו דער מינדסטער באַוועגונג.

די צוויי באַטאַליאָנען האָבן דורכגעבראָכן דעם שונאס באַפעסטיקונגען און זיך אַריינגעריסן טיף אין שונאס הינטערלאַנד. דערנענטערנדיק זיך צו סאַראַגאָסאַ, הונגעריקע און דורשטיקע, באָרוועסע און אָפּגעריסענע, האָבן זיי געטראָגן אין זיך דאָס ליכטיקע פייער פון דערלייזונג מיטן הייסן באַגער, וואָס גיכער צו באַפרייען די שטאָט פון פאַשיסטישן קלעם. דער שונא איז אָבער געווען שטאַרקער און זיי האָבן געמוזט צוריקטרעטן. ס'האָט געהאָגלט אַ מבול פון פייער און טויט.

די צעגליטע זון איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער די בערג, מיט פלאַמיקן ברען אָנגעצונדן די פעלזיקע בערג־שפּיצן. די אויסגעמאַטערטע קעמפער האָבן דערזען, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אָפּגעשניטן פון זייער באַזע. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין גיהנום־פייער פון שונא, וועלכער איז געווען גרעסער אין צאָל און שטאַרקער באַוואָפנט

אין די בערגיקע באַפעסטיקונגען. לעאָן האָט זיך אָבער נישט אונטער־געגעבן. ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות געקעמפט קעגן דעם שונא, גע־רופן צו די חברים, וואָס האָבן געשוועבט צווישן לעבן און טויט: „נאָ־פּאַסאַראַן!"

„אויסדויער!", איז געווען זיין לאָזונג. „מיר מוזן האָבן אויסדויער! האַלט זיך פעסט! קיין איין שריט צוריק! נוצט דאָס געווער ביז דער לעצטער קויל! מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן צום שונא! ס'איז דאָ בלויז איין אויסוועג: דורכצורייסן זיך אויף צוריק דורכן פייער, צעברעכן די פיינטלעכע טויט־מאַשין און דערשלאָגן זיך צו אונדזערע.

עטלעכע טעג און נעכט האָבן זיי זיך געראַנגלט. פאַרשטויבטע, מידע, הונגעריקע און דורשטיקע אין קראַמפּנדיקע געראַנגלען, האָבן זיי מיט די לעצטע כוחות געקעמפט.

לעאָן האָט נישט אַרויסגעלאָזט דאָס געווער פון די הענט. געשלאָגן דעם שונא מיט פאַרעקשנטער גבורה. פאַר זיינע אויגן זענען געפאַלן די בעסטע, העלדישסטע קעמפער. ער האָט פאַר זיי דעם קאָפּ געבויגן, שטיל אין האַרצן מיט זיי זיך געזעגנט, און נאָך שטאַרקער פאַרדריקט דאָס געווער אין זיינע הענט. מיט מער ברענענדיקער שנאה זיך פאַרנומען אָפּצאָלן מיט גליענדיקן פייער פאַר די געפאַלענע. ער האָט געשפּאַנט איבער טויטע, צעריסענע קערפּערס אין געדיכטן רויך און אין פלאַמען. ער האָט זיך געשאַרט איבער הייסער בלוטיקער ערד. אין לעכער פון זון־צעגליטע שטיינער, אין שפּאַלטן, צווישן פעלזיקע בערג, געזוכט פאַר זיך אַ שוץ, און וואו ער האָט געקאָנט האָט ער געוואָרפן קוילן, געשפּריצט מיט פייער אויפן שונא. פלוצים האָט אַ קויל אים געטראָפן אין אָרעם. אַ שווער־פאַרוואונדעטער, אַ צעבלוטיקטער, האָט ער מיט דער ביקס אין האַנט זיך געשאַרט דורך טויטלעכע געפאַרן. מיט גליענדיקן מוט איז ער געגאַנגען דורכן שלאַכט־פעלד, גערוקט זיך פאַמעלעך פאָרויס מיט האָפענונג, דורכצוברעכן דעם שונאס פייער־וואַנט. אין זיין האַרץ האָט געברענט אַ הייסער באַגער זיינע וואונדן זאָלן זיך אויסהיילן כדי ער זאָל ווייטער קאָנען פאַרזעצן דעם קאַמף ביז אַ זיג איבערן פאַשיזם.

ווען ער איז שוין געווען נישט ווייט פון זיין באַטאַליאָן־באַזע, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַן אויפרייס־מינע. מיטן געווער אין דער האַנט איז ער געפאַלן טויט.

פון די שלאַכטן ביי סאַראַגאָסאַ האָט מען פיערן געבראַכט אַ שווער־פאַרוואונדעטן. אין שפּיטאָל האָט מען געהיילט זיין צעלעכערטן קערפּער,

אָבער נישט אַלע וואונדן האָט זיך איינגעגעבן אויסצוהיילן. מען האָט אים געמוזט אַראָפּנעמען ביידע פיס.

דעבאָ איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. טאָג־און־נאַכט האָט זי געוואַכט איבער אים. מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט געהיילט זיינע וואונדן. אים פאַרגרינגערט מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. אים געטרייסט און געמוטיקט צום לעבן. זי האָט אים געשטאַרקט מיט אַרויס־ווייזן איר הייסע ליבע צו אים. זי האָט געהאַלטן אין איין אַריינשעפּטשען אים אין אויער, האַלטנדיק אירע ליפּן אויף זיין באַק:

— מיין טייערער פּיער, איך האָב דיך שטאַרק ליב געהאַט פריער און איך האָב דיך איצט פּונקט אַזוי ליב. דו ביזט מיינער! און מיינער וועסטו שטענדיק זיין! איך בין שטאָלץ מיט דיר!

ער האָט צעשפּרייט די פינגער פון זיין רעכטער האַנט, און מיט זיין גאַנצער קראַפט צוגעדריקט איר פּנים צו זיינעם. געררט פון איר ליבע צו אים, האָבן הייסע טרערן געפלייצט פון זיינע אומעטיקע אויגן. זי האָט אים געצערטלט, געווישט מיט דער האַנט זיינע נאַסע באַקן. אָפט האַלטנדיק איר באַק אויף זיינער, האָט זי שטיל געמורמלט די זעלבע ווערטער. מיט איר הייסן אָטעם געטריקנט זיין נאַס, פאַרווינט פּנים, געקושט זיינע פאַרטריקנטע ליפּן.

סאַלע האָט פון בריסעל געשריבן צו צביהן, געהאַלטן זי וועגן אַלץ אינפאָרמירט. ווער פון די באַקאַנטע איז אַוועק קעמפן אויף די שלאַכט־פעלדער אין שפּאַניע, ווער פון זיי איז אומגעקומען. די וואָס זענען גע־בליבן אין דער היים, שעמען זיך צו קוקן מענטשן אין די אויגן.

נאָך דעם ווי פּיער איז אַרויס פון שפּיטאָל, איז דעבאָ צוריקגע־קומען מיט אים קיין בעלגיע. זי האָט אויף קיין מאָמענט נישט פאַר־געסן אין דער געפאַר פונעם פאַשיסטישן מאָנסטער, וואָס באַדראָט די מענטשהייט.

* * *

דער קאַטאַסטראָפאַלער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דעם גאַנצן ערד־קוגל אַרומגעכאַפּט אין אַ פּאַניק. די וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן.

אין בעלגיע האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד־

באַוועגונג. דעבאַ האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט, זי האָט מיט איר גאַנצער ענערגיע זיך אַריינגעוואָרפן אין דער וויכטיקער אַרבעט. זי האָט אַגיטירט, אויפגעקלערט און געוועקט האַס צום שונא.

ווען די היטלער־האָרדעס האָבן זיך אַריינגעריסן קיין בעלגיע האָט דעבאַ מיט ברענענדיקער שנאה צום פאַשיזם אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן נאַציזם. זי האָט אַרויסגעוויזן הערא‌איזם. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו איר וואָרט. אונטער דעבאַס אָנפירערשאַפט איז איר רעזיסטאַנץ־גרופּע, אונ־טער די שווערסטע באַדינגונגען, מוטיק געגאַנגען אַנטקעגן די שרעק־לעכסטע געפאַרן, מיט פאַרעקשנטן דראַנג צו פאַרניכטן דעם היטלעריזם.

דעבאַ האָט באַניט לעאָנס לאָזונג:

„אויסדויער! נישט אונטערגעבן זיך צום שונא!“

דער לאָזונג איז אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון די קעמפער: „אויסדויער! נישט אונטערגעבן זיך צום שונא!“ האָט זיך דער לאָזונג געטראָגן פון איינעם צום אַנדערן.

אַ גרויסער טייל פון זיי זענען פאַרפייניקט און אומגעבראַכט גע־וואָרן פון די נאַצישע רוצחים.

די לעבן־געבליבענע, אין אָנדענק פון די אומגעקומענע, טראָגן די קללה: פאַרוויסט און אָפּגעווישט פון דער ערד זאָל ווערן דער פאַשיזם!